STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01283

GETER ZENEN DURSHTIG

Anatole France

Permanent preservation of this book was made possible
by Carol Lessner Stahl
in memory of
Adele & Max Lessner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אנאטאָל פראַנס.

געטער זענען דורשטיג

פון פראַנצויזיש:
אהרן איינהאָר

פערלאַג „א. גיטלין"

וואַרשוי, 1920

געזעצט ביי א. שריפטגיסער, שוו.־יורסקא 28.

Drukarnia SZ. SIKORA i I. MYLNER Nowolipki 6.

אַנאַטאָל פראַנס.

אנאַטאָל פראַנס (לויט זיין אמת'ן נאָמען אַנאַטאָל טיבאָ) איז ביי הײנטיגען טאָג נישט נאָר דער גרעסטער פראנצויזישער שריפטשטעלער, וועלכער בעצויבערט מיט זיין פרעכטיגען סטיל און מעכטיגען קינסטלערישען שוואונג; ער דארף אויך בעטראַכט ווערען אַלס איינער פון די אָריגינעלסטע דענקער פון דער הײנטיגער צייט — אַ דענקער, אין וועלכען עס האָבען אויף אַ מערקווירדיגען אופן זיך קאָנצענטרירט און איינגעלעבט, בילדענדיג איין גאַנצעס און איינהייטליכעס, דדיי געשיכטליכע וועלט־אַנשויאונגען: דער געזונדטער און קאַלטער רוימישער סקעפּטיציזם, די גריכישע יוגענדליכע בעגייסטערונג פאַר פאָרם און שענקייט און דער יודישער ברויזענדער דראַנג צו גערעכטיגקייט.

אַנאַטאָל פראַנס איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1844 אין פּאַריז. זיין פאָטער איז געווען אַ הענדלער מיט אַלטע ביכער ביים ברעג פון דער סענע. דאָרט, אין'ם פאָטערס קרעמעל, אין דער אַטמאָספערע פון אַלטע ביכער און בילדער, האָט דער קליינער אַנאַטאָל שוין אין זיין פריהסטער יוגענד בעקומען אַ טיעפע ליעבע און אַ שטאַרקען אינטערעס צו די אַמאָליגע צייטען. די דאָזיגע ליעבע האָט אין איהם פער־

שטאַרקט זיין צאַרטע, פרומע מוטער, וועלכע פלעגט איהם דערצעהלען ריהרענדיגע לעגענדעס פון אַמאָל. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין דער גימנאַזיע „סטאַניסלאַ“, וואו ער האָט געלערנט, איז ער געווען פעררעכנעט אַלס אַ צעשטרייטער שילער, וואָס אינטערעסירט זיך נישט איבריג מיט די למודים—וויל זיין גאַנצע נשמה איז בעהערשט געווען בלויז דורך דער פּאָעזיע פון די פאַרצייטיגע דורות, און אינטערעסירען פלעגט ער זיך כמעט אויסשליסליך מיט איין זאַך, מיט'ן גריכישען אַלטערטום.

זיין ליטעראַרישע קאַריערע האָט אַנאַטאָל פראַנס אָנגעהויבען מיט שירים און קריטישע אַרטיקלען. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען שרייבען ראָמאַנען און ערצעהלונגען, וועלכע האָבען איהם געמאַכט בעריהמט איבער דער גאַנצער וועלט.

אין זיינע ראָמאַנען איז אנאטאָל פראַנס נישט אזוי פיעל ראָמאַניסט אין געוועהנליכען זין פון דעם וואָרט, וויפיעל מאָראַליסט און פילאָזאָף. דער הויפט־געדאַנק, וועלכער שנירעלט־זיך־דורך דורך זיין פילאָזאָפיע, איז—אַז קיין אָביעקטיוועס איז ביי אונז, מענשען, נישטאָ, אז אונזער מאָראַל און אונזער וויסענשאַפט זענען בלויז אילוזיעס. אָבער דידאָזיגע פילאָזאָפיע פיהרט איהם נישט צו פעסימיזם. נישט ער זיפצט, נישט ער רעגט זיך אויף, ער רעאַגירט בלויז מיט אַ לייכטען, עלעגאַנטען חוזק. ער שפּאָט־אָב פון אונזערע חסרונות מיט איראָניע, אָבער ער שפּאָט אָהן ליידענשאַפט.

אַנאַטאָל פראַנס איז אָבער קודם־כל אַ קינסטלער. ער ליעבט נאָר דאָס, וואָס איז שען, און פון אַלץ, וואָס איז וואולגאַר, קעהרט ער זיך אָב. אַ לאַנגע צייט האָט איהם אונזער היינטיגע וואָכעדיגע ווירקליכקייט נישט אינטערעסירט אַלס אָביעקט פאַר קינסטלערישער בעלויכטונג און שאַפונג. מיט דער צייט אָבער האָט ער אויך אין איהר געפונען דאָס שענע—נעמליך, אין דער שטרעבונג צו שאַפען נייע לעבענס־פאָרמען, אין דער וואָס־אַמאָל שטייגענדער טענדענץ, איבערצובויען די מענשליכע געזעלשאַפט אויף נייע יסודות פון פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיגקייט.

איינס פון די ווערק, אין וועלכען אַנאַטאָל פראַנס דער קינסטלער

אין דער דענקער איז אַמעהרסטען בולט, איז דאָס פאָרליעגענדע ווערק: „געטער זענען דורשטיג". מיר גיבען דאָס דאָזיגע בוך דעם יודישען לע־זער אין דער איבערזעצונג, אַז מיר בערייכערן דערמיט אונזער יונגע יודישע ליטעראַטור מיט אַ גרויס ווערק.

דער איבערזעצער.

בעמערקונג: די אייגען־נעמען זענען אין דער יודישער אי־בערזעצונג איבערגעלאָזט געוואָרען אַזוי, ווי אין פראַנצויזישען טעקסט.

אין מאַנכע זייטלעך זענען אַריינגעפאַלען אייניגע פערדריסליכע גרייזען, וואָס וועלען, נאַטירליך, אויגעבעסערט ווערען ביי דער צווייטער אויפלאַגע.

I

דער יונגער מאַלער עוואַריסט גאַמלען, אַ תלמיד פון דאַווידן און אַ מיטגליעד פון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע אינ׳ם שטאָדט-בעצירק „פאָן-נעף" (פריהער האָט דערדאָזיגער בעצירק זיך גערופען אויפ׳ן נאָמען פון שאַרל IV), איז אויסגעשטאַנען גאַנץ פריה און אַוועק אין דעם געוועזענעם באַרנאַביטען-קלויסטער, וועלכער איז מיט דריי יאָהר צוריק, דעם 21-טען מאַי 1790, פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ לאָקאַל פאַר די אַלגעמיינע פערזאַמלונגען פון די רעוואָלוציאָנערען פון דעמזעלבען בעצירק.

דער קלויסטער איז געשטאַנען אין אַ שמאָלען און פינסטערן געסעל, נישט ווייט פון די שטאַכעטען אַרום דעם געריכטס-פאַלאַץ. אויפ׳ן פאַסאַד פון קלויסטער זענען געווען אויסגעשניצט פערשיעדענע זאַכען—איבערגעקעהרטע געזימסען, פאַקעלן, און אַז מען האָט אויף איהם אַ קוק-געטהון, האָט מען עפּעס געפיהלט, ווי די צייט וואָלט אויף איהם אַ טרויער אַרויפגעלעגט, ווי מענשען וואָלטען איהם בעליידיגט. די רעליגיעזע עמבלעמען האָט מען צוקלאַפּט און איבער דעם אַריינגאַנג מיט

גרויסע, שוואַרצע בוכשטאַבען אויפגעשריבען דעם רעפובליקאַנישען דעוויז: „פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט—אָדער דער טויט.״

עוואַריסט גאַמלען איז אַריין אין קלויסטער. דערזעלבער געוועלבטער סופיט, וועלכער האָט דאָ אַמאָל געהערט די געטליכע געזאַנגען פון די גייסטליכע מיט זייערע ווייסע פערקאַשערטע מאַנקעטען, האָט איצט זיך צוגעקוקט, ווי עס זאַמלען זיך דאָ צונויף פאַטריאָטען אין רויטע היטעלעך, אום אויסצוּוועהלען מוניציפאַלע פאָרשטעהער און בעטראַכטען די אַנגעלעגענהייטען פון דעם בעצירק. די בילדער און די סטאַטועןן פון די הייליגע האָט מען אַרויסגענומען און אָנשטאָט זיי אַוועקגעשטעלט די ביוסטען פון ברוטוס, זשאַן-זשאַק רוסאָ, לעפעלטיע. דער טאָוועל פון מענשען-רעכט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויפ׳ן פערשוועכטען אַלטאַר.

דאָ, אין דעמדאָזיגען קלויסטער, פלעגען צוויי מאָל אין דער וואָך, פון פינף אַ זייגער נאָכמיטאָג ביז עלף אין אָבענד, פאָרקומען עפענטליכע פערזאַמלונגען. די קאַטעדרע איז בעדעקט געוועזן מיט נאַציאָנאַלע קאָלירען און האָט געדיענט אַלס טריבונע פאַר די רעדנער. פונקט אַנטקעגען, אויף דער צווייטער זייט, איז געווען געמאַכט אַנ׳עסטראַדע פון גראָבע קלעצער ספּעציעל פאַר די פרויען און קינדער, וועלכע פלעגען אין אַ גאַנץ היבשער צאָהל קומען אויף די דאָזיגע פערזאַמלונגען.

יענעם פריהמאָרגען איז נעבען דער קאַטעדרע, ביי אַ שרייב-טיש, געשטאַנען דער טישלער פון טיאָנוויל-פלאַץ, דופּאָן דער עלטערער, איינער פון די צוועלף מיטגליעדער אין דעם אויפזיכטס-קאָמיטעט. ער האָט געטראָגען אַ רויט היטעלע און אַ קאַרמאַניאָל-וועסט. אויפ׳ן שרייב-טיש איז געשטאַנען אַ פלאַש, עטליכע גלעזער, אַ שרייב-געצייג און אַ בויגען פאַפּיער. אויפ׳ן פאַפּיער איז געווען אויפגעשריבען דער טעקסט פון דער פעטיציע צו דעם קאָנווענט, ער זאָל אויסשליסען פון זיך די צוויי און-צוואַנציג פעררעטערישע מיטגליעדער.

עוואַריסט גאַמלען האָט גענומען די פעדער און אונטערגעשריבען די פעטיציע.

—איך האָב געוואוסט, חבר גאַמלען, אַז דו וועסט קומען אונטערשרייבען,—האָט זיך צו איהם אָבגערופען דער טישלער.—דו ביסט אַ כשר'ער... אָבער אונזער בעצירק בכלל איז נישט פון די הייסע; עס פעהלט אין איהם בעגייסטערונג, איבערגעבענהייט. איך האָב פאָרגעלעגט דעם אויפזיכטס-קאָמיטעט, מען זאָל קיינעם נישט אַרויסגעבען קיין שיין פון גוטער בירגערליכער אויפפיהרונג, אויב ער וועט נישט אונטערשרייבען די פעטיציע.

—איך בין גרייט אונטערצושרייבען אפילו מיט מיין בלוט,—האָט גאַמלען געזאָגט.—זיי האָבען געוואָלט מאַראַ'ס טויט, מוזען זיי אומקומען!

—אונזער אונגליק איז די גלייכגילטיגקייט—האָט דיפאָן דער עלטערער ווייטער געזאָגט.—אין אַ בעצירק, וואו עס זענען פאַראַן ניין הונדערט בירגער מיט וואהל-רעכט, קומען אפילו קיין פופציג נישט אויף אַ פערזאַמלונג. נעכטען זענען מיר געווען אַכט-און-צוואַנציג.

—דאַרף מען די בירגער צווינגען, זיי זאָלען מוזען קומען; אַז נישט—איז שטראָף.

—אָהאָ!—האָט געענטפערט דער טישלער, זשמורענדיג מיט די אויגען.—אויב זיי וועלען אַלע קומען, וועלען די פאַטריאָטען זיין אַ מינדערהייט... חבר גאַמלען, אפשר וועלען מיר טרינקען אַ גלאָז וויין פאַר'ן געזונד פון אונזער בראַווער חברה „אָהן הויזען"?*)

לינקס פון אַלטאַר איז אויף דער וואַנד אויסגעמאָלט געווען אַ שוואַרצע האַנד מיט אַ ווייזענדען פינגער און געבען איהר אויפגעשריבען: „ציווילער קאָמיטעט, אויפזיכטס-קאָמיטעט, צדקה-קאָמיטעט". עטליכע טריט ווייטער איז געווען דאָס צימער פאַר די גייסטליכע. דאָרט, איבער דער טהיר, איז געווען אויפגעשריבען: „מיליטערישער קאָמיטעט". גאַמלען האָט אַ שטופ-געטהון די טהיר און געפונען אין צימער דעם סעקרעטאַר פון קאָמי-

*) אָהן הויזען („סאַן קולאָט")—אַזוי האָט מען גערופען די יאַקאָבינער, די עקסטע רעוואָלוציאָנערען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.—איבערזעצער.

טעט. ער איז געזעסען און געשריבען, און אויפ׳ן טיש אַרום איהם זענען געלעגען אַ סך ביכער, פּאַפּיערען, שטיקלעך שטאָהל, קוילען און עטליכע פּעקלעך פּולווער.

—גוט מאָרגען, חבר טרובער. וואָס מאַכסטו?

—איך?... גאַנץ גוט.

דער סעקרעטאַר פון מיליטערישען קאָמיטעט, פּאַרטונע טרובער, פלעגט תמיד געבען דעמזעלבען ענטפער יעדערן, ווער עס פלעגט איהם פרעגען וועגען זיין געזונד-צושטאַנד. און טהון פלעגט ער עס נישט אַזוי, כדי זיי זאָלען וויסען וועגען זיין געזונד, ווי כדי זיי זאָלען מעהר וועגען דעם נישט רעדען. אַלט איז ער געווען סך-הכל אַכט-און-צוואַנציג יאָהר, אָבער דאָס פּנים איז שוין ביי איהם געווען צוקנייטשט, די האָר אויסגעקראָכען, די באַקען-ביינער רויטליך און דער רוקען איינגעבויגען. ער האָט געהאַט אַנ׳אָפּטיק-געשעפט אויפ׳ן אָרפעוור-ברעג. אויסערדעם איז ער געווען אייגענטימער פון זעהר אַנ׳אַלטען הויז. דאָס הויז האָט ער אָבער איבערגעגעבען זיינעם אַנ׳אָנגעשטעלטען, כדי אַליין צו קאָנען אינגאַנצען זיך אָבגעבען מיט זיין אַמט. פון זיין מוטער, וועלכע איז געשטאָרבען אין עלטער פון צוואַנציג יאָהר און וועגען וועלכער די אַלטע לייט פון קוואַרטאַל רעדען נאָך איצט מיט אַזוי פיעל ליעבע, האָט ער געהאַט בירושה אַ פּאָר שענע, מילדע און ליידענשאַפטליכע אויגען. פון איהר האָט ער אויך גע׳ירש׳ענט זיין בלייך פּנים, זיין שעמעוודיגקייט. דער פאָטער, ווידער, וועלכער איז געווען אַנ׳אינזשענער-אָפּטיקער און איז געשטאָרבען פון דערזעלבער קראַנקהייט, וואָס זיין מוטער, האָט איהם איבערגעגעבען אַ גלייכען, שאַרפען שכל.

נישט אויפהערענדיג ווייטער צו שרייבען, האָט דער סעקרעטאַר אַ פרעג-געטהון גאַמלעני׳ען:

—און דו, חבר, וואָס מאַכסטו?

—גאַנץ גוט... וואָס הערט זיך עפּעס נייעס?

—גאָרנישט מיט גאָרנישט. דו זעהסט דאָך: דאָ איז אַלץ, ווי געוועזן.

און די לאַגע?

—די לאַגע איז אַלץ דיזעלבע.

זי איז געווען מורא׳דיג, די לאַגע. די בעסטע אַרמעע פון דער רעפובליק איז געווען אַרומגערינגעלט אין מאַינץ; וואַלאַנסיען איז געווען בעלאַגערט; פאָנטענע איז גענומען געוואָרען דורך די וואַנדעער; ליאָן האָט זיך אויפגעבונטעוועט; די איינוואָהנער פון דער סעווען-געגענד האָבען זיך אויך אויפגעהויבען און די גרעניץ איז שוין אָפען געווען פאַר די שפּאַניער. צוויי דריטעל פון אַלע פראַנצויזישע גובערניעס זענען אָדער פערנומען געווען דורכ׳ן שונא, אָדער אויפגעבונטעוועט. פּאַריז אַליין איז געשטאַנען אונטער די עסטרייכישע אַרמאַטען, אָהן געלד, אָהן ברויט.

פאָרטונע טרובער איז געזעסען רוהיג און געשריבען. אַזוי ווי די בעצירקען האָבען ערהאַלטען אַ פעראָרדנונג פון דער שטאָדט - פערוואַלטונג, צוצושטעלען צוועלף טויזענד רעקרוטען אויף צו שיקען געגען די וואַנדעער, האָט ער געמאַכט די נויטיגע אינסטרוקציעס וועגען דער רעקרוטירונג און בעוואָפנונג פון דער צאָהל מענשען, וועלכע דער בעצירק „פאָן-נעף" האָט בעדאַרפט געבען. אַלע מוניציאָנס-ביקסען מוזען אַרויסגעגעבען ווערען די רעקוויזיטאָרען, און די בירגערליכע נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, וועלכע בלייבט אויפ׳ן אָרט, וועט בעוואָפענט ווערען מיט יאַגד-ביקסען און מיט פּיקעס.

—איך האָב געבראַכט אַ בעריכט וועגען די גלאָקען, וועלכע מען דאַרף אַריבערפיהרען אין לוקסאַמבור און גיסען פון זיי אַרמאַטען.

האָטש עוואַריסט גאַמלען האָט קיין איבעריגע פרוטה נישט פערמאָגט, איז ער דאָך געווען פערצייכענט צווישען די אַקטיווע מיטגליעדער פון דער בעצירקס-אָרגאַניזאַציע. לויט׳ן געזעץ האָבען אַלס אַזעלכע געקאָנט גערעכענט ווערען נאָר פערמעגליכע בירגער, וועלכע זענען געווען אימשטאַנד אַריינצוטראָגען אַ ב׳אָבצאָהל אינ׳ם ווערט פון דריי אַרבייטס-טעג. אויסערדעם, כדי אַז אַ וועהלער זאָל קאָנען אויך געוועהלט ווערען, האָט ער בעדאַרפט אָבגעבען זיין פערדיענסט פון צעהן אַרבייטס-טעג. אָבער די אָרגאַניזאַציע פונ׳ם בעצירק „פאָן-נעף" איז געווען דורכגע-

דרונגען מיט׳ן גייסט פון גלייכהייט און האָט געוואָלט אָבהיטען איהר אייגענעם כאַראַקטער, דעריבער איז דאָרט געווען איינגעפיהרט, אַז יעדער בירגער האָט געהאַט אַקטיווע און פּאַסיווע וואַהל-רעכט, אויב ער האָט נאָר אויף זיינע אייגענע קאָסטען זיך געמאַכט די אוניפאָרם פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. מיט גאַמלען׳ען איז טאַקי געווען אַזוי דער פאַל, און דעריבער איז ער געווען אין דער בעצירק-אָרגאַניזאַציע אַנ׳אַקטיווער בירגער און אויך אַ מיטגליעד פונ׳ם מיליטערישען קאָמיטעט.

פאָרטונע טרובער האָט אַוועקגעלעגט די פעדער.

—חבר עוואַריסט,—האָט ער געזאָגט צו גאַמלענ׳ען,—געה-אַריבער אין קאָנווענט און בעט, מען זאָל אונז צושיקען אינסטרוקציעס וועגען מאַכען רעוויזיעס און אויסגראָבונגען, אויף צו געפינען פולווער. האָבען אַרמאַטען איז נאָך וועניג, מען דאַרף צו זיי האָבען קוילען.

ס׳איז אַריינגעקומען אין צימער איינער אַ קליין-געוויקסיגער און הויקערדיגער מענש מיט אַ פעדער אַריינגעשטעקט איבער׳ן אויער. דאָס איז געווען באָוויזאַזש, אַ מיטגליעד פון אויפזיכטס-קאָמיטעט.

—חברים,—האָט ער געזאָגט אַריינקומענדיג,—עס זענען אָנגעקומען שלעכטע ידיעות: קוסטין איז אָבגעטרעטען מיט זיין מיליטער פון לאַנדאָ.

—קוסטין איז אַ פעררעטער!—האָט גאַמלען אַ געשריי-געטהון.

—איז דאָ אַ גילאָטינע!—האָט זיך אָבגערופען באָוויזאַזש.

שווערליך אָטעמענדיג, אָבער מיט אַ רוהיגען טאָן האָט טרובער געזאָגט:

—דער קאָנווענט האָט נישט געשאַפען קיין „קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטליכע זיכערהייט" אויף אַ געלעכטער. קוסטינ׳ס אויפפיהרונג וועט דאָרט בעטראַכט ווערען. צי ער איז אַ טויגעניכטס, צי אַ פעררעטער—יעדענפאַלס וועט מען אויף זיין אָרט אַוועקשטעלען אַ גענעראַל, וועלכער וועט זיין פעסט בעשלאָסען צו זיעגען, און—„ס׳וועט געהן!"

ער האָט אַ בלעטער-געטהון די פּאַפּיערען און אַריינגעקוקט

אַהין מיט זיינע מידע אויגען.

—אום אונזערע סאָלדאַטען,—האָט ער ווייטער געזאָגט,— זאָלען קאָנען טהון זייער פפליכט אָהן שרעק און אָהן אָבהענדיגקייט, דאַרפען זיי קודם-כל וויסען, אַז דאָס שיקזאַל פון יענע, וועלכע זיי האָבען איבערגעלאָזט אין דער היים, איז אין זיכערע הענד. חבר גאַמלען, אויב דו ביזט מיט מיר דערין איינשטימיג, דאַרפסטו צוזאַמען מיט מיר פאָדערן אויף דער נאָהנטסטער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, אַז דער צדקה-קאָמיטעט זאָל זיך צובויפרעדען מיט'ן מיליטערישען קאָמיטעט, מען זאָל שטיצען יענע אָרימע פאַמיליעס, וועלכע האָבען עמיצען אין דער אַרמעע.

און ענדיגענדיג די ווערטער, האָט ער אַ שמייכעל-געטהון און צוגעזונגען:

—„ס'וועט געהן! ס'וועט געהן!"...

אַרבייטענדיג אַזוי, ביי דעם ווייסען הילצערנעם טיש, צוועלף אָדער פיערצעהן שעה אין מעת-לעת פאַר דער פערטיידיגונג פון זיין פאָטערלאַנד, וואָס איז געשטאַנען אין געפאַהר, האָט דערדאָזיגער בעשיידענער און שוואַכער מענש גאָרנישט געזעהן, וואָס פאַר אַ געוואַלדיגער תהום עס ליעגט צווישען דער מוראדיג-גרויסער אויפגאַבע און די נישטיג-קליינע מיטלען. די אַלגעמיינע אָנשטרענגונג האָט איהם פערשלונגען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פאַטריאָטען, ער איז געוואָרען אַ גליעד פון דעם נאַציאָנאַלען קערפער, זיין לעבען האָט זיך צושמאָלצען און צומישט אינ'ם לעבען פון אַ גרויסען פאָלק... ער איז געוועזן פון יענע געדולדיגע ענטוזיאַסטען, וואָס נאָך יעדער מפלה נעהמען זיי זיך ווידער צוגרייטען דעם אונמעגליכען, אָבער דאָך זיכערען זיעג... יאָ מען האָט געמוזט זיעגען! די דאָזיגע קליינע מענשעלעך, וועלכע האָבען חרוב געמאַכט אַ מאָנאַרכיע און אַ גאַנצע וועלט איבערגעקעהרט; אָט דער אָפטיקער טרובער, דער אונבעקאַנטער מאַלער גאַמלען—זיי אַלע האָבען זיך נישט געהאַט צו ריכטען אויף אַ דאַנק פון זייערע פיינד. פאַר זיי איז געוועזן נאָר איין אויסוואַהל: דער זיעג אָדער דער טויט. און פון דאַנען האָט זיך גענומען זייער גלייכצייטיגע היץ און רוהיגקייט.

II

אַרויסגעהענדיג פון בּאַרנאַביטען-קלויסטער, האָט עוואַריסט גאַמלען זיך געלאָזט געהן צום דאָפין-פּלאַץ, וועלכען מען האָט איבערגעאַנדערשט דעם נאָמען אויף „טיאָנוויל-פּלאַץ" לכבוד דער שטאָדט טיאָנוויל, וואָס דער שונא האָט בּשום אופן נישט געקאָנט איינגעהמען.

דער דאָזיגער פּלאַץ, וועלכער געפינט זיך אין דעם בּעלעבּטסטען קוואַרטאַל פון פּאַריז, האָט אַמאָל, מיט הונדערט יאָהר צוריק, געהאַט גאָר אַנ׳אַנדער אויסזעהן. דאַן זענען דאָרט נאָך געשטאַנען די שענע פּאַלאַצען, וועלכע מען האָט אויסגעבּויט אין אַנרי דעם IV-טענס צייטען פאַר די הויכע בּעאַמטע. מיט דער צייט אָבּער זענען די פּאַלאַצען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אָרימע, שמוציגע הייזלעך, מיט אויסגעקרימטע, שמאָלע פענסטער, אויף וועלכע מען האָט געזעהן בּלומען-וואַזאָנכעלעך, שטייגלעך פאַר פויגלען, הענגענדע וועש... געוואָהנט האָבּען דאָרט אַלערליי בּעלי-מלאכות: יובּעלירער, טשעסליער, זייגער-מאַכער, אָפּטיקער, דרוקער, נייטערינס, מאָדיסטינס, וועשערינס. אויסערדעם האָבּען דאָרט געוואָהנט עטליכע אַלטע געריכטס-לייט, וועלכע דער רעוואָלוציאָנס-שטורם האָט נישט פעריאָגט צוזאַמען מיט דער יוסטיץ פון דער מאָנאַרכיע.

ס'איז געווען אין אַ פריהלינגס-פריהמאָרגען. יונגע זונען-שטראַהלען, וועלכע פער'שכור'ן דעם מענשען, ווי אַ גוטער ויין, האָבען געשמייכעלט אויף די ווענד און פרעהליך זיך אַריינגע-שפריצט אין די פענסטער פון די בוידעם-שטיבלעך. די אויבער-לופטען זענען אומעדום געווען אויפגעהויבען, און מען האָט אַרויסגעזעהן די צושויבערטע קעפ פון די ווייבער. דער שריי-בער פון רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל, וועלכער איז געגאַנגען פון שטוב אין געריכט אַריין, האָט, פאַרבייגעהענדיג, געקניפּען די בעקלעך ביי די קינדער, וואָס האָבען זיך געשפּיעלט אונטער די בוימער. פון דער „נייער בריק״ האָבען זיך דערטראָגען אַהער קולות פון אַנ'עולם מענשען. דאָס האָט מען געליאַרעמט געגען דעם פעררעַט פון גענעראַל דימוריע.

עוואַריסט גאַמלען האָט געוואָהנט נעבען דעם אָרלאָזש-ברעג, אין אַ הויז, וועלכעס איז אויסגעבויט געוואָרען אין אַנרי דעם IV-טענס צייטען. דאָס הויז וואָלט נאָך, אייגענטליך, גאַנץ ניש'קשה'דיג אויסגעזעהן, ווען האַרט נעבען איהם וואָלט נישט געשטאַנען עפּעס אַ מין שפּייכלערעל בעדעקט מיט דאַכעלקעס. דאָס שפּייכלערעל איז דאָ אַוועקגעשטעלט געוואָרען נאָך בעת דער ממשלה פון פאָרלעצטען קעניג, כּדי צוצופּאַסען די דירות פון די אַמאָליגע הויכע בעאַמטע צו די בעדערפנישען פון פשוט'ע ביר-גער און בעלי-מלאכות, האָט מען אין זיי אָנגעשטעלט וואָס מעהר צוימען און באַלקענס. אַזוי-אַרום איז אויסגעקומען, אַז, למשל, דער שניידער רעמאַקל, וועלכער איז גלייכצייטיג געווען אויך דער אויפזעהער און וועכטער פונ'ם הויז, האָט געוואָהנט ערגעץ אין אַ לאָך אויפ'ן אונטערשטען שטאָק נעבען די טרעפּ. דורכ'ן פענסטער האָט מען איהם געזעהן, ווי ער זיצט מיט די פיס אונטער זיך ביי זיין ווערקשטאַט, דעם קאָפּ איינגעבויגען, און גייהט אַנ'אוניפאָרם פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. זיין ווייב איז געזעסען ביים אויווען, וואָס זיין קוימען האָט אַרויסגעשטעקט אויף די טרעפּ, און האָט זיך דאָרט געפּאָרעט מיט איהרע גע-בראָטענע קאַרטאָפעל און עטליכע שטיקלעך פלייש. יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט עס טהון, פלעגען די שכנים קיין תקומה נישט

האָבען פון רויך און טשאַד. זייער קליין טעלטערעל זשאָזעפין, אַרומגעוואַשען און שען, ווי די זון, האָט זיך געשפּיעלט מיט מוטאָנ׳ען, דעם טישלער׳ס הונד. וועגען מאַדאַם רעמאַקל, וואָס איהר האַרץ איז מסתּמא ברייט געווען, ווי איהר דיקע ברוסט, האָט דער עולם דערצעהלט, אַז זי לעבט בשתיקה מיט דיפּאָן דעם עלטערן, וועלכער איז געווען איינער פון די צוועלף מיטגליעדער אין דעם אויפזיכטס-קאָמיטעט. צי דאָס איז אמת, צי נישט—אָבער דער מאַן איהרער האָט איהר דערין שטאַרק חושד געווען, און די שכנים האָבען געהאַלטען אין איין צוזעהן, ווי זיי קריעגען זיך אָדער ווי זיי ווערען שלום. אויף די אויבערשטע עטאַזשען האָבען געוואָהנט: דער בירגער שאַפּראָן, אַ גאָלדשמיעד, וועלכער האָט געהאַט אַ געוועלבעל אויפ׳ן אָרלאָזש-ברעג, אַ רופא, אַנ׳אַדוואָקאַט, אַ גאָלד-טאָקער און עטליכע אָנגעשטעלטע פון געריכטס-פּאַלאַץ.

עוואַריסט גאַמלען איז אַרויף מיט די שטיגען פון די אַלטע טרעפּ אויפ׳ן פיערטען, ד. ה. אויפ׳ן העכסטען שטאָק, וואו ער האָט געהאַט זיין אַטעליע מיט אַ בעזונדערן צימער פאַר זיין מוטער. ביי די ערשטע עטאַזשען זענען די שטיגען געווען שטיינערנע און ברייטע; אויף די העכערע ווידער—הילצערנע און שמאָלע. אויבען איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן וואַנד אַ לייטער, וועלכער האָט געפיהרט אויפ׳ן בוידעם. מיט דעמדאָזיגען לייטער איז גראָד דאַן אַראָבגעגאַנגען אַ דיקער מענש, שוין אַ גאַנץ בעיאָהרטער, אָבער מיט אַ שענעם און לעבעדיגען אויסזעהן. ער האָט געטראָגען, אַרומגענומען מיט די הענד, אַ גרויסען פּאַק און האָט זיך, געהענדיג, צוגעזונגען אַ ליעדעל: „איך האָב מיין דיענער שוין פערלאָרען”.

דער מענש האָט אויפגעהערט זינגען און אָבגעגעבען גאַמלענ׳ען אַ העפליכען „גוט-מאָרגען”. גאַמלען פון זיין זייט האָט איהם פריינדליך בעגריסט און געהאָלפען איהם אַראָבטראָגען פון לייטער זיין פּאַק. דער אַלטער האָט איהם בעדאַנקט.

—איהר זעהט,—האָט דער אַלטער זיך אָבגערופען, נעהמענדיג ווידער זיין משא,—אָט טראָג איך אַוועק שפּרינגענדע מענ-

שעלעך פאַר אַ קרעמער פון לואַ-גאַס. דאָ האָט איהר אַ גאַנץ פאָלק, אַלץ מיינע בעשעפּעניששען. דאָס האָב איך זיי געגעבען זיי-ערע שטערבליכע קערפּערלעך, דערפאַר אָבער ווייסען זיי נישט פון קיין פריידען, נישט פון קיין ליידען. איך האָב זיי נישט געגעבען די פעהיגקייט צו טראַכטען, ווערום איך בין אַ גו-טער גאָט.

דאָס איז געווען דער בירגער מאָריס בראָטאָ, אַנ'אַמאָלי-גער שטייערן-אַרענדאַטאָר. ער האָט געשטאַמט פונ'ם „אַדעל": זיין פאָטער, ווען ער איז רייך געוואָרען, האָט מיט געלד זיך איינגעקויפט אין יחוס. אין די אַמאָליגע גוטע יאָהרען האָט מאָ-ריס בראָטאָ געהייסען „מטיע דעז אילעט". אין זיין שענעם הויז פון „רי דע לאַ שעז" פלעגט ער גאַנץ אָפט אַיינאָרדנען שענע מאָהלצייטען מיט בעלער. די דאָזיגע אָוועגדען פלעגט בעשיינען מיט איהרע פּרעכטיגע אויגען די שענע מאַדאַם דע ראָשמאָר, אַ פּראָקוראָר'ס אַ ווייב. זי איז געווען אַ וואוילע, ליעבענסווירדיגע פרוי, אָבער איהר וואוילקייט און ליעבענסווירדיגקייט האָבען גע-דויערט נאָר אַזוי לאַנג, ביז די רעוואָלוציע האָט ביי מאָריס בראָטאָ נישט צוגענומען זיין שטעלע, זיינע קאַפּיטאַלען, זיין הויז, זיינע נחלאות און אפילו זיין נאָמען. די רעוואָלוציע האָט אָבער דאָס אַלץ צוגענומען. פון דאַן-אָן האָט מאָריס בראָטאָ פערדיענט זיין חיונה דורך אַלערליי מלאכות: ער פלעגט שטעהן ערגעץ אין אַ טויער און מאַכען פּאָרטרעטען פאַר פאַרבייגעהער, פלעגט פערקויפען געבראָטענע טייגלעך אויף די גאַסען, פלעגט פערפאַסען רעדעס פאַר די פאָלקס-פאָרשטעהער און לערנען טאַנ-צען יונגע לייט. איצט האָט מאָריס בראָטאָ געוואָהנט אין אַ בוי-דעם-שטיבעלע, וואו מען האָט קוים-קוים געקאָנט שטעהן מיט'ן גאַנצען וואוקס. זיין רייכטום איז בעשטאַנען פון אַ טעפּעלע פּאַפּ, אַ פּעקעלע דינע פעדימלעך, אַ קעסטעלע אַקוואַרעל און עטליכע שטיקלעך צורומגעשניטען פּאַפּיער. מיט דעם אַלעם פלעגט ער פאַבריצירען די שפּרינגענדע מענשעלעך, וועלכע ער פלעגט לי-פערן אין די גרויסע געשעפטען פון שפּיעלצייג; די געשעפטען ווידער פלעגען עס פערקויפען די גאַסען-הענדלער, וועלכע פלע-

גען עס אַרומטראָגען אין די עליזעע-פעלדער און קוויקען דער-מיט די קינדערשע הערצלעך. נישט קוקענדיג אויף דער ביטע-רער צייט און אויף זיין אייגענער טרויעריגער לאַגע, איז בראָ-טאָ דאָך שטענדיג מונטער געווען. זיין איינציגע פערוויילונג איז געווען—לעזען דאָס מאַטעריאַליסטישע און אפיקורסות׳דיגע ווערק „די נאַטור" פון לאַטיינישען פאָעט לוקרעציוס, און דאָס דאָזיגע בוך פלעגט ער תמיד אַרומטראָגען מיט זיך אין קעשענע.

גאַמלען האָט אַ שטופ-געטהון די טהיר, און זי האָט זיך באַלד אויפגעעפענט. זיין אָרימקייט האָט איהם לכל הפחות פער-שפאָרט צו האָבען דאגות וועגען אַ שלאָס. ווען זיין מוטער פלעגט אַמאָל, פון געוואָהנהייט-וועגען, וועלען פערריגלען די טהיר, פלעגט ער זאָגען: „צו וואָס? קיינער וועט ביי אונז דאָס שפינ-וועבס נישט גנב׳ענען"...

אין זיין אַטעליע זענען געווען אָנגעשטעלט פערשיעדענע בילדער, וועלכע ער האָט געמאַכט נאָך פריהער, אַלס אָנפאַנגער. אַנדערע זענען געווען אומגעדרעהט צו דער וואַנד, אָבער אַלע בעדעקט מיט אַ דיקען שטויב. דאָרט האָט איהר געהאַט גאַלאַנ-טע סצענעס, אַראָבפאַלענדע פיילען, אַוועקפליהענדע פויגלען, געפעהרליכע שפיעלען, גליקליכע חלומות—אַלץ, ווי די מאָדע איז געווען מיט אַ קורצער צייט צוריק.

אָבער דערדאָזיגער זשאַנר האָט לחלוטין נישט געפאַסט צו זיין טעמפעראַמענט. אויף די געשילדערטע סצענעס איז געלעגען עפּעס אַ קאַלטקייט, אַ צניעות, וועלכע יעדער קונסט-ליעבהאָבער האָט באַלד בעמערקט, און דעריבער האָט גאַמלען קיינמאָל נישט געהאַט די רעפּוטאַציע פון אַנ׳עראָטישען קינסטלער. איצט, חאָטש ער איז נאָך קיין דרייסיג יאָהר נישט אַלט געווען, האָבען זיי-נע בילדער איהם אַליין אויסגעזעהן, ווי זיי וואָלטען געמאַכט געוואָרען מיט פיעל-פיעל יאָהרען צוריק. ער האָט אין זיי גע-זעהן די מאָנאַרכיסטישע פערפוילטקייט, די פערדאָרבענהייט, וועל-כע הערשט אין די טיראַנען-פּאַלאַצען. ער האָט זיך נישט גע-קאָנט מוחל זיין, וואָס ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַזאַ מאוס׳ען זשאַנר און דערמיט געוויזען, אַז זיין טאַלענט איז פערשקלאַפט.

ער איז שוין אָבער אַ בירגער פון אַ פרייען פאָלק—און מיט מעכטיגע קויהל-שטריכען דריקט ער איצט אויס אויפ׳ן לייווענט די געדאַנקען פון פרייהייט, פון מענשען-רעכט, פון דער פראַנצויזישער קאָנסטיטוציע; ער דערצעהלט דאָרט די גרויסקייט פונ׳ם רעפובליקאַנישען אידעאַל, ער שילדערט, ווי דער פאָלקס-הערקולעס דערשטיקט די ווילדע, טיראַנישע חיה, און אומעדום, אין יעדען שטריך, ברענגט ער אַריין דאָס פייער פון זיין פאַטריאָטיזם.

אָבער פון דעם אַלעם האָט מען קיין היונה נישט. די צייט איז דאַן געווען זעהר אַ שלעכטע פאַר קינסטלער. ווער איז אין דעם שולדיג געווען? דער קאָנוועגט אודאי נישט. ער האָט געהאַלטען אין איין שליידערן אַרמעען אויף אַלע זייטען; מיט אַ שטאָלצער רוהיגקייט איז ער געשטאַנען אין קאַמפף געגען דער צוזאַמענגערעדטער אייראָפאַ. געגען זיך אַליין איז ער געווען נידערטרעכטיג און אכזריות׳דיג. מיט די אייגענע הענד האָט ער געריסען פון זיך שטיקערווייז און דעם טעראָר האָט ער נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנד. ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ שוידערליך-גרזיזאַמען טריבונאַל און גענומען איהם וואַרפען אפילו זיינע אייגענע מיטגליעדער אויף אויפצופרעסען. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער געוואוסט צו זיין אויך אַ דענקער און אַ פריינד פון דער וויסענשאַפט, פון שענהייט. ער האָט רעפאָרמירט דעם קאַלענדאַר, געגרינדעט די פערשיעדענסטע שולען, בעשטימט קאָנקורסען פאַר מאַלעריי און סקולפטור, געשאַפען פרעמיעס, אום אויפצומונטערן אַרטיסטען, אָרגאַניזירט יעדעס יאָהר אַ קונסט-סאַלאָן, געעפענט מוזעאומס און — ווי פאַרצייטען אין אַטען און רוים—זיך בעמיהט, אַז די עפענטליכע ימים-טובים אָדער טרויער-טעג זאָלען דורכגעהן מיט דער געהעריגער פייערליכקייט און גלאַנץ. דער קאָנוועגט איז, אַלזאָ, נישט שולדיג געווען אין דער שלעכטער לאַגע פון די קינסטלער. אָבער די פראַנצויזישע קונסט, וועלכע איז פריהער אַזוי פערשפרייט געווען אין ענגלאַנד, אין דייטשלאַנד, אין רוסלאַנד, אין פוילען, האָט שוין איצט נישט געהאַט, וואו צו געהן. אין פראַנקרייך גופא זענען די ליעבהאָ-

בער פון קונסט, די גרויסע פּריצים און סתם רייכע לייט, געווען רואינירט. זיי האָבען אַלע אָדער עמיגרירט אָדער זיך בעהאַלטען. יענע ווידער, וועלכע די רעוואָלוציע האָט רייך געמאַכט, די פויערן, די וואָכערניקעס, די צושטעלער פאַר׳ן מיליטער, די שפּיעל-מייסטערס פון פּאַלע-רויאַל—די אַלע האָבען נאָך נישט געהאַט די העזה, אַרויסצווייזען זייער רייכקייט. איבעריגענס, וועגען קונסט האָבען זיי געטראַכט, ווי וועגען פאַראַיאָהרינען שניי. מען האָט דאַן בעדאַרפט האָבען אָדער די רעפּוטאַציע פון אַזאַ רעניאָ, אָדער די געשיקטקייט פון דעם יונגען זשעראַר, אום צו קאָנען פערקויפען ערגעץ אַ בילד. אַזעלכע קינסטלער, ווי גרויז, פּראַגאָנאַר, אויך האָבען געמוזט אָנקומען צו קצבה. פּרודאָן האָט קוים מיט צרות מפרנס געווען זיין ווייב און קינדער פון מאַכען צייכנונגען, וועלכע קאָפּיאַ פלעגט דערנאָך גראַווירען. די פּאַטריאָטישע מאַלער ענקען, וויקאַר, טאָפּינאַ-לעברען האָבען פשוט געליטען הונגער.

וואָס אָנבעלאַנגט גאַמלען׳ען, איז ער אפילו נישט געווען אימשטאַנד, צו מאַכען די נויטיגע הוצאות, וואָס אַ בילד דאַרף האָבען: דינגען אַ מאָדעל און קויפען פאַרבען. זיין גרויס בילד „דער טיראַן אין גיהנום” איז נאָך געשטאַנען כמעט ווי נישט אָנגעהויבען. דאָס בילד האָט פערנומען אַ העלפט פונ׳ם צימער, און געזעהן האָט מען אויף איהם נישט-פערענדיגטע קאָנטורען פון עפּעס מורא׳דיגע געשטאַלטען, אַ מענגע גרינע שלאַנגען מיט צוויי אַרויסגעשטעקטע גיפט-צינגער ביי יעדערער. אויפ׳ן ערשטען פּלאַן פון בילד, לינקס, איז געווען אויסגעמאָלט, ווי דער מאַגערער און גאַליגער קאַראָן פאָהרט אין זיין שיפעל*). דאָס איז געווען אַ פּרעכטיג שטיקעל אַרבייט, אָבער פונדעסטוועגען האָט זיך דאָרט געפיהלט, אַז דאָס האָט געמאַכט אַ שילער. פיעל מעהר

---

*) קאַראָן איז, לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע, יענער, וועלכער פיהרט אַריבער אין זיין שיפעל איבער דעם טייך סטיקס די זינדיגע נשמות אין גיהנום אַריין. - איבערזעצער.

טאַלענט און נאַטירליכקייט איז געווען צו זעהן אויף אַנ׳אַנדער בילד, אַ קלענערס, וועלכעס איז אויך נישט פערענדיגט געווען און איז געהאַנגען אין דעם ליכטיגסטען אָרט פון דער אַטעליע. דאָרט איז געווען פאָרגעשטעלט, ווי דער העלד פון דער גריכישער לעגענדע אָרעסט ליעגט קראַנקערהייד אין בעט, און זיין שוועסטער עלעקטראַ שטעהט נעבען איהם, הויבט איהם אויף, מאַכט איהם צורעכט די האָר, וועלכע האָבען איהם פערשטעלט די אויגען. אָרעסט׳ס קאָפּ איז געווען טראַגיש און שען, און אין זיין פנים האָט מען געקאָנט געפינען אַ געוויסע עהנליכקייט צו גאַמלענ׳ען אַליין.

גאַמלען פלעגט אָפטמאָל קוקען אויף דאָסדאָזיגע נישט פערענדיגטע בילד מיט פערטרויערטע בליקען. זיינע הענד פלעגען אינסטינקטיוו זיך הויבען ווייטער צו אַרבייטען, אָבער יעדעס מאָל פלעגען זיי זיך צוריק אַראָבלאָזען, ווי אין אָהנמאַכט. ער איז געווען פול מיט בעגייסטערונג, זיין האַרץ האָט זיך געריסען צו גרויסע, ערהאַבענע זאַכען, אָבער ער האָט געמוזט פערליערען זיינע כחות אויף פערשיעדענע בעשטעלונגען, און אפילו די בעשטעלטע אַרבייט פלעגט ער אויך מאַכען אַזוי-זיך, צו דערליידען, וואָרום, ערשטענס, האָט ער זיך נישט געקאָנט צופאַסען צו פרעמדע גוסטען און, צווייטענס, איז איהם אונמעגליך געווען אַריינצולעגען זיין גאַנצע נשמה אין קליינע, נישטיגע זאַכען. ער פלעגט מאַכען קליינע אַלעגאָרישע צייכנונגען און זיין חבר דעמאַאי פלעגט זיי אויסגראַווירען אויף שוואַרץ אָדער מיט קאָלירען, און דערנאָך פלעגען זיי די גראַווירטע צייכנונגען פערקויפען איינעם אַ קרעמער פון אָנאָרע-גאַס, דעם בירגער בלעז. אָבער דער מסחר מיט גראַווירען איז, לויט ווי בלעז האָט געזאָגט, געוואָרען ערגער וואָס אַ טאָג, און שוין אַ געוויסע צייט האָט ער, בלעז, גאָרנישט געוואָלט קויפען ביי זיי.

דאָס מאָל איז גאַמלענ׳ען איינגעפאַלען אַ נייער געדאַנק, וועלכער האָט, לויט זיין מיינונג, בעדאַרפט רייך מאַכען אַלעמען דריי—איהם, דעם גראַווירער און בלעז׳ן: מאַכען פאַטריאָטישע שפיעל-קאָרטען. אָנשטאָט די מלכים, די מלכות און די וואַלעטען

האָבען אויף די קאָרטען בעדאַרפט זיין אויסגעמאָלט פערשיעדענע עמבלעמען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט. די פיגורען זענען שוין געווען אָנגעצייכענט, עטליכע האָט ער שוין פאַרטיג געמאַכט און די איבריגע געהאַלטען אין ענדיגען. פון אַלע צייכנונגען איז איהם איבערהויפט געפעלען געווען דער פרייוויליגער סאָלדאַט אין אַ היטעל מיט דריי שפיצען, אין אַ בלויען מאַנטעל מיט רויטע בעפוצונגען און אין געלע הויזען מיט שוואַרצע געטרעס. ער איז געווען אויסגעמאָלט זיצענדיג אויף אַ פויק נעבען אַ קעסטעל גראַנאַטען, מיט'ן ביקס צווישען די פיס. דאָס איז געווען דער „בירגער רויט” אָנשטאָט דעם וואַלעט רויט. פאַר די לעצטע זעקס-זיעבען חדשים האָט גאַמלען אַ סך געמאָלט פרייוויליגע און יעדעס מאָל פלעגט ער עס טהון מיט ליעבע. אין יענע טעג, ווען די בעגייסטערונג איז גרויס געווען, פלעגט ער פערקויפען צו עטליכע שטיק, אָבער אַ רעכט ביסעל האָבען זיך עד היום געוואַלגערט אויפ'ן טיש, אויף די שטוהלען, אָדער געהאַנגען אויפ'ן וואַנד

אין יולי-מאָנאַט פון 1892-טען יאָהר, ווען אויף אַלע פאַריזער פלעצער זענען געשטאַנען עסטראַדעס, וואו מען האָט פערשריבען פרייוויליגע, און אויף אַלע גאַסען און אין אַלע קאַבאַרעטען האָבען געהילכט די געשרייען: „זאָל לעבען דאָס פאָלק! לעבען פריי, אָדער שטאַרבען!”—דאַן פלעגט גאַמלען קיין אָרט זיך נישט געפינען. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט פאַרבייגעהן די „נייע בריק” אָדער אַנדערע רעקרוטירונגס-ערטער, פלעגט זיין האַרץ שפּרינגען אַהין—דאָרט, וואו די בעאַמטע האָבען פערשריבען פרייוויליגע אונטער די מעכטיגע טענער פון דער „מאַרסעליעזע”. אָבער וואו וואָלט די מאַמע זיינע אַ שטיקעל ברויט געגומען, ווען ער וואָלט אַוועק אין דער אַרמעע?...

שווער אָטעמענדיג, אַ רויטע און פערשוויצטע, איז אַריינגעקומען אין אַטעליע זיין מוטער, די אלמנה גאַמלען. די נאַציאָנאַלע קאָקאַרדע איז אויף איהר מיצעל געווען צוגעשפּיליעט אַזוי, אַז אָט-אָט האָט זי געקאָנט אַראָבפאַלען. די מוטער האָט אַוועקגעשטעלט אויף אַ שטוהל דאָס שפּייז-קערבעל, וואָס זי האָט

געהאַלטען אין האַנד, זיך אויסגעגלייכט, אום לייכטער אָבצואָטע-מען, און גענומען ביטער זיך בעקלאָגען אויף דעם געוואַלדיגען יקרות.

אַמאָל, ווען דער מאַן האָט געלעבט, איז זי געווען אַ בכבוד'יגע בעל-הבית'טע, געהאַט אַ געשעפט פון מעסערס אויף דער גאַס גרענעל-סאַן-זשערמען; איצט איז זי אַנ'אָרימע פרוי און לעבט ביי איהר זוהן. זי האָט אַ טאָכטער אויך, אַ אינגערע פון איהם, מיט'ן נאָמען זשולי. פריהער איז זשולי געווען אין אַ געשעפט פון מאָדעס אין אָנאָרע-גאַס; איצט אָבער וואָלט אַ סך גלייכער געווען, מען זאָל גאָר נישט וויסען, וואָס מיט איהר איז: זי איז ענטלאָפען פון פראנקרייך מיט אַנ'אַריסטאָקראַט.

—גאָטעניו!—האָט מאַדאַם גאַמלען געזאָגט מיט אַ זיפץ, ווייזענדיג דעם זוהן אַ פערדאַרט ברויטעל,—צו ברויט איז דאָך נישט צוצוקומען! וואָלט עס נאָך געווען פון ריינעם ווייץ, איז דאָס אויך נישט. נישטאָ נישט קיין אייער, נישט קיין גרינס, נישט קיין קעז—גאָרנישט! פון עסען נאָכאַנאַנד קאַשטאַנעס וועלען מיר מיט-דער-צייט אַליין ווערען קאַשטאַנעס.

און נאָך אַ לאַנגען שווייגען האָט זי ווייטער געזאָגט

—איך האָב געזעהען אין גאַס ווייבער, וועלכע האָבען פשוט נישט צו געבען עסען זייערע קליינע עופ'עלעך. ס'איז אַ ביטער עלענד אויף די אָרימע לייט, און אַזוי וועט עס זיין, כל-זמן מען וועט גישט צוריק מאַכען אַנ'אָרדנונג.

—מאַמע,—האָט גאַמלען זיך אָבגערופען,—אין דעם הונגער, וואָס מיר ליידען איצט, זענען שולדיג די ספעקולאַנטען און די אַלערליי פראָצענטניקעס. זיי פערהונגערן דאָס פאָלק. זיי האָבען זיך צוזאַמענגערעדט מיט די פיינד פון אויסען, כדי מאוס צו מאַכען ביי'ם פאָלק די רעפובליק און דערשטיקען די פרייהייט. אָט דאָס ווילען די אַלערליי בריסאָטענס, די פעטיאָנס, די ראָלאַנס מיט זייערע פערשווערונגען און פעררעטען. ס'איז נאָך, ב'לעבען, אַ גליק, וואָס די פעדעראַליסטען קומען נישט קיין פאַריז און שעכטען נישט אויס אַלע פאַטריאָטען, וועלכע דער הונגער האָט נאָך נישט פאַרטיג געמאַכט. מען טאָר נישט פערליערען

קיין צייט. מען מוז באַלד מאַכען אַ טאַקסע אויף מעהל, און יע־דערן, ווער עס וועט ספעקולירען מיט לעבענס־מיטלען, ווער עס וועט העצען דאָס פאָלק אָדער האָבען בעציהונגען מיט די פיינד— דעם מוז מען באַלד גילִיאָטינירען. דער קאָנוועגט האָט איצט געגרינדעט אַ ספּעציעלען טריבונאַל צו משפט'ן די פעררעטער און העצער. דער טריבונאַל בעשטעהט פון פּאַטריאָטען; אָבער צי וועלען זיי האָבען יענע ענערגיע, וועלכע איז נויטיג אויף צו פערטיידיגען דאָס פאָטערלאַנד געגען אַלע זיינע פיינד? לאָמיר האָפען אויף ראָבעספּיער'ן: ער איז אַנ'עהרליכער מאַן; לאָמיר בעזונדערס האָפען אויף מאַראַ'ן: ער האָט באמת ליעב דאָס פאָלק, ער שטעהט אויף דער וואַך פון דעם פאָלק'ס אינ־טערעסען און דיענט איהם. ער איז תמיד געוועזען דער ערשטער, אַראָבצוּוואַרפען די מאַסקע פון די בוגדים און צו צושטערען זייערע פּלענער. אין זיין עהרליכקייט איז ער פעסט, ווי שטאָהל, און שרעקט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָב. נאָר ער וועט קאָנען אַרויסראַטעווען די רעפּובליק פון געפאַהר.

מאַדאַם גאַמלען האָט אַ שאָקעל־געטהון מיט'ן קאָפּ, אַזוי אַז די נאַציאָנאַלע קאָקאַרדע איז אינגאַנצען אַראָבגעפאַלען.

—לאָז צו־רוה, גאַמלען! דיין מאַראַ איז אַ מענש, ווי אַלע מענשען; ער איז נישט בעסער פון אַנ'אַנדערן. דו ביזט נאָך יונג, פאַנטאַזירסטו. דאָס זעלבע, וואָס דו זאָגסט איצט וועגען מאַראַ'ן, האָסטו פריהער געזאָגט וועגען מיראַבאָ, לאַ־פאַיעט, פעס־יאָן, בריסאָ.

—קיינמאָל נישט!—האָט אויסגעשריען גאַמלען, וואָרום ער האָט עס באמת פערגעסען.

מאַדאַם גאַמלען האָט אָבגערוימט איין ברעג פון טיש, אויף וועלכען עס זענען געווען אָנגעוואָרפען פאַפּירען, ביכער, פּינז־לעך און בלייפעדערס, און האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט אַ פאָרצע־לייענע שיסעל מיט זופּ, צוויי צינענע לעפעל, צוויי אייזערנע גאָפּלען און אַ פלעשעל ביליגען וויין.

זיי האָבען ביידע געגעסען די זופּ שווייגענדיג, און געענ־דיגט דעם מיטאָג האָבען זיי מיט אַ שטיקעל פעטס. די מוטער

האָט אַוועקגעלעגט אַ שטיקעל פּעטס אויף אַ פּעניצעל ברויט, צו-געטראָגען עס צום מויל אויפ'ן גאָפּעל מיט אַ ערנסטער מינע און גענומען עס קייען מיט רעספּעקט—דאָס האָט דאָך געקאָסט אַזוי טייער...

דאָס בעסטע שטיקעל האָט זי איבערגעלאָזט פאַר'ן זוהן. ער איז אָבער געזעסען אַ פערטראַכטער און צוטראָגענער.

—עס, עוואַריסט,—האָט זי צו איהם געזאָגט,—פאַרוואָס עסטו נישט?—און דידאָזיגע ווערטער האָבען געקלונגען, ווי זי וואָלט איהם געהייסען מקיים-זיין עפּעס אַ רעליגיעזע מצוה.

זי האָט ווידער גענומען זיך בעקלאָגען אויפ'ן יקרות. עוואַריסט האָט ווידער געזאָגט, אַז דאָס איינציגע מיטעל איז—מאַכען אַ טאַקסע.

—אָבער ס'איז שוין נישטאָ קיין געלד,—האָט זיך אָבגערופען די מוטער,—די עמיגראַנטען האָבען אַלץ אַוועקגעפיהרט מיט זיך. מען האָט שוין צו קיינעם קיין צוטרוי נישט. ס'איז פּשוט נישט אַריבערצוטראָגען.

—רעד נישט אַזוי, מאַמע!—האָט גאַמלען אויסגעשריען,—וואָס פאַר אַ ווערט האָבען אונזערע איצטיגע ליידען אַנטקעגען דער רעוואָלוציע, וועלכע וועט ברענגען גליק פאַר דער מענשהייט אויף הונדערטער און הונדערטער יאָהרען!

מאַדאַם גאַמלען האָט איינגעטונקט אַ שטיקעל ברויט אינ'ם ווייַן און עס אַריינגענומען אין מויל. דער קאָפּ איז איהר דער-פון אַ ביסעל לעבעדיגער געוואָרען, און מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען האָט זי גענומען זיך דערמאָהנען איהר יוגענד, ווען זי פלעגט טאַנצען אויפ'ן גראָז אין די קעניגליכע פייערטעג. זי האָט זיך אויך דערמאָהנט דעם טאָג, ווען זי האָט צום ערשטען מאָל זיך בעגעגענט מיט'ן מעסער-מאַכער זשאָזעף גאַמלען... זי גע-דענקט עס נאָך, ווי היינט: די מאַמע האָט איהר געזאָגט: „טהו דיך אָן, מיר וועלען געהן אויפ'ן גרעוו-פּלאַץ, צו ביענאַסי'ן אין געוועלב, וועלען מיר דאָרט זעהן, ווי מען פיערטעלט דאַמיען'ען". זיי האָבען, געדענקט זי, קוים מיט צרות זיך דורכגעשפּאַרט דורך די גרויסע מענגעס מענשען. אין ביענאַסי'ס געשעפט האָט זי

געפונען זשאָזעף גאַמלענ׳ען, אָנגעטהון אין אַ ראָזען אויבערצי-
הער, און דאַן האָט זי באַלד פערשטאַנען, וועגען וואָס דאָ האַנ-
דעלט זיך. די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געשטאַנען בײ׳ם פענ-
סטער, אום צו זעהן, ווי אַזוי מען נעהמט דעם קעניג׳ס אָנפאַ-
לער אין אָנגעברענטע צוואַנגען, ווי מען בעגיסט איהם מיט צו-
שמאָלצענעם בלײ, ווי פיער פערד ציהען איהם אין פיער פער-
שיעדענע זייטען און ווי דערנאָך וואַרפט מען איהם אין פייער
אַריין*),—די גאַנצע צייט איז זשאָזעף גאַמלען געשטאַנען הינ-
טער איהר און האָט נישט אויפגעהערט צו מאַכען איהר קאָמ-
פלימענטען וועגען איהר געזיכטס-קאָליער, וועגען איהר פריזור,
וועגען איהר טאַליע...

זי האָט אינגאַנצען אויסגעזופט איהר גלאָז ווײן און ווײ-
טער גענומען זיך דערמאָהנען איהר לעבען.

—דו, עוואַריסט, ביזט בײ מיר געבאָרען געוואָרען פאַר
דער צייט צוליעב אַ שרעק, וואָס איך האָב געהאַט, ווען איך
בין מיט דיר געוועזען אויף דער צייט. דאָס איז געוועזען אויף דער
„נייער בריק״, איך בין שיער נישט צוטרעטען געוואָרען דורך די
מאַסען נײגיעריגע, וועלכע זענען געלאָפען זעהן די טויט-שטראָף
פון דע-לאַללי**). און אַז דו ביזט געבאָרען געוואָרען, ביזטו
געוועזען אַזוי קליין, אַז דער דאָקטאָר האָט זיך נישט גערײכט, דו
זאָלסט בלייבען לעבען. איך האָב דיך געהאָדעוועט און געקרעפ-

---

*) ראָבער-פראַנסוא ד אַ מ י ע ן האָט אין יאָהר 1757 געמאַכט אַנ׳אָנפאַל אויפ׳ן קעניג לודוויג דעם XV און איהם אַ שטאָך געטהון מיט אַ קליין מעסערעל. לויט׳ן אורטהײל פון געריכט איז ער אומגעקומען מיט דעם בעשריבענעם טויט. — איבערזעצער.

**) באַראָן טאָמאַ ארטור ד ע - ל אַ ל ל י איז געוועזען פראַנצויזישער גענעראַל-גובערנאַטאָר אין אינדיען. נאָך אַ מפלה, וועלכע ער האָט געהאַט מיט זיין מיליטער פון די ע׳נגלענדער, האָט מען איהם בעשולדיגט, אַז ער האָט פערראַטען פראַנקרייך, און מען האָט איהם, לויט׳ן אורטייל פון געריכט, געטויט (1766). ערשט נאָך זיין טויט איז בעוויזען געוואָרען זיין אומשולד. — איבערזעצער.

טיגט, ווי נאָר איך האָב געקאָנט, נישט געזשאָלעוועט קיין מיה און קיין געלד. איך מוז דיר זאָגען דעם אמת, עוואַריסט, אַז דו האָסט מיך ווי געהעריג בעדאַנקט דערפאַר. פון קינדווייז-אָן פלעגסטו תמיד זעהן, מיך צו בעלוינען פאַר מיין מיה מיט אַלע דיינע מעגליכקייטען. ביזט שטענדיג געווען אַ גוט, ליעבענד קינד. דיין שוועסטער האָט אויך נישט געהאַט קיין שלעכט האַרץ, אָבער זי איז געווען אַ ביסעל אַנ׳עגאָאיסטישע און אַ האַסטיגע. דו פלעגסט מעהר רחמנות האָבען אויף אונגליקליכע, ווי זי. ווען די יונגאַטשעס פלעגען אַמאָל געפינען ערגעץ אויף אַ בוים אַ נעסט, פלעגסטו זיך בעמיהען, אָבצונעהמען פון זיי די יונגע פויגעלעך און אומקעהרען זיי זייער מאַמען. און נאָכגעבען די יונגאַטשעס פלעגסטו בלויז, שוין ליעגענדיג אויף דער ערד אַ געטראָטענער מיט זייערע פיס. אַז דו ביזט נאָך געווען אַ אינגעלע פון זיבען יאָהר, פלעגסטו, אָנשטאָט זיך צו שלאָגען מיט די וויי-סע-חברה׳ניקעס, געהן רוהיג אין גאַס און חזר׳ן דעם קאַטעכיזיס, און אַלע אָרימע-לייט, וועלכע דו פלעגסט בעגעגענען, פלעגסטו ברענגען צופיהרען אַהיים, מען זאָל זיי העלפען. אַ היבש ביסעל מאָל האָסטו, נעבעך, בעקומען פון מיר שמיץ, איידער איך האָב דיך דערפון אָבגעוואוינט. דו האָסט נישט געקאָנט זעהן, ווי עמי-צער ליידט, און נישט גיסען דערביי קיין טרעהרען. און אַז דו ביזט אויסגעוואַקסען, ביזטו געוואָרען זעהר אַ שענער. מעהר פון אַלץ האָט מיך געוואונדערט דאָס, וואָס דו האָסט זיך גאָרנישט געמאַכט וויסענדיג וועגען דעם, נישט ווי אַנדערע שענע אינגלעך, וואָס צום גרעסטען טייל שטאָלציערען זיי און קאָקעטירען מיט זייער שענקייט.

די אַלטע מאַמע האָט געזאָגט אַנ׳אמת. צו צוואַנציג יאָהר האָט עוואַריסט געהאַט אַ בעצויבערנד-שען פנים, עס איז אויף איהם געווען אויסגעגאָסען גלייכצייטיג אי אַ קרעפטיגע שטרענג-קייט, אי אַ ווייבליכע צערטליכקייט—אַנ׳אמת׳דיג מינערוואַ-געזיכט. איצט זעהט מען שוין אין זיינע טונקעלע אויגען און אויף זיינע בלייכע באַקען עפּעס אַ פערטרויערטקייט, אַ פערביסענעם כעס. אָבער ווען ער האָט אַ קוק-געטהון אויף זיין מאַמען, האָט אין

זיינע אויגען זיך בעוויזען אויף אַ ווײַלע זיין אַמאָליגע קינדישע ווייכקייט.

די מוטער האָט ווייטער גערעדט:

—דו וואָלסט געקאָנט אויסנוצען דיין שענקייט אויף אַרומצולויפען מיט מיידלעך, אָבער דו האָסט בעסער געוואָלט זיצען נעבען מיר אין קראָם, און אָפטמאָל פלעג איך אַליין דיך דאַרפען טרייבען, דו זאָלסט זיך אַ ביסעל דורכלופטערן, זאָלסט געהן אַ ביסעל שפּאַציערען מיט די חברים. ביז מיין לעצטער מינוט, קינד מיינס, וועל איך נישט אויפהערען צו זאָגען, אַז דו ביזט געווען אַ גוטער זוהן. נאָכ'ן טאַטענ'ס טויט האָסטו מיט'ן גאַנצען הארצען זיך גענומען מיך אויסצוהאַלטען, און חאָטש דיינע פערדיענסטען זענען גאָרנישט געהויבען, פונדעסטוועגען פעהלט מיר ביי דיר גאָרנישט. אויב מיר לעבען היינט ביידע זעהר געקוועלט, האָב איך צו דיר, חלילה, קיין טענה נישט: איך ווייס, אַז שולדיג אין דעם איז די רעוואָלוציע.

ער האָט געמאַכט אַ זשעסט פון אונצופריעדענהייט, אָבער זי האָט אַ דריק-געטהון מיט די פּלייצעס און ווייטער גערעדט:

—איך בין נישט קיין אַריסטאָקראַטין. איך האָב געזעהן די גרויסע אַריסטאָקראַטען, ווען זיי האָבען געהאַט די מאַכט אין זייערע הענד, און איך ווייס, אַז זיי האָבען מיסגעברויכט מיט זייערע פּריווילעגיען. איך האָב געזעהן, ווי די לאַקייען פון הערצאָג דע-קאַנאַליי האָבען דיין טאַטען געשלאָגען מיט שטעקענעס דערפאַר, ווייל ער האָט נישט אַזוי גיך אָבגעטרעטען דעם וועג זייער בעל-הבית. די עסטרייכערין*) האָב איך נישט ליעב געהאַט. זי איז געווען צו-שטאָלץ און דערצו אַ גרויסע אויסברענגערין. דעם קעניג אַליין האָב איך שטענדיג געהאַלטען פאַר אַ גוטען, ערשט נאָך זיין פּראָצעס האָב איך וועגען איהם געביטען די מיינונג. מילא, ווי דאָס איז, איך בענק נישט נאָכ'ן אַלטען רעזשים, חאָטש איך האָב אין זיין צייט עטליכע גוטע

---

*) מאַרי אַנטואַנעט, די פרוי פון לודוויג דעם XVI. — איבערזעצער.

מאָמענטען געהאַט אין מיין לעבען. אָבער דערצעהל מיר נישט קיין מעשות, אַז די רעוואָלוציע וועט מאַכען אַלעמען גלייך. מענשען וועלען קיינמאָל נישט זיין גלייך—דאָס איז אַן׳אונמעג-ליכע זאַך, און ס׳איז נאָר אַן׳עברה, וואָס מען דרעהט-איבער דאָס לאַנד מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף: שטענדיג וועלען זיין גרויסע און קליינע, פעטע און מאָגערע.

רעדענדיג אַזוי, האָט מאַדאַם גאַמלען דערווייל אַראָבגענו-מען פון טיש דאָס געפעס. עוואַריסט האָט זיך נישט צוגעהערט צו איהרע רעד. ער האָט די גאַנצע צייט געטראַכט וועגען אַ פיגור פון אַ „סאַן-קולאָט" מיט אַ רויטען מיצעל און אַ קאַר-מאַניאָל-וועסט, וואָס זאָל פערטרעטען אין זיינע שפּיעל-קאָרטען דעם וואַלעט פּיק.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר און אויפ׳ן שוועל האָט זיך בעוויזען אַ פּויערן-מיידעל. זי איז געווען ברייטער ווי לענ-גער, אַ געלע, מיט אויסגעקרימטע פיס. דאָס לינקע אויג איז ביי איהר געווען פערבונדען, און דאָס רעכטע האָט געהאַט אַזאַ בלייכליך-בלויען קאָליער, אַז עס האָט אויסגעזעהן ווי ווייס. די ליפּען איהרע זענען געווען זעהר דיקע, און דאָך האָבען איהרע צייהן כמעט ווי זיך אַריבערגעהאַפּט איבער דער אונטערשטער ליפּ.

זי האָט געפרעגט גאַמלען׳ען, צי ער איז עס דער מאַ-לער און צי ער וואָלט געקאָנט מאַכען אַ פּאָרטרעט פון איהר חתן, וועלכער דיענט אַלס פריייוויליגער אין דער אַרדענען-אַרמעע.

גאַמלען האָט איהר געענטפערט, אַז ווען דער בראַווער סאָלדאַט וועט צוריקקומען, וועט ער קאָנען מאַכען דעם פּאָר-טרעט.

דאָס מיידעל האָט אָבער מיט תחנונים געבעטען, ער זאָל דעם פּאָרטרעט מאַכען טאַקי שוין אויפ׳ן אָרט.

גאַמלען האָט, נישט ווילענדיג, אַ שמייכעל געטהון און גע-ענטפערט, אַז ער קאָן גאָרנישט מאַכען אָהן דעם מאָדעל.

דאָס מיידעל האָט גאָרנישט געענטפערט: אויף אַזאַ מניעה

האָט זי זיך, ווייזט-אויס, נעבעך, גאָר נישט געריכט. דעם קאָפּ איינגעבויגען אויף דעם לינקען אַקסעל, די הענד צוזאַמענגעלעגט אויפ׳ן בויך, איז זי אַזוי געבליבען שטעהן שטיל און, קענטיג, שטאַרק דערשלאָגען פון דעם עגמת-נפש. דעם מאַלער האָט די-דאָזיגע סצענע אי געריהרט, אי אַמוזירט, און כּדי די אונגליק-ליכע כּלה אַ ביסעל צו צושטרייען, האָט ער איהר דערלאַנגט אַ בילדעל פון אַ פּרייוויליגען, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעמאָלט מיט אַקוואַרעל, און געפרעגט, צי איהר חתן זעהט-אויס אַזוי.

זי האָט אַ קוק-געטהון אויפ׳ן פּאַפּיער מיט איהר איינציגען אָפענעם אויג. דאָס אויג האָט פּלוצלונג גענומען שיינען, אויף איהר ברייטען פּנים האָט זיך אַוועקגעלעגט אַ שטראַהלענדער שמייכעל.

—דאָס איז דאָך ער, זשול!—האָט זי אויסגעשריען,— דאָס איז דאָך זשול מיט די ביינער!

און איידער נאָך געמלען האָט בעוויזען אַרויסצונעהמען פון איהר האַנד דאָס פּאַפּיער, האָט זי עס שוין זאָרגפעלטיג צוזאַ-מענגעלעגט מיט איהרע רויטע פינגער אַזוי, אַז עס איז דערפון געוואָרען אַ קליין שטיקעלע פּאַפּיער, און עס אַריינגעלעגט צו זיך אין בוזים. זי האָט דערלאַנגט דעם מאַלער אַן׳אַסיגנאַציע פון פינף ליוור, זיך געזעגענט און איז פרעהליך אַרויסגעגאַנגען, אונ-טערהינקענדיג.

III

דעמזעלבען טאָג נאָכמיטאָג איז עוואַריסט אַוועק צו זשאַן בלעז'ן, וועלכער האָט געהאַט אויף דער אָנאָרע-גאַס זיין געשעפט פון גראַווירען, קאַרטאָנאַזש-אַרטיקלען און פערשיעדענע שפּיעלצייג אונטער דער פירמע „די מאַלער-ליעבע". דאָס געשעפט איז געווען אין פּאַרטער פון אַ הויז, וואָס איז אַלט געווען אַ יאָהר זעכציג, און דער אַריינגאַנג אַהין איז געווען דורך אַ קליין טהירעל מיט אַן'אויסוועלבונג פון אויבען, און אין מיטען דער אויסוועלבונג איז געווען אויסגעשניצט אַ מאַסקע מיט הערנער. דער אויבערשטער, אויסגעוועלבטער טייל פונ'ם טהירעל איז געווען בעדעקט מיט אַן'אייל-געמעלעכץ, וואו עס איז פאָרגעשטעלט געווען „דער סיציליאַנער, אָדער די מאַלער-ליעבע". דאָס איז געווען אַ מין רעפּראָדוקציע פונ'ם מאַלער בושע'ס בילד; זשאַן בלעז'ס פאָטער האָט עס דאָ אויפגעהאַנגען נאָך אין יאָהר 1770, און פון דאַן-אָן איז דאָס געמעלעכץ, פערשטעהט זיך, אַ היבש ביסעל אָבגעבליאַקירט און אָבגעמעקט געוואָרען פון דער זון און פון רעגען. פון ביידע זייטען פון דער טהיר זענען גע-

וועז צוויי פענסטער, אויך אויסגעוועלבטע, און איבער יעדען פון זיי איז געוועז אויסגעשניצט אַ נימפען-קאָפּ. די שויבען פון די פענסטער זענען געוועז די גרעסטע, וואָס מען האָט נאָר געקאָנט געפינען, און געזעהן דורך זיי האָט מען פערשיעדענע קאָלירטע גראַוויורען, וועלכע זענען דאַן געוועז אין דער מאָדע. יענעם טאָג זענען דאָרט אין די וויטרינעס געלעגען אַ פּאָר גאַנץ טרוקען-אויפגעפּאַסטע גאַלאַנטע סצענעס פון בואַלי: „אַ לעקציע פון ליעבע צווישען מאַן און ווייב“ און „אַ מילדער ווידערשטאַנד“. די יאַקאָבינער פלעגען פון דידאַזיגע בילדלעך אויפגערעגט ווערען; ס'האָבען זיך געפונען עטליכע, וועלכע האָבען זיי אפילו פער'מסר'ט פאַר דער קונסט-געזעלשאַפט. ווייטער איז דאָרט געוועז אַ בילד פון דעבוקור: „די עפענטליכע פּראָמענאַדע“, וואו ס'איז געוועז אויסגעמאָלט, ווי אַ יונג פראַנטעל אין געלע הויזען ליעגט אויסגעצויגען אויף דריי שטוהלען. עס זענען דאָרט אויך געוועז גראַוויורען פון פערד פון דעם יונגען מאַלער קאַרל ווערנע, פון לופט-באַלאָנען, אַ גראַוויור „ווירזשיניע באָדט זיך“ און אויסער דעם נאָכגעמאַכטע אַנטיק-פיגורען.

צווישען די אַלע, וועלכע פלעגען פאַרבייגעהן דעם געשעפט, פלעגען אַממעהרסטען זיך אָבשטעלען קוקען אין די וויטרינעס די אָבגעריסענע און אָבגעשליסענע קבצנים. פאַר זיי איז דאָס געוועז אַ ביליג פערגעניגען. זיי האָבען, קענטיג, געוואָלט אָבנעהמען זייער טייל עולם הזה חאַטש מיט די אויגען, פלעגען זיי שטעהן מיט אָפענע מיילער און נישט קאָנען זיך אָברייסען פון די אַלע זאַכען, אין דער צייט, ווען די פערמעגליכע מענשען פלעגען, פאַרבייגעהענדיג, בלויז חאַפּען אַ קוק דורך אגב און געהן ווייטער זייער וועג.

נאָך פון גאַנץ ווייט האָט עוואַריסט אויפגעהויבען די אויגען צו די צוויי פענסטער, וועלכע האָבען זיך געזעהן איבער בלעז'ס געשעפט. אויפ'ן פענסטער פון לינקס איז געשטאַנען אַ וואַזאָן מיט רויטע בלימלעך. דאָס איז געוועז דאָס פענסטער פון בלעז'ס טאָכטער עלאָדי. זשאַן בלעז האָט געוואָהנט מיט זיין איינציגער טאָכטער אויפ'ן ערשטען שטאָק פונ'ם הויז.

איידער ער איז אַריינגעגאַנגען אין געוועלב, האָט עוואַריסט אויף אַ מינוט זיך אָבגעשטעלט, ווי ער וואָלט וועלען אָבהאַפּען דעם אָטעם. דאַן האָט ער אַ דריק - געטהון די קלאַמקע און איז אַריין. ער האָט געפונען אין געשעפט עלאָדי׳ן.

זי האָט נאָר-וואָס געהאַט פערקויפט צוויי גראַוויורען, וועלכע אַ קונה האָט אויסגעקליבען צווישען די פיעל אַנדערע — איינע פון פראַגאָנאַר (דעם זוהן), די צווייטע פון נעזשאָן. פאַר׳ן אַוועקלעגען אין קאַסע די אַסיגנאַציעס, וועלכע זי האָט בעקומען, האָט זי זיי איינע נאָך דער צווייטער דורכֿגעקוקט מיט איהרע שענע אויגען אַנטקעגען דעם שיין, אום צו זעהן, אויב זיי האָבען אַלע סמנים פון ריכֿטיגע אַסיגנאַציעס, וואָרום פאַלשע אַסיגנאַציעס זענען דאַן אַרומגעגאַנגען נישט וועניגער, ווי ריכֿטיגע. פונקט ווי מען פלעגט פריהער געבֿען טויט-שטראָף פאַר׳ן נאָכֿמאַכֿען די חתימה פון קעניג, האָט מען אויך נאָכֿ׳ן פאַלען פון דער מאָנאַרכֿיע בעשטראָפט מיט׳ן טויט פאַר מאַכֿען פאַלש נאַציאָנאַל געלד. אָבער פונדעסטוועגען זענען אומעדום אין די קעלערס געלעגען געלד-מאַשינקעלעך. די שווייצער פלעגען אַריינפיהרען פאַלשע אַסיגנאַציעס מיליאָנענווייז; גאַנצע פּעק פלעגען ליעגען דידאָזיגע פאַפּיערלעך אין אַלע קרעטשמעס. אויך די ענגלענדער פלעגען ברענגען גאַנצע מענגעס פאַלש פאַפּיער-געלד, כדי צו דיסקרעדיטירען די רעפובליק און בדלות שטעלען דאָס לאַנד. עלאָדי האָט מורא געהאַט, נישט צו בעקומען אַ פאַלש פאַפּיערל, און נאָך מעהר האָט זי מורא געהאַט, אויסצוגעבען אַזאַ אַסיגנאַציע אַ צווייטען און דערמיט אַרויפצוציהען אויף זיך אַנ׳אונגליק, חאָטש זי איז געווען זיכער אין זיך און האָט געוואוסט, אַז זי וועט תמיד וויסען זיך אַנ׳עצה צו געבֿען אין אַ שווערער לאַגע.

עוואַריסט האָט אויף איהר אַ קוק - געטהון מיט יענעם ערנסטליכען בליק, וועלכֿער דריקט-אויס די ליעבע אַ סך מעהר, ווי אַלערליי שמייכֿלען. זי, ווידער, האָט זיך איינגעקוקט אין איהם מיט אַ ווייכֿען, צאַרט - שפּאָטערישען בליק, ווי זי וואָלט געזאָגט: „יאָ, איך ווייס, דו ליעבסט מיך, און איך בין אויף דיר נישט ברוגז דערפאַר...” דאָס איז געווען יענער געזיכטס-אויסדרוק,

וועלכער קלאַפּט דעם געליעבטען אויף די נערווען ביז וועהטאָג, רופט איהם און צופּט איהם, ער זאָל רעדען, ער זאָל זיך בע־קלאָגען, ער זאָל ענדליך מאַכען זיין ליעבע־ערקלערונג, אויב ער האָט זי נאָך נישט געמאַכט. און אַזוי איז טאַקי געווען דער פאַל מיט גאַמלען׳ען.

נאָכדעם, ווי זי האָט אַריינגעלעגט די אַסיגנאַציעס אין קאַ־סע, האָט זי אַרויסגענומען פון אַ קערבעלע אַ קליין ווייס שאַ־ליקעל, וועלכעס זי האָט געהאַלטען אין מיטען אויסנעהען, און גענומען אַרבייטען. זי איז געווען גלייכצייטיג אי אַן׳אַרבייטזאַמע, אי אַ קאָקעטין, און בשעת זי האָט געאַרבייט, האָט זי אינ־סטינקטיוו געפיהרט מיט דער נאָדעל אַזוי, אַז עס זאָל זיין אי געאַרבייט, אי קאָקעטירט. בכלל האָט זי געהאַט פערשיעדענערליי מאַניערען אין אויסנעהען—ס׳ווענדט זיך, ווער ס׳האָט בעת מעשה געקוקט אויף איהר. פאַר יענע, אויף וועלכע זי האָט געוואָלט ווירקען מיט אַ ווייכער לאַנגווייליגקייט און אַפּאַטיע, פלעגט זי ציהען די נאָדעל מיט אַ געוויסער גלייכגילטיגער נאַכלעסיגקייט; פאַר די, וועלכע ס׳האָט זיך איהר געוואָלט אַ ביסעל רייצען, פלעגט זי עס טהון מיט קאַפּריזע בעוועגונגען. פאַר עוואַריסט׳ן אָבער האָט זי גענומען אַרבייטען מיט פלייס און כונה, וואָרום זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל נישט אויפהערען צו קוקען אויף איהר, ווי אויף אַן׳ערנסט, סאָליד מיידעל.

עלאָדי איז געווען נישט זעהר יונג און נישט זעהר שען. פון ערשטען בליק האָט מען זי זאָגאַר געקאָנט בעטראַכטען אַלס מאוס׳ע. זי איז געווען אַ טונקעלע ברונעטין, און פון אונטער דעם לאַנגען ווייסען טיכעל, וואָס איז אַ ביסעל נאַכלעסיג געווען אַרומגעבונדען אַרום איהר קאָפּ, האָבען אַרויסגעקוקט צוויי קויה־לען־שוואַרצע אויגען. איהר קיילעכיג, לאַכענדיג פנים מיט די אַרויסשטאַרטשענדע באַקען־ביינער, איז געווען אַ ביסעל פלאַטשיג, פערגרעבט און ליידענשאַפטליך; אָבער דאָס אַלץ האָט גאַמלען׳ען דערמאָנט אָן דעם קאָפּ פון אַ סטאַטוע פון באָרגהעז׳ס קאָלעקציע „דער פאַאון״, וועלכע ער האָט געזעהן אין אַ רעפּראָדוקציע און איז פשוט בעצויבערט געוואָרען פון דער געטליכער שטיפעריש־

קייט, וואָס איז דאָרט אויסגעגאָסען געווען אויפ׳ן פּנים. עלאָדי האָט געהאַט קליינע וואָנסעלעך, און דערפון האָבען די ליפּען איהרע אויסגעזעהן נאָך מעהר ליידענשאַפטליך. אין איהר ביוסט האָט זיך געפיהלט אונגעהויער פיעל צערטליכקייט, און ביי יע-דען אָטעם-צוג פלעגט זיך עטוואָס אויפהויבען דאָס טיכעל, וואָס זי האָט געטראָגען פערקרייצט אַרום דער ברוסט לויט דער דאַ-מאָלדיגער מאָדע. איהר בויגעוודיגע טאַליע, איהרע שלאַנקע פיס, איהר גאַנצער געזונדטער קערפּער—אַלץ האָט זיך בעוועגט מיט אַ גראַציע, וועלכע איז גלייכצייטיג געווען אי מילד, אי ווילד... איהרע בליקען, איהר אָטעם, יעדער אימפּולס פון איהר קער-פּער—אַלץ האָט געצויגען צו זיך דאָס האַרץ און פערשפּראָכען ליעבע... זיצענדיג הינטער דעם קראָם-טיהר, האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ טאַנץ-נימפע, פון אַ באַקכאַנטין, ביי וועלכער מען האָט אַלץ צוגענומען און פערשטעלט פאַר איינע פון יענע איינ-פאַכע בעל-הבית׳ישע מיידלעך, וואָס מען זעהט אויף שאַרדענ׳ס בילדער.

—מיין פאָטער איז איצט נישטאָ.—האָט זי געזאָגט גאַם לענ׳ען—וואַרט אויף איהם אַ ווײַלע, ער וועט באַלד אָנקומען.

און איהרע קליינע פינגער זענען ווייטער געלאָפען מיט דער נאָדעל איבער דער קאַנווע.

—ווי געפעלט אייך דידאָזיגע צייכנונג, הערר גאַמלען?

גאַמלען האָט נישט געקאָנט זאָגען קיין ליגען. אויסער דעם האָט זיין ליעבע איהם צוגעגעבען קוראַזש, צו רעדען אָפענהערציג.

—איהר נעהט-אויס גאַנץ געשיקט, פריילײַן, אָבער ערלויבט מיר אייך צו זאָגען, אַז די צייכנונג, וועלכע מען האָט אייך גע-מאַכט, איז נישט גענוג איינפאַך און קלאָר. מען פיהלט אין איהר דעם שלעכטען געשמאַק, וועלכער האָט צו-לאַנג געהערשט אין דער פראַנצויזישער דעקאָראַטיווער קונסט. אָט די אַלע קניפּ-לעך און בלימלעך דערמאָנען דעם פערגרעבטען און קליינליכען סטיל, וועלכער איז געווען אין דער מאָדע אין די צייטען פון די טיראַנען. איצט לעבט-אויף גאָר אַנ׳אַנדער גוסט, וועלכער איז, אייגענטליך, זעהר אַנ׳אַלטער. אין די צייטען פון דעם נידער-

טרעכטיגען לודוויג דעם XV האָט די דעקאָראַטיווע קונסט גע-
האַט אין זיך עפּעס חינעזישעס. מען פלעגט מאַכען קאָמאָדען מיט
גראָבע בייכער, מיט מאוס'ע, אויסגעדרעהטע הענדטלעך אויף די
שופלאָדען—אַזוי, אַז די קאָמאָדען האָבען געטויגט אויף איין
זאַך: מען זאָל זיי צוברעכען אויף האַלץ און די פּאַטריאָטען זאָ-
לען מיט זיי הייצען זייערע אויוועגס. שען און ערהאַבען איז
בלויז דאָס, וואָס איז איינפאַך. מיר מוזען זיך אומקעהרען צום
אַלטערטימליכען געשמאַק. דאַוויד צייכענט איצט בעטען און פאָ-
טעלען לויט די געמעלעכצען, וועלכע מען געפינט אויף די אויס-
געגראָבענע וואַזען פון די עטרוסקער און לויט די מאַלערייען פון
הערקולאַנום.

—יאָ, איך האָב טאַקי געזעהן אַזעלכע בעטען און פאָטע-
לען.—האָט זיך אָבגערופען עלאָדי—זיי זענען זעהר שען! אינ-
גיכען וועט קיינער שוין נישט וועלען קיין אַנדערע... מיר גע-
פעלט אויך זעהר שטאַרק דער אַלטערטימליכער געשמאַק.

—אויב אַזוי, פריילין, וואָלט איהר בעדאַרפט אויסנעהען
אויפ'ן שאַל אַ רייהע ליניעס, וועלכע שלענגלען זיך דורך מיט
גלייכע ווינקלען, אייניגע הערדעראַ-בלעטלעך, וועלכע זענען דער
סימבאָל פון שטאַנדהאַפטער ליעבע, און עטליכע געקרייצטע פיי-
לען—דאַן וואָלט דער שאַל געפּאַסט פאַר אַ טאָכטער פון ספּאַר-
טאַ און... פאַר אייך. איבעריגענס, איהר קאָנט איבערלאָזען דעמ-
זעלבען מוסטער, נאָר מאַכען איהם איינפאַכער, מיט גלייכע
ליניעס.

עלאָדי האָט איהם געפרעגט, וואָס זי זאָל דאָ אַראָב-
נעהמען.

ער האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ איבער דעם שאַל. איהרע
האָר האָבען אָנגעריהרט זיינע באַקען; זייערע ביידענס הענד האָ-
בען זיך געטראָפען אויף דער קאַנווע, זייערע אָטעמס האָבען זיך
צוזאַמענגעמישט... עוואַריסט האָט אין דעם אויגענבליק איבערגע-
לעבט עפּעס אַנ'אונענדליכען גענוס. אָבער ער האָט דערפיהלט,
אַז זיינע ליפּען האָבען צו-פיעל זיך דערנעהנטערט צו איהרע,
און, מורא האָבענדיג, טאָמער בעליידיגט ער זי דערמיט, האָט

ער פלוצלונג זיך א ציה-געטהון צוריק.

פריילין בלעז האט ליעב-געהאט עוואריסט גאמלען׳ען. זי האט זיך נישט געקאנט זאט אנקוקען אויף זיינע גרויסע, ברענענדיגע אויגען, אויף זיין שענעם, אויסגעבויגטען פנים, אויף זיין בלייכקייט, אויף זיינע געדיכטע שווארצע האר, וועלכע זענען געווען פונאנדערגעטיילט מיט א שרונט אויפ׳ן שטערען און אראב-געפאלען אויף די פלייצעס. ער האט זיך תמיד געהאלטען מיט א שטאלצער ערנסטקייט, אויפ׳ן פנים איז געווען א געוויסע קאלטקייט, די בליקען שטרענגע, און רעדען פלעגט ער שטענדיג קלאר און פעסט, אהן שום חניפה. און איהר ליעבע צו איהם האט געבראכט דערצו, אז זי האט איהם געהאלטען פאר א געניאלען קינסטלער, וואס וועט אמאל, אין איין שענעם פריהמארגען, זיך בעווייזען פאר דער וועלט מיט א מייסטער-ווערק און וועט ווערען בעריהמט—און דערפאר האט זי איהם נאך מעהר ליעב-געהאט. פריילין בלעז איז נישט געווען פון יענע פרויען, וועלכע האבען א בעזונדערע סימפאטיע צו מענער, וואס האבען נאך קיין פרויען נישט געקענט; איהר מאראל האט זיך נישט געפיהלט בעליידיגט דערפון, וואס מאנספערזאנען גיבען-נאך זייער ליידענשאפט און בעפרידיגען זייער נאטירליכע תאוה. עוואריסט איז געווען מיט פרויען שעמעוודיג און צוריקגעהאלטען, אבער נישט דערפאר האט זי איהם ליעב-געהאט. דאס האט איהר אפשר העכסטענס א ביסעל הנאה געטהון, ווארום ביי אזא לאגע האט זי פערשפארט צו זיין אייפערזיכטיג און צו האבען חשדים געגען איהם.

פינדעסטוועגען האט ער איהר אין דעם מאמענט אויסגעוויזען שוין צו-פיעל שעמעוודיג. אויב אריסי, די העלדין פון ראסינ׳ס טראגעדיע „פעדר", איז אזוי ענטציקט געווען פון דער שטרענגער צניעות פון׳ יונגען איפאליט, וועלכען זי האט געליעבט, איז עס געווען דערפאר, ווייל זי האט געהאפט, דידאזיגע צניעות בייצוקומען. אונגליקליך וואלט זי געווען, ווען זי וואלט געוואוסט, אז זיין שטרענגע זיטליכקייט וועט זיך פאר איהר ווילען נישט בויגען. זי האט דעריבער ביי דער ערשטער געלעגענהייט גע-

נומען מאַכען די נויטיגע שריט, אום איהם צו צווינגען, ער זאָל זיך אַרויסזאָגען. פריילין בלעז האָט אויך, ווי אַריסי, געהאַלטען, אַז אין ליעבע־ערקלערונגען מעג די פרוי מאַכען דעם אָנהויב. זי האָט זיך געטראַכט: „די מענער, וואָס ליעבען אַמשטאַרקסטען, זענען אַממעהרסטען שעמעווּדיג. מען דאַרף זיי אונטערהעלפען, אויפמונטערן. איבריגענס, זייער צניעות געהט אַזוי ווייט, אַז די פרוי מעג מאַכען אַ העלפט וועג, און אפשר מעהר, און זיי בעמערקען עס כמעט גאָרנישט. זיי הויבען נישט אָן צו זעהן, אַז זיי האָבען אָבגעהאַלטען אַ נצחון״. אויסערדעם האָט עלאָדי גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איידער עוואַריסט האָט גענומען זיך אָבגעבען מיט דער רעוואָלוציע, האָט ער געליעבט אַ פרוי, אַ גאַנץ בעשיידען, אָרים בעשעפעניש — די וועכטערין פון דער מאַלער־אַקאַדעמיע, און געליעבט האָט ער זי זעהר מענשליך — וואַרים און אויפריכטיג.

עלאָדי איז נישט געווען קיין נאַאיוו מיידעל, זי האָט שוין פערשטאַנען זיך אָבצוגעבען אַ חשבון אין ליעבע. איהרע געפיהלען צו עוואַריסט׳ען זענען געווען גענוג שטאַרק, אום אַ טראַכט צו־טהון וועגען אָנטרויען איהם איהר צוקונפט. זי איז גרייט געווען מיט איהם חתונה צו האָבען, אָבער זי האָט פאָראויס געוואוסט, אַז איהר פאָטער וועט נישט איינגעהן אויף אַזאַ שדוך מיט אַן אָרימען, אונבעקאַנטען מאַלער. גאַמלען האָט גאָרנישט פערמאָגט, ווערהענד דער גראַווירען־הענדלער האָט אָפעריערט מיט גראָבע סומען געלד. זיין געשעפט „די מאַלער־ליעבע״ האָט איהם אַריינגעבראַכט אַ סך ריוח, אָבער נאָך מעהר האָט ער געהאַט פון ספעקולאַציע און וואוכעריי. ער האָט געמאַכט שותפות מיט איינעם אַ ליפעראַנט, וועלכער האָט צוגעשטעלט פאַר דער קאַוואַלעריע פאַפיער אָנשטאָט לעדער און פערפוילטע האָבער אָנשטאָט גוטע. לגבי דעם גראַווירען־פערלעגער, וועלכער איז געווען בעקאַנט אין גאַנץ אייראָפאַ, אַ קרוב פון אַזעלכע פאַמיליעס, ווי בלעזאָ, באַזאַן און דידאָ, און וועלכער פלעגט זיין אַן׳איינגעהער ביי די בעריהמטע שרייבער סען־פיער און פלאָריאַן — לגבי איהם איז גאַמלען, פערשטעהט זיך, געווען אַ קליין מענשעל. און נישט

דערפאַר האָט עלאָדי געהאַלטען פאַר נויטיג די הסכמה פון איהר
פאָטער, ווייל זי איז געוועזען אַ געהאָרזאַמע טאָכטער. דער פאָ-
טער, וועלכער איז געוואָרען אַנ׳אַלמן זעהר יונג און איז געוועזען
אַ מענש מיט אַ זשעדנעם און לייכטזיניגען האַראַקטער, איז תמיד
געוועזען פערטהון אָדער אין זיינע געשעפטען, אָדער אין נאָכלוי-
פען נאָך פרויען און האָט זיך גאַנץ וועניג געקימערט וועגען
איהר. ער האָט איהר געלאָזט זיך האָדעווען אַליין, אָהן אַנ׳עצה,
אָהן אַ פריינדליך וואָרט. איהר אויפפיהרונג האָט איהם לחלוטין
נישט אינטערעסירט. חאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אַז איהר
ברויזענדער טעמפעראַמענט איז געוועזען אַ פיעל גרעסערע צוצי-
הונגס-קראַפט, איידער אַ שען פנים. זי איז געוועזען צו-גרויסמו-
טיג, אום זיך צו היטען, אָבער אין דערזעלבער צייט צו-פאָר-
זיכטיג, אום זיך צו לאָזען אונגליקליך מאַכען. דאָס שטרעבען צו
ליעבע און לעבען האָט איהר נישט פערדרעהט דעם קאָפּ אויף
אַזוי ווייט, אַז זי זאָל פערגעסען, וואָס עס פּאַסט און וואָס נישט.
דער פאָטער איז, פערשטעהט זיך, גאַנץ צופריעדען געוועזען פון
דערדאָזיגער פאָרזיכטיגקייט, און אַזוי ווי ער האָט געוואוסט,
אַז זיין טאָכטער האָט אין זיך דיזעלבע סוחר׳ישע פעהיגקייטען
און דעמזעלבען אונטערנעהמונגס-גייסט, וואָס ער בעזיצט, האָט
ער זיך גאָר נישט בעאונרוהיגט דערפון, וואָס זי האָט נישט
חתונה, בפרט נאָך, אַז מיט איהר זיצען ביי׳ם טאַטען פערשפּאָרט
ער צו האַלטען אַ געדונגענע בעל-הבית׳טע אין שטוב און פיער
אָנגעשטעלטע אין געשעפט. צו זיעבען און צוואַנציג יאָהר האָט
זי שוין, פערשטעהט זיך, זיך געפיהלט גענוג ערוואַקסען און
ערפאַהרען, אום אַליין איינצואָרדנען איהר אייגען לעבען, און
נישט געדאַרפט פרעגען קיין עצות ביי איהר יונגען, לייכטזיניגען
און תמיד-פערהאַוועטען פאָטער. אָבער אום זי זאָל חתונה האָבען
מיט גאַמלען׳ען, דאַרף דאָך דער פאָטער מאַכען עפּעס אַ מעמד
פאַר דעמדאָזיגען אָרימען איידעם: ער וועט דאַרפען אָדער איהם
אַריינגעהמען אין געשעפט, אָדער איהם בעזאָרגען מיט אַרבייט,
פונקט ווי ער בעזאָרגט מיט בעשעפטיגונג פיעל אַנדערע קינסט-
לער—מיט איין וואָרט, ער וועט דאַרפען ווי-עס-איז גאַמלען׳ען

שטעלען אויף די פיס, ער זאָל האָבען פון-וואַנען צו לעבען. דאָס אָבער האָט זי געהאַלטען פאַר אונמעגליך פוןביידע זייטען— נישט דער פאָטער זאָל עס וועלען טהון, און נישט גאַמלען זאָל עס וועלען אָננעהמען, וואָרום זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זיי ביידע סימפּאַטיזירען זיך זעהר וועניג.

די דאָזיגע שוויריגקייט האָט עלאָדי'ן אַ ביסעל פערשאַפט עגמת-נפש. זי האָט זיך נישט געשראָקען פאַר'ן געדאַנק, צו לע-בען מיט איהר געליעבטען אָהן חתונה, צו נעהמען אַלס עדות פון זייער געגענזייטיגער ליעבע די נאַטור אַליין. זי האָט אין דעם גאָרנישט געפונען אַזוינס, וואָס זאָל דאַרפען געטאַדעלט ווערען, בפרט נאָך, אַז אין דער אונאָבהענגיגער לאַגע, אין וועל-כער זי איז געווען, האָט זי עס גאַנץ לייכט געקאָנט אויספיהרען. דערצו נאָך איז גאַמלען׳ס ריינער, עהרליכער כאַראַקטער געווען די בעסטע גאַראַנטיע, אַז אַזאַ בונד וואָלט געווען פעסט און דויערהאַפט. אָבער עוואַריסט האָט דאָך אַ מוטער, וועלכע ער האַלט-אויס מיט די גרעסטע שוויריגקייטען, און ווער ווייס, אויב ביי אַזאַ לאַגע וועט ער קאָנען נעהמען אויף זיך די פליכטען פון ליעבע—אַפילו פון אַזאַ ליעבע, וועלכע איז בעגרעניצט בלויז מיט דער איינפאַכקייט פון דער נאַטור?... איבריגענס, עוואַריסט האָט איהר דאָך נאָך נישט ערקלערט זיינע געפיהלען, נישט אויפ-געדעקט פאַר איהר זיין האַרץ. זי דאַרף קודם זעהן, ער זאָל עס ענדליך טהון.

—הערר עוואַריסט, —האָט זי זיך צו איהם אָבגערופען, איבערררייסענדיג דאָס נייהען, —דאָס שאַליקעל וועט מיר געפע-לען נאָר דאַן, ווען עס וועט אייך געפעלען. צייכענט מיר אָן אַ מוסטער, איך בעט אייך. דערווייל וועל איך צוריק אַרויסציהען דאָס, וואָס איך האָב שוין אויסגענייהט.

ער האָט געענטפערט מיט אַ בעהאַלטענער בעגייסטערונג:

—גוט, פריילין, איך וועל עס טהון. איך וועל אייך אָנ-צייכענען דאָס שווערד פון האַרמאָדיוס: אַ שווערד מיט אַ גיר-לאַנדע.

ער האָט אַרויסגענומען זיין בלייפעדער און גענומען צײ-

כֿענען שווערדען מיט בלומען. דער סטיל פון די שטריכֿען איז געווען אַנ׳ערנסטער, בולטער—ווי ער האָט ליעב געהאַט. גלייכֿ-צייטיג האָט ער איהר ערקלערט זיינע געדאַנקען וועגען קונסט:

—דאָס ניי-אויפגעלעבטע פראַנקרייך, —האָט ער געזאָגט—דאַרף אָבוואַרפען פון זיך די ירושה פון דער קנעכֿטשאַפט: דעם שלעכֿטען געשמאַק, די שלעכטע פאָרם, דעם שלעכֿטען שטריך. וואַטאָ, בושע, פראַגאָנאַר—זיי אַלע האָבען געאַרבייט פאַר טיראַנען און פאַר שקלאַפען. אין זייערע ווערק איז נישטאָ קיין שום געפיהל פאַר׳ן גוטען סטיל, פאַר די ריינע ליניע, קיין שפור נישט פון דער נאַטור, פונ׳ם אמת. בלויז מאַסקעס, שמאַטעס, מאַלפעריייען. די קומענדיגע דורות וועלען פעראַכֿטען דידאָזיגע פוסטע אויפטהועכֿצען. אין הינדערט יאָהר אַרום וועלען אַלע וואַטאָ׳ס בילדער ליעגען פערוואָרפען ערגעץ אין שפייכלערס, אין יאָהר 1893 וועלען די סטודענטען פון די מאַלער-אַקאַדעמיעס זיך בענוצען מיט׳ן לייווענט פון בושע׳ס בילדער, צו מאַכֿען אויף איהם זייערע אייגענע בילדער. דאַוויד האָט געעפענט דעם וועג: ער דערנעהנטערט זיך צום אַלטערטימליכֿען סטיל; אָבער ער איז נאָך נישט גענוג אייפאַך, גענוג גרויס, גענוג אויסגע-שפראָכֿען. אונזערע היינטיגע קינסטלער מעגען זיך נאָך אַ סך לערנען אויף הערקולאַנומ׳ס געזימס-שניצונגען, אויף די רוימישע באַרעליעפען, אויף די וואַזען פון די עטרוסקער.

ער האָט נאָך לאַנג גערעדט וועגען דער שענקייט פון אַלטערטום, דערנאָך האָט ער גענומען רעדען ווידער וועגען פראַגאָנאַר׳ן, צו וועלכֿען ער האָט געפיהלט אַ ברענענדע פיינדשאַפט:

—איהר קענט איהם, פריילין?

עלאָדי האָט אַ שאָקעל-געטהון מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ.

—איהר קענט מסתמא אויך גרויז׳ן, וועלכֿער מאַכֿט אַזאַ לעכֿערליכֿען איינדרוק מיט זיין רויטען ראָק און מיט זיין שווערד. אָבער אין פערגלייך מיט פראַגאָנאַר׳ן זעהט ער אויס, ווי אַ פאַרצייטיגער גריכישער פילאָזאָף. איך האָב איהם דאָ-נישט-לאַנג אָנגעטראָפען, אַט דעם מאוס׳ען אַלטען. ער איז געגאַנגען מיט זיין אָנגעפּודערט פּנים׳ל אונטער די צרקאַדען פון פּאַלע-ענאַליטע,

און זיינע בעוועגונגען זענען געווען אזעלכע האסטיגע, צאפּעל-דיגע, עקעלהאפטע, אז ס'האט זיך מיר פון גאנצען הארצען געוואלט, עס זאל זיך געפינען עמיצער א גוטער ברודער, א פריינד פון דער קונסט, וואס זאל איהם אויפהענגען אויף א בוים און אראבשינדען פון איהם די הויט—ער זאל אזוי בלייבען הענגען אלס אייביגער מוסר-השכל פאר אלע שלעכטע מאלער.

עלאדי האט אויף איהם א קוק-געטהון מיט איהרע לוסטי-גע, ליידענשאפטליכע אויגען:

—אהא, הערר גאמלען, איהר קאנט דאך גאר שטארק פיינד האבען! מסתמא קאנט איהר אויך אזוי שטארק ליע...

—אה, דאס זענט איהר, גאמלען?—האט זיך דערהערט א טענאר-שטימע.

אין געשעפט איז אריינגעקומען בלעז. זיינע שיך האבען געסקריפּעט, די ברעלאקען פון זייגער געקלונגען, דער ראק איז געווען ברייט פונאנדערגעשפּילעט. אויפ'ן קאפּ האט ער געטראגען זעהר א גרויסען שווארצען הוט, וואס זיין ברייטער ראנד האט דערגרייכט אזש ביז'ן אקסעל.

עלאדי האט גענומען איהר קערבעלע און איז ארויסגע-גאנגען צו זיך אין צימער.

—וואס הערט זיך עפּעס, גאמלען,—האט הערר בלעז א כרעג-געטהון,—האט איהר מיר עפּעס געבראכט גוטס?

—מעגליך, אז יא,—האט דער מאלער געענטפערט.

און ער האט איהם פארגעלעגט זיין פּלאן:

—אונזערע שפּיעל-קארטען זענען ביי היינטיגען טאג א שאקירענדער קאנטראסט געגען אונזערע זיטען. אזעלכע ווערטער, ווי „וואלעט" און „קעניג", בעליידיגען די געפיהלען פון יעדען פּאטריאט. איך האב דעריבער אויפגעפּאסט און געמאכט א נייע טאליע קארטען, א רעוואלוציאנערע, וואו אנשטאט די מלכים, די מלכות און די וואלעטען פיגורירען די „פרייהייטען", די „גלייכ-הייטען" און די „ברידערליכקייטען". אויף די טוזען זענען אויס-געמאלט ריטלעך-בונדען, וועלכע סימבאליזירען דאס געזעץ. איהר רופט-אויס: „פרייהייט-קרייץ," „גלייכהייט-פּיק", „ברידערליכקייט

שעלן", „געזעץ-רויטס"... מיר דאכט, אז די קארטען זענען גאנץ שען ארויסגעקומען. איך רעכען צו געבען זיי דעמאאי'ן גראווירען און ארויסצונעהמען א פאטענט.

ער האט ארויסגענומען פון זיין טעקע עטליכע אקוואַרעל-צייכנונגען און זיי אויסגעשטרעקט צום פערלעגער. בלעז האט אבער נישט געוואלט זיי נעהמען און אבגעדרעהט דעם קאפ.

— מיין ליעבער פריינד, טראגט'עס אוועק צום קאנווענט, וועט ער לויבען און פראלען אייער נאמען. אבער רעדט זיך נישט איין, אז איהר וועט בעקומען חאטש איין פרוטה פאר אייער נייע ערפינדונג, וועלכע איז לגמרי נישט ניי. איהר זענט צו-שפעט אויפגעשטאנען, מיין פריינד. אייער רעוואלוציאנערע טאליע קארטען איז שוין די דריטע, וואס מען ברענגט מיר. אייער חבר דיגור האט מיר פארגעלעגט מיט א וואך פריהער א פיקעט-שפיעל מיט פיער זשעני'ען, פיער פרייהייטען, פיער גלייכ-הייטען. ווייטער האט מען מיר געבראכט א טאליע קארטען מיט פילאזאפען, מיט העלדען—קאטאן, רוססא, האניבאל, ווייס איך ווער נאך! און יענע קארטען, מיין ליעבער, האבען געהאט גע-גען אייערע די מעלה, וואס זיי זענען געווען געצייכענט אבי-ווי און גראווירט מיט בלייפעדער אויף האלץ. איהר קענט מסתמא זעהר שלעכט מענשען, אויב איהר גלויבט, אז די קאר-טען-שפיעלער וועלען געהן זיך בענוצען מיט אייערע קארטען, וועלכע זענען געמאלט לויט דאווויד'ס געשמאק און וועלען זיין גראווירט אויף בארטאלאזי'ס מאניער. און בכלל איז עס א איב-ריגע זאך, צו געבען זיך אזוי פיעל מיה, אום צו צופאסען די שפיעל-קארטען צו היינטיגע אידעען. די בראווע „אהן-הויזענדיגע" חברה-לייט טהוען עס שוין ממילא, ווען זיי שרייען בעת'ן שפיע-לען אין קארטען: „דער טיראן!" „דער גראבער חזיר!" זיי שפיעלען מיט זייערע אלטע, איינגעשמוצטע קארטען און האבען גאר נישט בדעה צו קויפען נייע. דאס אמת'ע קארטען-שפיעל ווערט געטריבען אין די שפיעל-זאלען פון פאלע-עגאליטע. איך ראט אייך טאקי געהן אהין און פארלעגען די שפיעל-מייסטער, זיי זאלען קויפען ביי אייך אייערע „פרייהייטען" מיט „די גלייכ-

הייטען", אייערע... וואָס זאָגט איהר?... יאָ, אייערע „געזעצען־רווטס", און דאַן וועט איהר קומען מיר דערצעהלען, וואָס זיי האָבען אייך געזאָגט.

הערר בלעז האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפ'ן קראָם־טיש, אַראָבגעשאַרט פון זיינע געלע הויזען עטליכע פערשאָטענע טאַבאַקקערנדלעך און, קוקענדיג אויף גאַמלענ'ען מיט אַ מינע פון מילדער בעדויערונג, האָט ער געזאָגט:

—ערלויבט מיר, אייך צו געבען אַנ'עצה, מיין ליעבער מאַלער: אויב איהר ווילט פערדיענען אויף צום לעבען, לאָזט־אָב אייערע פּאַטריאָטישע קאָרטען, לאָזט־אָב אייערע רעוואָלוציאָנערע סימבאָלען, אייערע הערקולעסען, אייערע בייזע גייסטער, וואָס יאָגען זיך נאָך די פערברעכער, אייערע פרייהייטס־געטער, און מאָלט מיר בעסער שענע מיידלעך. די בעגייסטערונג פון די בירגער פאַר דעם בעפרייאונגס־קאַמפּף ווערט מיט דער צייט אַלץ מעהר און מעהר אָבגעקיהלט, שענע פרויען אָבער וועלען די מענער שטענדיג ליעב האָבען. מאַכט מיר ווייבער... פערשטעהט איהר מיך, רויטליכע, מיט קליינע פיסלעך און קליינע הענדטלעך און נעהמט אייך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַריין אין קאָפּ, אַז קיינער אינטערעסירט זיך שוין מעהר נישט מיט דער רעוואָלוציע, מען וויל שוין פון איהר נישט הערען.

גאַמלען איז געוואָרען אַנ'אָנגעצונדענער:

—וואָס?! נישט הערען פון דער רעוואָלוציע!... אָבער אונזער בעפרייאונג, די נצחונות פון אונזערע אַרמעען, די שטראָף פאַר די טיראַנען —דאָס זענען דאָך אַלץ געשעהענישען, פון וועלכע די וויטסטע דורות וועלען שטוינען! און איז דען מעגליך, נישט צו שטוינען פון זיי?... וואָס הייסט? די סעקטע פון יעזוס'ן עקזיסטירט שוין קרוב אַכצעהן הונדערט יאָהר, און דער קולט פון דער פרייהייט וועט געבראָכען ווערען, ווען ער עקזיסטירט ערשט קוים פיער יאָהר?!

—איהר שוועבט אין די וואָלקענס, מיין פריינד, איך אָבער לעב אויף דער ערד, —האָט זיך אָבגערופען בלעז מיט אַ גדלות'דיגען טאָן. —גלויבט מיר, די רעוואָלוציע הויבט שוין אָן צו

דערעסען, זי דויערט שוין צו-לאַנג. פינף יאָהר האָט מען זיך געהיצט, זיך געקושט און געהאַלזט, געמאַכט שחיטות, געהאַלטען דרשות, געזונגען די „מאַרסעליעזע”, געקלאַפּט אין די פּויקען, געהאַנגען אַריסטאָקראַטען, געטראָגען אָבגעהאַקטע קעפּ אויף פּיקעס; פינף יאָהרען פון ווייבער, וואָס רייטען אויף אַרמאַטען, פון פרייהייטס-בוימער, וועלכע מען בעפּוצט מיט רויטע מיצלען, פון יונגע מיידלעך און אַלטע לייט, וועלכע מען פיהרט-אַרום, ווייס-געקליידעטע, אין בלומען-קאַראָטען; פינף יאָהרען פון טור-מעס, גיליאָטינעס, ברויט-קאַרטען, שווערדען, קאַרמאַניאָל-טענץ, אַפּישען, קאָקאַרדעס און אַלערליי קלאַפּערגעצייג—כ׳לעבען, ס׳איז שוין איבער גענוג! עס ווערט שוין פּשוט אונפערשטענדליך. מיר האָבען שוין גענוג געזעהן אָט די אַלע גרויסע לייט אייערע, וועלכע איהר מאַכט פאַר אָבגעטער, כדי דערנאָך זיי צו צו-שמעטערן. נעקער, מיראַבאָ, לאַ-פאַיעט, באַאי, פּעטיאָן, מאַנועל און אַלע איבריגע... פון-וואַנען ווייסען מיר, אַז איהר גרייט נישט אָן דעמזעלבען סוף פאַר אַלע אייערע נייע, העלדען?... מען קאָן גאָרנישט וויסען.

—רופט זיי אָן, הערר בלעז, רופט-אָן ביי די נעמען די אַלע העלדען, וועלכע מיר זענען זיך כלומר׳שט מכין מקריב צו זיין! —האָט גאַמלען אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ טאָן, אַז דער גראַ-ווירען-הענדלער איז באַלד געוואָרען פאָרזיכטיגער.

—איך בין אַ רעפּובליקאַנער און אַ פּאַטריאָט, —האָט בלעז געענטפערט, אַרויפלעגענדיג די האַנד אויפ׳ן האַרצען, —פּונקט אַזאַ רעפּובליקאַנער און אַזאַ פּאַטריאָט, ווי איהר, הערר עוואַ-ריסט גאַמלען. איך צווייפעל נישט, אַז איהר זענט איבערגעגע-בען דעם פאָטערלאַנד און אַז איהר זענט פעסט אין אייערע איבערצייגונגען. אָבער זייט וויסען, אַז מיין פּאַטריאָטיזם און מיין איבערגעבענהייט דעם פאָטערלאַנד ווערען בעשטעטיגט דורך פּיעל מעשים. מיין פּרינציפּ איז אָט-וואָס: איך האָב צוטרוי צו יעדען מענשען, וואָס איז פעהיג צו דיענען דעם פאָלק. פאַר יענע, וועלכע זענען דורכ׳ן ווילען פון פאָלק דערהויבען געוואָ-רען צום געפעהרליכען פּאָסטען פון געזעצגעבער, ווי מאַראַ און

ראָבעספיער, פערבויג איך מיין קאָפּ. איך בין גרייט זיי צו העל-
פען מיט אַלע מיינע שוואַכע כחות, ווי אַ גוטער בירגער. די
קאָמיטעטען קאָנען עדות-זאָגען אויף מיר, ווי ווייט איך בין
געטריי. בשותּפות מיט נאָך פּאַטריאָטען האָב איך צוגעשטעלט
האָבער און פוראַזש פאַר אונזער העלדישע קאַוואַלעריע און שיך
פאַר אונזערע סאָלדאַטען. גראַדע היינט נאָך שיק איך אַוועק
זעכציג אָקסען פאַר די דרום-אַרמעע. זיי וועלען דאַרפען דורכ-
געהן געגענדען, וואָס זענען פול מיט רויבער-באַנדעס און וואו
פּיט'ס און קאָנהע'ס לייט האָבען זיך געמאַכט בעהאַלטענע נעסטען.
איך רעד נישט; איך טהו.

גאַמלען האָט מיט רוהיגע בעוועגונגען אַריינגעלעגט זיינע
אַקוואַרעל-צייכנונגען צוריק אין זיין טעקע, פערבונדען די בענדלעך
און גענומען די טעקע אונטער'ן אָרעם.

—דאָ איז פאַרהאַן אַ שטיקעל ווידערשפּרוך, —האָט ער
זיך אָבגערופען מיט כּעס, פערקריצענדיג אַזש די צייהן. —פון
איין זייט העלפען אונזערע סאָלדאַטען טראָגען די פרייהייט
איבער דער וועלט, און פון דער צווייטער פערראַטען דיזעל-
בע פרייהייט דאָ, אין דערהיים, מיט טרייבען העצעס און וועַ-
קען אונצוטרוי אין די הערצער פון איהרע פערטיידיגער... אַדיע,
הערר בלעז!

איידער ער האָט, מיט אַ שווער האַרץ פון ליעבע און
פערדרוס, זיך געלאָזט געהן מיט'ן געסעל לענג-אויס דעם אָראַ-
טואַר, האָט ער אומגעקעהרט דעם קאָפּ, אום נאָכאַמאָל אַ קוק-
צו-טהון אויף די רויטע בלימלעך, וועלכע האָבען געבליהט אוי
וואַזאָנען אויפ'ן ברעג פון פענסטער.

גאַמלען האָט זיך גענומען צום האַרצען בלעז'ס ווערטער
נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבען איהם אריינגעבראַכט אין צווייפעל
וועגען דעם שיקזאַל פון זיין פאָטערלאַנד. ניין, זיינע רעוואָלו-
ציאָנערע איבערצייגונגען זענען ביי איהם שטאַרקער געוועזן ווי
בלעז'ס אַנטי-פּאַטריאָטישע אַרגומענטען. אָבער ער מוז דאָך מודה
זיין, אַז דער גראַוויורען-הענדלער איז אַ ביסעל גערעכט, ווען
ער זאָגט, אַז פּאַריז איז שוין אָבגעקיהלט געוואָרען צו די גע-

שעהענישען. יאָ, ס׳איז, צום בעדויערן, אַ פאַקט, אַז דער פריהער־דיגער ענטוזיאַזם איז שוין פערשוואונדען געוואָרען. ווער ווייס, צי מען וועט נאָך אַמאָל זעהן די מורא׳דיג-גרויסע מענגעס פון בעגייסטערטע בירגער, ווי אין יאָהר 1789? ווער ווייס, צי מען וועט נאָך אַמאָל זעהן, ווי מיליאָנען הערצער קלאַפּען אין טאַקט, אַזוי ווי מען האָט עס געזעהן אין 1790? נאָר עס מאַכט נישט אויס! די אמת-גוטע בירגער וועלען דאָפּעלט פערגרעסערן זייער פלייסקייט און דרייסטקייט, זיי וועלען אויפוועקען דאָס פערשלאָ־פענע פאָלק און איהם געבען אויסצוקלייבען: אָדער די פריי־הייט, אָדער דעם טויט!

אַזוי האָט גאַמלען געטראַכט, און נאָך פעסטער און מוטי־גער איז ער געוואָרען ביי זיך, ווען ער האָט אַ טראַכט-געטהון וועגען עלאָדי׳ן.

צוקומענדיג צו דער גאַס לענג-אויס דעם טייך, האָט ער דערזעהן, ווי ווייט-ווייט אויפ׳ן האָריזאָנט לאָזט זיך אַראָב די זון אונטער שווערע וואָלקענס. די וואָלקענס האָבען אויסגעזעהן, ווי אַ גרויסע, ברויזענדע לאַווע, וואָס איז אָקאָרשט פון אַ וואולקאַן אַרויסגעשפּיגען געוואָרען. די דעכער פון די הייזער זענען גע־ווען בעגאָסען מיט אַ גאָלד-שיין, די שויבען האָבען צוריקגעשפּריצט מיט שטראַהלען. און דאָסדאָזיגע בילד האָט אויף גאַמלענ׳ען גע־מאַכט דעם איינדרוק, ווי ריעזען וואָלטען ערגעץ ווייט געשטאַ־נען און געשמיעדט פון די חורבות פון דער אַלטער וועלט דאָס נייע צוקונפטס-לעבען.

נישט האָבענדיג אַליין אויף ברויט פאַר זיך און פאַר זיין מוטער, האָט ער פונדעסטוועגען נישט אויפגעהערט צו טרוימען וועגען יענעם גרויסען טאָג, ווען אַנ׳אונענדליך-לאַנגער געגרייטער טיש וועט אַוועקגעשטעלט ווערען פאַר דער גאַנצער מענשהייט. דערווייל אָבער האָט ער זיך געטרייסט מיט׳ן געדאַנק, אַז דאָס פאָטערלאַנד וועט, ווי אַ גוטע מאַמע, נישט לאָזען שטאַרבען פון הונגער זיין געטרייעס קינד. אויף להכעיס דעם גראַווירען-הענ־דלער, האָט ער געגלויבט, אַז זיין פּלאַן וועגען רעוואָלוציאָנערע שפּיעל-קאָרטען איז סיי אַ גוטע סיי אַ נייע אידעע, אַז ער וועט

מיט דידאָזיגע אַקוואַרעל-צייכנונגען מאַכען אַ פערמעגען. „דעמאַאי וועט זיי גראַווירען, — האָט ער זיך געטראַכט. — מיר וועלען אַליין אַרויסגעבען די פּאַטריאָטישע שפּיעל-קאָרטען, און ס'איז קלאָר, ווי דער טאָג, אַז מיר וועלען אין איין חודש פערקויפען צעהן טויזענד טאַליעס צו צוואַנציג סו אַ טאַליע".

און זענענדיג אונגעדולדיג, וואָס שנעלער צו פערווירקליכען זיין פּראָיעקט, האָט ער מיט שנעלע טריט זיך געלאָזט געהן צום פּערראַי-ברעג, וואו דעמאַאי האָט געוואָהנט ביי איינעם אַ גלעזער אין אַ אויבער-שטיבעל.

דער אַריינגאַנג איז געווען דורכ'ן געוועלבעל. דעם גלע-זער'ס ווייב האָט גאַמלען'ען געזאָגט, אַז דעמאַאי איז נישטאָ אין דער היים. פּאַר גאַמלען'ען איז עס נישט געווען אונער-וואַרטעט. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דעמאַאי געהערט צו יענעם סאָרט מענשען, וועלכע קאָנען נישט איינזיצען אויף איין אָרט. ס'איז נאָר געווען צום בעוואונדערן, ווי אַזוי ער האָט, מיט אַזאַ נאַטור, צו האַלטען אין איין אַרומלויפען, געקאָנט זיין אַזאַ פּראָדוקטיווער און גוטער גראַווירער. גאַמלען האָט בעשלאָ-סען, אונטערצוואַרטען אויף איהם. דעם גלעזער'ס ווייב האָט איהם געבעטען זיצען. זי איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג און האָט זיך בעקלאָגט, אַז די געשעפטען געהען שלעכט, חאָטש די וועלט מיינט, אַז ס'איז איצט אַ גוטע צייט פאַר גלעזער, וויל מען ברעכט אַ סך שויבען.

עס איז געוואָרען נאַכט. זעהענדיג, אַז ס'איז שווער זיך צו דערוואַרטען אויף זיין חבר, האָט גאַמלען זיך געזעגענט מיט דעם גלעזער'ס ווייב און איז אַוועק. ווען ער איז געגאַנגען אי-בער דער „נייער בריק", האָט ער דערזעהן, ווי פון דעם מאָר-פאָנדו-ברעג קומען-אָן סאָלדאַטען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַר-דיע, וועלכע האָבען געהייסען די פאַרבייגעהענדע געהן אָן אַ זייט. אין די הענד האָבען זיי געהאַלטען ברענענדע פאַקעלן און, קלינגענדיג מיט די בלויזע שווערדען, האָבען זיי קאָנוואָאירט אַ וואָגען, וועלכער איז געפאָהרען לאַנגזאַם. אינ'ם וואָגען האָט מען געפיהרט צו דער גיליאָטינע אַ פערמשפּט'ען צום טויט. ווער ער

איז, האָט מען נישט געוואוסט. דאָס איז געווען דער ערשטער, וואָס דער נייער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל האָט געשיקט צו דער גיליאָטינע. צווישען די היטלען פון די סאָלדאַטען האָט מען איהם געזעהן זעהר שוואַך. ער איז געזעסען מיט די הענד גע-בונדען אויף הינטען, מיט אַ בלויזען קאָפּ און מיט'ן רוקען צו די פערד. נעבען איהם איז אין וואָגען געשטאַנען, אָנגעשפּאַרט אָן זייט-ווענדטעל, דער הענקער. די פאַרבייגעהענדע האָבען, אָב-שטעלענדיג זיך, געשמועסט צווישען זיך, אַז דאָס איז מסתמא איינער פון די ספּעקולאַנטען, וועלכע הונגערן-אויס דאָס פאָלק, און האָבען זיך צוגעקוקט גלייכגילטיג. צורוקענדיג זיך נעהנטער, האָט גאַמלען דערזעהן צווישען דעם עולם דעמאַאי'ן, וועלכער האָט געזוכט זיך דורכצושפּאַרען צווישען אַלעמען און אַריבער-געהן אויף די צווייטע זייט. ער האָט איהם אַרויפגעלעגט די האַנד אויפ'ן אַקסעל און אַ רוף-געטהון ביי'ם נאָמען. דעמאַאי האָט אומגעדרעהט דעם קאָפּ. ער איז געווען אַ שענער, קרעפּ-טיגער יונגערמאַן. אמאָל, אין דער אַקאַדעמיע נאָך, פלעגט מען זאָגען, אַז דער קאָפּ איז ביי איהם פון באַקכוס'ן, דעם רוימישען גאָט פון וויין, און דער קערפּער פון הערקולעס'ן. זיינע חברים פלעגען איהם רופען „באַרבאַרו", ווייל ער האָט געהאַט זעהר פיעל עהנליכקייט צו דעמדאָזיגען פאָלקס-פאָרשטעהער.

—קום, האָט גאַמלען געזאָגט,—איך דאַרף מיט דיר רעדען וועגען אַ וויכטיגען ענין.

—לאָז מיך אָב! —האָט דעמאַאי האַסטיג געענטפערט, און וואַרטענדיג, ער זאָל קאָנען זיך דורכשפּאַרען, האָט ער געזאָגט אין איילעניש:

—איך בין נאָכגעגאַנגען אַ געטליך-שען מיידעל... אין אַ שטרויענעם הוט... קענטיג, אַ מאָדיסטין... איהרע בלאָנדע האָר זענען אַראָבגעהאַנגען אויפ'ן רוקען... אָט דער פערשאָלטענער וואָגען!... ער האָט אונז פונאַנדערגעשיידט, און זי איז שוין ביי'ם צווייטען עק פון דער בריק.

גאַמלען האָט געפּרובט איהם פערהאַלטען. ער האָט איהם

אָנגעהאַפּט פאַר׳ן ראָק און געשוואָרען, אַז דער ענין איז זעהר אַ וויכטיגער.

אָבער איידער וואָס-ווען איז דעמאַאי פערשוואונדען געוואָרען. צווישען סאָלדאַטען, פערד, שווערדען און פאַקעלן איז ער נאָכגעלאָפען אַ מאָדיסטין מיט בלאָנדע האָר

IV

עס איז געווען צעהן אַ זייגער אין דערפריה. אַ פריה-לינגס-זון האָט בעגאָסען מיט ליכט די יונגע און צאַרטע בוימער-בלעטלעך. די לופט, וועלכע איז אין דער נאַכט אויסגעלייטערט געוואָרען דורך אַ דונער-שטורם, האָט איצט געהאַט אין זיך עפּעס אַ מילדע ווייכקייט. אַרום-און-אַרום איז געווען שטיל. געשטערט די שטילקייט האָבען בלויז די לאַנגזאַמע טריט פון אַ יונגענמאַן, וועלכער איז געגאַנגען דורך דער אַלעע „דע יועוו“. ביי'ם ברעג פון דערדאָזיגער שאָטענדיגער אַלעע, נעבען דעם ביידעל „לאַ בעל לילואַז“, האָט עוואַריסט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ הילצערנער באַנק און גענומען וואַרטען אויף עלאָדי'ן. פון יענעם טאָג-אָן, זינט זייערע פינגער האָבען זיך געטראָפען אויף דער קאַנווע פונ'ם שאַל און זייערע אָטעמס האָבען זיך צוזאַמענגעמישט, איז ער שוין מעהר נישט געקומען אין בלעז'ס געשעפט. זיין שטרענגע שטאָלצקייט און גלייכצייטיג זיין שעמעוודיגקייט, וועלכע איז וואָס אַ טאָג געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער, האָבען איהם אַ גאַנצע וואָך געהאַלטען ווייט פון עלאָדי'ן. ער האָט איהר געשריבען אַ בריעף, אין וועלכען ער האָט אַרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס ס'האָט זיך ביי איהם אויפ'ן האַרצען אָנגעקליבען געגען איהר פאָטער, אָבער זיין ליעבע און זיינע ליידען האָט ער פערשוויגען. ער האָט איהר ערקלערט זיין פעסטען בעשלוס, נישט צו קומען מעהר אין די „מאַלער-ליעבע“, און דעמדאָזיגען בעשלוס האָט ער שטרענג אָבגעהיט.

עלאָדי האָט געהאַט אַנ׳אַנדער חאַראַקטער. זי פלעגט נישט אָבלאָזען אַזוי גיך דאָס, וואָס זי האָט בעטראַכט אַלס איהר אייגענס, און דעריבער האָט זי אויך אין דעם פאַל באַלד אַ טראַכטגעטהון, ווי אַזוי צוריק צו חאַפּען גאַמלעג׳ען. לכתחלה האָט זי געהאַט בדעה צו געהן צו איהם, אין זיין אַטעליע אויפ׳ן טיאָנוויל-פלאַץ. דערנאָך אָבער, בעטראַכטענדיג זיך, אַז ער איז מסתמא שטאַרק אויפגערעגט, אַז ער וועט אויסלאָזען צו איהר דעם כעס געגען איהר פאָטער און וועט זי אפשר גאָר נישט וועלען זעהן,— האָט זי געפונען פאַר בעסער, איהם צו בעשטימען אַ ראַנדע-וואו. דאָס וועט זיין סענטימענטאַל און ראָמאַנטיש, און פון אַזאַ זאַך וועט ער זיך שוין נישט קאָנען אַרויסמאַכען. אונטער פיער אויגען, און דערצו נאָך אין אַ פּאָעטישער אומגעבונג, וועט זי איהם מעהר געפעלען און—גיכער בעזיעגען...

צו יענער צייט זענען אין אַלע שפּאַציער-גערטנער געשטאַנען אויסגעבויט דאָרפישע ביידלעך מיט זעהר אַנ׳אָרימען אויסזעהן. די דאָזיגע ביידלעך, וועלכע ס׳פלעגען בויען די בעסטע אַרכיטעקטאָר׳ען, האָבען געזאָלט בעפריעדיגען דעם גוסט פונ׳ם שטאָדטישען איינוואָהנער צו אַלץ, וואָס ס׳איז דאָרפיש און ווילד. דאָס ביידעל „לאַ בעל לילואַז״, וועלכעס ס׳האָט אָבגעדונגען אַ לימאָנאַדע-פערקויפער, איז אויך געווען פון דעמדאָזיגען מין. אויסער זיין געקינסטעלטער אָרימקייט האָט דאָס ביידעל נאָך געהאַט האַרט נעבען זיך אַ אימיטאַציע פון אַ חרוב-געוואָרענעם טורם, ווייל מען האָט דאָ, קענטיג, געוואָלט פעראייניגען די פרימיטיוויטעט פונ׳ם דאָרף מיט דער מעלאַנכאָליע פון חורבות. און פונקט ווי דאָס אַלץ וואָלט נאָך נישט גענוג געווען, אום צו ווירקען אויף סענטימענטאַלע הערצער, האָט דער לימאָנאַדע-פערקויפער איינגעפלאַנצט דערביי אַ ווערבע-בוים, אונטער דעם בוים געמאַכט אַ קבר-בערגעל, נעבען דעם בערגעל אַוועקגעשטעלט אַ קליינע קאָלאָנע מיט אַ טרויער-וואַזע אויפ׳ן שפּיץ, און אויף דער קאָלאָנע אויפגעשריבען: „קלעאָניס—איהר געטרייער אַזאָר״. ביידלעך, חורבות, קברים... ערב איהר אונטערגאַנג האָט די אַריסטאָקראַטיע אָנגעשטעלט אין די פּאַרקען דידאָזיגע סימבאָלען פון

אָרימקייט. פון צושטערינג, פון טויט. און איצט געהען די פּאַ־טריאָטען פון שטאָדט און טרינקען און טאַנצען און שפּיעלען ליע־בעס אין דידאָזיגע פאַלשע געצעלטען, הינטער׳ן שאָטען פון די נאָכגעמאַכטע חורבות פון אויסגעטראַכטע קלויסטערס, צווישען גע־פעלשטע קברים... וואָרום אי די, אי יענע האָבען ליעב געהאַט די נאַטור, זענען געווען אָנהענגער פון זשאַן־זשאַק רוסאָ און האָבען געטראָגען אין זיך געפיהלען און געדאַנקען.

עוואַריסט איז געקומען צום ראַנדע־וואו פאַר דער בעשטימ־טער צייט. זיין האַרץ האָט איהם געקלאַפּט אַזוי, ווי אַ פּערפּענ־דיקעל פון אַ זייגער וואָלט נעבען איהם געמאָסטען מיט קלעפּ די צייט, וואָס ער האָט נאָך צו וואַרטען, עס איז פאַרבייגעגאַנ־גען אַ פּאַטרול, וועלכער האָט געפיהרט אַרעסטירטע. אין צעהן מינוט אַרום האָט זיך בעוויזען אַ דאַמע אין ראָזע קליידער. מיט אַ בלומען־בוקעט אין האַנד, ווי ס׳איז די מאָדע געווען. געגאַנ־גען איז מיט איהר אַ יונגער מאַן, וועלכער איז געווען אָנגע־טהון אין אַ רויטען ראָק, אין אַ וועסט און הויזען מיט פּאַסיק־לעך. ביידע זענען אַריין איןביידעל. זיי זענען אַזוי עהנליך צו די פּראַנטען פון דער צייט פון אַלטען רעזשים, אַז, קוקענדיג אויף זיי, האָט מען געמוזט מסכים זיין מיט בלעז׳ס מיינונג, אַז ס׳זענען פאַרהאַן צווישען מענשען אַזעלכע האַראַקטערען, וואָס קיין שום רעוואָלוציע איז נישט בכח זיי איבערצואַנדערשען.

עטליכע מינוט שפּעטער איז צו דער באַנק, וואו גאַמלען האָט געוואַרט, צוגעגאַנגען און זיך געזעצט אַנ׳אַלטער פרוי, וועל־כע איז מסתמא אָנגעקומען פון רעאיי אָדער פון סען־קלו. זי האָט געטראָגען מיט זיך אַ קיילעכדיג מעטאַל־קעסטעל. דאָס דע־קעל פון קעסטעל איז געווען איינגעטיילט אין פערשיעדענע קאָ־לירען מיט ציפערען, און ס׳איז געווען אויף איהם אָנגעקלאַפּט אַ ווייזער אויף צום וואַרפען גורל. דידאָזיגע אָרימע פרוי, פלעגט פערקויפען אין די שפּאַציער־גערטנער נאַשערייען פאַר קינדער, אָבער די נאַשערייען פלעגט מען דאַרפען געווינען דורך אַ טרייב טהון דעם ווייזער.

די אַלטע האָט מיט אַ פאָלע פון איהר פאַרטוך אָבגעווישט

דעם שוויז פון איהר שטערען און געגומען זיך בעקלאָגען פאַר־
וואָס עס איז אַזוי שווער געוואָרען צו לעבען אויף דער וועלט.
איהר מאַן פערקויפט ביי׳ם ברעג טייך, אין סען־קלו, קאָרקעס
אויף צום האַפּען פיש, זי ווידער געהט יעדען טאָג אין די עלי־
זעע־פעלדער און, קלאַפּענדיג מיט אַ קאַלעקאַטקע, שרייט זי: מיי־
נע דאַמען, אַט האָט איהר ערקוויקונג פאַר די קינדער!״ און
פון דערדאָזיגער גאַנצער אַרבייט האָבען זיי פונדעסטוועגען נישט
געהאַט מיט וואָס צו דערהאַלטען זייער עלטער.

זעהענדיג אַז דער יונגערמאַן, וואָס זיצט נעבען איהר, פיהלט
איהר מיט, האָט זי גענומען אויסרעדען פאַר איהם דאָס האַרץ.
שולדיג אין אַלץ, האָט זי געזאָגט, איז די רעפּובליק. זי, די רע־
פּובליק, האָט אי די רייכע פעראָרימט, אי ביי די אָרימע צוגע־
נומען דעם ביסען ברויט פון מויל. און קיין האָפנונג אויף וויי־
טער איז אויך נישטאָ. פערקערט. לויט ווי ס׳איז צו זעהן, וועט
נאָך ווערען וואָס־אַ־טאָג ערגער און ערגער. אָט האָט אין נאַנ־
טער איינע אַ פרוי געבאָרען אַ קינד מיט אַ קאָפּ פון אַ שלאַנג;
אין ראַיי האָט אַ דונער אַ קלאַפּ־געטהון אויף די קירכע און דעם
צלם פון גלאָקען־טורם איבערגעשפּאָלטען אויף צווייען; אין וואַלד
ביי שאַוויל האָט מען ביינאַכט געזעהן אַ מכשף, וועלכער איז
געווען פערשטעלט פאַר אַ וואָלף. מענשען אין מאַסקעס געהען־
ארום און פערסמ׳ען די ברונעמס. זיי וואַרפען אין דער לופט
עפּעס א שטויב, וואָס פערשפּרייט קראַנקהייטען...

עוואַריסט האָט דערזעהן, ווי עלאָדי געהט־אַראָב פון אַ
דראָשקע. ער האָט זיך געלאָזט לויפען צו איהר. אונטער׳ן שאָ־
טען פון איהר דורכזיכטיגען שטרויענעם הוט האָבען איהרע אוי־
גען געגלאַנצט; איהרע ליפּען, רויטע, ווי די בלימלעך, וואָס זי
האָט געהאַלטען אין האַנד, האָבען געשמייכעלט. אַ שוואַרצער זיי־
דענער שאַל איז געווען אַריבערגעקרייצט איבער איהר ברוסט און
פערבונדען אויפ׳ן רוקען, איהר געל קלייד, וואָס האָט זיך אַראָב־
געלאָזט ביז איהרע פלאַכע שיכלעך, האָט געלאָזט זעהן די שנע־
לע בעוועגונגען פון איהרע קניע. איהרע אַקסלען זענען געווען
כמעט אינגאַנצען אָבגעדעקט: די רעוואָלוציע האָט, קענטיג, אַפילו

דעם פרויען-קערפער פרייער געמאַכט... דאָס קלייד אָבער איז באַלד פון דער טאַליע געווען אויסגעשירמט, אַזוי אַז די פּאַר-מען פונ׳ם קערפער זענען געווען פערהילט.

ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, ער האָט אָבער קיין ווער-טער נישט געפונען. דידאָזיגע שעמעוודיגקייט האָט איהם פער-שאַפט קרענקונג, אָבער עלאָדי האָט דערפון הנאה געהאַט אַ סך מעהר, ווי ער וואָלט איהר געמאַכט דעם שענסטען קבלת-פּנים. זי האָט באַלד דערקענט, אַז זיין שניפּס איז היינט פערבונדען אַ סך בעסער ווי שטענדיג, און דאָס איז פאַר איהר געווען אַ גוטער סמן. זי האָט איהם דערלאַנגט די האַנד.

—איך האָב געוואָלט אייך זעהן,—האָט זי געזאָגט,—שמוע-סען אַ ביסעל מיט אייך. איך האָב אייך נישט געענטפערט אויף אייער בריעף דערפאַר, ווייל ער איז מיר נישט געפעלען. עס איז אייך אין איהם פשוט נישט צו דערקענען. דער בריעף וואָלט געווען פיעל שענער און ליעבליכער, ווען ער וואָלט געשריבען געוואָרען מיט מעהר נאַטירליכקייט. קענענדיג אייער כאַראַקטער און פערשטאַנד, איז מיר שווער צו גלויבען, אַז איהר ווילט מעהר נישט קומען צו אונז אין „מאַלער-ליעבע" דערפאַר, ווייל איהר האָט זיך דאָרט אַ ביסעל צוהאַמפערט איבער פּאָליטיק מיט אַ מענשען, וועלכער איז אַ סך עלטער פון אייך. איהר מעגט זיכער זיין, אַז מיין פאָטער וועט אייך נישט אויפנעהמען שלעכט, ווען איהר וועט קומען צו אונז. איהר קענט איהם נישט: ער הויבט שוין נישט אָן צו געדענקען, וואָס ער האָט אייך געזאָגט און וואָס איהר האָט איהם געענטפערט. איך זאָג נישט, אַז איהר האָט שטאַרקע סימפּאַטיעס איינער צום צווייטען; אָבער ער ווינשט אייך נישט קיין שלעכטס. איך וועל אייך זאָגען אָפען: ער אינטערעסירט זיך ווענינ מיט אייך און... מיט מיר אויך. ער טראַכט נאָר וועגען זיינע געשעפטען און פערגעניגענס.

זי האָט זיך געלאָזט געהן צום ביידעל. ער איז איהר נאָכגעגאַנגען נישט גערן, וואָרום ער האָט געוואוסט, אַז דאָרט איז דער אָרט, וואו עס ווערען געמאַכט ראַנדע-וואו׳ען פאַר בי-

ליגער ליעבע פאַר גראָבע פלירטען. זי האָט אויסגעקליבען דאָס טישעל, וואָס איז געווען אַממעהרסטען פערשטעלט.

—איך האָב אייך אַזוי פיעל צו זאָגען, עוואַריסט! פריינדשאַפט האָט איהרע געוויסע רעכט—וועט איהר מיר ערלויבען, איך זאָל זיי אויסנוצען? אויב איהר האָט גאָרנישט געגען דעם, וועל איך רעדען מיט אייך הויפּטזעכליך וועגען אייך, וועגען מיר אַליין אָבער ווייניג.

דער לימאָנאַדע-פערקויפער האָט צוגעטראָגען אַ פלאַש מיט גלעזער. זי האָט אָנגעגאָסען די גלעזער, ווי אַ גוטע, גאַסטפריינדליכע בעל-הבית'טע. דערנאָך האָט זי איהם געגומען דערצעהלען וועגען איהרע קינדער-יאָהרען, וואָס פאַר אַ וואוילע, שענע מוטער זי האָט געהאַט און ווי שטאַרק זי פערגעטערט איהר אָנדענקען. זי האָט אויך זעהר געריהמט איהרע גרויסעלטערן, מיט וועלכע זי האָט שטאַרק שטאָלצירט. ווייטער האָט זי איהם דערצעהלט, אַז צו זעכצעהן יאָהר איז איהר אָבגעשטאָרבען די מוטער, און פון דאַן-אָן לעבט זי איינזאַם, אָהן אַ שום נאָהנטען מענשען, פאַר וועמען זי זאָל קאָנען אויסרעדען דאָס האַרץ אין שווערע מינוטען. זי האָט זיך געשילדערט אַזוי, ווי זי איז: אַ לעבענס-לוסטיגע, אַ עמפּפינדליכע, אַ מוטיגע.

— עוואַריסט!—האָט זי צוגעגעבען — צו-טרויעריג און איינזאַם האָב איך פערבראַכט מיין יוגענד, אום נישט צו וויסען ווי אָבצושאַצען אַזאַ האַרץ, ווי אייערס. און איך מוז אייך זאָגען פאָראויס, אַז מיט'ן גוטען ווילען וועל איך נישט אָבלאָזען אָט דידאָזיגע פריינדשאַפט, אויף וועלכער איך האָב גערעכענט און וועלכע איז מיר אַזוי טייער געווען.

עוואַריסט האָט אַ קוק-געטהון אויף איהר מיט צערטליכקייט און פערוואונדערונג צוזאַמען.

—איז עס דען מעגליך, עלאָדי, אַז איהר זענט צו מיר נישט גלייכגילטיג? זאָל איך עס גלויבען?...

ער האָט זיך אָבער באַלד אָבגעשטעלט, מורא-האָבענדיג, טאָמער איז ער מיט דידאָזיגע ווערטער בעגאַנגען אַ גראָבען מיסברויך געגען אַזאַ צוטרויליכער פריינדשאַפט.

זי האָט צו איהם אויסגעשטרעקט איהר קליינע עהרליכע האַנד, וועלכע האָט זיך בלויז אויף העלפט אַרויסגעזעהן פון די לאַנגע, שמאָלע אַרבעל מיט האַפט ביי די ברעגען. איהר ברוסט האָט זיך געהויבען פון לאַנגע אָטעם-צוגען.

—איהר מעגט אויסטייטשען מיינע געפיהלען צו אייך, ווי נאָר איהר ווילט, און איהר וועט קיין טעות נישט האָבען ווע-גען די איבערלעבונגען פון מיין האַרץ.

—עלאָדי, עלאָדי... וועט איהר דידאָזיגע ווערטער איבער-זאָגען אויך דאַן, ווען איהר וועט וויסען...

ער האָט אַ ווײַלע זיך געוואַקעלט, אַראָבגעלאָזט די אויגען און דערנאָך פערענדיגט שטיל:

—...אַז איך ליעב אייך?

הערענדיג דידאָזיגע לעצטע ווערטער, איז זי רויט געוואָ-רען—פון פרייד, און בעת איהרע אויגען האָבען אויסגעדריקט אַ צאַרטע ליידענשאַפט, האָט אויף אַ ווינקעל פון איהרע ליפען גע-גען איהר ווילען זיך בעוויזען אַ שמייכעל. זי האָט ביי זיך גע-טראַכט:

„און ער מיינט, אַז ער האָט זיך ערקלערט דער ערשטער!...

און ער האָט מסתמא מורא, טאָמער בין איך אין כעס!...

און מיט אַ מילדער שטימע האָט זי זיך אָבגערופען:

—און איהר, מיין פריינד, האָט עס גאָר נישט בעמערקט, אַז איך ליעב אייך?

זיי האָבען ביידע געפיהלט עפעס, ווי זיי וואָלטען אויף דער גאַנצער וועלט איינע אַליין געווען. עוואַריסט האָט אויפ-געהויבען זיינע עקזאַלטירטע אויגען צום בלויען, ליכט-שפריצענ-דען הימעל.

—זעהט: דער הימעל קוקט אויף אונז! ער איז שען און געטליך, ווי איהר, מיין ליעבע; ער האָט אייער פראַכט, אייער מילדקייט, אייער שמייכעל.

ער האָט זיך געפיהלט פעראייניגט מיט דער גאַנצער נאַ-טור, וואָרום זי איז אינגאַנצען, דאַכט זיך, פערבונדען געווען מיט זיין שמחה, מיט זיין רוהם. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז

אַפילו די קאַשטאַנען-בלומען האָבען זיך אָנגעצונדען, ווי קאַנדע-לאַברען, און די הויכע פאַפּעל-בוימער האָבען זיך אויך אילומי-נירט—און אַלץ אום צו פייערן זיין פרייד, ער האָט זיך געשפּירט מעכטיג און גרויס.

עלאָדי, דאַגעגען, מיט איהר בויגזאַמען ווייבליכען האַראַק-טער, האָט אין יענעם מאָמענט אַ סך בעסער זיך געפיהלט אין דער ראָלע פון אַ שוואַכערען: באַלד נאָכדעם, ווי זי האָט איהם בעזיעגט, האָט זי קאַפּיטולירט פאַר איהם; איצט, ווען זי האָט איהם שוין, אייגענטליך, אַרונטערגענומען אונטער איהר הערשאַפט האָט זי גענומען קוקען אויף איהם, ווי אויף אַ העלד, ווי אויף אַ גאָט, וועלכען מען דאַרף פאָלגען, ליעבען און פאַר וועלכען מען דאַרף זיך מקריב-זיין. אונטער'ן שאָטען פונ'ם בוים האָט ער איהר געגעבען אַ לאַנגען, הייסען קוש. זי האָט פערוואָרפען דעם קאָפּ אויף הינטען, און ליעגענדיג אַזוי אונטער'ן קוש, איינגע-פרעסט אין זיינע אָרעמס, האָט זיך איהר געדאַכט, אַז איהר גאַנץ לייב ווערט צושמאָלצען, ווי אַ שטיק וואַקס.

לאַנג האָבען זיי נאָך גערעדט וועגען זיך, פערגעסענדיג די גאַנצע וועלט. עוואַריסט האָט אַרויסגעזאָגט עפּעס פערנעבעל-טע, הויכע געדאַנקען, פון וועלכע עלאָדי איז אויסער זיך געווען פאַר ענטציקונג. זי, ווידער, האָט גערעדט וועגען פערשיעדענע קלייניגקייטען, מילדע און נוצליכע. דערנאָך האָט זי זיך בע-טראַכט, אַז זי קאָן לענגער נישט בלייבען, און מיט ענטשלאָסענ-הייט זיך אויפגעהויבען פון אָרט. די דריי בלימלעך, וועלכע זי האָט אויסגעריסען פון איהרע פענסטער-וואַזאָנען און געבראַכט מיט זיך, האָט זי איהם דערלאַנגט און אין אַ ווייסע אָרום איז זי שוין שנעל און גראַציעז אַריינגעשפּרונגען אין די דראָשקע, אין וועלכער זי איז אַהער געקומען צו-פאָהרען. דאָס איז גע-ווען אַ געלע, הויכע קאַרעטקע, און קיין שום אויסערגעוועהנליכעס איז נישט געווען צו זעהן נישט אויף איהר און אויך נישט אויפ'ן קוטשער. אָבער גאַמלען פלעגט כמעט קיינמאָל זיך נישט בענו-צען מיט קיין דראָשקעס, זיינע אַרומיגע מענשען אויך נישט. און ווען ער האָט געזעהן, ווי זי פאָהרט-אָב שנעל אין דערדאָ-

זיגער קאַרעטקע מיט די הויכֿע רעדער, האָט עס איהם עפּעס אַ שטאָך-געטהון אין האַרצען, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ שלעכטער סמן אויף שפּעטער. עפּעס ווי אין אַ האַלוציינאַציע האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז עלאָדי ענטלויפט פון איהם ווייט-ווייט אין אַ רייכֿע, לוסטיגע וועלט מיט פּרעכטיגע פּאַלאַצען, אין וועלכֿע ער וועט קיינמאָל נישט קאָנען אַריינקומען.

די דראָשקע איז פערשוואונדען געוואָרען. עוואַריסט איז געקומען צו זיך, אָבער טיעף אין האַרצען איז דאָך געבליבען ביי איהם אַ פערשטיקטע אַנגסט. ער האָט געפיהלט, אַז מעהר וועט ער שוין אַזעלכֿע מינוטען פון גליק און צערטליכֿקייט קיינמאָל נישט איבערלעבען.

ער איז דורכֿגעגאַנגען די עליזעע-פעלדער, וואו פרויען אין העלע קליידער זענען געזעסען אויף הילצערנע שטוהלען און גענעהט אָדער געהעפּט, קוקענדיג פון צייט צו צייט אויף זייערע קינדער, וועלכֿע האָבען זיך געשפּיעלט אונטער די בוימער. אַ הענדלערין פון נאַשערייען איז פאַרביי־געגאַנגען מיט אַ קיילעכֿדיגען קעסטעל, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ פּויק. גאַמלען האָט זיך דערמאָהנט די נאַשעריי-הענדלערין, וועלכֿע האָט זיך געזעצט נעבען איהם אויפ'ן באַנק אין דער אַלעע „דע וועוו", און איהם האָט זיך אויסגעדאַכֿט, אַז עפּעס אַ גאַנצע אייביגקייט איז שוין דורכֿגעגאַנגען צווישען דידאָזיגע צוויי בעגעגענישען. ער איז אַריבערגעגאַנגען דעם פּלאַץ „דע לאַ רעוואָלוסיאָן". אַריינקומענדיג אין טיולערי-גאָרטען, האָט ער דערהערט פון ווייטען אַ מאַסען-געשריי, ווי אין די אַמאָליגע טעג פון גרויסע געשעהענישען — אַזאַ געשריי, וואָס די פיינד פון דער רעוואָלוציע האָבען געהאָפט, אַז מען וועט עס שוין קיינמאָל מעהר נישט הערען. ער האָט גענומען געהן שנעלער. צוקומענדיג צו דער אָנאָרע-גאַס, האָט ער זי געפונען געפּאַקט מיט מענשען, מענער און פרויען, וועלכֿע האָבען געשריען: „זאָל לעבען די רעפּובליק! זאָל לעבען די פרייהייט!" אויף די ווענד פון גאָרטען, אויף די פענסטער פון די הייזער, אויף די באַלקאָנען, אויף די דעכֿער — אומעדום זענען געשטאַנען מענשען און האָבען געפּאָכֿט מיט היט, מיט טי-כֿ

לעך. באַלד האָט זיך בּעוויזען אַ סאַפּיאָר, וועלכער האָט געמאַכט פריי דעם וועג פאַר אַ קאָרטעזש. אַרומגערינגעלט דורך מוניציפּאַלע אָפיציערן, סאָלדאַטען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, קאַנאָנירען, זשאַנדאַרמען און הוזאַרען, איז געגאַנגען אַ מאַן מיט אַ פערגאַלטען פּנים, מיט אַ אייכען-קראַנץ אויפ'ן שטערען. אָנגעטהון איז ער געוועזן אין אַנ'אַלטען, לאַנגען גרינעם ראָק מיט אַ קאָלנער פון ווייסען פוטער. די פרויען האָבען איהם געוואָרפען בּלומען. מיט זיינע געלע אויגען האָט ער געוואָרפען אַרום זיך דורכנעהמענדע בּליקען, פּונקט ווי ער וואָלט געזוכט, אויב עס געפינען זיך נישט צווישען דעמדאָזיגען בּעגייסטערטען המון פיינד און פעררעטער, וועלכע מען מוז בּעשטראָפען. גאַמלען האָט אַראָבּגענומען דאָס היטעל און צוזאַמען מיט דער איבּריגער הונדערטטויזענד-פאַכיגער שטימע האָט ער אַ געשריי געטהון:

—זאָל לעבּען מאַראַ!

ווי אַ שליח פּינ'ם שיקזאַל, ווי אַ אונבּעזיעגבּאַרע, אונפערמיידליכע קראַפט איז דער טריומפאַטאָר אַריינגעגאַנגען אין זאַל פון קאָנווענט. און נאָכדעם, בּעת דער המון איז שוין בּיסלעכווייז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, איז גאַמלען געזעסען אויף אַ ווינקעל-שטיין אין אָנאָרע-גאַס און האָט מיט זיין האַנד איינגעהאַלטען זיין קלאַפּענד האַרץ. דאָס וואָס ער האָט נאָר-וואָס געזעהן, האָט אויף איהם געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק. ער איז אינגאַנצען פול געוועזן מיט ליידענשאַפטליכער בּעגייסטערונג.

ער האָט מאַראַן פערגעטערט. וואָרום קראַנקערהייד, אַ צוּוואונדעטער און פיבּערנדער, האָט ער דאָך נישט אויפגעהערט אָבּצוגעבּען זיינע לעצטע כּחות דער רעפּובּליק; אין זיין בּעשיידענער וואָהנונג, וועלכע איז געוועזן אָפען פאַר אַלעמען, פלעגט מאַראַ איהם אָננעהמען מיט אָפענע אָרעמס, רעדען מיט איהם מיט דער בּעגייסטערונג פון אַ מענשען, וואָס טראַכט נאָר וועגען טובת הכּלל, און זיך נאָכפרעגען אָפטמאָל וועגען די פּלענער פון די פעררעטער. גאַמלען איז גליקליך געוועזן, וואָס מאַראַ'ס פיינד האָבּען מיט זייער פערשווערונג געגען איהם, פערקעהרט, איהם נאָך גרעסער געמאַכט. ער האָט געפיהלט אַטיעפע דאַנקבּאַרקייט

פאַר׳ן רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל, וועלכער האָט מיט זיין פריי־שפּרעכען דעם „פריינד פון פאָלק״, מאַראַ׳ן, אומגעקעהרט דעם קאָנווענט איינעם פון די פלייסיגסטע און עהרליכסטע געזעצגע־בער. ער שטעהט איהם נאָך פאַר די אויגען מיט זיין פיבער־ברע־נענדען קאָפּ, בעציערט מיט׳ן פרייהייטס־קראַנץ; דאָס פּנים איז, דאַכט זיך, קרענקליך, אָבער דאָך מעכטיג; אַ איידעלע שטאָלצ־קייט, אַ אונבעגרעניצטע ליעבע איז אויסגעגאָסען אויף איהם. מיט זיינע צונויפגעדריקטע ליפּען, מיט זיין ברייטער ברוסט האָט דער־דאָזיגער האַלב־גוסס׳ער ריעז אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט פון זיין היכלען, לעבעדיגען זיעגוואָגען אַראָבגעשריען צו זיינע מיטביר־גער: „זייט, ווי איך, פּאַטריאָטען ביז אין טויט אַריין!״

די גאַס איז שוין געוועזן ליידיג, די נאַכט האָט שוין אַ[illegible] בעדעקט מיט איהרע פליגלען. דער לאַמטערנע־צינדער איז [illegible] בּ־געגאַנגען מיט זיין צינד־שטעקען. גאַמלען האָט געמורמעלט [illegible] זיך:

—ביז אין טויט אַריין!...

V

ניין אַ זייגער אין דער פריהה‏אָט עוואַריסט געטראָפען עלאָדי'ן אין לוקסאַנבור-גאָרטען. זי איז געזעסען אויף אַ באַנק און געוואַרט אויף איהם.

שוין אַ מאָנאַט צייט, ווי זיי האָבען זיך ערקלערט אין ליעבע. יעדען טאָג פלעגען זיי זיך זעהן אָדער אין „מאַלער-ליעבע" אָדער ביי איהם אין אַטעליע אויפ'ן טיאָנוויל-פלאַץ, און פונדעסטוועגען איז געווען צווישען זיי אַ געוויסע צוריקגעהאַל-טענקייט און שעמעוודיגקייט. גענומען האָט זיך עס הויפּטזעכליך פון איהם, פון זיין ערנסטער און ריינער בעציהונג צו איהר, פון זיין עהרליכען, זויבערען האַראַקטער. שטרעבענדיג, זיך צו פער-אייניגען מיט זיין געליעבטער, האָט ער עס אָבער געוואָלט טהון נישט בעהאַלטענערהייד, נאָר פאַר גאָט און פאַר לייטען. עלאָדי האָט געוואוסט, ווי צו עהרען און שעצען אַזאַ מין בעשלוס. אָבער אַזוי ווי, פון איין זייט, איז חתונה האָבען דערווייל געווען לחלוטין אונמעגליך און, פון דער צווייטער זייט, האָט זי רייצען זיך מיט אַ וועלט דורך אַ אָפענער אונגעזעצליכער פערבינדונג אויך נישט געוואָלט, האָט זי קיין בייז נישט געזעהן דערין, אויב זי וועט דערווייל זיך פערבינדען מיט איהם בשתיקה. און צו דעם האָט זי טאַקי געשטרעבט. זי האָט געהאָפט, סוף-כל-סוף צו בע-זיעגען דידאָזיגע צוריקגעהאַלטענקייט זיינע און זיין איבערגעטרי-בענע עהרליכקייט. און נישט ווילענדיג פערליערען קיין צייט אויף

קלאָר צו מאַכען די פראַגע, האָט זי דאָס מאָל אָבגערעדט מיט איהם, זיך צו טרעפען אין גאָרטען, נעבען דעם שאַרטרע-מאָנאַס-טיר. דאָרט וועט זיי קיינער נישט שטערען.

זי האָט אויף איהם אַ קוק-געטהון מיט אַ צערטליכען, אָפען-הערציגען בליק, גענומען איהם פאַר דער האַנד און אַנידערגע-זעצט נעבען זיך.

—עוואַריסט, —האָט זי זיך צו איהם אָבגערופען, —צופיעל אַכט איך אייך, אום פון אייך עפּעס צו בעהאַלטען. איך האַלט, אַז איך בין אייך ווערט; איך וואָלט עס אָבער נישט געווען, ווען איך וואָלט אייך נישט אויסגעזאָגט דעם גאַנצען אמת. הערט מיך אויס און דאַן משפּט מיך. איך האָב מיר נישט פאָרצוואַר-פען קיין שום מאוס'ע זאַך אָדער אַפילו עפּעס עגאָאיסטישעס. איך בין אָבער געווען אַ שוואַכע און איינגעגלויבט אין מענשען... פערגעסט נישט, מיין פריינד, אין וועלכע אומשטענדען מיר איז אויסגעקומען צו לעבען. קיין מוטער האָב איך נישט; מיין פאָ-טער איז נאָך פערהעלטניסמעסיג יונג און מעהר ווי זיינע פער-גענינגענס האָט ער נישט געהאַט אין זינען. מיט מיר פלעגט ער זיך כמעט גאָר נישט אינטערעסירען. איך בין אָבער תמיד געווען אַ פיהלענד מיידעל: די נאַטור האָט מיך בעשאָנקען מיט אַ ווייך, עמפּפינדליך האַרץ. און האָטש איך קאָן מיך בעריהמען אויך מיט אַ גלייכען, געזונדטען שכל, פונדעסטוועגען האָט דאָס געפיהל דאַן גובר געווען דעם פערשטאַנד... יאָ, עוואַריסט, עס וואָלט איצט אויך, גלויב איך, דאָסזעלבע געווען, ווען ביידע, אי דאָס גע-פיהל, אי דער פערשטאַנד, וואָלטען צוזאַמען נישט געהערט אינ-גאַנצען צו אייך אויף אייביג!

איהרע אויסדריקען זענען געווען געוואויגען און געמאָסטען, און גערעדט האָט זי מיט אַ פעסטער ענטשלאָסענהייט. יעדעס וואָרט איז ביי איהר געווען אָנגעגרייט פון פריהער. שוין לאַנג האָט זי בעשלאָסען זיך מתודה צו זיין פאַר איהם. אַלס אָפען-הערציגע נאַטור, האָט זי, ערשטענס, אַ בעזונדער פערגעניגען גע-האַט, נאָכצוטהון זשאַן-זשאַק רוסאָ. צווייטענס, האָט זי גאַנץ לאָגיש געטראַכט ביי זיך: „עס וועט דאָך קומען אַ טאָג, ווען עוואַריסט

וועט זיך דערוויסען דעם סוד. אַ סך גלייכער און שענער פאַר מיר איז, איך זאָל איהם מיט מיין גוטען ווילען אַלץ אויסזאָגען, איידער ער זאָל זיך שפּעטער אַליין דערוויסען". אַלס אַ מענש מיט אַ גוטען כאַראַקטער און מיט נאָכגיעביגקייט פאַר דער נאַטור, האָט זי זיך נישט געפיהלט זעהר שולדיג און ס'איז איהר נישט שווער געווען, איהם צו דערצעהלען דעם גאַנצען אמת. איבריגענס, זי האָט געהאַט בדעה, איהם צו זאָגען בלויז דאָס נויטיגסטע.

—אַה, —האָט זי געזאָגט מיט אַ זיפץ,—טייערער עוואַריסט. פאַרוואָס זענט איהר נישט געקומען צו מיר אין יענע מינוטען, ווען איך בין אַזוי עלענד און פערלאָזען געווען?...

גאַמלען האָט פערשטאַנען איהר ביטע „זי צו משפּט'ן" גאַנץ פּשוט, בוכשטעבליך, און אַזוי ווי פון קינדווייז-אָן האָט ער געהאַט אין זיך אַ נייגונג און אַ זין צו די פונקציעס פון אַ שופט, איז ער גרייט געווען אויסצוהערען איהרע ערקלערונגען.

זעהענדיג, אַז זי וואַקעלט זיך, האָט ער איהר געגעבען אַ צייכען, זי זאָל רעדען.

און זי האָט געזאָגט מיט אַ גאַנץ איינפאַכען טאָן:

—איינעם אַ יונגענמאַן, וועלכער האָט געהאַט אי מעלות, אי חסרונות און האָט אָבער אַרויסגעוויזען בלויז די מעלות, בין איך אַמאָל געפעלען געוואָרען. ער האָט זיך גענומען אינטערעסירען מיט מיר מיט אַזאַ שטאַנדהאַפטיגקייט, וועלכע האָט מיך פּשוט פערוואונדערט: ער איז געווען אין דער רעכטער, בליהענדער יוגענד, פול מיט חן און דערצו נאָך האָט ער געהאַט בילד- שענע פרויען, וועלכע האָבען לחלוטין נישט בעהאַלטען פון איהם, אַז זיי פערגעטערן איהם... מיך אָבער האָט דערזאָגער יונגער מאַן פעראינטערעסירט נישט מיט זיין שענקייט און נישט אַפילו מיט זיין קלוגקייט... ער האָט מיך פּשוט גערירט מיט זיינע ליעבע-ערקלערונגען, און איך גלויב, אַז ער האָט מיך טאַקי מיט אַן'אמת געליעבט. ער איז געווען צו מיר אַזוי גוט, אַזוי ליעבליך! איך האָב פון איהם קיין שום פערפליכטונגען נישט געפאָדערט, ווייל פאַר מיר איז גענוג געווען, ער זאָל מיך בלויז ליעבען; אָבער... זיין האַרץ איז געווען אַ

צו-בעוועגליכעס. איך בעשולדיג קיינעם נישט, נאָר מיך אַליין; מיינע אייגענע זינד דערצעהל איך דאָ, נישט קיין אַנדערנס. איך האָב צו איהם קיין טענות נישט, וואָרום סיי-ווי-סיי איז ער מיר שוין פרעמד. איך שווער אייך, עוואַריסט, אַז ער איז איצט פאַר מיר אַזוי, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט עקזיסטירט.

זי איז געבליבען שטיל. גאַמלען האָט גאָרנישט געענט-פערט. ער האָט צוזאַמען געלעגט די הענד אויף דער ברוסט; זיין בליק איז געווען פערגליווערט און פערזאָרגט. ער האָט גע-טראַכט גלייכצייטיג וועגען איהר און וועגען זיין שוועסטער זשו-לי. יענע האָט אויך נישט געקאָנט ביישטעהן געגען זיסע ליעבע-ווערטער, אָבער וואָס פאַר אַ טיעפער תהום עס ליעגט צווישען זייביידען! זיין שוועסטער האָט זיך געלאָזט איבעררעדען, נישט ווייל איהר פיהלענד הארץ האָט זי צו יענעם געצויגען, נאָר ווייל עס האָט זיך איהר געוואָלט לעבען אין לוקסוס און פער-גענינגען ווייט פון איהרע אייגענע. מיט זיין שטרענג-צניעות׳די-גען חאַראַקטער האָט ער נישט געקאָנט אָננעהמען פאַר גוט די אויפפיהרונג פון זיין שוועסטער און דאָס זעלבע איז ער גענויגט געווען צו טהון אויך איצט בנוגע צו עלאָדי׳ן.

עלאָדי האָט ווייטער גענומען רעדען מיט אַ ווייכער שטי-מע:

—איך בין געווען פערנאַרט מיט צו-הויכע געדאַנקען. איך האָב געמיינט, אַז אַלע מענשען זענען פון דער נאַטור עהרליך. מיין אונגליק איז געווען, וואָס איך האָב געטראָפען אויף אַ מענשען, וואָס איז ערצויגען געוואָרען נישט אינ׳ם גייסט פון דער נאַטור און פון מאָראַל, נאָר פון געזעלשאַפטליכע איינרע-דענישען, פון אייגענליעבע, פון פאַלשע עהרען-פרינציפּען, וועלכע האָבען אין איהם אויסגעאַרבייט אַ עגאָאיסטישען, גייציגען חאַ-ראַקטער.

דידאָזיגע אויסגערעכענטע ווערטער האָבען באַלד געמאַכט דעם געווינשטען איינדרוק. גאַמלענ׳ס אויגען זענען ווייכער גע-וואָרען. ער האָט אַ פרעג-געטהון:

—ווער איז ער, אייער פערפיהרער? איך קען איהם?

—ניין, איהר קענט איהם נישט.
—טאָ זאָגט מיר, ווי ער הייסט.
זי האָט פאָראויס פערשטאַנען, אַז ער וועט עס פרעגען. אָבער זי איז געווען בעשלאָסען, נישט נאָכצוגעבען.
—איך בעט אייך, פרעגט עס מיך נישט. איך האָב שוין אַזוי אויך צו-פיעל גערעדט—סיי פאַר מיר, סיי פאַר אייך.
ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו פאָדערן. דאַן האָט זי איהם ווייטער געזאָגט:
—אין די הייליגע אינטערעסען פון אונזער ליעבע וועל איך אייך גאָרנישט זאָגען אַזוינס, וואָס זאָל קאָנען אייך מיט עפּעס אויפקלערען וועגען דעמדאָזיגען זייטיגען מענשען. איך וויל נישט צורייצען און פערשטאַרקען אייער אייפערזוכט; איך וויל נישט, אַז צווישען אונזביידען זאָל זיך שטעלען אַ פינס-טערער שאָטען. שוין-זשע איצט, ווען איך האָב דעמדאָזיגען מענ-שען פערגעסען, דאַרף איך אייך געהן זאָגען, ווער ער איז?
גאַמלען האָט אָבער נישט נאָכגעלאָזט און ווייטער געפּאָ דערט, זי זאָל איהם זאָגען דעם נאָמען פון איהר פערפיהרער. דאָס וואָרט „פערפיהרער" האָט ער מיט פערביסענהייט איבער-געזאָגט יעדעס מאָל, וואָרום פאַר איהם איז קיין קלענסטער ספק נישט געווען, אַז עלאָדי איז דאָ פערפיהרט און אָבגענאַרט גע-וואָרען. ער האָט פשוט נישט געקאָנט בעגרייפען, אַז עס זאָל האָבען געווען אַנדערש, אַז זי זאָל האָבען געפאָלגט דער שטימע פון איהר בלוט און פלייש, זי, דאָס צאַרטע און שטאָלצע וועזען, וועט זיך אָבגעבען!... זיין פאַנטאַזיע האָט נישט אַנדערש געוואָלט, נאָר מען זאָל זי האָבען גענומען מיט געוואַלד אָדער מיט פאַלש-קייט, מען זאָל זי האָבען אריינגעצויגען אין אַ בעהעלטעניש און פערגעוואַלדיגט. פאָרזיכטיג, אָבער גלייכצייטיג ענערגיש האָט ער איהר גענומען שטעלען אויספיהרליכע אונבעקוועמע פראַגען וועגען אַלע איינצעלהייטען. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווי אַזוי די בעציהונגען זענען ענטשטאַנען, צי זיי האָבען געדויערט לאַנג, צי די פערהעלטניסען צווישען זיי זענען געווען רוהיגע שטורמישע און ווי אַזוי דאָס האָט זיך געענדיגט. און וועגען

וואָס ער זאָל נישט האָבען געפרעגט, איז ער יעדע ווײלע צו־ריקגעקומען צום פריהערדיגען פונקט — מיט וועלכע מיטלען מען האָט זי פערפיהרט, פונקט ווי מען וואָלט באמת בעדאַרפט אָנ־ווענדען דערצו מי יודע וועלכע אונגלויבליכע מיטלען. זײנע אַלע פראַגען זענען אָבער געווען אומזיסט. זי האָט עקשנות'דיג גע־שוויגען, קוקענדיג אויף איהם מיט פערטרעהרטע, בעטענדע אויגען. אָבער ווען עוואַריסט האָט געפרעגט, וואו עס געפינט זיך איצט יענער מענש, האָט זי געענטפערט׃

— ער איז אַוועקגעפאָהרען...

און זי האָט באַלד צוגעגעבען

— אַוועקגעפאָהרען פון פראַנקרייך.

— אַ עמיגראַנט!... — האָט גאַמלען אויסגעשריען.

זי האָט אויף איהם אַ קוק-געטהון מיט אַ שטומען בליק. עפּעס האָט עס אויף איהר געווירקט גלייכצייטיג אי בערוהיגענד, אי קרענקענד, זעהענדיג, ווי ער שאַפט זיך אין זיין פאַנטאַזיע אַזאַ ווירקליכקייט, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו זיינע פּאָליטישע ליידענשאַפטען; ווי ער טהוט-אָן זיין אייפערזוכט אין אַ יאַקאָבי־נישען מאַנטעל.

עלאָדי'ס געליעבטער איז אין דער-אמת'ן געווען אַ שריי־בערל און אַ שיק-אינגעל אין געריכט. זעהר אַ שען אינגעל, וועל־כען זי האָט פשוט פערגעטערט. אַפילו איצט קלאַפּט איהר דאָס האַרץ יעדעס מאָל, ווען זי דערמאָהנט זיך אָן איהם. ער פלעגט זוכען נאָר רייכע און עלטערע פרויען. פון עלאָדי'ן איז ער אַוועק צוליעב איינער אַ דאַמע, וועלכע האָט שוין אַ היבש ביסעל דורכגעמאַכט אין איהר לעבען. זי האָט איהם מסתמא גאַנץ שען בעלויהנט דערפאַר. נאָכדעם, ווי מען האָט איהם אָבגעשאַפט פון זיין שטעלע אין געריכט, איז ער אָנגעקומען אַרבייטען אין דער שטאָדט-פערוואַלטונג. איצט איז ער אַ סאָלדאַט אין דער קאַוואַ־לעריע, דערצו אַ פערברענטער יאַקאָבינער און לעבט אויפ'ן חשבון פון אַ פרוי.

— אַנ'אַריסטאָקראַט! אַנ'עמיגראַנט! — האָט ווייטער געשריען גאַמלען. זי האָט איהם נישט געזאָגט, אַז ער האָט אַ טעות, וואָ־

רום זי האָט טאַקי נישט געוואָלט, ער זאָל וויסען די זאַך, ווי זי איז.—און דער געמיינער יונג האָט דיך אַוועקגעוואָרפען?

זי האָט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

—מיין טייערע, דו ביזט אַ קרבן פון דער מאָנאַרכיסטישער פערדאָרבענהייט, און איך וועל מיך נוקם זיין פאַר דיר פון דעמדאָזיגען נידעריגען מענשען. זאָל ער נאָר מיר קומען אויף די אויגען! איך וועל איהם שוין דערקענען!

זי האָט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ גלייכצייטיג טרויעריג און שמייכלענדיג. אין אַלגעמיין איז זי אַ ביסעל ענטטוישט געווען. זי וואָלט צופריעדענער געווען, ווען ער זאָל זיין אין אַזעלכע פראַגען אַ ביסעל עמפּפינדליכער, נאַטירליכער און היציגער. זי האָט געפיהלט, אַז דערפאַר איז ער איהר מוחל אַזוי גיך, ווייל זיין פאַנטאַזיע איז אַ קאַלטע; ווייל דער סוד, וועלכען זי האָט איהם נאָר-וואָס דערצעהלט, דערוועקט נישט אין איהם קיין שום בילד, וואָס זאָל פייניגען דעם ליידענשאַפטליכען מענשען; ווייל צו דער גאַנצער געשיכטע בעציהט ער זיך בלויז, ווי צו אַ אונמאָראַלישען פאַקט אין מענשליכע בעציהונגען.

זיי האָבען זיך אויפגעהויבען פון אָרט און גענומען געהן דורך די גרינע אַלעען פון גאָרטען. ער האָט איהר געזאָגט, אַז פאַר די ליידען, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען, איז זי נאָך העכער אויסגעוואַקסען ביי איהם אין די אויגען. איהר אָבער איז אום דעם נישט געגאַנגען. זי האָט איהם געליעבט אָהן דעם אויך און בעוואונדערט דעם קונסט-זשעני, וועלכער האָט פון איהם אַרויסגעשיינט.

אַרויסגעהענדיג פון לוקסאַנבור-גאָרטען, האָבען זיי אין עגאַליטע-גאַס, אַרום דעם נאַציאָנאַלען טעאַטער, געטראָפען געזעמלען מענשען. דאָס האָט זיי נישט פערוואונדערט: שוין עטליכע טעג, ווי אין די מעהר פאַטריאָטישע קוואַרטאַלען האָט זיך שטאַרק געטומעלט. מען האָט פיעל גערעדט וועגען די ביי-ענטדעקטע אינטריגעס, וואָס זענען געגאַנגען פון אָרלעאַן; מען האָט געשמועסט, אַז ברוסאָ'ס מיטהעלפער האָבען געמאַכט יד אחת, צו אָרגאַניזירען אַ שחיטה אויף די רעפּובליקאַנער. גאַמלען אַליין

האָט מיט אַ קורצער צייט פריהער אונטערגעשריבען אַ פּעטיציע צו דער געמיינדע, מען זאָל אויסשליסען די איין-און-צוואַנציג פּערדעטער.

ווילענדיג דורכגעהן אונטער דער אַרקאַדע, וואָס פּעראיי- ניגט דעם טעאַטער מיט אַ דערבייאיגער געביידע, האָבען זיי בעדאַרפט פאַרבייגעהן פאַר אַ גרופּע בירגער אין קאַרמאַניאָל-וועס- טען, וועלכע זענען געשטאַנען און זיך צוגעהערט צו דער רע- דע, וואָס איינער אַ יונגער סאָלדאַט האָט געהאַלטען, שטעהענדיג אויף אַ העכערען אָרט. דער סאָלדאַט איז געוועזען שען, ווי פּראַק- סיטעל'ס אַ געטין-סטאַטוע מיט אַ קיווער פון לעמפּערט-פעל אויפ'ן קאָפּ. און גערעדט האָט ער וועגען מאַראַ'ן, „דעם פריינד פון פאָלק," וועלכען ער האָט בעשולדיגט אין נאַכלעסיגקייט.

—דו שלאָפסט, מאַראַ,—האָט ער געשריען —און די פע- דעראַליסטען שמידען דערווייל קייטען פאַר אונז!

ווי נאָר עלאָדי האָט דעם סאָלדאַט דערזעהן, האָט זי שנעל אַ זאָג-געטהון צו גאַמלענען:

—קומט גיכער!

זי האָט מורא צו שטעהן נעבען אַ געזעמעל, עס זאָל נישט ווערען פּלוצלינג אַ געלויף און אַ דריקעניש —אַזוי האָט זי איהם ערקלערט.

קומענדיג צום פּלאַץ „דע לאַ נאַסיאָן", זענען זיי זיך פונ- אַנדערגעגאַנגען, שווערענדיג איינער דעם צווייטען אייביגע ליעבע.

יענעם פריהמאָרגען האָט דער בירגער בראָטאָ געבראַכט פאַר מאַדאַם גאַמלען אַ שענע מתנה—אַ פּעט הענדעל. עס וואָלט פון זיין זייט געווען אונפּאַרזיכטיג, ווען ער וואָלט געזאָגט, ווי אַזוי ער האָט עס בעקומען. דאָס האָט איהם געגעבען איינע אַ הענדלערין פון די האַלעס, פאַר וועלכע ער פלעגט פון צייט צו צייט עפּעס שרייבען, ווען זי האָט בעדאַרפט. אַלע האָבען געוואוסט, אַז די הענדלערינס פון די האַלעס זענען געשטימט

מאָנאַרכיסטיש און אַז איניגע פון זיי פיהרען אַפילו אַ קאָרעס-פאָנדענץ מיט עמיגראַנטען. מאַדאַם גאַמלען האָט אָנגענומען די מתנה מיט דאַנקבאַרקייט. אַזעלכע זאַכען זענען דאַן געווען אַ יקר-המציאות. דער יקרות האָט געהאַלטען אין איין שטייגען. עס איז פאָרגעשטאַנען אַ אמת׳ער הונגער. פאַר די אַריסטאָקראַטען, האָט מען געזאָגט, איז עס געווען ווי געוואונשען, און די ספעקולאַנטען האָבען זיך געגעבען די מיה, וואָס גיכער עס צו פערווירקליכען.

מאַדאַם גאַמלען האָט איינגעלאַדען דעם הערר בראָטאָ צו מיטאָג, כדי צוזאַמען צו עסען דאָס הענדעל. ער האָט די איינלאַדונג מיט פערגעניגען אָנגענומען. אַריינקומענדיג צו איהר, האָט ער איהר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט פאַר דעם גוטען קיך-ריח, וואָס האָט זיך דאָרט געהערט. און, באמת, אין אַטעליע האָט זיך געפּיהלט דער ריח פון אַ געשמאַקער, פעטער זופּ.

—אַ דאַנק פאַר אַ גוט וואָרט, —האָט מאַדאַם גאַמלען איהם געענטפערט.—כדי דער מאָגען זאָל מקבל פנים זיין אייער הענדעל, ווי עס פאַסט פאַר איהם, האָב איך אַלס פאָרשפּייז אויסגעקאָכט אַ שטשאַוו מיט אַ שטיקעל פעטס און מיט אַ ביין. ס׳איז נישטאָ נאָך אַ זאַך, וואָס זאָל אַזוי בע׳טעמ׳ען אַ געקעכטס, ווי אַ מאַרך-ביין.

—דאָס איז זעהר אַ שענער פּרינציפּ, מאַדאַם, —האָט זיך אָבגערופען דער אַלטער בראָטאָ, —און איהר וועט זעהר קלוג טהון, אויב איהר וועט מאָרגען, איבערמאָרגען און טאַקי אַ גאַנצע וואָך אַריינלעגען דעם זעלבען ביין אין אייער זופּ. די טרעפּעריין פון פאַנזוסט פלעגט טאַקי אַזוי טהון יעדעס מאָל ביי׳ם קאָכען איהר קרויט.

—די דאַמע, וועגען וועלכער איהר רעדט, מיין הערר, האָט געמוזט זיין אַ ביסעל אַ קאַרגליכע, אויב זי פלעגט אַזוי לאַנג ניצען דעם זעלבען ביין.

—זי האָט געלעבט זעהר שפּאָרזאַם, —האָט בראָטאָ געענטפערט, —וואָרום חאָטש אַ טרעפּערין, איז זי פונדעסטוועגען נעבעך געווען זעהר אַנ׳אָרימע.

אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען עוואַריסט. ער איז נאָך געווען זעהר צורודערט אונטער'ן איינדרוק פון עלאָדי'ס ודוי און האָט געטראַכט ביי זיך, אַז ער מוז חאַפּען דעם פערפיהרער און זיך נוקם זיין אָן איהם גלייכצייטיג פאַר דער רעפּובליק און פאַר זיין ליעבע.

נאָך די געוועהנליכע בעגריסונגס-העפליכקייטען האָט דער אַלטער בראָטאָ זיך אומגעקעהרט צום פריהערדיגען געשפּרעך:

—עס טרעפט זעהר זעלטען, אַז די, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט'ן פאָראויסזאָגען די צוקונפט, זאָלען רייך ווערען. וואָרום באַלד בעמערקט מען זייערע שווינדלערייען און מען בעקומט זיי פיינד. מען וואָלט זיי אָבער בעדאַרפט פיינד-האָבען נאָך פיעל מעהר, ווען זיי וואָלטען באמת פאָראויסגעזאָגט די צוקונפט. דאָס לעבען וואָלט פאַר יעדען מענשען אַ גיהנום געווען, ווען ער וואָלט געוואוסט, וואָס שפּעטער וועט זיין. פון פיעל שלעכטע זאַכען אין דער צוקונפט וואָלט ער זיך שוין פאָראויס געפּייניגט: די גוטע זאַכען פון דער געגענוואַרט, ווידער, וואָלטען איהם נישט איינגעגאַנגען, זעהענדיג, אַז זיי דאַרפען זיך ענדיגען. דיזאָזיגע אונוויסענהייט איז איינע פון די נויטווענדיגסטע בעדינגונגען פאַר'ן מענשען'ס גליק, און מען מוז מודה זיין, אַז מעהרסטענטיילס היטען מענשען גאַנץ גוט אָב די בעדינגונג. וועגען זיך אַליין ווילען מיר נישט וויסען און וויסען טאַקי נישט קיין זאַך; וועגען אַ צווייטען אָבער—אַלץ. יאָ, אין דער אונוויסענהייט ליעגט אונזער רוהיגקייט; אינ'ם ליגען—אונזער גליק.

מאַדאַם גאַמלען האָט אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש די זופּ. דעם גאַסט און דעם זוהן האָט זי אַוועקגעזעצט ביי'ם טיש און אַליין גענומען עסען, שטעהענדיג. בראָטאָ האָט איהר געבעטען זיך זעצען נעבען איהם. זי האָט אָבער נישט געוואָלט, וואָרום זי וויים —האָט זי געזאָגט—וואָס די העפליכקייט פאָדערט פון איהר.

.VI

צעהן אַ זייגער אין דער פריה. אין דער לופט האָט זיך נישט געשפירט אַפילו דאָס קלענסטע ווינטעלע. שוין לאַנג-לאַנג האָט מען נישט געדענקט אַזאַ הייסען יולי-מאָנאַט, ווי דעמדאָזיגען. אין דעם שמאָלען זשערוזאַלעם-געסעל זענען אַ הונדערט איינוואוינער פון דעם קוואַרטאַל געשטאַנען אויסגעשטעלט אין אַ רייהע נעבען דער טהיר פון אַ בעקער, אונטער'ן אויפזיכט פון פיער סאָלדאַטען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. די סאָלדאַטען זענען געשטאַנען, האַלטענדיג די ביקסען אויף דער ערד און געדרויכערט לולקעס.

דער נאַציאָנאַלער קאָנווענט האָט אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט, אין וועלכען עס איז בעשטימט געוואָרען פאַר יעדען מענשען אַ מאַקסימאַלע נאָרמע ברויט — און באַלד האָט מען שוין אין די אויגען נישט געזעהן קיין תבואה און קיין מעהל. פונקט ווי די יודען אין מדבר, האָבען די פאַריזער איינוואוינער געמוזט אויפשטעהן פאַרטאָג, אויב זיי האָבען געוואָלט האָבען וואָס צום עסען. דידאָזיגע אַלע מענשען—מענער, ווייבער, קינדער,—וועלכע זע-

נען געשטאַנען צוגעפּרעסט איינער צום צווייטען אונטער אַ הימעל, וואָס האָט געברענט, ווי צושמאָלצענער בליי, געוואָרימט די אונריינקייטען פון די רינשטאָקען און אַרויסגעצויגען פון אַלץ אַרום ריחות פון שוויס און פון שמוץ — זיי אַלע האָבען זיך געשטופּט, געהאַמפּערט, געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען מיט אַלע יענע געפיהלען, וואָס בלויז מענשען קאָנען האָבען איינער צום אַנדערן— מיט אַנטיפּאַטיע, עקעל, קנאה, תאוה אָדער סתם מיט גלייכגילטיגקייט. מען האָט שוין געהאַט אַ טרויעריגע פּראַקטיק, אַז קיין ברויט פאַר אַלעמען וועט נישט קלעקען. דעריבער האָבען די, וועלכע זענען אָנגעקומען די לעצטע, זיך געשטופּט צו זיין פון די ערשטע; יענע, ווידער, וועלכע האָבען פערלאָרען זייערע ערטער, האָבען געשריען, געליאַרימט, אָבער עס האָט נישט געהאָלפען. די ווייבער האָבען עקשנות'דיג געאַרבייט מיט די זייטען, אום צו פערהאַלטען זייערע ערטער, אָדער צו בעקומען בעסערע. ווען די דריקעניש פלעגט ווערען גרעסער, פלעגען זיך אויפהויבען געשרייען: „שטופּט זיך ניט!“, און יעדערער פלעגט זיך פערענטפערן, אַז מען שטופּט איהם אַליין.

כדי אָבצושאַפען דידאָזיגע טאָג-טעגליכע אונאָרדנונגען, זענען די קאָמיסאַרען פון דער סעקציע געווען געפאַלען אויף אַ פּלאַן: מען האָט אָנגעבונדען ביי דער טהיר פון בעקער אַ שטריק, אָן וועלכען די וואַרטענדע האָבען זיך געמוזט האַלטען מיט די הענד, יעדערער אויף זיין אָרט. אָבער די הענד זענען אויפ'ן שטריק געווען צו-גאָהנט איינער פון דער צווייטער, פלעגען אַרויסקומען האַמפּערייען. פלעגט עמיצער אָבלאָזען אויף אַ רגע דעם שטריק, פלעגט ער צוריק שוין נישט קאָנען איהם אָננעהמען. עס פלעגען זיך אויך געפינען אונצופריעדענע אָדער לצים, וואָס פלעגען גאָר פשוט איבערשניידען דעם שטריק, אַזוי, אַז סוף כל סוף האָט מען געמוזט זיך אָבזאָגען פון דעמדאָזיגען מיטעל.

אין דער רייהע האָט מען זיך שיער נישט דערשטיקט. מען האָט זיך געוויצעלט, געזאָגט שפּיציגע ווערטלעך, געזידעלט אויף וואָס די וועלט שטעהט די אַריסטאָקראַטען און די פּעדעראַליס-

טען, וועלכע זאָלען האָבען שולדיג געווען אין אַלע צרות. פלעגט פאַרבייגעהן אַ הונד, פלעגען די לצים איהם רופען „פיט". אָפט-מאָל פלעגט זיך דאָרט דערהערען אויך אַ קלינגענדיגער פּאַטש, מיט וועלכען אַ בירגערין פלעגט מכבד זיין איינעם, וואָס האָט זיך צו-פיעל ערלויבט. און אויף יעדעס וואָרט, אויף יעדען זשעסט, אויף יעדע האַלטונג, וואָס האָט געקאָנט אויפוועקען דעם פעפער-דינען פראַנצויזישען הומאָר, האָט אַ קאָמפּאַניע פון ווייסע חברה'-ניקעס יעדעס מאָל זיך אָבגערופען מיט'ן זינגען: „ס'וועט געהן!" נישט אַכטענדיג אויף די פּראָטעסטען פון איינעם אַנ'אַלטען יאַ-קאָבינער, וועלכער איז אויפגערעגט געווען, וואָס מען קאָמפּראָ-מעטירט מיט אַזעלכע שמוציגע הינטער-געדאַנקען אַ ליעד, וואו עס ווערט אויסגעדריקט דאָס רעפּובליקאַנישע גלויבען אין אַ צו-קונפט פון גערעכטיגקייט און פון גליק.

אַנ'אַפּישען-קלעפּער איז אָנגעקומען מיט אַ לייטער אונ-טער'ן אָרעם און האָט זיך געשטעלט קלעפּען אַנטקעגען דער בעקערייי אַנ'אַפּישע פון דער שטאָדט-פערוואַלטונג וועגען אַ בע-שטימטער נאָרמע פלייש פאַר יעדען איינציגען. עטליכע פאַרביי-געהענדע האָבען זיך אָבגעשטעלט לייענען די אַפּישע, וועלכע איז נאָך אינגאַנצען גלאַנציג געווען. אַ הענדלערין פון קרויט, וועלכע איז געגאַנגען מיט אַ קאָרב, צוגעבונדען אויפ'ן רוקען, האָט אַ זאָג-געטהון מיט איהר הייזעריגער שטימע:

—עהע, די עקסלעך האָבען שוין לאַנג געמאַכט פיס! חאָטש נעהם און פרעס די אייגענע קישקע.

פלוצלונג האָט פון אַ דערבייאיגער רינשטאָק-גרוב גענומען זיך הערען אַזאַ מאוס'ער, שטיקענדער גערוך, אַז אַלעמען האָט פערהאַפּט דער אָטעם. איין פרוי איז נישט גוט געוואָרען, און מען האָט זי געמוזט, אַ פער'חלש'טע, איבערגעבען צוויי סאָלדאַ-טען, וועלכע האָבען זי צוגעפיהרט צו אַ דערבייאיגען פּלומפּ. אַלע האָבען זיך פערשטאָפּט די נעזער. מען האָט אָנגעהויבען מורמלען. עס האָבען זיך גענומען הערען ווערטער, פול מיט אַנגסט און שרעק. מען האָט געפרעגט, וואָס דאָס קאָן זיין אַזוינס—צי ער-געץ נאָהנט איז אַ חיה בעגראָבען, אָדער מען האָט אונגערן מיט

עפּעס פּערסמ׳ט די לופט, אָדער אפשר האָט מען דאָ גאָר פּער-געסען ערגעץ אין אַ קעלער איינעם אַ דער׳הרג׳עטען פון דער סעפּטעמבער-שחיטה?

—מען האָט זיי דען דאָ אויך געלעגט

—מען האָט זיי אויסגעלעגט אומעדום.

—דאָס דאַרף זיין איינער פון יענע, וועלכע זענען געווען אין שאַטלע. איך האָב זיי דאַן געזעהן אַ מענגע פון דריי הונ-דערט מאַן אויף דער בריק „אָ שאַנזש״.

די פּאַריזער האָבען מורא געהאַט, אַז דידאָזיגע טויטע זאָ-לען זיך אָן זיי נישט נוקם זיין און פערגיפטען די לופט.

עוואַריסט גאַמלען איז געקומען זיך שטעלען אין דער רייהע. ער האָט געוואָלט פערשפּאָרען זיין אַלטער מאַמען צו שטעהן דאָ לאַנג און מיעד ווערען. זיין שכן, דער בירגער בראָטאָ, איז מיטגעגאַנגען מיט איהם רוהיג און שמייכלענדיג. פון דער קעשענע פון זיין טונקעל-רויטען ראָק האָט ביי איהם אַרויסגעשטעקט דער לוקרעציוס.

דער אַלטער האָט געזאָגט, אַז דידאָזיגע סצענע איז אַ גוט טעמאַ פאַר אַ פּאָלקס-בילדעל, וואָס ס׳וואָלט געדאַרפט מאַכען אַזאַ מאַלער, ווי טעניע*).

—אָט די אַלע טרעגער און ווייבער זענען אַ סך אינטע-רעסאַנטער, ווי די גריכען און רוימער, וועלכע זענען אַזוי אין דער מאָדע ביי אונזערע היינטיגע מאַלער. וואָס אַנבעלאַנגט מיך, איז מיר שטענדיג געפעלען געווען דער פלאַמאַנדישער סטיל.

אויס טאַקט און בעשיידענקייט האָט ער פערשוויגען, אַז ער בעזיצט אַ גאַנצע גאַלעריע פון האָלענדישע בילדער, וואָס לויט איהר כמות און איכות האָט זיך געקאָנט גלייכען מיט איהר בלויז דער קונסט-קאַבינעט פין ה׳ דע שואַזעל.

—אַ חוץ דעם אַלטערטימליכען סטיל אין אַלץ, וואָס איז

---

*) טעניע, צווי פלאַמאַנדישע מאַלער פון XVII-טען יאָהרהונדערט, אַ פאָטער מיט אַ זוהן, וועלכע זענען בעריהמט געוואָרען מיט זייערע רעאַליסטישע בילדער פונ׳ם פאָלקס-לעבען. איבערזעצער.

דורך איהם בעאיינפלוסט, איז מעהר נישטאָ קיין שענע זאַכען,— האָט גאַמלען געענטפערט.—איך בין מסכים מיט אייך, אַז די פּאָלקס-בילדלעך פון טעניע, פון סטעען אָדער פון ד׳אָסטאַד זע- נען אַ סך מעהר ווערט, ווי די שמירעכצען פון וואַטאָ, פון בושע אָדער פון וואַן לאָאָ. ביי יענע איז די מענשהייט, אמת, פער׳- מאוס׳ט, אָבער נישט ערנידעריגט און פערגרעבט, ווי ביי אַ באָ- דזוענ׳ען אָדער אַ פראַגאָנאַר׳ן.

אַ צייטונגס-פערקויפער איז דורכגעגאַנגען און געשריען:

—דער „בולעטען פון רעוואָלוציאָנערן-טריבונאַל!", די רשימה פון די פער׳משפט׳ע צום טויט!

—איין רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל איז ווייניג,—האָט זיך אָבגערופען גאַמלען.—עס דאַרף זיין אַזאַ טריבונאַל אין יעדער שטאָדט, וואָס זאָג איך? אין יעדען שטעדטעל, אין יעדען דער- פעל. יעדער פאַמיליען-פאָטער, יעדער בירגער מוז זיך ערקלערן אַלס ריכטער. ווען די נאַציע געפינט זיך אונטער די אַרמאַטען פונ׳ם פיינד און אונטער׳ן קינזשאַל פון די פעררעטער, איז יע- דער רחמנות דאָסזעלבע פערברעכען, ווי אַ פאָטער-מאָרד. וואָס הייסט! ליאָן, מאַרסעל, באָרדאָ האָבען זיך אויפגעבונטעוועט, קאָרסיקע האָט געמאַכט אַנ׳אויפשטאַנד, וואַנדעע איז אין פייער, מאַינץ און וואַלאַנסיען זענען אין די הענד פון דער קאָאַליציע; אומעדום איז פעררעט—אין די דערפער, אין די שטעדט, אין די לאַגערן, אפילו אויף די בענק פון נאַציאָנאַלען קאָנווענט. דער פעררעט האָט זיך פערקליבען מיט אַ מאַפּע אין דער האַנד אַזש אין די מיליטערישע ראַטען פון אונזערע גענעראַלען... די גיליאָ- טינע מוז ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד!

—אין תוך גערעדט, האָב איך נישט וואָס צו זאָגען געגען דער גיליאָטינע,—האָט געענטפערט דער אַלטער בראָטאָ.—די נאַטור, וועלכע איז מיין איינציגע לעהרערין און פיהרערין, איבערצייגט מיך באמת נישט, אַז דעם מענשענ׳ס לעבען זאָל האָבען אַ ווערטה. זי לערנט מיך, אייגענטליך, אויף אַללעריי אופנים פונקט דעם היפוך. דער איינציגער תכלית פון יעדען לעבעדיגען וועזען איז, דאַכט זיך צו, זיין אַ

פאַשע פּאַר אַנדערע לעבעדיגע וועזענס, וועלכע געהען ווידער אַמאָל אויך צום זעלבען ציעל. הרג׳ענען איז, הייסט עס, אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך, און דעריבער איז די טויט-שטראָף גאַנץ פערשטענדליך און געזעצליך — מיט׳ן תּנאי, אָבער, מען זאָל זי אָנווענדען נישט לשם עהרליכקייט און גערעכטיגקייט, נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל מען דאַרף זי האָבען, ווייל מען האָט פון איהר נוצען. מסתּמא אָבער האָב איך אין זיך עפּעס אוננאָרמאַלע אינסטינקטען, וואָרום איך קאָן נישט צוזעהן, ווי בלוט פליסט. און דאָס איז ביי מיר אַזאַ איינגעוואָרצעלטע פערדאָרבענהייט, אַז מיט מיין גאַנצער פילאָזאָפיע קאָן איך זי נישט אויסבעסערן.

—די רעפּובליקאַנער זענען מענשען מיט האַרץ, —האָט עונאַריסט געענטפערט —בלויז די דעספּאָטען טענה׳ן, אַז טויט-שטראָף איז אַ נויטווענדיגע זאַך, כּדי צו דערהאַלטען די מאַכט. עס וועט קומען אַ טאָג, ווען דאָס הערשענדע פאָלק וועט פערניכטען די טויט-שטראָף. ראָבעספּיער האָט געגען איהר געקעמפּפט, און מיט איהם צוזאַמען אַלע פּאַטריאָטען. עס איז קיינמאָל נישט צו-פריה, צו פּראָקלאַמירען דאָס געזעץ וועגען דער פערניכטונג פון טויט-שטראָף. אָבער פּערווירקליכען אין לעבען אַזאַ געזעץ וועט מען קאָנען ערשט דאַן, ווען דער לעצטער פיינד פון דער רעפּובליק וועט שוין האָבען אַוועקגעלעגט זיין קאָפּ אונטער׳ן שווערד פון דער גערעכטיגקייט.

גאַמלען און בראָטאָ האָבען שוין איצט געהאַט הינטער זיך אַ היבש ביסעל מענשען, וועלכע זענען געקומען נאָך זיי, דערין פיעל פרויען. צווישען זיי איז געווען איינע אַ הויכע, שענע שטריקערין, מיט אַ פאַטשיילע אויפ׳ן קאָפּ, אין הילצערנע שטעק-שיך, מיט אַ סאַבלע אַריבערגעהאַנגען איבער׳ן אַקסעל. ווייטער איז געשטאַנען אין אַ שטאַרק צוריסענער פאַטשיילע אַ שענע בלאָנדע מיידעל מיט צושויבערטע האָר. באַלד הינטער גאַמלענ׳ען איז געשטאַנען אַ יונגע מוטער, אַ בלייכע און דאַרע פרוי, וועלכע האָט געגעבען די ברוסט אַ קרענקליכען קינד.

דאָס קינד האָט אָבער נישט געפונען מעהר קיין מילך, האָט עס געשריען, אָבער די געשרייען זענען געווען זעהר שוואַ-

כֿע, דאָס חליפען האָט איהם געשטיקט. און די מאַמע איז גע-שטאַנען, אַ פערטרויערטע, און געקוקט אויף איהם, אויף זיין קליין, בלייך פנימ׳ל, אויף זיינע אָנגעצונדענע אויגלעך.

—נאָך גאָר אַנ׳עופ׳עלע, —האָט געמלען זיך אָבגערופען, אומקעהרענדיג זיך צו דעם אָרימען זויג-קינד, וואָס האָט האַרט ביי זיין רוקען געסאָפּעט אין דער שטופעניש פון די ביי-אָנגע-קומענע מענשען.

—ער איז אַ האַלב יאָהר אַלט, דאָס בעבעלע!... זיין טאַטע איז אין דער אַרמעע—פון יענע, וואָס האָבען אָבגעשלאָגען די עסטרייכֿער אין קאָנדע. ער הייסט דימאָנטיי און געאַרבייט האָט ער ביי געוואַנד. ער האָט זיך פערשריבען דאָרט, אויף דער טריבונע, וואָס מען האָט אַוועקגעשטעלט נעבען דעם ראָטהויז. ער האָט, נעבען, געוואָלט פערטיידיגען זיין פאָטערלאַנד און זעהן אַ ביסעל די וועלט... ער שרייבט מיר, איך זאָל האָבען געדולד. אָבער ווי אַזוי זאָל איך איהם זויגען, פויליקען, הייסט עס, אַז איך האָב אַליין נישט וואָס צו עסען.

—אָה! —האָט זיך אָבגערופען דאָס שענע בלאָנדע מיידעל:— מיר האָבען נאָך צו וואַרטען אַ גאַנצע שעה, און אין אָווענד וועט מען נאָך דיזעלבע צערעמאָניע דאַרפען דורכֿמאַכֿען ביי דער טהיר פון קאָלאָניאַל-געוועלב. אום צו בעקומען צוויי אייער און אַ האַלב פונט פוטער, מוז מען איינשטעלען דאָס לעבען.

—יאָ, יאָ, פוטער... —האָט זיך אָבגערופען מיט אַ זיפץ די בירגערין דימאָנטיי —שוין דריי חדשים, ווי איך האָב עס אין די אויגען נישט געזעהן.

און אַלע ווייבער האָבען גענומען ביטער זיך בעקלאָגען אויף דעם גרויסען יקרות, שילטענדיג מיט טויטע קללות די עמי-גראַנטען; זיי האָבען אויך גע׳טענה׳ט, אַז מען וואָלט בעדאַרפט גיליאָטינערען די קאָמיסאַרען פון די סעקציעס, וועלכֿע גיבען אַוועק גאַנצע הינער און פיער-פונטיגע לאַבענס ברויט די אויסגעלאַסענע ווייבלעך, מיט וועלכֿע זיי לעבען בשתיקה. מען האָט דערצעהלט בעאונרוהיגענדע מעשיות עפּעס וועגען אָקסען, וואָס מען האָט דער-טרונקען אין דער סענע, וועגען גאַנצע זעק מעהל, וואָס מען האָט

אויסגעשאָטען אין די רינשטאָקען, וועגען ברויט, וואָס מען האָט אַריינגעוואָרפען אין די קלאָזעטען... און דאָס אַלץ, האָט מען דערצעהלט, האָבען אָבגעטהון די פערהונגערער פון פאָלק—די ראָיאַליסטען, ראָלאַנדיסטען, בריסאָטיסטען, וועלכע זוכען אומצו־ברענגען די פאַריזער בעפעלקערונג.

פלוצלונג האָט דאָס שענע, בלאָנדע מיידעל, אין דער צו־ריסענער פאַטשיילע, גענומען מאַכען שרעקליכע קולות. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז איהר קלייד האָט זיך אָנגעצונדען, וואָרום זי האָט בעת מעשה דאָס קלייד געשאָקעלט און געוואָרפען אויף אַלע זייטען און אויסגעדרעהט די קעשענעס. זי האָט געשריען, אַז מען האָט איהר אַרויסגע׳גנב׳עט איהר טייסטער געלד.

דידאָזיגע גנבה האָט אַרויסגערופען ביים עולם א גרויסע אויפרעגונג. אָט די אַלע קליינע מענשעלעך, וועלכע האָבען אַמאָל חרוב געמאַכט די שענע הייזער אינ׳ם אַריסטאָקראַטישען פאָר־שטעדטעל „סאַן-זשערמען" און פערחאַפּט דעם „טולערי"-פאַלאַץ, נישט נעהמענדיג פון דאָרט גאָרנישט,—די אַלע בעלי-מלאכות און ווייבער וואָלטען מיט׳ן גאַנצען האַרצען פערברענט אויף אַש דעם שלאָס פון ווערסאַל; עס וואָלט זיי אָבער פאַר זיך אַליין אָנ׳אייביגע שאַנדע געווען, ווען זיי וואָלטען זיך ערלויבט צו נעהמען פון דאָרט וואָס אַ האָר איז ווערט. אייניגע ווייסע חברה׳ני־קעס האָבען לכתחלה געפּרובט אַרויסוואַרפען אַ פּאָר שטעכעדיגע וויצ־לעך וועגען דעם פאָרפאַל, אָבער דער עולם האָט עס באַלד איין אָנ־הויב נישט דערלאָזט. מען האָט שוין געגומען רעדען, אַז דעם גנב דאַרף מען מוזען אויפהענגען באַלד אויפ׳ן אָרט; מען האָט שוין אָנגעהויבען מיט רעש אין געפילדער מאַכען אַ חקירה ודרישה. די הויכע שטריקערין האָט באַלד אַ וויז-געטהון מיט׳ן פינגער אויף עפּעס אַנ׳אַלטען מאַן, וואָס האָט געצויגען אויף זיך דעם חשד, אַז ער איז אַ געוועזענער מאָנאַך. זי האָט געשוואָרען, אַז דאָס האָט „ער, דער קאַפּוצינער", אָבגעטהון דאָס שטיקעל אַר־בייט. דער עולם האָט עס באַלד אָנגענומען פאַר כשר, און ס׳האָבען זיך שוין גענומען הערען טויט-רופען.

דער אַלטער, צו וועלכען עס האָט זיך אַזוי געריסען די

גקמה פונ׳ם עולם, איז זיך גאַנץ בעשיידען געשטאַנען נעבען דעם בירגער בראָטאָ. ער האָט באמת אויסגעזעהן, ווי אַ גייסט-ליכער. זיין פנים איז געווען זעהר בכבוד׳יג און בע׳חנ׳ט, חאָטש אַ ביסעל צושראָקען פון די געוואַלדען, וואָס מען האָט געגען איהם געמאַכט. ס׳איז אויך קענטיג געווען, קוקענדיג אויף איהם, אַז איהם שטעהען נאָך היבש פאַר די אויגען די איבערלעבונגען פון די סעפטעמבער-טעג. די שרעק, וואָס זיין פנים האָט אויס-געדריקט, האָט איהם נאָך מעהר פערדעכטיג געמאַכט ביי׳ם עולם. דער המון מיינט שטענדיג, אַז בלויז די, וואָס פיהלען זיך שול-דיג, האָבען מורא פאַר זיין משפט, ער פערגעסט, אַז די נישט-בעדאַכטקייט און סטיכישקייט, מיט וועלכער ער משפט, קאָן ארויפוואַרפען אַ טויט-שרעק אַפילו אויף גאָר-אונשולדיגע.

בראָטאָ האָט געהאַט אַ כלל, אַז מען דאַרף קיינמאָל נישט געהן אַנטקעגען די געפיהלען פון המון, בפרט נאָך ווען ער איז נאַריש און ווילד, וואָרום „דאַן—אַזוי פלעגט ער זאָגען—איז די שטימע פון פאָלק די שטימע פון גאָט”. אָבער אין דעם פאַל האָט ער ביי זיין כלל זיך נישט געהאַלטען. ער האָט ערקלערט, אַז דער דאָזיגער מאַן, צי ער איז אַ קאַפּוצינער, צי נישט, האָט יעדענפאַלס נישט געקאָנט בעגעהן די גנבה, וואָרום ער איז צום מיידעל אַפילו נישט צוגעגאַנגען.

דער עולם האָט עס אָבער פערשטאַנען אַנדערש—אַז דער, וואָס פערטיידיגט אַ גנב, איז זיינער אַ מיטהעלפער, און מען האָט שוין גענומען מורמלען וועגען בעשטראָפען שווערביידע גנבים. ערשט ווען גאַמלען האָט זיך איינגעשטעלט פאַר בראָ-טאָ׳ן, האָבען די מיושב׳דיגערע מענשען פון עולם פאָרגעלעגט, מען זאָל זיי אַלעמען דריי אַוועקפיהרען אין צירקעל.

אָבער פלוצלונג האָט דאָס שענע מעדעל אויסגעשריען מיט שמחה, אַז זי האָט געפונען איהר טייסטער. באַלד דערויף האָט דער עולם זי גענומען זידלען. מען האָט איהר אַפילו גע-דראָהט, אָבצושמייסען פאַר אַלעמען אין די אויגען פאַר אַזאַ אומ-זיסטער בהלה.

—מיין הערר,—האָט דער גייסטליכער זיך אָבגערופען צו

בראָטאָ׳ן,—איך דאַנק אייך, וואָס איהר האָט זיך אָנגענומען פאַר מיר. מיין נאָמען איז דאָ נישט וויכטיג, נאָר דאָך וועל איך מיך פאָרשטעלען: איך הייס לואי דע לאַנגעמאַר. איך בין טאַקי אַ גייסטליכער, אָבער נישט קיין קאַפּוצינער, ווי די ווייבער האָבען געזאָגט, נאָר פון דעם בארנאביטען-אָרדען, וועלכער האָט אַרויס-געגעבען פון זיך אַזוי פיעל גרויסע געלעהרטע און הייליגע. ס'איז נישט גענוג צו בעטראַכטען אַלס שורש פון דעם דאָזיגען אָרדען דעם הייליגען שאַרל בּאַראָמיי: אַלס זיין אמת׳ער גרינ-דער דאַרף בעטראַכט ווערען דער הייליגער אַפּאָסטאָל פויל, און דער אָרדען טראָגט טאַקי אין זיין הערב די מאָנאָגראַמע פון דעם דאָזיגען אַפּאָסטאָל. איך האָב געמוזט פערלאָזען דעם מאָ-נאַסטיר, וואָרום אַהין האָט זיך אַריינגעקליבען די סעקציע פונ׳ם בעצירק „פאָן-נעף", און איבערטהון געוועהנליכע קליידער.

—פאָטער,—האָט בראָטאָ געענטפערט, בעטראַכטענדיג ה׳ דע לאַנגעמאַר׳ס לאַנגען, שוואַרצען מאַנטעל,—פון אייער בגד זעהט מען, אַז איהר האָט זיך נישט אָבגעזאָגט פון אייער שטאַנד. קו-קענדיג אויף אייער קליידונג, קאָן מען גיכער אָננעהמען, אַז איהר האָט אייער אָרדען רעפאָרמירט, אָבער נישט אינגאַנצען פערלאָ-זען. מיט אַזעלכע קליידער נעהמט איהר פרייוויליג אַרויף אויף זיך בעליידיגונגען און אונאַנגענעהמליכקייטען מצד דעם אונווי-סענדיגען המון.

—אָבער איך קאָן דאָך נישט אָנטהון אַ בלויען ראָק, ווי אַ טענצער,—האָט זיך אָבגערופען דער גייסטליכער.

—פאָטער, דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט וועגען אייער מאַנטעל, איז געזאָגט געווען בלויז אַלס שבח פאַר אייער חאַראַק-טער און אַלס אַ וואָרנונג געגען דער געפאַהר, וועלכע שטעקט אין דעם.

—מיין העבר, איהר וואָלט, פערקעהרט, בעסער בעדאַרפט מיר צו געבען מוט, איך זאָל ווייטער אָבהיטען מיין גלויבען. וואָרום איך בין, צום בעדויערן, אפשר צו-פיעל געניינט, מורא צו האָבען פאַר אַ סכנה. דאָס, וואָס איך האָב אויסגעטהון מיין פריהערדיגען בגד, איז דאָך שוין אויך אַ מין רענעגאַציע; איך

האָב געוואָלט, לכל הפחות, בלייבען אין יענעם הויז, וואו גאָט האָט מיר אין פערלויף פון אַזוי פיעל יאָהרען געגעבען די מעגליכקייט, צו פיהרען אַ שטיל, פערבאָרגען לעבען, מען האָט עס מיר ערלויבט; איך בין געבליבען וואוינען אין מיין פריהערדיגער קאמער, און גלייכצייטיג האָט מען איבערגעמאַכט דעם מאָנאַסטיר פאַר עפּעס אַ מין קליין ראָט-הויז, וואָס זיי האָבען אַ נאָמען געגעבען „סעקציע". יאָ, מיין הערר, איך האָב עס געזעהן... איך האָב געזעהן, ווי אַזוי מען האָט מיט האַמערס צוקלאַפּט די עמבלעמען פון הייליגען פויל; איך האָב געזעהן, ווי מען האָט אויפ׳ן אָרט פון פויל׳ס נאָמען אויפגעהאַנגען אַ מיצעל פון אַ קאַטאָרזשניק. אַמאָל פלעג איך זיין אויך ביי זייערע בעראַטונגען און פלעג הערען די מורא׳דיג-פערגרייזטע מיינונגען, וואָס פלעגען דאָרט אַרויסגעזאָגט ווערען. ענדליך אָבער האָב איך געמוזט פערלאָזען דעם דאָזיגען פערשוועכטען מקום קדוש און מיט דער פענסיע פון טויזענד פראַנק, וואָס איך בעקום יעהרליך, בין איך אַוועק לעבען אין אַ שטאַל, פון וואַנען מען האָט אַוועקגענומען די פערד פאַר דער אַרמעע. דאָרט ריכט איך אָב תפלות פאַר אייניגע גאָטספאָרכטיגע מענשען, וועלכע בעשטעטיגען מיט זייער קומען אַהין די אייביגקייט פון דער קריסטליכער קירכע.

—איך, פאָטער,—האָט יענער געענטפערט—אויב איהר ווילט וויסען, הייס בראָטאָ. אַמאָל בין איך געוועזן אַ פינאַנסיסט.

—מיין הערר,—האָט דער פאָטער לאָנגעמאַר זיך אָבגערופען—איך ווייס שוין לאַנג, דורכ׳ן ביישפּיעל פון דעם הייליגען מאַטהיאַס, אַז מען קאָן ערוואַרטען אַמאָל אַ גוט וואָרט אַפילו פון אַ שאַכער.

—צופיעל עהרע מאַכט איהר מיר, פאָטער.

—בירגער בראָטאָ,—האָט זיך אָבגערופען גאַמלען,—קוקט און בעוואונדערט אָט דעם דאָזיגען עולם. זיי זענען דאָך הונגעריג נאָך גערעכטיגקייט מעהר ווי נאָך ברויט: יעדערער איז גרייט געווען, צו פערלאָזען זיין אָרט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען בעשטראָפען אַ גנב. די אַלע מענער און ווייבער, וועלכע זענען אַזוי אָרים און שטעהען-אויס אַזוי פיעל צרות, טראָגען אין זיך אַ שטרענגע זיטליכקייט און קאָנען נישט פערליידען.

ווען עמיצער טהוט אַ נישט עהרליכען אַקט.

—מען דאַרף מודה זיין—האָט געענטפערט בראָטאָ,—אַז מיט זייער גרויסען חשק, אויפצוהענגען דעם גנב, האָבען זיי דאָ גע-קאָנט אָבטהון אַ מאוס שטיקעל אַרבייט מיט דעמדאָזיגען עהרלי-כען גייסטליכען און מיט יעדען, ווער עס וואָלט זיך פאַר איהם אָנגענומען. עס שטופט זיי דערצו זייער קמצנות און זייער עגאָ-איסטישע ליעבע צו זייער אייגענטום. וואָרום ווען אַ גנב ריהרט-אָן איינעם פון זיי, דראָהט ער דאָך דערמיט זיי אַלעמען, און דע-ריבער ווילען זיי זיך פאָראויס בעוואָרענען, בעשטראָפענדיג איהם. איבריגענס, ווי עס שיינט, זענען זיי אַלע גאַנץ אָרענטליכע מענ-שען און קיין פרעמד גוטס וועלען זיי נישט אָנריהרען. דאָס האָבען איינגעוואָרצעלט אין זיי פון קינדווייז-אויף זייערע טאַ-טעס און מאַמעס, וועלכע האָבען זיי מסתמא גאַנץ גענוג געשמי-סען און אַזוי אַרום אַריינגעזעצט אין זיי די עהרליכקייט דורכ'ן הינטען...

גאַמלען האָט נישט בעהאַלטען פון דעם אַלטען בראָטאָ, אַז אַזאַ מין שפּראַך געפינט ער נישט פאַסיג פאַר אַ דענקער.

—די עהרליכקייט,—האָט ער זיך אָבגערופען,—איז אינ'ם מענשען אַ געבאָרענע זאַך. אין האַרצען פון יעדען איינציגען האָט גאָט אַריינגעלעגט אַ קערנדעל דערפון.

—איך זעה, בירגער גאַמלען, אַז חאָטש אויף דער ערד זענט איהר אַ רעוואָלוציאָנער, זענט איהר אָבער בנוגע צו הימ-לישע פראַגען אַ קאָנסערוואַטאָר און אַפילו אַ רעאַקציאָנער. ראָ-בעספיער און מאַראַ זענען אויך אַזוי ווי איהר. און עפּעס קומט מיר אויס מאָרנע, אַז די פראַנצויזען, וועלכע ווילען נישט ליי-דען קיין שטערבליכען קעניג, זאָלען דוקא וועלען האָבען אַנ'אונ-שטערבליכען, וועלכער איז דאָך פיעל מעהר טיראַניש און גרוי-זאַם. וואָרום וואָס פאַר אַ בעדייטונג האָט די באַסטיליע אָדער אַפילו די אינקוויזיציע אין פערגלייך מיט'ן גיהנום? די מענש-הייט שאַפט זיך איהרע געטער לויט'ן מוסטער פון איהרע טי-ראַנען, און איהר, וועלכע האָט אַוועקגעשליידערט דעם אָריגי-נאַל, ווילט נישט אַנדערש האָבען די קאָפּיע!

—אָה, מיין הער!—האָט גאַמלען אויסגעשריען—ווי שעמט איהר זיך נישט צו רעדען אַזעלכע ווערטער? ווי קאָנט איהר פערגלייכען די פינסטערע אָבגעטער, וואָס זענען געשאַפען גע-וואָרען דורך אונוויסענהייט און מורא, מיט דעם בורא פון דער נאַטור? דאָס גלויבען אין אַ גוטען גאָט איז אונבעדינגט נויטיג פאַר דער מאָראַל, דאָס העכסטע ווזען—דאָס איז דער קוואַל פון אַלע הויכע מענשליכע מעלות, און מען קאָן קיין רעפּובלי-קאַנער נישט זיין, אויב מען גלויבט נישט אין גאָט. ראָבעספּיער האָט עס גאַנץ גוט געוואוסט, ווען ער האָט געהייסען דערוויי-טערן פון דעם יאַקאָבינער-זאַל דעם ביוסט פונ׳ם פילאָזאָף העל-וועציוס, וועלכער האָט צוגעפּאַסט דעם פראַנצויזישען גייסט צו דער קנעכטשאַפט מיט דעם, וואָס ער האָט געפּרעדיגט אַטעאיזם... וועניגסטענס, האָף איך, בירגער בראָטע, אַז ווען די רעפּובליק וועט פּראָקלאַמירען דעם קולט פון פערשטאַנד, וועט איהר פון אַזאַ קלוגער רעליגיע זיך נישט אָבזאָגען.

—איך האָב ליעב דעם פערשטאַנד, קיין פאַנאַטיזם אָבער צו איהם האָב איך נישט,—האָט בראָטאָ געענטפערט.—דער פער-שטאַנד איז אונזער בעגלייטער און בעלייכטער אויף אונזער וועג; ווען איהר וועט אָבער פון איהם מאַכען אַ גאָט, וועט ער אייך פערבלענדען און טרייבען צו אַלערליי פערברעכענס.

און שטעהענדיג שוין מיט ביידע פיס אין רינשטאָק, האָט בראָטאָ ווייטער אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען, פּונקט ווי ער פלעגט עס טהון אַמאָל, זיצענדיג אין יענע בעגולטע פאָטעלען פון באַראָן האָלבאַך, וועלכע זענען, ווי ער פלעגט זיך אויסדריי-קען, די באַזע פון דער נאַטור-פילאָזאָפיע.

— זשאַן-זשאַק רוסאָ, — האָט ער געזאָגט, — וועלכער האָט אַרויסגעוויזען געוויסע פעהיגקייטען, איבערהויפּט אין מוזיק, איז געווען ניש׳קשה פון א לץ. גע׳טענה׳ט האָט ער, אַז ער נעהמט זיין פילאָזאָפיע פון דער נאַטור, אָבער אין דער אמת׳ן האָט ער זי גענומען פון קאַלווינ׳ס פּרינציפּען. די נאַטור לערנט אונז, מיר זאָלען דריקען איינער דעם צווייטען, זי גיעט אונז דעם ביישפּיעל פון אַלערליי פערברעכענס און זינד, און בלויז אונזער

געזעלשאַפטליכע לאַגע בעסערט זיי אויס אָדער פערבאָרגט זיי. מען דאַרף זיין גוט און פרום—אַזוי זאָגען זיי; אָבער דאָס האָבען דאָך בלויז מענשען אויסגעטראַכט אַלס מיטעל, כדי זיי זאָלען קאָנען לעבען צווישען זיך רוהיג און געמיטליך. דאָס, וואָס מיר רופען „מאָראַל‟, איז נישט מעהר ווי אַ פערצווייפלונגס-מיטעל פונ׳ם מענשען געגען דעם נאַטירליכען סדר-העולם, וועלכער בעשטעהט אין קאמפף, אין פערטיליגונג, אין אַ בלינדען שפּיעל פון פערשיעדענע געגנערישע כחות. די דאָזיגע מאָראַל מאַכט פון זיך אַליין אַ חורבן, און וואָס מעהר איך טראַכט וועגען דעם, אַלץ מעהר איבערצייג איך מיך, אַז די וועלט איז פשוט משוגע. די טעאָלאָגען און פילאָזאָפען, וועלכע טענה׳ן, אַז גאָט איז דער בורא פון דער נאַטור און דער אַרכיטעקטאָר פון דער וועלט, שטעלען איהם פאַר דערמיט אַליין אַלס אַנ׳אונזיניגען און שלעכטען. זיי זאָגען, אַז ער איז אַ גוטער, ווארום זיי האָבען מורא פאַר איהם, אָבער זיי מוזען דאָך מודה זיין, אַז ער בעגעהט זיך אויף אַ גרויזאַמען אופן. לויט די דאָזיגע פילאָזאָפען קומט אויס, אַז גאָט האָט אין זיך אַזאַ בייזע פאַלשקייט, וועלכע ס׳איז זעלטען צו טרעפען אַפילו צווישען מענשען. און מיט דעם טאַקי מאַכען זיי איהם אזוי גרויס אין אונזערע אויגען. ווארום אונזער קלאָגעדיגע ראַסע וועט קיינמאָל נישט האָבען קיין קולט צו גוטע, גערעכטיגע געטער, פאַר וועלכע מען דאַרף נישט מורא האָבען; צו אַזעלכע געטער וועט זי קיינמאָל נישט פיהלען קיין דאַנקבאַרקייט פאַר זייערע חסדים, ווארום ס׳איז דאָך אַ דאַנקבאַרקייט, וואָס ברענגט קיין נוצען נישט... ווען נישט דער גיהנום מיט׳ן כף-הקלע, וואָלט דער רבונו של עולם געבליבען אַנ׳אָרימער שורה.

—מיין הערר,—האָט זיך אָבגערופען דער פּאָטער לאָנגעמאַר,—רעדט נישט וועגען דער נאַטור: איהר ווייסט נישט וואָס דאָס איז אַזוינס.

—כ׳לעבען, איך ווייס עס אַזוי גוט, ווי איהר, פּאָטער!

—ניין, איהר קאָנט עס נישט וויסען, ווייל איהר האָט נישט קיין רעליגיע, ווארום נאָר די רעליגיע אַליין לערנט אונז,

וואָס די נאַטור איז אַזוינס, מיט וואָס זי איז גוט און ווי אַזוי מען האָט זי קאַליע געמאַכט. איבריגענס, מיינט נישט, אַז איך וועל אייך ענטפערן: גאָט האָט מיך דערצו נישט בעשאָנקען מיט׳ן נויטיגען רעדנער-פייער און מיט דער געהעריגער איבערצייגונגס-קראַפט. איך האָב מורא, פערקעהרט, אַז מיט מיין אונפעהיגקייט דערצו וועל איך אייך בלויז געבען די געלעגענהייט, נאָך מעהר צו לעסטערן גאָט און צו זיין נאָך מעהר פער׳עקשנ׳ט. און אויב איך פיהל אין זיך א הייסען פערלאַנג אייך צו דיענען, וואָלט איך אַלס בעלוינונג דערפאַר געוואָלט נעהמען בלויז...

דידאָזיגע ווערטער זענען אָבער פלוצלונג איבערגעריסען געוואָרען דורך אַ לאַנגען געשריי, וועלכער האָט זיך דערהערט פונ׳ם אָנהויב פון דער רייהע. דער געשריי האָט אָנגעזאָגט דעם גאַנצען אויסגעהונגערטען עולם, אַז ענדליך האָבען זיך געעפענט די טהירען פון דער בעקעריי. מען האָט אָנגעהויבען געהן פאָראויס, אָבער זעהר לאַנגזאַם. איינער פון די סאָלדאַטען האָט איינציגווייז אַריינגעלאָזט די קונים אינעווענינ. אויסער דעם בעקער, זיין ווייב און דעם געזעלן, זענען דאָרט געוועזן צוויי ציוויל-קאָמיסאַרען מיט רויט-ווייס-בלויע בענדער אויף די אָרעמס. זיי האָבען קאָנטראָלירט, אויב יעדער קונה איז אַנ׳איינוואוינער פון דעם בעצירק, און אַכטונג געגעבען, מען זאָל קיינעם נישט פערקויפען מעהר ברויט, וויפיעל איהם קומט לויט דער צאָהל נפשות, וואָס ער האָט צו שפייזען.

דער בירגער בראָטאָ האָט געהאַלטען, אַז דער איינציגער תכלית פון לעבען איז—האָבען וואָס מעהר פערגעניגען. ער האָט איינגעפונען, אַז אַזוי ווי קיין געטער זענען נישטאָ, זענען אונזערע איינציגע ריכטער דער פערשטאַנד און די חושים. קיין אַנדער לעבענס-ציעל האָט ער נישט געקאָנט בעגרייפען. און אַזוי ווי אין דעם מאַלער׳ס ווערטער האָט ער געפונען צופיעל פאַנאַטיזם און אין דעם גייסטליכענ׳ס צופיעל נאַאיוויטעט, אום פון זיי הנאה צו האָבען, האָט ער געפונען פאַר וויכטיגער, אַרויסצונעהמען פון קעשענע זיין ליעבען לוקרעציוס און אַריינקוקען אין איהם אַ ביסעל, כדי דערווייל, וואַרטענדיג, צו שעפּען

נחת פון זיין איינציגען פערגעניגענס-קוואַל. די ווינקלען פון די רויטע טאָוולען זענען שוין געווען אויסגעריבען פונ'ם לאַנגען נוצען דאָס בוך; אויסערדעם, האָט בראָטאָ גרינדליך אַראָבגע-קראַצט פון זיי דעם הערב מיט די דריי אינזעלען, וועלכען זיין פאָטער האָט אַמאָל געקויפט פאַר אַ היבשע סומע מזומן. ער האָט אויפגעעפענט דאָס בוך אין יענעם אָרט, וואו דער פילאָזאָף, וועלענדיג אויסהיילען די מענשען פון צו-שטאַרקע ליעבע-איבער-לעבונגען, בעשרייבט, ווי אַזוי אַ פרוי זעהט-אויס, ווען זי מאַכט איהר אינטימען טואַלעט—אַ בילד, וואָס קאָן אָבטרייסלען פון זיך אַפילו דעם פייערדיגסטען ליעבהאָבער פון פרויען. בראָטאָ האָט געלעזען די דאָזיגע פערזען און פונדעסטוועגען האָט ער בעת מעשה פון צייט צו צייט געחאַפּט אַ קוק אויפ'ן בעגולטען קאַרק פון זיין שענער שכנ'טע מיט די בלאָנדע האָר, איינאָטעמענדיג אין זיך מיט תאוה דעם ריח פון דער הויט פון דער דאָזיגער מאוס'קייט... דער פאָעט לוקרעציוס איז געווען זעהר אַ קלוגער, אָבער זיין תלמיד בראָטאָ איז, קענטיג, נאָך קליגער געווען.

ער איז געשטאַנען און געלעזען, און יעדעס פיערטעל שעה האָט ער געמאַכט צוויי טריט פאָראויס. אומזיסט האָבען אַרום די ווייבער געפילדערט וועגען ברויט, צוקער, קאַווע, ליכט און זייף—ער האָט עס נישט געהערט; זיינע אויערען זענען אינגאַנ-צען אַריינגעטהון געווען אין די מעכטיגע טענער פון דער לאַ-טייגישער מוזע. און אַזוי איז ער ביסלעכווייז רוהיג צוגעקומען צו דער שוועל פון דער בעקעריי. הינטער איהם איז געשטאַנען עוואַריסט גאַמלען און האָט זיך צוגעקוקט צום אויסגעשניצטען, גאָלד-געפאַרבטען זאַנגען-בונד, וועלכער איז געהאַנגען אויף דער אייזערנער קראַטע איבער'ן אַריינגאַנג.

ענדליך איז עוואַריסט אויך אַריין אין בעקעריי. די קערב און די פאָליצעס זענען שוין געווען לעדיג. דער בעקער האָט איהם דערלאַנגט דאָס לעצטע לעבעל ברויט, וואָס איז איהם געבליבען, סך-הכל צוויי פונט. עוואַריסט האָט בעצאָהלט, און באַלד ווי ער איז אַרויס, האָט מען האַסטיג פערמאַכט הינטער איהם די קראַטע, אויס מורא, דער עולם זאָל זיך ניט אַריינ-

רייסען אין בעקערײ. אָבער ס׳איז, אייגענטליך, נישט געװען װאָס מורא צו האָבען: די אַלע אָרימע מענשען זענען שוין, סײ דורך זײערע פריהערדיגע בעדריקער, סײ דורך זײערע איצ-טיגע בעפרײער, גענוג אויסגעלערנט געװען צו פאָלגען אַלץ, װאָס מען הייסט, זענען זײ טאַקי אַװעקגעגאַנגען מיט אַראָבגע-לאָזטע קעפּ, שלעפּענדיג קוים די פיס.

װען גאַמלען איז צוגעקומען צום עק פון גאַס, האָט ער דערזעהן, װי די בירגערין דימאָנטײ זיצט אויף אַ װינקעל-שטײן מיט איהר עופ׳עלע אויף די הענד. זי איז געזעסען, װי אַ פּער-גליװערטע, בלייך, אָהן בעװעגונג, אָהן טרעהרען, אָהן בליקען. דאָס קינד האָט זשעדנע געזויגען איהר פינגער. אַ מאָמענט איז גאַמלען געשטאַנען נעבען איהר צוריקגעהאַלטען און קװענקלענ-דיג. עס האָט אויסגעזעהן, װי זי בעמערקט איהם גאָר נישט.

ער האָט עפּעס אַ מורמעל-געטהון עטליכע װערטער, דער-נאָך האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע זיין מעסער, זעהר אַ פּשוט צוזאַמענגעלעגט מעסער מיט אַ הענדטעל פון האָרן, אי-בערגעשניטען זיין לעבעל ברויט איבער׳ן מיטען און אַװעקגעלעגט איין העלפט אויף די קניע פון דער יונגער מוטער. זי האָט אויף איהם אַ קוק-געטהון מיט ערשטוינונג, אָבער ער איז שוין דער-װייל פערשװאונדען געװאָרען הינטער׳ן װינקעל פון גאַס.

קומענדיג אַהיים, האָט עװאַריסט געפונען זיין מוטער, זי-צענדיג ביים פענסטער און צירעװענדיג אַ זאָק. ער האָט איהר לוסטיג דערלאַנגט דאָס איבערגעבליבענע ברויט.

—דו װעסט מיך מוזען ענטשולדיגען, מאַמע: שטעהענדיג אַזוי לאַנג אויף די פיס אין אַזאַ היץ, בין איך זעהר פערמאַ-טערט געװאָרען, און געהענדיג צוריק אַהיים, האָב איך ביסלעכ-װייז, א ביס נאָך אַ ביס, אויפגעגעסען אַ האַלב ברויטעל. ס׳איז קוים געבליבען דיין חלק.

און זאָגענדיג עס, האָט ער כלומר׳שט אַראָבגעשאָקעלט פון זיין ראָק ברעקלעך ברויט.

VI.

בענוצענדיג זיך מיט אַנ׳אַלטען שפּריכוואָרט, פלעגט די
אלמנה גאַמלען ביי יעדער געלעגענהייט זאָגען: „מיר וועלען
אַזוי לאַנג עסען קאַשטאַנעס, ביז מיר וועלען אַליין ווערען קאַש-
טאַנעס״. יענעם טאָג, דעם 13-טען יולי, האָבען זיי ביידע, זי
און דער זון, טאַקי געמיטאָגט מיט אַ זופּ פון קאַשטאַנעס. ווען
זיי האָבען שוין געהאַלטען ביי׳ם ענדיגען זייער אָרימען מאָל-
צייט, האָט פּלוצלונג זיך געעפענט די טהיר און עס איז אַריין
אַ דאַמע. דאָס צימער איז באַלד פול געוואָרען מיט פאַרפומען-
ריחות. עוואַריסט האָט דערקענט די בירגערין ראָשמאָר. גלויבענ-
דיג, אַז זי האָט אַ טעות געהאַט מיט דער טהיר און אַז באמת
זוכט זי גאָר דעם בירגער בראָטאָ, מיט וועלכען זי איז אַמאָל
געווען שטאַרק בעפריינדעט, האָט ער שוין געוואָלט איהר אָנ-
ווייזען, וואו יענער וואוינט, אָדער אַרוף-טהון איהם אַהער, כדי
צו פערשפּאָרען אַנ׳עלעגאַנטער פרוי, זיך מטריח צו זיין און קלע-
טערן אויפ׳ן בוידעם-שטיבעל. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזען,
אַז זי איז טאַקי צו איהם, צום בירגער עוואַריסט גאַמלען, גע-

קומען, וואָרום זי האָט באַלד אויסגעדריקט איהר פרייד איהם צו זעהן און צו קאָנען זיך ערקלערען פאַר איהם, אַלס זיין אונטערטעניגע דיענסט.

לחלוטין פרעמד איינער דעם צווייטען זענען זיי נישט געווען: זיי האָבען זיך געטראָפען עטליכע מאָל אין דאַווידס אַטעליע, אין אַ טריבונען-לאָזשע פון פאַרלאַמענט, אינ׳ם קלוב פון די יאַקאָבינער, ביי׳ם רעסטאָראַטאָר וועגואַ: זי פלעגט איהם תמיד בעמערקען צוליעב זיין יוגענד, צוליעב זיין שענעם, אינטערעסאַנטען פנים.

איהר הוט איז געווען בעפוצט מיט בענדער און מיט פעדערן און האָט דערמאָהנט די היט, וועלכע עס טראָגען די פאָלקס-פאָרשטעהער, ווען זיי ערפילען זייערע פליכטען. זי איז געווען פערוקירט, אָנגעפודערט, געפאַרבט, פארפומירט, און איהר פנים האָט אויסגעזעהן זעהר פריש. די אַלע קינסטליכע מיטלען האָבען געוויזען, אַז זי לעבט מיט ברען, מען האָט געזעהן אויף איהר די גאַנצע פיבער-היץ פון דידאָזיגע שרעקליכע טעג, ווען קיינער ווייס נישט, וואָס דער מאָרגען וועט ברענגען. איהר ראָק מיט זיינע גרויסע פאַלדען און לאַנגע פאָלעס, וואָס האָט געבלישטשעט פון גרויסע שטאָהלענע קנעפ, איז געווען רויט, ווי בלוט. עפעס איז געווען אין איהר גלייכצייטיג סיי אַריסטאָקראַטישעס, סיי רעוואָלוציאָנערישעס, אַזוי אַז מען האָט נישט געקאָנט זאָגען אויף קלאָר, וועמען, אייגענטליך, די דאָזיגע רויטקייט סימבאָליזירט: די געשאָכטענע, צו די שעכטער? מיט איהר צוזאַמען איז אַריינגעקומען אַ סאָלדאַט, אַ דראַגונער.

מיט אַ לאַנגען פערלמוט-שטעקען אין האַנד, הויך, שען, אימפאָזאַנט, די ברוסט פול, איז זי אַרומגעגאַנגען אַרום דער אַטעליע, און צוטראָגענדיג צו איהרע סאַרע אויגען אַ גאָלדענעם לאָרניאָן, האָט זי בעקוקט דעם מאַלער׳ס בילדער. זי האָט געשמייכעלט, אויסגעדריקט ענטציקונג, אָבער געמיינט האָט זי בעת מעשה מעהר דעם שענעם מאַלער, ווי די שענע בילדער. זי האָט איהם געלויבט, אום אַליין געלויבט צו זיין.

—וואָס איז דאָס אַזוינס,—האָט זי געפרעגט—אָט דאָס מיל-

דע, ריהרענדע בילד פון אַ שענער, צאַרטער פרוי געבען אַ קראַנקען יונגערמאַן?

גאַמלען האָט געענטפערט, אַז דאָס בילד שילדערט דעם קראַנקען אָרעסט און זיין שוועסטער עלעקטראַ, וועלכע וואַכט איבער איהם. דערביי האָט ער צוגעגעבען, אַז אויב איהם וועט געלינגען, דאָס בילד צו פערענדיגען, וועט עס אַרויסקומען די בעסטע פון אַלע זיינע זאַכען.

—דער סוזשעט,—האָט ער ווייטער געזאָגט,—איז אַרויס-גענומען פון אייריפּיד׳ס טראַגעדיע „אָרעסט”. איך האָב אַמאָל אין אַן׳אַלטער איבערזעצונג פון דער דאָזיגער טראַגעדיע געליי-ענט די סצענע, ווי אַזוי די יונגע עלעקטראַ הויבט-אונטער איהר קראַנקען ברודער, ווישט איהם אָב דעם שוים פון די ליפּען, בעזייטיגט די האָר, וועלכע פערשטעלען איהם די אויגען און זי בעט איהם, איהר ליעבען ברודער, ער זאָל אויסהערען, וואָס זי וועט איהם דערצעהלען אינ׳ם שטילשווייגען פון די בייזע גייסטער. לעזענדיג עטליכע מאָל די דאָזיגע איבערזעצונג, האָב איך געפיהלט, ווי עפּעס אַ נעבעל פערהילט פון מיינע אויגען די גריכישע פאָרמען, אָבער אין דערזעלבער צייט האָב איך אויך געפיהלט, אַז איך קאָן דעם נעבעל פונאַנדערטרייבען. איך האָב מיר פאָר-געשטעלט, ווי קרעפטיג און נערוועז עס דאַרף זיין דער אָרי-גינעלער טעקסט. און פיהלענדיג אַ הייסען פערלאַנג צו האָבען וועגען דער זאַך אַ ריכטיגען בעגריף, בין איך אַוועקגעגאַנגען צום הערר גאַו, וועלכער איז דאַן געווען פּראָפעסאָר פון גריכיש אין „קאָלעזש דע פראַנס” (דאָס איז געווען אין יאָהר 91), און האָב איהם געבעטען, ער זאָל מיר פערטייטשען די דאָזיגע סצע-נע וואָרט ביי וואָרט. ער האָט מיין פערלאַנג ערפילט, און דאַן, האָב איך דערזעהן, אַז די פּאַרצייטיגע זענען געווען אַ סך מעהר פּשוט און פערשטענדליך, ווי מען שטעלט זיך עס געוועהנליך פאָר. עלעקטראַ זאָגט דאָרט צו אָרעסט׳ן: „ליעבער ברודער, וויפיעל פרייד דיין שלאָף האָט מיר פערשאַפט! ווילסטו, איך זאָל דיר העלפען זיך אויפהויבען?” און אָרעסט ענטפערט: „יאָ, העלף מיר, נעהם מיך, וויש-אָב דעם פערטריקענטען שוים פון

מיין מויל, וויש-אָב מיינע אויגען. לעג-צו דיין ברוסט צו מיינער און בעזייטיג פון מיין פנים די צונויפגעפלאָנטערטע האָר, ווייל זיי פערשטעלען מיר די שיין״... און אונטער׳ן איינדרוק פון דער דאָזיגער פּאָעזיע, אין וועלכער עס פיהלט זיך אַזוי פיעל יוגענד און לעבען, פון די איינפאַכע אויסדריקען מיט זייער גלייכצייטיגער נאַאיוויטעט און קראַפט, האָב איך אָנגעצייכענט דאָס בילד, וואָס איהר זעהט דאָ, בירגערין.

דער מאַלער, וועלכער פלעגט געוועהנליך רעדען וועגען זיינע ווערק מיט דער גרעסטער בעשיידענהייט, האָט אָבער וועגען דער דאָזיגער אַרבייט נישט געקאַרגט קיין ווערטער. אויפגעמונטערט דורך אַ צייכען, וועלכען ס׳האָט איהם געמאַכט די בירגערין ראָשמאָר מיט׳ן אויפהויבען איהר לאָרניאָן, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— דער מאַלער ענקען האָט מייסטערהאַפט געשילדערט אָרעסט׳ן אין זיין ברויזענדען צאָרן. אָבער פיעל מעהר איז אָרעסט ריהרענד מיט זיין טרויער, ווי מיט זיין צאָרן. וואָס פאַר אַ מערקווירדיג שיקזאַל ער האָט געהאַט! אויב ער איז בעגאַנגען דאָס שרעקליכע פערברעכען און דערהרג׳עט זיין מוטער, איז עס געווען בלויז אויס ריינער, אויפריכטיגער ליעבע פון אַ זוהן; ער האָט דערמיט ערפילט אַ הייליגען בעפעהל פון העכער. די געטער פערגיבען אַזאַ פערברעכען, מענשען אָבער ווילען עס קיינמאָל נישט מוחל זיין. אום נקמה צו נעהמען פאַר די צוטרעטענע גערעכטיגקייט, האָט ער זיך אָבגעזאָגט פון די נאַטירליכסטע געפיהלען, אַרויסגעריסען פון זיך דאָס אינעווענינגסטע און טיעפסטע. אונטער דער לאַסט פון זיין מורא׳דיגען און עהרליכען פערברעכען בלייבט ער אָבער שטאָלץ... און דאָס האָב איך טאַקי געוואָלט שילדערן אין דער דאָזיגער גרופּע פונ׳ם ברודער מיט דער שוועסטער.

ער איז צוגעגאַנגען נעהנטער צום בילד און גענומען עס בעקוקען מיט הנאה.

—אייניגע טיילען זענען שוין כמעט ווי פערענדיגט,—האָט ער געזאָגט,—צום ביישפּיעל: אָרעסט׳ס קאָפּ און די האַנד.

—ס׳איז אַ פּרעכטיגע אַרבייט... אָרעסט איז עהנליך צו אייך, בירגער גאַמלען.

—איהר מיינט אַזוי?—האָט דער מאַלער געענטפערט מיט אַ שעמעוודיגען שמייכעל.

זי האָט זיך געזעצט אויפ׳ן שטוהל, וואָס גאַמלען האָט איהר דערלאַנגט. דער יונגער דראַגונער איז געשטאַנען נעבען איהר, האַלטענדיג די האַנד אויפ׳ן אָנשפּאַר פון שטוהל. פון דעם האָט מען געקאָנט אַרויסזעהן, וואָס פאַר אַנ׳איבערקעהרעניש די רעוואָלוציע האָט געמאַכט. בעת׳ן אַלטען רעזשים וואָלט אַ מאַנס-פּערזאָן, געפינענדיג זיך אין אַ געזעלשאַפט, קיינמאָל אַפילו מיט אַ פינגער נישט אָנגעריהרט דעם שטוהל, וואו אַ דאַמע זיצט. אַזוי האָט געוואָלט די דאַמאָלדיגע עטיקעט. מען האָט מסתמא געגלויבט, אַז מיט דעם, וואָס מען איז פאַר לייטען שעמעוודיג און צוריק-געהאַלטען, בעקומט מען מעהר חן דאַן, ווען מען וואַרפט אַראָב פון זיך די חרפה אונטער פיער אויגען, וואָרום אום צו פערלי רען די בושה, מוז מען זי דאָך פריהער האָבען...

לואיז מאַשע דע ראָשמאָר איז געווען אַ טאָכטער פון דעם קעניג׳ס אַ יעגער-לייטענאַנט און אַנ׳אַלמנה נאָך אַ פּראָקוראָר. אין פערלויף פון צוואַנציג יאָהר איז זי געווען שטאַרק בעפריינדעט מיט׳ן פינאַנסיסט בראָטאָ דעז אילעט און איז געוואָרען אַנ׳אָנהענ-גערין פון די נייע אידעען. אין יולי 1790 האָט מען זי געזעהן גראָבענדיג מיט אַ גראַבליע די ערד אויפ׳ן מאַרס-פעלד. איהר שטאַרקע נייגונג צו אַלע יענע, וועלכע האָבען די מאַכט אין האַנד, האָט געבראַכט דערצו, אַז זי האָט זיך זעהר לייכט אַרי-בערגעוואָרפען פון די קאָנסטיטוציאָנאַליסטען צו די זשיראַנדי-סטען און פון זיי צו די עקסטרעמע יאַקאָבינער. אָבער אין דער-זעלבער צייט איז זי געווען אַ געבאָרענע פשרות-מאַכערין, אַ נאַ-טור, וואָס וויל אויף אַלץ אַ האַנד אַרויפלעגען, און דערצו נאָך מיט גרויסע פעהיגקייטען צו פיהרען אינטריגעס, און מיט די דאָ-זיגע אַלע אייגענשאַפטען האָט זי, פערשטעהט זיך, געהאַט אַ צוטריט אויך צו די אַריסטאָקראַטען און קאָנטער-רעוואָלוציאָנערען. אומעדום איז זי געווען פול—אין די פערוואָרפענסטע קאַבאַרעס-

לען, אין די טעאַטערען, אין די נייעסטע רעסטאָראַנען, אין שפּיעל-הייזער, סאַלאָנען, אין אַלע רעדאַקציעס, אין די אויפ-נאַהמס-צימערען פון אַלערליי קאָמיטעטען. די רעוואָלוציע האָט איהר געגעבען פערשיעדענאַרטיגקייט, פערוויילונג, שמייכלען, פרייד, געשעפט. זי האָט געפיהרט פּאָליטישע און ליעבע-אינ-טריגעס, געשפּיעלט האַרפע, געמאָלט פייזאַזשען, געזונגען ראָמאַנ-סען, געטאַנצט גריכישע טענץ, געמאַכט ביי זיך אָווענד-מאָלציי-טען, אָנגענומען מיט וויזיטען שענע פרויען, ווי די גרעפין דע באָפּאָר און די אַקטריסע דעקואַן, געשפּיעלט גאַנצע נעכט אין „איין-און-דרייסיג" און אין „בּיריבּי", האַלטענדיג די באַנק אָדער דרעהענדיג די רולעטע—און ביי דעם אַלעם האָט זי פונדעסט-וועגען געפונען צייט, צו זיין באַרמהערציג פאַר איהרע געליעב-טע... נייג'עריג און ריהרעוודיג, רוגז'עדיג און לייכטזיניג, קע-נענדיג איינצעלנע מענשען און נישט האָבענדיג קיין בעגריף וועגען מאַסען; זענענדיג פונקט אַזוי ווייט און פרעמד פון איהרע אייגענע, מ'שטיינס געזאָגט, מיינונגען, ווי ווייט און פרעמד זי איז געווען פון יענע מיינונגען, געגען וועלכע עס האָט איהר געלוינט אַרויסצוטרעטען; נישט אָנהויבענדיג אַפילו צו פערשטעהן די געשעהענישען, וועלכע פראַנקרייך האָט דאַן איבערגעלעבט,— פלעגט זי תמיד זיך אַרויסווייזען אַקטיוו, אונטערנעהמעריש, דרייסט. און גענומען האָט זיך איהר דרייסט פון צוויי זאַכען: ערשטענס, האָט זי נישט געוואוסט, אַז דאָס איז געבונדען מיט געפאַהר; צווייטענס, האָט זי געהאַט אַנ'אונבעגרענצטען בטחון אין דער קראַפט פון איהר שענקייט.

דער סאָלדאַט, וועלכער איז מיט איהר געקומען, איז גע-וועזען אַ בליהענד-יונגער. אויפ'ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַ קופּער-נע קאַסקע, בעפּוצט מיט פּאַנטערן-פעל. דער שפּיץ פון דער קאַסקע איז געווען פערפלאָכטען מיט טונקעלע זיידענע בענדלעך און פון דאָרט איז אַראָבגעהאַנגען אויפ'ן רוקען אַ לאַנגער עק פון האָר. זיין רויטע זשילעט, וועלכע האָט אויסגעזעהן, ווי אַ קינדער-קאָמיזעלקע, איז נישט דערגאַנגען ביז די לענדען, כדי נישט צו בעהאַלטען זיין עלעגאַנטע, בויגזאַמע טאַליע. ער—

האָט געטראָגען זעהר אַ לאַנגע סאַבלע מיט אַ גלאַנציגען הענדטעל, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ שנאָבעל פון אַנ׳אָדלער. די שטאַרק־אָנגעצויגענע העל־בלויע הויזען האָבען געוויזען די שענע, עלע־גאַנטע מוסקולען פון זיינע פיס; ביי די קניע האָבען זיך געשלענ־געלט שענע אַראַבעסקעס פון טונקעל־בלויע טאַסמעס. ער האָט בכלל אויסגעזעהן, ווי עפּיס אַ טאַנץ־מייסטער, וועלכען דאַווידס אַ תּלמיד, וואָס לעגט אַכט, אַז די פאָרמען זאָלען זיין פעסטע, וואָלט גענומען און אָנגעטהון אין אַזעלכע קליידער, כּדי ער זאָל שפּיעלען דערנאָך אַ ראָליע פון אַ העלד אָדער פון אַ פּערל׳יעבטען אין „אַ שול אין סיראָס״ אָדער אין „אַלעקסאַנדער׳ס חתונה״.

גאַמלענ׳ען האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט איהם שוין ער־געץ געזעהן אַמאָל. דאָס איז טאַקי געווען יענער סאָלדאַט, וועל־כען ער האָט מיט צוויי וואָכען צוריק געזעהן, האַלטענדיג אַ רע־דע פאַר׳ן המון אויף דער גאַלעריע פון נאַציאָנאַלען טעאַטער.

די בירגערין ראָשמאָר האָט איהם פאָרגעשטעלט:

— דער בירגער אַנרי, מיטגליעד פון רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט פונ׳ם בעצירק „מענשען־רעכט״.

שטענדיג פלעגט זי איהם האַלטען נעבען זיך, ווי אַ לע־בעדיגע צייכניש פאַר איהר פּאָליטישער כּשרות און פאַר איהרע ליעבע־געפיהלען.

מאַכענדיג דעם מאַלער עטליכע קאָמפּלימענטען פאַר זיין גרויסען טאַלענט, האָט זי דערנאָך איהם געפרעגט, צי ער וואָלט נישט איינגעוויליגט, אויסצומאָלען אַ רעקלאַמע־קאַרטע פאַר איי־נער אַ מאָדיסטין, מיט וועלכער זי אינטערעסירט זיך. דערביי האָט זי איהם אויפגעגעבען, וואָס דאָרט וואָלט בעדאַרפט זיין אויסגעמאָלט: ווי אַ פרוי שטעהט אַנטקעגען שפּיגעל און פּאַסט־צו אַ שאַל, אָדער ווי אַ יונגע אַרבייטערין טראָגט אַ שאַכטעל פון אַ הוט.

פאַר די דאָזיגע קליינע אַרבייט האָט מען איהר, אייגענטליך, רעקאָמענדירט פראַגאָנאַר׳ס זוהן, אַנדערע האָבען איהר געראַטען זיך צו ווענדען צום יונגען דוסי, מען האָט איהר געזאָגט אויך וועגען איינעם מיט׳ן נאָמען פרובאָם; אָבער זי האָט בעסער

געוואָלט זיך ווענדען צום בירגער עוואַריסט גאַמלען—אַזוי האָט זי דערצעהלט. זי האָט אָבער וועגען דעם נישט געגעבען קיין גענויערע ערקלערונגען, און ס'איז נישט שווער געווען צו פערשטעהן, אַז די דאָזיגע בעשטעלונג איז בלויז אַ אויסרעד. און געקומען איז זי טאַקי צוליעב גאָר אַן־אַנדער ענין. זי האָט געוואָלט בעטען בײ'ם בירגער גאַמלען אַ טובה: אַזוי ווי ער קען זיך מיט מאַראַ'ן, זאָל ער אַזוי פריינדליך זיין און אַריינפיהרען זי צום „פריינד פון פאָלק", מיט וועלכען זי וויל וועגען עפּעס רעדען.

גאַמלען האָט געענטפערט, אַז ער בעטראַכט זיך אַלס אַ צו־קליין מענשעלע, אום זי פאָרצושטעלען פאַר מאַראַ'ן. איבריגענס, ס'איז לחלוטין נישט נויטיג, עמיצער זאָל זי אַהין אַריינפיהרען: חאָטש מאַראַ איז אַזוי בעוואָרפען מיט אַרבייט, פונדעסטוועגען איז ער גאָר נישט אַזוי אונצוטריטליך, ווי מען דערצעהלט.

און גאַמלען האָט צוגעגעבען:

—ער וועט אייך אָננעהמען, בירגערין, אויב איהר זענט אונגליקליך. זיין גרויס הארץ איז אָפען פאַר יעדען אונגליקליכען און פול מיט רחמנות פאַר אַלע ליידענדע. ער וועט אייך אויך אָננעהמען, אויב איהר האָט איהם עפּעס צו ענטדעקען אַזוינס, וואָס איז נוגע די זיכערהייט פון פאָלק: ער האָט געווידמעט זיין לעבען, אַראָבצורייסען די מאַסקע פון די פעררעטער.

די בירגערין ראָשמאָר האָט געענטפערט, אַז זי וואָלט זיין גליקליך, צו קאָנען בעגריסען אין מאַראַ'ס פערזאָן אַ בעריהמטען בירגער, וועלכער האָט אַזוי פיעל נוצען געבראַכט דעם לאַנד און וועלכער איז פעהיג צו טהון נאָך פיעל מעהר. זי וואָלט אויך וועלען—האָט זי געזאָגט—איהם צוזאַמענברענגען מיט עהרליךדענקענדע מענשען, זעהר רייכע פילאַנטראָפּען, וועלכע וועלען קאָנען איהם געבען נייע מיטלען, צו בעפריעדיגען זיין הייסע ליעבע צו דער מענשהייט.

—עס וואָלט געווען געוואונשען,—האָט זי צוגעגעבען—מען

זאָל צוציהען די רייכע מענשען צו דער אַרבייט פאַר׳ן אַלגע-מיינעם גליק.

זי האָט טאַקי באמת צוגעזאָגט דעם באַנקיר מאָרהאַרדט, אַז זי וועט איהם צוזאַמענברענגען אויף אַנ׳אָווענד-מאָלצייט מיט מאַראַ׳ן.

מאָרהאַרדט איז אויך, ווי דער „פריינד פון פאָלק“, געווען אַ שווייצער. ער האָט זיך צוזאַמענגערעדט מיט עטליכע דעפּו-טאַטען פון קאָנווענט, וויזשוליען (פון טולוז), דעלאָנע (פון אַנזשע) און מיט׳ן געוועזענעם קאַפּוצינער שאַבאָ, צו טרייבען ספּעקו-לאַציע מיט די אַקציעס פון דער אינדישער קאָמפּאַניע. דאָס שפּיעל איז געווען זעהר אַנ׳איינפאַכעס. מען האָט בעדאַרפט דורך רמאות און שווינדעל מאַכען אַזוי, אַז די אַקציעס זאָלען אַראָבּ-פאַלען ביז 650 ליווּר, דאַן אויפקויפען זיי וואָס מעהר און דער-נאָך ווידער מיט שווינדעל אויפהויבען זיי אויף 4000 אָדער 5000 ליווּר. אָבער שאַבאָ, זשוליען און דעלאָנע האָט מען שוין גע-האַט אויפ׳ן אויג, לאַקרואַ, פאַרב ד׳עגלאַנטין און אַפילו דאַנטאָן זענען אויך שטאַרק געווען אין חשד. דער רעדעל-פיהרער פון דער דאָזיגער ספּעקולאַציע, באַראָן באַטץ, האָט דעריבער, זוכענ-דיג בייע מיטהעלפער אין קאָנווענט, געראַטען מאָרהאַרדט׳ן, ער זאָל זיך זעהן מיט מאַראַ׳ן.

דער פּלאַן פון די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערישע ספּעקולאַנטען איז גאָר נישט געווען אַזוי אויסטערליש, ווי מען האָט עס גע-קאָנט לכתחלה מיינען. די דאָזיגע פאַרשוינען פלעגען תמיד זיך בעמיהען, זיך צוצומאַכען צום העלד פון טאָג, און מאַראַ איז, מיט זיין פּאָפּולאַריטעט, מיט זיין פעדער און מיט זיין כאַראַק-טער, צו יענער צייט געווען אַ אונגעהויערע קראַפט. די זשי-ראָנדיסטען האָבען געהאַלטען אין איין פאַלען; די דאַנטאָניסטען האָט דער שטורם אינגאַנצען צוקלאַפּט, זיי האָבען שוין מעהר נישט רעגירט, ראָבעספּיער, ווידער, דער אָבגאָט פון פאָלק, איז געווען אונגעהויער עהרליך און פאָרזיכטיג; צו איהם האָט מען אַפילו קיין צוטריט נישט געהאַט. מען האָט, הייסט עס, בעדאַרפט פּרובען צוציהען צו דעם ענין מאַראַ׳ן און פערזיכערן זיך מיט

זיין הילף אויף שפּעטער, ווען ער וועט ווערען דיקטאַטאָר אי- בער׳ן לאַנד. און לויט אַלע סמנים האָט מען טאַקי געקאָנט גלוי- בען, אַז ער וועט ווערען דער דיקטאַטאָר: זיין פּאָפּולאַריטעט, זיין אַמביציע, זיין שטענדיגע גרייטקייט אָנצונעהמען די שאַרפ- סטע מיטלען—דאָס אַלץ האָט איהם געמאַכט ווי געבאָרען צו אַזאַ ראָליע. און אפשר איז ער טאַקי יענער מענש, וועלכער וועט קאָנען צוריקשטעלען די אָרדנונג, די פינאַנסען, דעם וואוילשטאַנד... אַ סך מאָל איז ער שוין אַרויסגעטרעטען געגען די היציגע קעפּ, וואָס האָבען איהם געוואָלט אַריבערשטייגען מיט זייער פּאַטריאָ- טיזם. שוין אַ געוויסע צייט, ווי ער קעמפּפט געגען די דעמאַ- גאָגען, פּונקט ווי געגען די מעסיגע. נאָך דעם ווי ער האָט אויפ- געהעצט דאָס פאָלק, אויפצוהענגען די ספּעקולאַנטען אין זייערע צוקלאַפּטע קרעמלעך, רופט ער שוין איצט, מען זאָל זיין רוהיג און פאָרזיכטיג. כ׳לעבען, ער ווערט ביסלעכווייז אַ רעגירונגס-מאַן.

נישט קוקענדיג אויף געוויסע קלאַנגען, וואָס מען האָט ווע- גען איהם פערשפּרייט, ווי מען האָט עס געטהון וועגען אַלע איבעריגע פיהרער פון דער רעוואָלוציע, האָבען די דאָזיגע גאָלד- דורשטיגע לייט דאָך נישט געגלויבט, אַז מען זאָל קאָנען מאַ- ראַ׳ן אָפּקויפען. זיי האָבען אָבער געוואוסט, אַז ער איז עהרען- גייציג און לייכט-גלויביג. דעריבער האָבען זיי געהאָפט, איהם צו נעהמען מיט חניפה און מיט „אַ גוט-ברודערישער" בעציהונג צו איהם, וואָרום אַזאַ בעציהונג—האָבען זיי געגלויבט—וועט פאַר איהם זיין די בעסטע חניפה. זיי האָבען אויסגערעכענט, צו קאָ- נען מאַכען מיט זיין הילף אַלץ, וואָס עס וועט זיך זיי פער- גלוסטען—הויבען און וואַרפען די אַקציעס, ווען זיי וועלען נאָר וועלען; שטויסען איהם צו דיענען זייערע אינטערעסען, און דער- ביי זאָל ער איבערצייגט זיין, אַז ער אַרבייט נאָר לטובת דעם פאָלק.

די בירגערין ראָשמאָר איז נאָך געווען יונג, אין די יאָהרען פון ליעבע, אָבער דאָך איז זי שוין געווען אַ היבשע קאָמבינאַ- טאָרין. זי האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע, צוזיפצובערענגען דעם געזעצגעבער-זשורנאַליסט מיט׳ן באַנקיר. איהר היציגע פאַנ-

טאַזיע האָט איהר שוין געשילדערט אַ בילד, ווי אַזוי דער דאָזיגער קעלער-מענש, וואָס זיינע הענד זענען נאָך נישט אָבגעטריקענט פונ׳ם בלוט פון די סעפּטעמבער-קרבנות, וועט אַריינגעפּלאָכטען ווערען צווישען די באַנקירען, וועלכע האָבען זי אונטערגעשטעלט; ווי אַזוי ער וועט—טאַקי דורך זיין פּיהלבאַרקייט און עהרליכער נאַאיוויטעט—אַריינגעוואָרפען ווערען צווישען דעם דאָזיגען געזינדעל פון וואוכערניקעס, ליפעראַנטען, אויסלענדישע אַגענטען, שפּיעל-מייסטערס און אויסגעלאַסענע פרויען, וואָס איז איהר אַזוי ליעב און טייער.

זי האָט גענומען שטאַרק בעטען גאַמלענ׳ען, ער זאָל זי אַריינפיהרען צום „פריינד פון פאָלק". געוואוינט האָט מאַראַ נישט ווייט פון דאָרטען, אין דער קאָרבעליע-גאַס, נעבען דער קירכע. גאַמלען האָט לכתחלה געפּרובט זיך אָבזאָגען, אָבער סוף כל סוף האָט ער איינגעשטימט.

דער דראַגונער אַנרי האָט נישט געוואָלט געהן צוזאַמען מיט זיי, ערקלערענדיג, אַז ער וויל בלייבען פריי און אונאָבהענגיג אַפילו לגבי דעם בירגער מאַראַ. דער „פריינד פון פאָלק" האָט טאַקי גרויסע פערדיענסטען פאַר דער רעפּובליק,—אַזוי האָט דער סאָלדאַט גע׳טענה׳ט. אָבער לעצטענס איז ער אַ ביסעל נאָכגיביג געוואָרען. האָט ער דען אין זיין בלאַט נישט געראַטען דער פּאַריזער בעפעלקערונג, צו זיין רוהיג און רעזיגנירען?

און דאָ האָט דער יונגער אַנרי מיט אַ מעלאָדישער שטימע און מיט לאַנגע זיפצען גענומען בעקלאָגען די רעפּובליק, וועלכע איז פערראַטען געוואָרען אַפילו דורך איהרע זיכערסטע מענשען: דאַנטאָן בעקעמפּפט דעם געדאַנק וועגען אַרויפלעגען אַנ׳אָבצאָהל אויף די רייכע; ראָבעספּיער טרעט-אַרויס געגען דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ פון די סעקציעס; מאַראַ פּאַראַליזירט דעם פאָלק׳ס ווילען מיט זיינע קלייגליכע, שרעקעוודיגע עצות.

—אָ!—האָט ער אויסגעשריען—ווי קליין און ווי נישטיג די דאָזיגע לייט זעהען אויס אין פערגלייך מיט אַ לעקלערק, מיט אַ זשאַק רו!... רו! לעקלערק! די אמת׳ע פריינד פון פאָלק זענען איהר!

גאַמלען האָט גראַדע נישט געהערט דידאָזיגע ווערטער, וועלכע וואָלטען איהם זיכער אויפגערעגט: ער איז געווען אַריינגעגאַנגען אין צווייטען צימער, אָנצוטהון זיין בלויען ראָק.

—איהר מעגט זיין שטאָלץ מיט אייער זוהן,—האָט זיך אָבגערופען די בירגערין ראָשמאָר צו מאַדאַם גאַמלען.—ער איז גרויס סיי מיט זיין טאַלענט, סיי מיט זיין חאַראַקטער.

די בירגערין גאַמלען האָט, אַלס ענטפער דערויף, אויך געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגען איהר זוהן, אָבער נישט אַרויסווייזענדיג דערביי קיין גאוה פאַר אַזאַ אויסגעפוצטער דאַמע, וואָרום פון קינדווייז-אָן האָט זי געוואוסט, אַז די ערשטע אויפגאַבע פון קליינע מענשעלעך לגבי גרויסע איז—זיך האַלטען בעשיידען. עס האָט זיך איהר געוואָלט אויסרעדען אַ ביסעל דאָס האַרץ. אויף וואָס זיך צו בעקלאָגען האָט זי געהאַט נאָך צופיעל און רעדען איז טאַקי געווען פאַר איהר דאָס איינציגע מיטעל צו פערלייכטערן איהרע צרות. זי פלעגט בּרייט און אויספיהרליך דערצעהלען איהרע שמערצען פאַר יענע, וועגען וועלכע זי האָט געגלויבט, אַז זיי קאָנען איהר מיט עפּעס העלפען, און מאַדאַם ראָשמאָר האָט איהר טאַקי אויסגעזעהן צו זיין אַזעלכע. אויסנוצענדיג דעם גינסטיגען מאָמענט, האָט זי איהר מיט איין אָטעם דערצעהלט זייער עלענדע לאַגע, אין וועלכער עס קומט זיי אויס פון הונגער צו שטאַרבען. קיין בּילדער פערקויפען זיך נישט: די רעוואָלוציע האָט בכלל דעם האַנדעל דער׳הרג׳עט, ווי מיט אַ מעסער. קיין לעבענס-מיטעל איז נישט צו בעקומען, דער יקרות איז מורא׳דיג.

די אָרימע פרוי האָט געשילדערט איהר טרויעריגע לאַגע קורץ און שאַרף. זי האָט געוואָלט ענדיגען איידער דער זוהן וועט צוריק אַריינקומען, וואָרום איהם מיט זיין שטאָלצער נאַטור וואָלטען אַזעלכע בעקלאָגונגען לגמרי נישט געפעלען געוואָרען. זי האָט זיך בעמיהט, אין וואָס וועניגער צייט צו מאַכען גערירט די דאָזיגע דאַמע, וועלכע איז מסתמא זעהר אַ רייכע, און פעראינטערעסירען זי מיט׳ן שיקזאַל פון איהר קינד. און זי, די מאַמע, האָט געפיהלט, אַז צוואַריסט׳ס שען פנים וועט איהר אַ

רעכט ביסעל פערלייכטערן די אויפגאַבע, אויפצוריהרען דאָס האַרץ פון אַ דאַמע פון דער הויכער געזעלשאַפט.

און די בירגערין ראָשמאָר האָט זיך טאַקי אַרויסגעוויזען צו זיין זעהר פיהלבאַר: די לאַגע פון עוואַריסט'ען און זיין מוטער האָט אויף איהר, קענטיג, געמאַכט אַ טיעפען איינדרוק. זי האָט גענומען זוכען מיטלען, ווי אַזוי זיי צו העלפען. זי וועט זעהן, — האָט זי געטראַכט — אַז איהרע רייכע בעקאַנטע זאָלען קויפען זיינע בילדער.

—וואָרום,—האָט זי צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל—פראַנקרייך האָט נאָך געלד, נאָר עס ליעגט בעהאַלטען.

אָדער נאָך בעסער: וויבאַלד די קונסט איז איצט אַזוי פערלאָזען און געפאַלען, וועט זי זעהן בעקומען פאַר עוואַרי-סטען אַ שטעלע ביי מאַרהאַרדט'ען אָדער ביי די ברידער פערע-גאָ, אָדער אפשר גאָר אַ פּאָסטען ביי אַנ'אַרמעע-ליפעראַנט.

זי האָט זיך אָבער באַלד בעטראַכט, אַז דאָס איז נישט צוגעפּאַסט פאַר אַ מענשען מיט עוואַריסט'ס האַראַקטער, און טראַכטענדיג אַ ווײַלע, האָט זי געמאַכט אַ צייכען, אַז זי האָט שוין געפונען דאָס ריכטיג-פּאַסענדע.

—עס דאַרפען נאָך בעשטימט ווערען עטליכע געשוואָרע-נע ריכטער אין רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל. אַ געשוואָרענער, אַ ריכטער—אָט דאָס פּאַסט פאַר אייער זוהן! איך בין ניט בע-קאַנט מיט די מיטגליעדער פונ'ם קאָמיטעט פאַר עפענטליכער זיכערהייט; איך קאָן גוט ראָבעספּיער דעם עלטערן; מיט זיין ברודער עס איך גאַנץ אָפט אָווענד-ברויט, איך וועל מיט זיי רעדען וועגען דעם. איך וועל הייסען רעדען אויך מיט מאָנטאַ-נע, מיט דומאַ, מיט פוקיע.

מאַדאַם גאַמלען, געריהרט און דאַנקבאַר, האָט אָבער באַלד צוגעלעגט דעם פינגער צום מויל: עוואַריסט איז צוריק אַריינגעגאַנגען.

ער איז אַראָבגעגאַנגען מיט דער בירגערין ראָשמאָר פון דעם פינסטערן טרעפּ, וואו די הילצערנע שטיגען זענען בעדעקט געווען מיט פערטריקענטער בלאָטע.

די זון איז שוין געהאַנגען נידעריג. אויף דער „נייער בריק" האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ לאַנגער שאָטען פון דעם פּיעדעסטאַל, וועלכער האָט אַמאָל געטראָגען אויף זיך אַ בראָנזען פערד און איז איצט בעפּוצט געווען מיט נאַציאָנאַלע פאַרבען. אויפ'ן בריק זענען געשטאַנען פיעל מענשען, מענער און פרויען, אין אָבגעזונדערטע גרופּען.

עפּעס איז דער עולם געשטאַנען פערטרויערט און שטיל, נאָר פון צייט צו צייט איז די אַלגעמיינע שטילקייט איבערגעריסען געוואָרען דורך אַ טיעפען קרעכץ אָדער דורך אַ צאָרן-געשריי. אַנדערע זענען שנעל געגאַנגען צו דער טיאָנוויל-גאַס, וועלכע האָט פריהער געהייסען דאָפין-גאַס. צוקומענדיג צו איינער פון די דאָזיגע גרופּען, האָט גאַמלען זיך דערוואוסט, אַז נאָר-וואָס איז מאַראַ ערמאָרדעט געוואָרען.

די ידיעה האָט זיך ביסלעכווייז בעשטעטיגט און מען האָט אָנגעהויבען זיך דערוויסען די איינצעלהייטען: ער איז ערמאָרדעט געוואָרען זיצענדיג אין וואַנע, דורך אַ פרוי, וועלכע איז ספּעציעל געקומען צו פאָהרען פון קען, אום צו בעגעהן דעם מאָרד.

אַנדערע האָבען געגלויבט, אַז די מערדערין איז אַנטלאָפען; דער גרעסטער טייל האָט אָבער געזאָגט, אַז זי איז אַרעסטירט.

און אָט זענען זיי דאָ איצט אַלע געשטאַנען, ווי אַ סטאַדע אָהן אַ פּאַסטעך.

זיי האָבען געטראַכט:

„מאַראַ, דער פיהלענדער, גוטער, האַרציגער מאַראַ איז שוין נישטאָ מיט אונז! ער וועט אונז שוין מעהר נישט בעגלייטען אויף אונזער וועג—ער, וועלכער האָט קיינמאָל קיין טעות נישט געהאַט, וועלכער פלעגט אַלץ פאָראויסטרעפען, אויף אַלץ וואַגען... וואָס טהוט מען איצט, וואָס וועט פון אונז ווערען? מיר האָבען פערלאָרען אונזער מנהיג, אונזער פערטיידיגער, אונזער פריינד". זיי האָבען געוואוסט, פון וואַנען דער קלאַפּ איז

געקומען, ווער עס האָט געלענקט די האַנד פון דערדאָזיגער פרוי.

—מאַראַ איז געפאַלען פון די זעלבע פערברעכערישע הענד, וועלכע ווילען אונז אַלעמען אומברענגען. זיין טויט איז בלויז אַ סיגנאַל אויף אויסצושעכטען אַלע פאַטריאָטען.

מען האָט דערצעהלט אויף פערשיעדענע אופנים וועגען די אומשטענדען פון דעמדאָזיגען טראַגישען טויט און וועגען דעם ערמאָרדעטענ׳ס לעצטע ווערטער. מען האָט געשטעלט איינער דעם צווייטען פראַגען וועגען דער מערדערין, וועגען וועלכער מען האָט בלויז געוואוסט, אַז זי איז אַ פרוי און אַז זי איז אונטערגעשיקט געוואָרען דורך די פעררעטערישע פעדעראַליסטען. קריצענדיג מיט די צייהן און ווייזענדיג די נעגעל, האָבען די פרויען גערופען אויף די מערדערין דעם גרויזאַמסטען טויט. די גיליאָטינע האָבען זיי פאַר איהר געפונען צו-גוט. אַזאַ אויס-וואורף וואָלט מען בעדאַרפט פערשמייסען מיט בייטשען, צומאָ-לען אין אַ ראָד, צופיערטלען—מען האָט אויסגעטראַכט אַלץ נייע טויטען נאָך פיעל שרעקליכערע.

בעוואָפענטע סאָלדאַטען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע האָבען געפיהרט אין סעקציע אַריין אַ מענשען מיט אַנ׳ענט-שלאָסענעם געזיכט. זיינע קליידער זענען געווען צוריסען אויף שטיקער; איבער זיין בלייכען פנים האָבען זיך געצויגען שני-רעלעך בלוט. מען האָט איהם געחאַפּט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז מאַראַ האָט כשר פערדיענט דעם טויט דערפאַר, וואָס ער האָט געהעצט צו רויבערייען און רצחות. מיט פיעל שוויריגקיי-טען איז געלונגען די סאָלדאַטען, איהם צו ראַטעווען פונ׳ם פאָלק׳ס צאָרן. מען האָט אויף איהם מיט די פינגער געוויזען, ווי אויף אַ מיטהעלפער פון דער מערדערין, און טויט-דראָהונ-גען האָבען זיך געטראָגען צו איהם, ווען ער איז פאַרבייגע-גאַנגען.

גאַמלען איז געבליבען שטעהן אַ פערטעמפּטער און פער-בליווערטער פון וועהטאָג. קליינע טרעהרען זענען פערטריקענט געוואָרען אין זיינע פייערדיגע אויגען. צו זיין טיעפען, אונענד-ליכען טרויער איז נאָך צוגעקומען אַ פאַטריאָטישע זאָרג און אַ

טיעף פיעטעט-געפיהל צום פאָלק האָט איהם געריסען דאָס האַרץ. ער האָט געטראַכט:

„פריהער לע פעלטיע, דערנאָך בורדאָן, איצט—מאַראַ!...

אַזוי איז דאָס שיקזאַל פון די פּאַטריאָטען: מען שעכט זיי אויפ׳ן מאַרס-פעלד, מען שעכט זיי אין נאַנסי, אין פּאַריז—אַלע וועלען זיי אומקומען״. און דאָ האָט ער זיך דערמאָהנט וועגען דעם פּעררעטער ווימפּפען, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג געגאַנגען מיט אַ האָרדע פון זעכציג טויזענד מאַן אויף פּאַריז. ווען ער וואָלט נישט בעצייטענס אָבגעשטעלט געוואָרען ביי ווערנאָן דורך די בראַווע פּאַטריאָטען, וואָלט ער שוין לאַנג פון דער העלדישער פּעראורטיילטער שטאָדט אַ באַרג אַש געמאַכט.

און וויפיעל זענען נאָך פאַרהאַן אַזעלכע סכנות, אַזעלכע פערברעכערישע פּלענער און פעררעטען, וואָס נאָר איין מאַראַ מיט זיין חכמה און וואַכזאַמקייט וואָלט געקאָנט אויפדעקען און צו-נישט מאַכען! ווער וועט, נאָך איהם, קאָנען אויפווייזען, ווי קוסטין, אַ שטייגער, איז געזעסען מיט פערלעגטע הענד אינ׳ם צעזאַר-לאַגער און נישט געוואָלט בעפרייען די בעלאַגערטע וואַלאַנסיען; ווי ביראָן שטעהט אין נידער-וואַנדעע און טהוט גאָר נישט, לאָזענדיג דעם פיינד נעהמען סאָמור און בעלאַגערן נאַנט; ווי דילאָן בעגעהט אַ פעררראַט געגען פּאַטערלאַנד אין אַרגאָן?...

דערווייל זענען אַרום איהם אַלץ שטאַרקער און גרעסער געוואָרען די פערטרויערטע געשרייען פונ׳ם פאָלק:

—מאַראַ איז טויט; די אַריסטאָקראַטען האָבען איהם דער־הרג׳עט!

און ווען ער האָט זיך אַזוי געלאָזט געהן מיט אַ שווער האַרץ פון וועהטאַג, פון האַס און פון ליעבע—אַהין, אָבצוגעבען זיין לעצטען טרויער-גרוס דעם מערטירער פון דער פרייהייט, איז צוגעגאַנגען צו איהם אַנ׳אַלטע פויערטע מיט אַ טשיפּיק אויפ׳ן קאָפּ, אויפ׳ן שטייגער פון דער לימאָזש׳ער געגענד, און האָט איהם געפרעגט, אויב דער דאָזיגער הערר מאַראַ, וועלכען מען האָט אַוועקגע׳הרג׳עט, איז עס נישט דער גלח מאַרא פון סען-פּיער-דע-קעאירואַ...

VIII.

ערב דעם טאָג פון דער פייערליכקייט, אין אַ שטילען, ליכטיגען אָוועגד, האָבען זיי ביידע, עלאָדי און עוואַריסט, שפּאַצירט געאַרמט אויפ׳ן פעדעראַסיאָן-פעלד. אַרבייטער האָבען זיך געאיילט צו פערענדיגען דאָס אויפשטעלען קאָלאָנען, סטאַטוען, טעפּלען, אַ בערגעל, אַנ׳אַלטאַר. ריעזיגע סימבאָלען—ווי דער פּאָלקס-הערקולעס פערמעסט זיך מיט זיין פלאָקען, ווי די נאַטור גיעט דער וועלט צו זויגען פון איהרע אונערשעפּליכע בריסט—זענען אויפגעשטעלט געוואָרען אין דער פערהונגערטער און צושראָקענער שטאָדט, וועלכע האָט געהאַלטען אין איין צוהערען זיך, צי עס קנאַקען שוין די עסטרייכישע קאַנאָנען אויפ׳ן וועג פון מאָ. די וואַנדעער האָבען גענומען פערריכטען זייער מפּלה ביי נאַנט מיט דרייסטע נצחונות. אַ רינג פון פייער, אייזען און האַס האָט אַרומגענומען די גרויסע רעוואָלוציאָנערע שטאָדט. און פונדעסטוועגען איז איהר געלעגען אין זינען, צו מאַכען אַ הערליכען קבלת-פּנים די דעלעגאַטען פון די פּראָווינץ-פערזאַמלונגען, וועלכע האָבען אָנגענומען די קאָנסטיטוציע. דער פעדעראַליזם איז

שוין בעזיעגט געווען: דער אידעאל פון איין-איינציגער, אונ-צוטיילבארער רעפובליק וועט מנצח זיין אלע זיינע פיינד.

אנווייזענדיג מיט דער האנד אויפ׳ן פלאץ, וואס האט גע-ווימעלט מיט מענשען, האט עוואריסט געזאגט:

—אט דא, אויף דעם ארט, האט עס דער געמיינער באאי, דעם 17-טען יולי 1791, געהייסען שיסען אין פאלק, וואס איז פערזאמעלט געווען ביי די טרעפ פון דעם פאטערלאנדס-אלטאר. דער גרענאדירער פאסאוואן, וועלכער האט צוגעזעהן די שחיטה, איז דאן אריין צו זיך און שטוב, צוריסען זיין ראק און אויס-געשריען: „איך האב געשווארען אומצוקומען צוזאמען מיט דער פרייהייט; די פרייהייט איז שוין נישטא—שטארב איך״. און ביי די דאזיגע ווערטער האט ער זיך אריינגעשאסען אין קאפ.

די ארטיסטען און די פריעדליכע בירגער האבען זיך צו-געקוקט צו די פייערליכקייט-הכנות, און אויף זייערע פנימ׳ער איז געווען צו בעמערקען עפעס א פעראומערטע, דערשלאגענע ליעבע צום לעבען, ווי פעראומערט און דערשלאגען ס׳איז גע-ווען זייער לעבען אליין: די גרעסטע געשהעענישען, ווי נאר זיי פלעגען אריינדרינגען אין די מחות פון די דאזיגע מענשען, פלעגען באלד ווערען קליינליך און פארבלאז, ווי זיי אליין. יע-דעס פאר-פאלק איז געגאנגען מיט קינדער, טראגענדיג זיי אויף די הענד, אדער פיהרענדיג פאר די הענדטלעך, אדער לאזענ-דיג זיי לויפען פאראויס. די קינדער זענען נישט געווען שענער פון די עלטערן, און ס׳האט אויך נישט אויסגעזעהן, אז זיי וא-לען ווען עס איז זיין גליקליכער פון זיי. מסתמא וועלען זיי אליין אויך ברענגען אמאל אויף דער וועלט קינדער, וועלכע וועלען אין לעבענס-לוסט און אין שענקייט זיין פונקט אזוי נישטיג, ווי זיי. פון צייט צו צייט האט מען געזעהן פארבייגעהן א יונג מיידעל, הויך און שען, וועלכע האט אין די יונגעלייט ער-וועקט שענע ליידענשאפט און אין די אלטע—א בענקשאפט און בעדויערונג נאכ׳ן פערגאנגענעם לעבען.

נעבען דער מיליטערישער שולע האט עוואריסט געוויזען עלאדי׳ן די עגיפטישע סטאטוען, וועלכע דאוויד האט אויסגעמאלט

ליוט די רוימישע מאָדעלען פון דער אויגוסט-עפּאָכע. זיי האָבען דאַן געהערט, ווי איינער אַנ׳אַלטער געפּודערטער פּאַריזער האָט אויסגעשריען:

—כ׳לעבען, מען קאָן דאָ מיינען, אַז מען שטעהט אויף די ברעגען פון טייך נילוס!

פּאַר די דריי טעג, וואָס עלאָדי האָט נישט געזעהן עוואַריסט׳ען, זענען ביי איהר אין דער היים פּאַרגעקומען וויכטיגע געשעהע-נישען. מ׳האָט אויף איהר פּאָטער אַריינגעשיקט אַ מסירה צום „קאָמיטעט פּאַר עפּענטליכער זיכערהייט״, אַז ער פּאַלשעוועט אין זיינע ליפערונגען. ס׳איז נאָך אַ גליק, וואָס דעם בירגער בלעז האָט מען געקאָנט אין זיין בעצירק: דער אויפזיכטס-קאָמיטעט פונ׳ם בעצירק „פּיק״ האָט גאַראַנטירט פּאַר איהם אין „קאָמיטעט פּאַר עפּענטליכער זיכערהייט״ און מען האָט איהם אינגאַנצען גע׳כשר׳ט.

נאָכדעם ווי זי האָט איהם מיט אויפרעגונג דערצעהלט וועגען דעם, האָט עלאָדי צוגעגעבען:

—איצט זענען מיר שוין רוהיג, אָבער מיר האָבען איבער-געלעבט אַ היבש ביסעל שרעק. עס האָט זעהר ווייניג געפעהלט, אַז מען זאָל מיין פּאָטער אַריינזעצען אין טורמע. ווען די גע-פאַהר וואָלט געדויערט נאָך עטליכע שעה, וואָלט איך געקומען צו אייך, עוואַריסט, בעטען, איהר זאָלט עפּעס טהון פּאַר מיין פּאָטער ביי אייערע איינפלוסרייכע פריינד.

עוואַריסט האָט נישט געענטפערט. עלאָדי׳ן איז אַפילו אויפ׳ן געדאַנק נישט אַרויפגעקומען, צו וועלען פערשטעהן, וואָס דאָס דאָזיגע שטילשווייגען בעדייט.

זיך האַלטענדיג פּאַר די הענד, זענען זיי געגאַנגען לענג-אויס דעם ברעג פון דער סענע און האָבען אויסגעדריקט איינער דעם צווייטען זייער געגענזייטיגע ליעבע מיט דער שפּראַך פון זשולי און סען-פּרעי: זשאַן-זשאַק רוסאָ האָט זיי געגעבען אַלע מעגליכקייטען צו פּוצען און ציערען זייער ליעבע.

די שטאָדט-פּערוואַלטונג האָט דורכגעפיהרט אַ באמת-וואונ-דערליכען אויפטהו: אין דער פּערהונגערטער שטאָדט איז אויף

איין טאָג געוואָרען אַנ׳אמת׳ע שׂמחה. אויפ׳ן אינוואַלידען-פלאַץ, ביי׳ם ברעג פון טייך, איז געוואָרען אַ גאַנצער יריד: מ׳האָט פערקויפט אין ביידלעך געקאָכטע און רויהע וואורשט, חזיר-פלייש בעדעקט מיט לאָרבער בלעטער, גאַנטער׳ער קוכענס, געלע לעקעך, געבראָטענע בויגעלעך, פיער-פונטיגע לאַבענס ברויט, לימאָנאַדע, וויין. עס זענען דאָרט געווען אויך קרעמלעך, וואו מען האָט פערקויפט פאַטריאָטישע ליעדער, קאָקאַרדעס, בלוי-ווייס-רויטע בענדער, טייסטערס, מעשענע קייטעלעך און נאָך פערשיעדענע קלייניגקייטען. זיך אָבשטעלענדיג ביי דעם סחורה-טיש פון אַ בעשיידענעם יובעלירער, האָט עוואַריסט דאָרט אויסגעקליבען אַ זילבערנעם רינג, וועלכער האָט געהאַט אויף זיך אַ רעליעף פון מאַראַ׳ס קאָפּ, אַרומגעוויקעלט מיט אַ טיכעל. ער האָט דעם רינג אָנגעטהון עלאָדי׳ן אויף אַ פינגער.

יענעם אָווענד איז גאַמלען אַוועק צו דער בירגעריז ראָשמאָר, וועלכע האָט געוואוינט אויף דער גאַס „אַרבר-סעק”. זי האָט איהם אַרויסגערופען צו זיך וועגען זעהר אַ נויטיגען ענין. ער האָט זי געפונען אין איהר שלאָף-צימער, אויסגעצויגען אויף אַ שעזלאָנג און אָנגעטהון אין אַ עלעגאַנטען נעגליזשע.

בעת איהר פאָזע האָט אויסגעדריקט עפּעס אַ זיסע מיעדקייט און אָבגעלאָזענקייט, האָט אַלץ אַרום איהר דערצעהלט וועגען איהר גראַציע, וועגען איהרע פערגניגונגען און טאַלענטען: נעבען דעם אָפענעם קלאַוויר איז געשטאַנען אַ האַרפע; אויף אַ פאָטעל איז געלעגען אַ גיטאַרע; ווייטער — אַ העפט-ראַמע, אויף וועלכער ס׳איז אָנגעצויגען געווען אַ סאַטין-שטאָף. אויפ׳ן טיש האָט מען געזעהן אַ קאָנטור פון אַ מיניאַטור-בילדעל, פאַפּיערען, ביכער; די ביבליאָטעק איז געווען אין אונאָרדנונג, זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט זי צעוואָרפען עפּעס אַ שענע האַנד, וואָס איז זשעדנע אַלץ צו וויסען און אַלץ אָנצוריהרען. די בירגערין ראָשמאָר האָט איהם אויסגעשטרעקט איהר האַנד אַ קוש צו טהון און זיך אָבגערופען:

— ברוך הבא, העדר געשוואָרענער ריכטער!... ערשט היינט

טאַקי האָט מיר ראָבעספּיער דער עלטערער געגעבען אַ בריוו וועגען איך צום געריכטס-פּאָרזיצענדען הערמאַן. זעהר אַ שענער בריעף. דאָרט איז געשריבען בערך אַזוי: „איך מאַך אייך אויפ־מערקזאַם אויפ'ן בירגער גאַמלען, וועלכער פערדיענט רעקאָמענ־דירט צו ווערען פאַר זיינע פעהיגקייטען און פאַר זיין פּאַטריאָ־טיזם. איך האַלט פאַר מיין חוב, אייך אָנצוווייזען אויף אַ פּאַטריאָט, וועלכער האַלט זיך פעסט ביי זיינע פּרינציפּען און איז געטריי מיט זיין אויפפיהרונג דער רעוואָלוציאָנערער ליניע. איהר וועט אודאי נישט אַדורכלאָזען די געלעגענהייט, צו טהון אַ טובה אַ רעפּובליקאַנער...” איך האָב דעם בריעף באַלד אָוועק־געטראָגען צום פּאָרזיצענדען הערמאַן. ער האָט מיך אָנגענומען מיט דער גרעסטער העפליכקייט און האָט באַלד אויפ'ן אָרט אונ־טערגעשריבען אייער בעשטימונג. די זאַך איז געענדיגט.

גאַמלען האָט אַ ווייל געשוויגען, דערנאָך האָט ער גע־זאָגט:

—בירגערין, האָטש איך האָב נישט קיין שטיקעל ברויט פאַר מיין מוטער, שווער איך דאָך ביי מיין עהרע, אַז איך נעהם-אָן דעם אַמט פון אַ געשוואָרענעם ריכטער בלויז כדי צו דיענען דער רעפּובליק און נקמה צו נעהמען פון אַלע איהרע פיינד.

די בירגערין ראָשמאָר האָט איינגעפונען, אַז די בעדאַנ־קונג איז אַ צו-קאַלטע און די בעמערקונג אַ צו-ערנסטע. זי האָט חושד געווען גאַמלען'ען, אַז איהם פעהלט העפליכקייט. אָבער צו-שטאַרק האָט זי ליעב געהאַט די יוגענד, אום איהם נישט מוחל צו זיין די דאָזיגע קליינע נישט-געשליפענקייט. גאַמלען איז געווען שען—און דאָס איז פאַר איהר געווען דאָס גרעסטע פערדיענסט. „מען וועט איהם אָבשלייפען”—האָט זי זיך געטראַכט. זי האָט איהם פערבעטען צו קומען אויף די קליינע מאָלצייטען, וואָס זי מאַכט ביי זיך יעדען אָוועגד נאָכ'ן טעאַטער.

—איהר וועט ביי מיר טרעפען זעהר קלוגע און טאַלענ־טירטע מענשען: עלוויו, טאַלמאַ, דעם בירגער ווילאַטע, וועלכער מאַכט גראַמען זעהר קונציג. דער בירגער פראַנסוא האָט אונז

פאַרגעלעזען זיין „פאַמעלאַ", וועלכע מען רעפּערטירט איצט אין נאַציאָנאַלען טעאַטער. דער סטיל איז דאָרט זעהר אַן'עלעגאַנטער און ריינער, ווי אין אַלע זאַכען, וואָס זענען אַרויס פון אונטער זיין פעדער. די פּיעסע איז זעהר אַ ריהרענדע: זי האָט אַרויס-גערופען טרעהרען אין אונזערע אויגען. די ראָליע פון פאַמעלאַ וועט שפּיעלען דער יונגער לאַנזש.

—איך פערלאָז מיך אויף אייער מיינונג, בירגערין,—האָט געענטפערט גאַמלען,—אָבער דער נאַציאָנאַלער טעאַטער איז ווע-ניג נאַציאָנאַל. עס איז מיר אַ פּערדרוס פאַר'ן בירגער פראַנסואַ, אַז זיינע ווערק זאָלען אויפגעפיהרט ווערען אויף די דאָזיגע ברע-טער, וועלכע זענען פערשוועכט געוואָרען דורך לאַיאַ'ס מאוס'ע פערזען: מען האָט דאָך נאָך נישט פערגעסען דעם סקאַנדאַל מיט „דעם פריינד פון געזעץ"...

—בירגער גאַמלען, לאַיאַ'ן שענק איך אייך אַוועק: ער איז נישט פון מיינע פריינד.

נישט אויס גוטהערציגקייט האָט עס מאַדאַם ראָשמאָר אויס-גענוצט איהר איינפלוס, אַז גאַמלען זאָל בעשטימט ווערען אויף אַזאַ גוטען פּאָסטען. מיט אַלץ, וואָס זי האָט שוין געטהון פאַר איהם און וואָס זי האָט נאָך גערעכענט צו טהון, האָט זי גע-האָפט איהם צוצובינדען פעסט צו זיך און אַזוי אַרום האָבען אין איהם אַ שטיצע אין די געריכטליכע ספערען, ווען זי וועט דאַרפען אָנקומען צו זיי. דאָס האָט זיך געקאָנט מאַכען אַ ליאַדע טאָג, וואָרום זי פלעגט פונאַנדערשיקען פיעל בריעף אין פראַנק-רייך גופא און אין אויסלאַנד, און אַזעלכע זאַכען זענען געווען שטאַרק אויפפאַלענד.

—געהט איהר אָפט אין טעאַטער, הערר גאַמלען?

אין דעמזעלבען מאָמענט איז אַריינגעקומען אין צימער דער דראַגונער אַנרי. ער האָט אויסגעזעהן נאָך שענער און רייצענ-דער ווי בעטהיל פון סאַמאָס, וועלכען אַנאַקרעאָן האָט בעזונגען. צוויי גרויסע רעוואָלווערען זענען איהם אַראָבגעהאַנגען פון גאַר-טעל.

ער האָט אַ קוש-געטהון דער שענער בירגערין אין האַנד, און זי האָט איהם געזאָגט:

—אָט איז דער בירגער עוואַריסט גאַמלען, וואָס פון זיינ׳ט וועגען האָב איך פערבראַכט אַ גאַנצען טאָג אין „קאָמיטעט פאַר עפענטליכער זיכערהייט״. ער איז מיר גאָר נישט דאַנקבאַר דערפאַר. מוסר׳ט איהם אויס אַ ביסעל.

—אַה, בירגערין!—האָט אויסגעשריען דער סאָלדאַט—איהר האָט, הייסט עס, געזעהן אונזערע געזעצגעבער אינ׳ם טולעריפּאַלאַץ... וואָס פאַר אַ טרויעריגער ספּעקטאַקל דאָס איז! צי וואָלטען דען פאָרשטעהער פון אַ פרייען פאָלק בעדאַרפט זיצען אין די פרעכטיגע אַפּאַרטאַמענטען פון אַ דעספּאָט? דיזעלבע קאַנדעלאַברען, וועלכע האָבען געלויכטען ביי די פערשווערונגען פון קאַפּע*) און איבער די אָרגיען פון אַנטואַנעט, בעלייכטען היינט די נאַכט-בעראַטונגען פון אונזערע געזעצגעבער. אַ ציטער כאַפּט אָן, ווען מען טראַכט וועגען דעם.

—מיין פריינד, גיעט-אָב מזל-טוב דעם בירגער גאַמלען,—האָט זי געענטפערט.—ער איז בעשטימט געוואָרען אַלס געשוואָרענער ריכטער ביי׳ם רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל.

איך גראַטוליר דיך, חבר!—האָט אַנרי זיך אָבגערופען.

—איך בין זעהר צופריעדען צו זעהן אַ מענשען מיט דיין כאַראַקטער אויף אַזאַ פּאָסטען. אָבער דעם אמת גערעדט, האָב איך וועניג צוטרוי צו דערדאָזיגער מעטאָדישער „גערעכטיגקייט", וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורך די מעסיגע עלעמענטען פון קאָנווענט, צו דערדאָזיגער תּמ׳עוואַטער נעמעזיס, די געטין פון יושר, וועלכע איז אַזוי באַרמהערציג צו די פערשווערער. זי שאַנעוועט די פעררעטער, זי האָט קוים דעם מוט צו דערלאַנגען קלעפּ די פעדעראַליסטען און קאָן ביי זיך נישט פּועל׳ן, אַ רוף-צו-טהון צום געריכטסשטאַכעט די עסטרייכערין ניין, נישט אַזאַ רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל וועט ראַטעווען די רעפּובליק. אַ שווערע שולד טראָגען אויף זיך יענע, וועלכע האָבען, אין דער

* דער פאַמיליע-נאָמען פון דער אַראָפּגעוואָרפענער קעניגליכער דינאַסטיע.

פערצווייפעלטער לאַגע, וואָס מיר לעבען איצט איבער, אָבגעהאַל-טען דעם דראַנג פון דער פאָלקס-גערעכטיגקייט!

—אַנרי,—האָט זיך אָבגערופען די בירגערין ראָשמאָר—דער-לאַנגט מיר אָט דאָס פלעשעלע...

צוריקקומענדיג אַהיים, האָט גאַמלען געטראָפען זיין מוטער מיט׳ן אַלטען בראָטאָ שפּיעלענדיג אין פּיקע פאַר׳ן שיין פון אַ רויכערנדען חלב-ליכטעל. די אַלטע האָט זיך נישט געשעמט אָנצוזאָגען „טערציאַ פון קעניג״.

דערוויסענדיג זיך, אַז דער זוהן איז געוואָרען אַ געשוואָ-רענער ריכטער, האָט זי זיך הייס צוקושט מיט איהם. זי האָט אין דעם געפיהלט אַ גרויסע עהרע פאַר זיי ביידען און האָט גע-טראַכט ביי זיך, אַז פון היינט אָן וועלען זיי ביידע שוין יעדען טאָג עסען צו-זאַט.

—איך בין גליקליך און שטאָלץ צו זיין די מוטער פון אַ געשוואָרענעם ריכטער,—האָט זי געזאָגט.—די יוסטיץ איז זעהר אַ שענע זאַך און די נויטיגסטע פון אַלע אַנדערע זאַכען. אָהן דער יוסטיץ וואָלט מען די שוואַכע געדריקט און געקוועלט אויף יעדען שריט און טריט. און איך גלויב, קינד מיינס, אַז דו וועסט זיין אַ גוטער ריכטער: פון קינדווייז-אָן האָסטו אין אַלץ אַרויס-געוויזען יושר און גוטסקייט. דו פלעגסט נישט קאָנען אַריבער-טראָגען קיין אונרעכט און פלעגסט תמיד מיט אַלע דיינע כחות זיך געגענשטעלען געגען גוואַלדטהאַטען. דו פלעגסט שטענדיג רחמנות האָבען אויף אונגליקליכע, און דאָס איז די בעסטע מעלה פאַר אַ ריכטער... אָבער זאָג מיר, עוואַריסט, ווי אַזוי געהען אָנ-געטהון די ריכטער פון דעמדאָזיגען הויכען טריבונאַל?

גאַמלען האָט איהר געענטפערט, אַז די ריכטער טראָגען קאַפּעלושען מיט שוואַרצע פעדערס, אָבער די געשוואָרענע האָ-בען קיין שום אונפאָרם נישט, זיי טראָגען זייערע געוועהנליכע קליידער.

—עס וואָלט בעסער געווען, ווען זיי וואָלטען געטראָגען טאָגעס מיט פאַרוקען: זיי וואָלטען דאַן אויסגעזעהן פיעל בכבוד׳יגער.

דו ביזט מעהרסטענטיילס נאַכלעסיג אָנגעטהון, אָבער פונדעסטווע- גען ביזטו שען און דו בעשיינסט דיינע קליידער. אָבער דאָס רוב מענער מוזען האָבען עפּעס אַ צופוצונג אויסצוזעהן סאָליד און אימפּאָנירענד. די געשוואָרענע וואָלטען בעסער בעדאַרפט טראָ- גען טאָגעס און פּאַרוקען.

מאַדאַם גאַמלען האָט געהערט זאָגען, אַז די געשוואָרענע קריגען בעצאָהלט—האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און אַ פרעג-געטהון עוואַריסט'ען, צי ס'איז אמת, אַז מען פערדיענט דערביי. וואָרום אַ געשוואָרענער ריכטער—האָט זי געזאָגט—דאַרף דאָך אַנשטענדיג זיך בעווייזען צווישען מענשען.

און זעהר צופריעדען איז זי געווען, ווען זי האָט זיך דער- וואוסט, אַז די געשוואָרענע בעקומען אַכטצעהן פראַנק פאַר יע- דע זיצונג און אַז צוליעב די פיעל פערברעכענס געגען דער זיכערהייט פון דער מלוכה וועלען זיי מוזען האָבען זיצונגען גאַנץ אָפט.

דער אַלטער בראָטאָ האָט צונויפגעקליבען די קאָרטען, זיך אויפגעהויבען און געזאָגט צו גאַמלען'ען:

—בירגער, מען האָט אייך אַוועקגעשטעלט אויף אַ הויכען און שרעקליכען פּאָסטען. איך גראַטוליר אייך דערמיט. איהר וועט אַריינברענגען אַהין דאָס ליכט פון אייער געוויסען. אייער טרי- בונאַל איז זיכערער און וועניגער פערגרייזט, ווי אַנדערע, וואָ- רום דאָס גוטע און דאָס שלעכטע זוכט ער נישט אַלס אַזעלכע, לויט זייער תוך, נאָר אין פעהעלטניס צו ממשות'דיגע אינטערע- סען, צו קלאָרע געפיהלען. איהר וועט מוזען אַרויסגעבען אור- טיילען שטיצענדיג זיך בלויז אויף אייער האַס אָדער ליעבע, און דאָס ווערט געמאַכט איינס-און-צוויי, אָהן הכנות, נישט ווי צווישען אמת און שקר, וואו דער שוואַכער מענשליכער קאָפּ איז בכלל נישט פעהיג זיך פונאַנדערצוקלייבען. משפּט'ענדיג לויט ווי אייער האַרץ וועט אייך זאָגען, וועט איהר קיינמאָל קיין טעות נישט האָבען, וואָרום דער אורטייל וועט דאָך שוין ממילא זיין ריכטיג, וויבאַלד ער וועט בעפריעדיגען יענע ליידענשאַפט אייערע, וועלכע איז פאַר אייך אַ הייליג געזעץ. נאַ, מילא, אַלץ

איינס. ווען איך וואָלט געווען אייער פאָרזיצענדער, וואָלט איך געטהון, ווי ברידואַ*)—איך וואָלט געוואָרפען גורל. אין פראַגען פון גערעכטיגקייט איז עס סוף כל סוף דאָס זיכערסטע מיטעל.

---

*) איינע פון די קאָמישסטע פיגורען, וועלכע ס'האָט געשילדערט דער אלטער פראנצויזישער שריפטשטעלער ר א ב ל ע. ברידוא פלעגט משפט'ן מענשען דורך וואַרפען גורל, געפינענדיג, אז דאָס איז דאָס בעסטע מיטעל, צו ערלעדיגען אלערליי פראָצעסען.—דער איבערזעצער.

IX.

צוואַריסט גאַמלען האָט בעדאַרפט בעטרעטען זיין פּאָסטען דעם 14-טען סעפּטעמבער, נאָך דער רעאָרגאַניזירונג פונ׳ם טרי-בונאַל, וועלכער איז פון דאַן-אָן איינגעטיילט געוואָרען אין פיער אָבטיילונגען מיט פופצעהן געשוואָרענע ריכטער פאַר יעדערער. די טורמעס זענען געווען פול און פּאַק. דער פּראָקוראָר האָט געאַרבייט אַכטצעהן שעה אין מעת לעת. געגען די מפלות פון די ארמעען, געגען די אויפשטאַנדען אין דער פּראָווינץ, געגען די פערשווערונגען, פעררעטען—געגען דעם אַלעם האָט דער קאָנ-ווענט געשטעלט דעם טעראָר. די געטער האָבען נאָך בלוט גע-דורשט...

דער ערשטער שריט פון דעם נייעם געשוואָרענעם ריכ-טער איז געווען—אָבצושטאַטען אַ וויזיט ביי׳ם געריכטס-פּאָרזי-צענדען הערמאַן, וועלכער האָט איהם בעצויבערט מיט זיין מיל-דען רעדען און העפליכען בעגעהן-זיך. הערמאַן איז געווען ראָ-בעספּיער׳ס אַ בן-עיר און אַ אידעען-ברודער. דאָס איז געווען אַ מענש מיט אַ גוטען, פיהלענדען האַרץ. ער איז אינגאַנצען דורכ-

געדרונגען געווען מיט יענע מענשליכע געפיהלען, וועלכע זע-נען צו־לאַנג פרעמד געווען פאַר די הערצער פון ריכטער און וועלכע וועלען זיין דער אייביגער רוהם פאַר אַזעלכע ריכטער, ווי דיפאַטי אָדער בעקאַריאַ. פאַר הערמאַנ׳ען איז עס געווען אַ פרייד צו זעהן, ווי די געריכטס-זיטען ווערען וואָס אַ מאָל שע-נער און ווייכער דורכדעם, וואָס מען האָט אָבגעשאַפט די גרוי-זאַמע, געמיינע פיזישע ענויים. עס האָט איהם געפרעהט צו זעהן, ווי די טויט-שטראָף, וועלכע מען פלעגט אַמאָליגע צייטען אָנ-ווענדען פאַר דאָס קלענסטע פערברעכען, האָט גענומען ווערען וואָס אַ מאָל זעלטענער, בלויז פאַר גרויסע פערברעכענס. פון זיין זייט וואָלט ער, ווי ראָבעספּיער, מיט פערגעניגען איינגאַנ-צען אָבגעשאַפט די טויט-שטראָף אין אַלע יענע ענינים, וועלכע האָבען קיין שייכות נישט צו דער עפענטליכער זיכערהייט. אָבער ער וואָלט זיך אַליין בעטראַכט אַלס פערברעכער, ווען ער וואָלט נישט בעשטראָפט מיט טויט פאַר פערברעכענס, וועלכע זענען געווענדעט געגען דער אויבערהערשאַפט פון פאָלק.

אַזוי האָבען אויך געטראַכט אַלע זיינע קאָלעגען. דער אַל-טער מאָנאַרכיסטישער בעגריף, אַז די מלוכה-אינטערעסען ערלוי-בען אַלץ, האָט אויך דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל געהאַלטען אין זיינע הענד. דידאָזיגע ריכטער זענען אויסגעאַרבייט געוואָ-רען דורך אַכט יאָהרהונדערטען פון אַבסאָלוטער מאַכט, און ווען זיי זענען צוגעטרעטען צו משפט׳ען די פיינד פון דער פרייהייט, האָבען זיי עס געטהון מיט׳ן זעלבען פרינציפּ פון „גאָטס גנאָד,“ ווי פריהער.

דעמזעלבען טאָג האָט עוואַריסט גאַמלען זיך פאָרגעשטעלט פאַר׳ן פּראָקוראָר, דעם בירגער פוקיע, וועלכער האָט איהם אויפ-גענומען אין זיין אַרבייטס-קאַבינעט, וואו ער האָט געאַרבייט צוזאַמען מיט זיין סעקרעטאַר. דאָס איז געווען אַ דיקער מאַן מיט אַ האַמעטנעם קול און קעצישע אויגען, אויף זיין ברייטען, געשטופּעלטען, בליי-פאַרביגען פּנים זענען געלעגען אויסגעגאָסען יענע פערניכטונגס-שפּורען, וועלכע עס איז צו בעמערקען אויף מענשען מיט טעמפעראַמענטספולע, ברויזענדע נאַטורען,

ווען זיי פיהרען אַנ'איינגעשלאָסענעם, זיצענדיגען אַרט לעבען. די אַקטען זענען געווען אָנגעלעגט אַרום איהם, ווי די ווענד פון אַ קבר, און ס'איז קענטיג געווען, אַז ער האָט ליעב געהאַט די דאָזיגע קופּעס פּאַפּירען, וועלכע האָבען אויסגעזעהן, ווי זיי וואָלטען געוואָלט איהם דערווערגען. זיין אַרט רעדען איז געווען פון אַ פלייסיגען, אַרבייטסזאַמען בעאַמטען, וואָס איז מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען זיינע פליכטען און געהט קיינמאָל נישט אַרויס פון די ד'אמות פון זיין אַמט. פון זיין הייסען אָטעם האָט זיך געשפּירט דער בראָנפען, וואָס ער פלעגט טרינקען, כדי זיך אופצומונטערן. דער בראָנפען האָט אָבער, קענטיג, קיינמאָל נישט דערלאַנגט ביי איהם ביז'ן קאָפּ, וואָרום אין די פלאַכליכע מיי-נונגען, וואָס ער פלעגט אַרויסזאָגען, פלעגט זיך תמיד פיהלען קלאָרקייט און פעסטקייט.

געוואוינט האָט ער אין אַ קליינער דירה פון געריכטס-פּאַלאַץ מיט זיין יונגער פרוי, וועלכע האָט איהם געהאַט צוויי צווילינגס. די פרוי, די טאַנטע אַנריעט און די דיענסט פעלאַזשי—דאָס איז געווען דאָס גאַנצע הויזגעזינד. פאַר זיי איז ער תמיד געווען זעהר גוט און מילד. קורץ, דאָס איז געווען אַ אויסגעצייכענטער פאַמיליען מאַן, איבערגעגעבען זיין פּראָפעסיע, אָהן גרויסע געדאַנקען און לגמרי אָהן פאַנטאַזיע.

גאַמלען האָט זיך נישט געקאָנט בעפרייען פון עפּעס אַ נישט-אָנגענעהמען געפיהל, בעמערקענדיג, אַז די הויכע בעאַמטע פון דער נייער אָרדנונג זענען עהנליך סיי מיט זייער גייסט, סיי מיט זייערע מאַניערען צו די שררות פון אַלטען רעזשום און ס'איז קיין וואונדער נישט: הערמאַן איז פריהער געווען הויפּט-פּראָקוראָר אין אַרטואַ; פוקיע איז אַמאָל געווען פּראָקוראָר ביי דער שאַטלע-טורמע—זענען זיי געבליבען ביי זייערע כאַראַק-טערען. אָבער עוואַריסט גאַמלען האָט געגלויבט, אַז די רעוואָ-לוציע בעזיצט אין זיך די קראַפט לעבעדיג צו מאַכען טויטע.

אַוועקגעהענדיג פון „געריכט„, איז ער דורכגעגאַנגען די גאַלעריע פונ'ם יוסטיץ-פּאַלאַץ און זיך אָבגעשטעלט ביי די קרע-מלעך, וואו עס זענען געווען אויסגעלעגט מיט געשמאַק אַלערליי

זאַכען. ביי׳ם קרעמעל פון דער בירגערין טענאָ האָט ער דורכ-געבלעטערט פערשיעדענע היסטאָרישע, פּאָליטישע און פילאָזאָפישע ווערק: „די קייטען פון דער שקלאַפעריי" „אַ עססיי איבער דע-ספּאָטיזם", „די פערברעכענס פון קעניגינס". „אָט דאָס פערשטעה איך!—האָט ער זיך געטראַכט—דאָס זענען דאָך אַלץ רעפּובליקאַ-נישע שריפטען". ער האָט אַ פרעג-געטהון די פערקויפערין, צי זי פערקויפט אַ סך אַזעלכע ביכער. זי האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

—מען פערקויפט בלויז ליעדלעך מיט ראָמאַנסען.

און אַרויסנעהמענדיג פון שופלאָד אַ קליין ביכעל, האָט זי צו איהם אַ זאָג-געטהון:

—אָט האָט איהר, אויב איהר ווילט עפּעס גוטס

עוואַריסט האָט איבערגעלעזען דעם טיטול פון בוך: „די מנישקע אין איין העמד".

ביי׳ם צווייטען קרעמעל האָט ער געטראָפען זיין פריינד דעמאַאי, דעם גראַווירער. צווישען די פודער-שאַכטעלעך און פּאַר-פומע-פלעשלעך פון דער בירגערין סען-זשאָר איז דעמאַאי גע-שטאַנען אין זיין גאַנצען שיק און גלאַנץ און האָט פערזיכערט די שענע פּאַרפומע-הענדלערין אין זיין ברענענדער ליעבע צו איהר. ער האָט איהר צוגעזאָגט צו מאַכען איהר פּאָרטרעט און געבעטען זי בלויז, זי זאָל איינוויליגען זיך צו טרעפען מיט איהם אויף אַ ווייל׳ע אין אָוועגד אין טולערי-גאָרטען. ער איז געווען אַ שענער יונג. זיינע ליפּען און אויגען האָבען גע-שפּריצט מיט איבערצייגונגס-קראַפט. די בירגערין סען-זשאָר האָט איהם שטילשווייגענד געהערט און מיט׳ן פולסטען צוטרוי צו איהם האָט זי אַראָבגעלאָזט די אויגען.

אום זיך צו בעקענען מיט די שרעקליכע פליכטען, צו וועלכע ער איז גערופען געוואָרען, האָט דער נייער געשוואָרענער ריכטער געוואָלט בייוואוינען זיצענדיג צווישען פובליקום אַ פּראָ-צעס אין טריבונאַל. ער איז אַרויף אויף די שטיגען, אויף וועלכע עס זענען געזעסען, ווי אין אַנ׳אַמפיטעאַטער, אַ סך מענשען, און איז אַריין אין׳ם זאַל, וואו עס איז אַמאָל, אונטער׳ן אַלטען רעזשים,

געזעסען דאָס העכסטע געריכט פֿון פּאַריז.

דער זאַל איז געווען געפּראָפּט מיט נייגעריגע, וועלכֿע זענען געקומען זיך צוקוקען צום משפּט איבער עפּעס אַ גענעראַל. ווארום צו יענער צייט האָט דער קאָנווענט, ווי דער אַלטער בראָ-טאָ פּלעגט זאָגען—געהאַלטען אין איין משפּט׳ן בעזיעגטע גענע-ראַלען, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין פּעררעטערישע גענעראַ-לען: די גענעראַלען-פּעררעטער פּלעגען זיך נישט לאָזען משפּט׳ן, און נישט דערפֿאַר האָט מען זיי גע׳משפּט—פּלעגט בראָטאָ צוגעבען— ווייל אַ בעזיעגטער גענעראַל מוז אונבעדינגט זיין אַ פֿערברעכער: אין יעדער שלאַכט מוז דאָך עמיצער זיין דער בעזיעגטער. די מעשה איז אָבער, וואָס קיין זאַך הויבט נישט אַזוי דעם מוט ביי אַלע אַנדערע גענעראַלען, ווי בעת מען פֿער׳משפּט איינעם פֿון זיי צום טויט...

אַ היבש ביסעל זענען זיי שוין דאָ דורכגעזעסען אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק, די דאָזיגע פּער׳עקשנ׳טע און לייכֿטזיניגע מי-ליטער-לייט מיט מחות פֿון פֿליגען און שאַרבענס פֿון אָקסען. און דערדאָזיגער גענעראַל, וועלכען מען האָט איצט גע׳משפּט, האָט וועגען די בעלאַגערונגען און שלאַכטען, וואָס ער האָט גע-פֿיהרט, געוואוסט נישט מעהר, ווי די געריכֿטס-שררות, וועלכֿע האָבען איהם אויסגעפֿרעגט: דער בעשולדיגער און דער פּערטיי-דיגער האָבען זיך אַרומגעפּלאָנטערט אין פֿראַגען פֿון עפֿעקטיוו, אָביעקטיוו, מוניציע, מאַרש, קאָנטר-מאַרש... און דער גרויסער עולם בירגער, וועלכֿער האָט זיך צוגעהערט צו די דאָזיגע אונפֿער-שטענדליכֿע און לאַנגע דעבאַטען, האָט הינטער דעם טפּשות׳דיגען גענעראַל געזעהן דאָס פֿאָטערלאַנד—דאָס אָפּענע, שוצלאָזע, צוריי-סענע פֿאָטערלאַנד, וואָס געהט-אויס מיט טויזענדער טויטען. און מיט זייערע בליקען און שטימען האָבען זיי אַלע געאיילט די געשוואָרענע ריכֿטער, וועלכֿע זענען רוהיג געזעסען אויף זייער באַנק, וואָס גיכֿער אַ זעץ צו טהון מיט זייער ווערדיקט, ווי מיט אַ קלאָץ, איבער די קעפּ פֿון דער רעפּובליק׳ס פֿיינד.

עוואַריסט האָט מיט אַלע זיינע חושים געפֿיהלט, אַז אין דעם דאָזיגען אונגליקליכען מוז מען דערשטיקען צוויי שרעקליכֿע

שלאַנגען, וועלכע שטיקען און ווערגען דאָס פאָטערלאַנד: דעם בונט און די מפּלות. עס האָט זיך, אמת, געהאַנדעלט אום צו וויסען, צי דער דאָזיגער מיליטער-מאַן איז שולדיג, צי ניין. אָבער ווען וואַנדעע הויבט ווידער אויף דעם קאָפּ, ווען טולאָן גיעט זיך אונטער דעם פיינד, ווען די רהיין-אַרמעע טרעט-אָב פאַר די זיעגער פון מאַינץ, ווען די צפון-אַרמעע, וועלכע האָט זיך צוריקגעצויגען צום צעזאַר-לאַגער, האָט געקאָנט מיט איין קלאַפּ פערניכטעט ווערען דורכ'ן דייטשען, ענגלישען און האָלענדישען מיליטער, וואָס האָט פערנומען וואַלאַנסיען — אין אַזאַ צייט איז וויכטיג אָנצולערנען די גענעראַלען, איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיי זאָלען אָדער זיעגען אָדער שטאַרבען. און קוקענדיג אויף דעם דאָזיגען אַלטען, האַלב עבר-בטל'דיגען סאָלדאַט, וועלכער האָט דאָ, אין געריכט, זיך געפּלאָנטערט אין זיינע ווערטער, פּונקט ווי דאָרטען האָט ער זיך געפּלאָנטערט אין די פלאַכלענדער פון צפון, האָט גאַמלען געפונען פאַר בעסער, כּדי נישט אויסצושרייען צוזאַמען מיט אַלעמען: „צום טויט!”, אַרויסצוגעהן שנעל פון זאַל

אויף דער בעצירקס-פערזאַמלונג האָט דעם נייעם געוועזענעם ריכטער אָבגעגעבען מזל-טוב דער פאָרזיצענדער אָליוויע. דערנאָך האָט ער ביי דעם אַלטען הויפּט-אַלטאַר, וועלכער איז אין דער באַרנאַביטען-קירך פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ „פאָטערלאַנדס-אַלטאַר”, אָבגענומען ביי איהם אַ פייערליכע שבועה. צו דערשטיקען אין זיך, אינ'ם הייליגען נאָמען פון דער מענשהייט, יעדע מענשליכע שוואַכקייט.

מיט אַנ'אויפגעהויבענער האַנד האָט גאַמלען גערופען אַלס עדות פון זיין שבועה די הייליגע ביינער פון מאַראַ, דעם מערטירער פון דער פרייהייט, וועמענס ביוסט מען האָט נאָר-וואָס אַוועקגעשטעלט נעבען איינעם פון די קירך-זיילען, אַנטקעגען דעם ביוסט פון לעפּעלטיע.

עס האָבען זיך דערהערט עטליכע אַפּלאָדיסמענטען און לייכציטיג אויך אַ מורמלעריי. די פערזאַמלונג איז געווען זעהר

אַ קאָכיגע. בײ'ם דורכגאַנג צום מיטעל-פּלאַץ פון דער קירך זענען געשטאַנען עטליכע מיטגליעדער פון דער סעקציע, בעוואָפּענט מיט פּיקעס און האָבען געטומעלט.

—עס איז נישט רעפּובליקאַניש,—האָט געזאָגט דער פּאָרזיצענדער—צו טראָגען געוועהר אין אַ פערזאַמלונג פון פרײע מענשען.

און ער האָט בעפוילען, מען זאָל באַלד אַוועקלעגען די ביקסען און די פּיקעס אינ'ם געוועזענעם גלחים-צימער.

אײנער אַ הויקערדיגער מענש מיט לויפענדע אויגען און דיקע ליפּען, דער בירגער באָויזאַזש, אַ מיטגליעד פון דעם „קאָמיטעט פאַר וואַכזאַמקײט", איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער פּרעדיגער-בימה, וועלכע איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ רעדנער-טריבונע מיט אַ רויטען צודעק.

—די גענעראַלען פערראַטען אונז—האָט ער אויסגעשריען, -זײ גיבען אַרויס אונזערע אַרמעען דעם פײנד! די דײטשען האָבען שוין זײערע קאַוואַלעריע-אָבטײלונגען אין דער געגענד פון פּעראָן און סאַן-קענטען, טולאָן איז אָבגעגעבען געוואָרען די ענגלענדער, וועלכע זעצען דאָרט אַרויס מיט שיפען פיערצעהן טויזענד מאַן. די פײנד פון דער רעפּובליק טרײבען זײערע פעררעטערישע פּלענער בײ'ם קאָנוועגט גופא אין שויס. אין דער הויפּט-שטאָדט אַלײן זענען געשאַפען געוואָרען אָהן אַ צאָהל פערשווערונגען, צו בעפרײען די עסטרײכערין. אין דעם מאָמענט, ווען איך רעד דאָ, געהט אַרום אין שטאָדט אַ קלאַנג, אַז קאַפּע'ס זוהנדעל איז ענטלאָפען געוואָרען פון טאַמפּל-טורמע און מען טראָגט זיך שוין אַרום מיט איהם זיעגעריש אין סאַן-קלו: מען וויל פאַר איהם צוריק אַוועקשטעלען דעם טיראַנ'ס טהראָן. דער יקרות אויף לעבענסמיטלען, דאָס פאַלען פון די אַסיגנאַציעס—דאָס אַלץ ווערט געמאַכט בײ אונז אונטער דער נאָז דורך אַגענטען פון אויסלאַנד. אין נאָמען פון אַלגעמײנעם גליק פאָדער איך פון דעם בירגער געשוואָרענעם ריכטער, ער זאָל זײן אָהן שום רחמנות פאַר די פערשווערער און פעררעטער.

בעת ער איז אַראָבגעגאַנגען פון דער טריבונע, האָבען פון דער פערזאַמלונג זיך געהערט שטימען: „נידער מיט דעם רע-

וואָלוציאָנערען טריבונאַל! נידער מיט די מעסיגע!״

דער טישלער פון טראָנוויל-פּלאַץ, דיפּאָן דער עלטערער, אַ דיקער און רויטער מאַן, איז אַרויף אויף דער טריבונע. ער וויל—האָט ער געזאָגט—שטעלען אַ פראַגע דעם געשוואָרענעם ריכטער. און ער האָט געפרעגט גאַמלענ׳ען, ווי אַזוי ער וועט זיך פערהאַלטען צו דעם ענין וועגען די בריסאָטיסטען און קאַפּע׳ס אַלמנה.

עוואַריסט איז געווען בטבע אַ שעמעוודיגער און האָט נישט געקאָנט רעדען פאַר אַנ׳עולם מענשען. אָבער דאָס האָט איהם זעהר אויפגערעגט און צוגעגעבען מוטה. ער האָט זיך אויפגע-הויבען, אַ בלייכער, און מיט אַ פערשטיקטער שטימע געזאָגט:

—איך בין אַ ריכטער און מוז הערען בלויז דאָס, וואָס מיין געוויסען וועט מיר זאָגען. דער קלענסטער צוזאָג, וואָס איך וואָלט אייך געגעבען, וואָלט געווען אַ זינד געגען מיינע פּליכטען. נאָר אין טריבונאַל דאַרף איך רעדען, אַנדערשוואו מוז איך שווייגען. איך קען אייך מעהר נישט. איך בין אַ ריכטער: איך קען מעהר נישט קיין פריינד און קיין פיינד.

די פערזאַמלונג, וועלכע איז געווען פיעלפאַרביג, וואַקעל-דיג און היציג, ווי אַלע גרויסע פערזאַמלונגען, האָט איהם באַלד געגעבען גערעכט. אָבער דער בירגער דיפּאָן איז נישט געבליבען צופריעדען און האָט ווייטער גענומען אָנגרייפען. ער האָט נישט געקאָנט מוחל זיין גאַמלענ׳ען, וואָס ער האָט בעקומען אַ פּאָסטען, וועלכען איהם, דיפּאָנ׳ען, האָט זיך שטאַרק געוואָלט בעקומען.

—די געפיהלען פונ׳ם בירגער גאַמלען פערשטעה איך גאַנץ גוט, זיי זענען מיר זעהר סימפּאַטיש. מען זאָגט, אַז ער איז אַ פּאַטריאָט... אויב אַזוי, זאָל ער אַ פרעג-טהון זיין געוויסען, צי ער מעג זיצען אין אַ טריבונאַל, וועלכער איז געשאַפען געוואָרען אויף אויסצוּוואָרצלען די פיינד פון דער רעפּובליק און האַלט זיי אָבער אין איין שוינען. עס זענען פאַראַן אַזעלכע מיטהעלפּע-רייען, פון וועלכע אַ גוטער בירגער מוז ענטלויפען. ווייס מען דען נישט, אַז עטליכע געשוואָרענע פון דעמדאָזיגען טריבונאַל האָבען זיך געלאָזט אונטערקויפען מיט׳ן גאָלד פון די בעשולדיגטע?

וויס מען דען נישט, אַז דער געריכטס-פּאָרזיצענדער מאָנטאַנע איז בעגאַנגען אַ שווינדעל אין די אַקטען, כדי צו ראַטעווען דעם קאָפּ פון דער מויד קאָרדע?*).

ביי די דאָזיגע ווערטער זענען אויסגעבראָכען אין זאַל שטורמדיגע אַפּלאָדיסמענטען. און נאָך איידער זייערע לעצטע אָבקלאַנגען האָבען זיך אויפגעהויבען צום הויכען געוועלבטען סופית, איז אויף דער טריבונע אַרויפגעגאַנגען פּאָרטונע טרובער. פאַר די לעצטע מאָנאַטען איז ער זעהר אויסגעמאָגערט געוואָרען. די רויטליכע באַקען-ביינער האָבען כמעט ווי דורכגעריסען די הויט פון זיין בלייכען פנים; די ברעמען זענען ביי איהם געווען אָנגעצונדען, די שוואַרצאַפּלען—ווי פערגלעזערטע.

—בירגער,—האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ שוואַכער, עטוואָס אָבגעהאַקטער און עפּעס מאָדנע דורכנעהמענדער שטימע.—מען קאָן נישט וואַרפען אַ חשד אויפ'ן רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל, נישט וואַרפענדיג גלייכצייטיג אַ חשד אויפ'ן קאָנווענט און אויפ'ן „קאָמיטעט פאַר'ן אַלגעמיינעם גליק”, פון וועלכע ער שטאַמט. דער בירגער דיפּאָן האָט אויף אונז דאָ אָנגעוואָרפען אַ שרעק, דערצעהלענדיג, אַז דער פּאָרזיצענדער מאָנטאַנע האָט געפעלשט די געריכטס-פּראָצעדור לטובת אַ שולדיגען. פאַרוואָס האָט ער אָבער נישט צוגעגעבען, אום אונז צו בערוהיגען, אַז מאָנטאַנע איז דערפאַר אַראָב פון זיין שטעלע און אַרעסטירט געוואָרען?... צו קאָן מען דען נישט אָבהיטען פון געפאַהר דאָס אַלגעמיינע גליק, נישט וואַרפענדיג קיין חשדים אויף רעכטס און אויף לינקס? שוין-זשע זענען מעהר נישטאָ קיין פעהיגע און עהרליכע מענשען אין קאָנווענט? ראָבעספּיער, קוטאָן, סען-זשוסט—זענען זיי דען נישט קיין עהרליכע מענשען? עס איז אַ מערקווירדיגע זאַך, אַז די שאַרפסטע רעדעס הערט מען דוקא פון מענשען, וועלכע

---

*) שאַרלאָט קאָרדע ד'אַרמאָן, אַן אוראייניקעל פונ'ם גרויסען פראַנצויזישען דיכטער קאָרניי, וועלכע האָט דערשטאָכען מאַראַ'ן מיט אַ קינדזשאַל אלס נקמה פאַר די זשיראָנדיסטען. זי איז גיליאָטינירט געוואָרען דעם 17-טען יולי, 1793.— דער איבערזעצער.

מען האָט קיינמאָל נישט געזעהן קעמפפען פאַר דער רעפּובליק! כ׳לעבען, זיי וואָלטען גאָר נישט געדאַרפט רעדען אַנדערש, ווען זיי וואָלטען געשטרעבט די רעפּובליק פערהאַסט צו מאַכען. ביר-גער, וועניגער געטומעלט און מעהר געאַרבייט! פראַנקרייך וועט מען ראַטעווען נישט מיט שרייערייען, נאָר מיט אַרמאַטען. אַ העלפט קעלערס פונ׳ם בעצירק זענען נאָך נישט בעזוכט געוואָ-רען. אַ סך בירגער האָבען נאָך ביי זיך גאַנצע מענגעס בראָנז און גיבען נישט אָב. מיר דערמאָהנען די רייכע, אַז דאָס, וואָס זיי שענקען-אַוועק אויף פּאַטריאָטישע צוועקען, איז פאַר זיי די בעסטע פערזיכערונג אין זייער פּאָליטישער כשרות. איך וויל אויך ערוועקען אייער גוטהערציגקייט און אייער ברייטע האַנד בנוגע צו די טעכטער און פרויען פון אונזערע סאָלדאַטען, וועל-כע בעדעקען זייערע נעמען מיט רוהם ביי דער גרעניץ און אויף די ברעגען פון לואַר. איינער פון זיי, דער הוזאַר אָגו-סטען פראָמיע, וועלכער איז פריהער געווען אַ וויין-ציהער-געזעל אין זשעריזאַלעם-גאַס, איז דעם 10-טען פון פאָריגען מאָנאַט בעפאַלען געוואָרען ביי קאַנדע פון זעקס עסטרייכישע רייטער, ווען ער האָט געפיהרט אָנטרינקען פערד: צוויי פון זיי האָט ער דערהרג׳עט און די איבריגע האָט ער געבראַכט געפאַנגען. איך בעט, אַז די סעקציע זאָל ערקלערען, אַז אָגוסטען פראָמיע האָט ערפילט זיין פליכט.

די דאָזיגע רעדע איז שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרען און די סעקציאָנערען זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, שרייענדיג: „זאָל לעבען די רעפּובליק!"

בלייבענדיג אין דער קירך אַליין מיט טרובער׳ן, איז גאַמ-לען צוגעגאַנגען צו איהם און געדריקט די האַנד.

—איך דאַנק דיך. וואָס מאַכסטו?

—איך? זעהר גוט, זעהר גוט!—האָט טרובער געענטפערט און ביי די ווערטער אַ הוסט-געטהון און אויסגעשפּיגען מיט בלוט אין זיין טאַשען-טיכעל.—די רעפּובליק האָט אַ סך שונאים סיי אויסען, סיי אינערוועניג; אונזער סעקציע, אויף איהר חלק, פערמאָגט זיי אויך אַ היבש ביסעל. נישט מיט געשרייען גרינ-

דעט מען מלוכות, נאָר מיט אייזען און מיט געזעצען... אַ גו-
טע נאַכט, גאַמלען. איך האָב נאָך היינט עטליכע בריעף צו
שרייבען.

און האַלטענדיג דאָס טיכעל ביי די ליפּען, איז ער אַריין
אינ'ם געוועזענעם גלחים-צימער

די בירגערין גאַמלען, וועלכע האָט שוין איצט געטראָגען
די נאַציאָנאלע קאָקאַרדע אויפ'ן קאָפּ אַ סך פעסטער צוגעשפּי-
לעט, האָט וואָס אַ טאָג גענומען אויסזעהן אַלץ מעהר בעל-
הבית'יש און סאָליד. זי האָט אָנגעהויבען שטאָלצירען מיט דער
רעפּובליק און בכלל זיך גענומען פיהרען, ווי עס פּאַסט פּאַר אַ
מוטער פון אַ געשוואָרענעם ריכטער. דער רעספּעקט צו אַ גע-
ריכט, וואָס איז אין איהר איינגעפּלאַנצט געוואָרען פון קינדווייז-
אָן; די התפעלות, וואָס זי פלעגט בעקומען, ווען זי פלעגט,
נאָך אַלס קינד, זעהן די לאַנגע שלעפּ-קליידער פון די ריכטער;
די הייליגע מורא, וואָס זי פלעגט שטענדיג פיהלען, אָנקוקענ-
דיג יענע מענער, וואָס גאָט האָט דאָ אויף דער ערד איבערגע-
געבען אין זייערע הענד זיין אייגען רעכט אויף דעם מענשען'ס
לעבען אָדער טויט, — די דאָזיגע געפיהלען האָבען אין איהרע
אויגען דערהויבען איהר זוהן הימעל-הויך — איהר עוואַריסט'ען,
וועלכען זי האָט ביז איצט בעטראַכט אַלס קליין קינד. פונקט
ווי די געזעצגעבער פון קאָנווענט האָבען געמיינט, אַז די דויער-
האַפטיגקייט פון אַ מלוכה בעשטעהט אין דעם שטענדיגען שפּרינ-
גען פון איין רעזשים צום צווייטען, אַזוי האָט זי מיט איהר
נאַאיווער פשטות געגלויבט, אַז די יוסטיץ פון דער רעוואָלוציע
וועט האָבען אַ לאַנגען קיום. דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל
האָט אין איהרע אויגען געהאַט דעם זעלבען מאַיעסטעטישען
גלאַנץ, ווי אַלע געריכטען, וועלכע זי איז פון קינדווייז-אָן גע-
וועהנט געווען צו פערגעטערן.

אין די בעציהונגען פון דעם אַלטען בראָטאָ צום יונגען
געשוואָרענעם ריכטער האָט זיך געפיהלט אַ געוויסע נייגיעריג-
קייט, אויסגעמישט מיט פערוואונדערונג און אַ געצוואונגענע

העפליכקייט. ער האָט אויך געגלויבט, ווי מאַדאַם גאַמלען, אַז די יוסטיץ וועט עקזיסטירען אונטער אַלערליי רעזשימען, אָבער מיט דעם אונטערשיעד, וואָס ער האָט געפיהלט אַ פעראַכטונג צו די רעוואָלוציאָנערע טריבונאַלען, פונקט ווי צו די געריכטען פון אַלטען רעזשים. נישט וואַגענדיג אָפען אַרויסצוזאָגען זיינע געדאַנקען וועגען דעם, און, פון דער צווייטער זייט, נישט קאָנענדיג איינגאַנצען זיי פערשוויגען, פלעגט ער זיך אַריינלאָזען אין אַלערליי פאַראַדאָקסען. גאַמלען אָבער פלעגט די דאָזיגע פאַראַדאָקסען גאַנץ גענוג פערשטעהן, אום אַרויסצודרינגען פון זיי אַ חשד געגען דעם אַלטענס פאַטריאָטיזם.

—דער הויכער טריבונאַל, וואו איהר וועט באַלד זיצען, איז געגרינדעט געוואָרען דורכ'ן פראַנצויזישען סענאַט פאַר דער זיכערהייט פון דער רעפובליק, און ס'איז באמת געווען מצד אונזערע געזעצגעבער זעהר שען און ערהאַבען, וואָס זיי האָבען זייערע פיינד געגעבען ריכטער. איך בעגרייף די גאַנצע הויכמוטיגקייט דערפון, אָבער איך גלויב נישט, אַז דאָס זאָל זיין פאָליטיש קלוג. אַ סך קליגער וואָלט, דאַכט מיר, געווען פון זייער זייט, ווען זיי וואָלטען זייערע פערביסענסטע פיינד געקלאַפט אין דער פינסטער און די איבריגע צוגעצויגען צו זיך מיט מתנות און שענע הבטחות. אַ טריבונאַל אָבער קלאַפט לאַנגזאַם, זיינע קלעפ ברענגען מעהר שרעק, ווי וועהטאָג: ער וויל דאָך טאַקי הויפטזעכליך אַרויפוואַרפען אַ שרעק, מען זאָל זיך אָראָבנעהמען אַ מוסר. די נישט-פראַקטישקייט פון אייער טריבונאַל בעשטעהט אין דעם, וואָס אַלע יענע, אויף וועלכע ער וואַרפט-אַרויף אַ שרעק, פעראייניגט ער; אַזוי אַרום שאַפט ער פון המונים מענשען, וואָס זייערע אינטערעסען און ליידענשאַפטען זענען גאַנץ פערשיעדען, איין גרויסע פאַרטיי, וועלכע איז ביכלות צו פיהרען אַ געמיינזאַמע און מעכטיגע טעטיגקייט. איהר פערזייהט מורא, אָבער די מורא איז אַ סך מעהר ווי די דרייסטקייט עלול צו בעשאַפען העלדען. אָבגעהיטען זאָלט איהר דערפון ווערען, בירגער גאַמלען, עס זאָל געגען אייך ווען-עס-איז אויסברעכען אַ העלדישקייט אויס מורא!

דער גראַווירער דעמאַאי, וועלכער איז גראַדע יענע וואָך געווען פערליעבט אין איינע אַ הויכע ברונעטע פון „פאַלע-עגאַליטע” מיט׳ן נאָמען פלאָראַ, האָט פונדעסטוועגען געפונען פריי פינף מינוטען, צו קומען אָבגעבען זיין חבר „מזל טוב” און זאָגען איהם, אַז אַזאַ מין נאָמינאַציע איז אַ גרויסע עֶהרע פאַר דער קונסט.

אַפילו עלאָדי, וועלכע האָט אונבעוואוסטזיניג געפיהלט אַ שנאה צו אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער רעוואָלוציע, און מורא געהאַט פאַר יעדע געזעלשאַפטליכע אַרבייט, ווי פאַר אַ געפעהרליכע קאָנקורענטין, וואָס קאָן פון איהר אָבווענדען דאָס האַרץ פון איהר געליעבטען,—אַפילו זי האָט שוין געפיהלט אויף זיך די אויטאָריטעט און השפעה פון אַ ריכטער, וועלכער איז בערופען זיך אַרויסצוזאָגען אין זעהר גרויסע פראַגען. איבריגענס, דאָס, וואָס עוואַריסט איז בעשטימט געוואָרען אויפ׳ן פאָסטען פון אַ געשוואָרענעם ריכטער, האָט פאַר איהר געהאַט זעהר אַ גוטען רעזולטאַט, פון וועלכען זי האָט זיך גליקליך געפיהלט: איהר פאָטער, דער בירגער זשאַן בלעז, איז אַראָבגעקומען אין אַטעליע אויפ׳ן טיאָנוויל-פלאַץ און האָט זיך צוקושט מיט׳ן געשוואָרענעם ריכטער מיט׳ן גאַנצען ברען פון מענערישער האַרציגקייט.

ווי אַלע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערען, האָט בלעז געהאַט שטאַרק דרך-ארץ פאַר די מאַכט-האָבענדע מענשען פון דער רעפובליק. זינט מען האָט אויף איהם דערלאַנגט אַ מסירה, אַז ער פעלשט אין זיינע ליפערונגען, האָט ער פאַר׳ן רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל געקריגען מורא מיט רעספּעקט צוזאַמען, ער האָט געוואוסט, אַז מען האַלט איהם אויפ׳ן אויג און אַז ער איז צופיעל פערמישט אין פערשיעדענע זאַכען, אום זיך צו פיהלען פולשטענדיג זיכער. גאַמלען האָט איהם אויסגעזעהן צו זיין אַ מענש, מיט וועלכען מען דאַרף נישט איינרייסען, און סוף כל סוף איז מען דאָך עפּעס אַ גוטער בירגער, אַנ׳אָנהענגער פון געזעץ...

ער האָט אויסגעשטרעקט צום מאַלער-ריכטער זיין האַנד, זיך געוויזען ווי אַ ליעבליכער, פאַטריאָטישער מענש, וואָס איז גענייגט צו קונסט און פרייהייט.

— בירגער עוואַריסט גאַמלען,—האָט זשאַן בלעז זיך אָבגערופען — איך ווענד מיך צו אייער פריינדשאַפט און צו אייער טאַלענט. מאָרגען פיהר איך אייך אויף אַכט-און-פיערציג שעה אויף פרישע לופט, אין דאָרף. איהר וועט צייכענען און מיר וועלען שמועסען.

דער גראַווירען-הענדלער פלעגט עטליכע מאָל איז יאָהר מאַכען אַ רייזע אויף צוויי-דריי טעג איבער די אַרומיגע דערפער צוזאַמען מיט מאַלער, וועלכע פלעגען, לויט זיינע אָנווייזונגען, צייכענען פייזאַשזען אָדער חורבות. אויפכאַפּענדיג געשיקט דאָס, וואָס קאָן אויסנעהמען ביי'ם עולם, פלעגט ער פון די דאָזיגע רייזעס ברענגען שטיקלעך אַרבייט, מיט וועלכע ער פלעגט מאַכען גוטע געשעפטען. לויט די געבראַכטע סקיצען פלעגט ער לאָזען מאַכען פערשיעדענע שניצונגען פאַר טהירען און וועַנד, און אַזעלכע זאַכען פלעגען זיך פערקויפען נישט ערגער, ווי די דעקאָראַטיווע אַרבייטען פון הובערט ראָבער*).

דאָס מאָל האָט ער געוואָלט מיטנעהמען דעם בירגער גאַמלען, ער זאָל דאָרט פון נאַטור סקיצירען פאַבריקען: דער געשוואָרענער בירגער האָט, הייסט עס, אין זיינע אויגען גרויס געמאַכט דעם מאַלער... אין דער דאָזיגער רייזע האָבען געדאַרפט זיך בעטייליגען נאָך צוויי קינסטלער: דער גראַווירער דעמאַאי, וועלכער האָט גוט געצייכענט, און דער גאָר אונבעקאַנטער פיליפּ דיבואַ, וועלכער האָט אויסגעצייכענט געאַרבייט אין ראָבער'ס סטיל. די דאָזיגע רייזעס מיט די קינסטלער פלעגט געוועהנליך מיטמאַכען אויך עלאָדי מיט איהר חבר'טע, די בירגערין האַזאַר. זשאַן בלעז האָט אָבער תמיד געוואוסט צו פעראייניגען זיינע געשעפטען מיט זיינע פערגעניגענס, האָט ער איינגעלאַדען דאָס מאָל אויך די בירגערין טעווענען, אַנ'אַקטריסע פון וואָדעוויל-טעאַטער, וועלכע האָט גע'שם'ט צו זיין מעטרעסע.

*) אַ בעריהמטער פראַנצויזישער מאַלער (1733—1808). בעוואוסט דורך זיינע פּרעכטיגע רעפּראָדוקציעס פון די אַלטערטימליכע מאָנומענטען.—

דער איבערזעצער.

X.

שבת, זיעבען אַ זייגער אינדערפריה, איז דער בירגער בלעז, אין אַ שוואַרצען קאַפּעלוש מיט צוויי שפּיצען, דעם זשי-לעט פונאַנדערגעשפּילעט, אין לעדערנע הויזען און געלע שטי-וועל מיט אַריבערגעקאַשערטע כאַלעוועס, געקומען און האָט אָנ-געקלאַפּט אין טהיר פון אַטעליע. מאַדאַם גאַמלען האָט גראַדע געמיטליך געשמועסט מיט׳ן בירגער בראָטאָ; עוואַריסט איז גע-שטאַנען פאַר אַ קליין שטיקעל שפּיגעל און האָט פערבונדען זיין ברייטען ווייסען קראַוואַט.

—אַ גליקליכע רייזע, הערר בלעז!—האָט די בירגערין זיך אָנגערופען.—וויבאַלד איהר פאָהרט צייכענען פּייזאַזשען, טאָ געהמט מיט דעם הערר בראָטאָ, וועלכער איז אויך אַ מאַלער.

—אדרבה!—האָט זשאַן בלעז געענטפערט—בירגער בראָטאָ, פאָהרט מיט אונז!

דער אַלטער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און, קומענדיג צום בעשלוס, אַז ער וועט זיי נישט מאַכען קיין אונבעקוועמליכקיי-טען, האָט ער די איינלאַדונג אָנגענומען. ער איז בככל געווען

אַ מענש, וואָס האָט ליעב געזעלשאַפט און קאָן אַמאָל אַ שטיף טהאָן.

די בירגערין עלאָדי איז אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן פיערטען שטאָק, אום זיך צו צוקושען מיט מאַדאַם גאַמלען, וועלכע זי האָט גערופען „גוטע מוטער". זי איז אינגאַנצען געווען אָנגעטהון אין ווייסען און ס'האָט געשמעקט פון איהר מיט לאַוואַנד-פאַרפום.

אַנ'אַלטע קאַרעטקע, געשפּאַנט מיט צוויי פערד, מיט אַנ'אָראָבגעלאָזטען צודעק, האָט געוואַרט אויפ'ן פּלאַץ. אינווענינג זענען געזעסען ראָזאַ טעווענען און זשוליען האַזאַר. עלאָדי האָט אַוועקגעזעצט די אַקטריסע רעכטס, אַליין זיך געזעצט לינקס און די מאָגערע, גרינגע זשוליען האָט זיך געזעצט צווישען זיי ביידע. בראָטאָ האָט זיך געזעצט אַנטקעגען דער בירגערין טעווענען; פיליפּ דיבואַ—אַנטקעגען זשוליען האַזאַר; עוואַריסט—אַנטקעגען עלאָדי'ן. וואָס אָנבעלאַנגט פיליפּ דעמאַאי, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט מיט זיין אַטלעטישער פיגור אויפ'ן פאָדערשטען געזעס מיט'ן פוהרמאַן צוזאַמען. פאָהרענדיג, האָט ער דעם פוהרמאַן איינגעשמועסט אַ מעשה, אַז אין אַמעריקאַ וואַקסען אויף די ביימער געפילטע קישקעס און וואורשטלעך, און יענער האָט געשטוינט, הערענדיג עס.

דער בירגער בלעז, וועלכער איז געווען אַנ'אויסגעצייכענטער רייטער, האָט מיטגעמאַכט דעם וועג רייטענדיג אויף אַ פערד. ער איז געריטען פאָראויס, אום נישט פערשטויבט צו ווערען דורך דער קאַרעטקע.

וואָס מעהר די רעדער האָבען זיך געדרעהט איבער'ן ברעג פון דער פאָרשטאָדט, אַלץ מעהר האָבען די רייזענדע פערגעסען זייערע דאגות. און באַלד ווי זיי האָבען דערזעהן די פעלדער, די בוימער, דעם הימעל, זענען זייערע געדאַנקען געוואָרען פרעהליכער און לעבעדיגער. עלאָדי האָט אַ טראַכט-געטהון, אַז זי איז ווי געבאָרען צו האָדעווען היהנער ביי עוואַריסט'ס זייט, ערגעץ אין אַ דערפעל, וואו ער וועט זיין אַ פריעדענס-ריכטער, ביים ברעג פון אַ טייך, נעבען א וואַלד... די בוימלעך, וואָס זענען געוואַקסען ביי די זייטען פון וועג, זענען געלאָפען פאַרביי זיי.

ווען זיי פלעגען אַריינפאָהרען אין אַ דערפעל, פלעגען די הינט-לעך זיך אַ וואָרף טהון צו דער קאַרעטקע און בילען אונטער די פיס פון די פערד, און אין דערזעלבער צייט פלעגט דאָרט, ווייטער, זיך אויפהויבען אָהן חשק אַ בעוואַקסענער שפּאַנישער הונד, וואָס איז געלעגען אויסגעצויגען איבער׳ן וועג; די היהנער פלעגען מיט צושפּרייטע פליגלען אַנטליפען; די גענז פלעגען אין איין כנופיה זיך אָבטראָגען לאַנגזאַם. די צושויבערטע קינ-דערלעך פלעגען בעקוקען די רייזענדע. דער פריהמאָרגען איז געווען אַ הייסער און דער הימעל איז געווען קלאָר. די צושפּאָל-טענע ערד האָט געגאַרט נאָך אַ רעגען.

נעבען ווילזשוויף זענען זיי אַראָב פון דער קאַרעטע. ווען זיי זענען געגאַנגען דורכ׳ן שטעדטעל, איז דעמאַאי אַריינגעגאַנ-גען אין אַ פרוכט-געוועלב קויפען קאַרשען פאַר די דאַמען. אָבער די פערקויפערין איז געווען אַ שענע—האָט ער זיך שוין נישט בעוויזען צוריק. פיליפ דיבוא האָט איהם גערופען מיט׳ן צונאָ-מען, וואָס די בעקאַנטע האָבען איהם געגעבען:

—עי, באַרבאַרו!... באַרבאַרו!

דערהערענדיג דעם דאָזיגען פערהאַסטען נאָמען; האָבען עט-ליכע פאַרבייגעהער אָנגעשטעלט מויל און אויערן. אין אַלע פענ-סטער האָבען זיך בעוויזען פּנים׳ער. און ווען מען האָט געזעהן אַרויסגעהן פון פרוכט-געוועלב אַ שענעם יונגענמאַן מיט אַ פונאַנ-דערגעשפּילעטען ראָק; ווען מען האָט דערזעהן ווי דער האַפּט-קאָלנער פון זיין העמד פאַלט-אַראָב אויף זיין אַטלעטישע ברוסט; ווי ער טראָגט אויף איין אַקסעל אַ קאָרב מיט קאַרשען און אויפ׳ן צווייטען זיין איבערגעציהער אויפגעהאָנגען אויף אַ שטעקען— האָט מען געמיינט, אַז דאָס איז אַן אַנטלאָפענער זשיראָנדיסט. די יאַקאָבינער האָבען שטאַרק גענומען זיך טשעפּען צו איהם און, נישט קוקענדיג אויף זיינע שאַרפע פּראָטעסטען, וואָלטען זיי איהם זיכער צוגעשטעלט אין מוניציפּאַליטעט אַריין, ווען נישט דער אַלטער בראָטאָ, גאַמלען און די דריי יונגע פרויען, וועלכע האָבען פערזיכערט, אַז דער בירגער הייסט פיליפ דעמאַאי, אַ גראַווירער, און אַז ער איז אַ גוטער יאַקאָבינער. פונדעסטוועגען

האָט ער געמוזט בעווייזען זיין שיין פון פּאָליטישער כשרות, וועלכען ער האָט נאָר צופעליג געהאַט ביי זיך, וואָרום געוועהנליך איז ער זעהר נאַכלעסיג געוועזן מיט אַזעלכע זאַכען. אַזוי־אַרום האָט ער זיך אַרויסגעדרעהט פון די הענד פון די פּאַטריאָטישע דאָרפסלייט און איז אָבגעקומען בלויז מיט דעם, וואָס מען האָט איהם אָבגעריסען אַ שטיקעל האַפּט ביים ברעג פון אַנ׳אַרבעל—נישט קיין גרויסער שאָדען, איבריגענס. יענע לייט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וועלכע האָבען אַממעהרסטען ענערגיש זיך אַ נעהם־געטהון צו איהם, האָבען זיך באַלד ענטשולדיגט און אפילו געוואָלט איהם אַוועקטראָגען אויף די הענד מיט פּאַראַד, ווי אַ זיעגער, אין מוניציפּאַליטעט.

נאָכדעם ווי ער איז פריי געוואָרען, האָט ער, שטעהענדיג אַרומגערינגעלט פון די בירגערינס עלאָדי, ראָזאַ און זשוליען, געוואָרפען אַ ביטערען שמייכעל אויף פיליפּ דיבואַ. ער האָט איהם נישט ליעב געהאַט און האָט איהם חושד געוועזן, אַז דאָס האָט ער בכיון איהם אָבגעטהון אַ שפּיצעל.

—דיבואַ!—האָט ער זיך אָבגערופען, שטעלענדיג זיך נעבען איהם און איבערשטייגענדיג איהם מיט אַ גאַנצען קאָפּ,—אויב דו וועסט מיך נאָך אַמאָל רופען „באַרבאַרו“, וועל איך דיך רופען „בריסאָ“; יענער, בריסאָ, איז אויך אַ קליין, דיק נפש׳ל, אַ קאָמישע פיגור, מיט פעטע האָר, מיט אַ גלאַנציגער הויט און מיט קלעפּיגע הענד. קיינער וועט נישט צווייפלען, אַז דו ביזט טאַקי בריסאָ, דער פיינד פון פאָלק. און אַז די רעפּובליקאַנער וועלען דיך דערזעהן, וועלען זיי פערציטערטע ווערען פון פיינדשאַפט און עקעל און וועלען דיך אויפהענגען אויף דעם ערשטען בעסטען לאַמטערנע־סלופּ... דו פערשטעהסט?

דער בירגער בלעז, וועלכער איז צוריקגעקומען פון אָנטרינקען זיין פערד, האָט פערזיכערט, אַז ער האָט שוין דעם גאַנצען ענין „פערריבען“, חאָטש אַלע האָבען, אייגענטליך, געזעהן, אַז דער ענין איז גאַנץ גוט „פערריבען“ געוואָרען אָהן איהם.

מען אין צוריק אַריין אין קאַרעטע. אין וועג האָט דע־

מאַאי דערצעהלט דעם פוהרמאַן, אַז טאַקי אויף דעמזעלבען אָרט, אויף די פעלדער פון לאַנזשומאָ, זענען פאַרצייטען אַראָבגעפאַלען אַ סך איינוואוינער פון דער לבנה, וועלכע האָבען מיט זייערע פיגורען און קאָליר אויסגעזעהן, ווי זשאַבעס, אָבער זיי זענען געווען פיעל גרעסער. פיליפּ דיבוּאַ און גאַמלען האָבען גערעדט וועגען קונסט. דיבוּאַ, וועלכער איז געווען רעניאָ׳ס אַ תּלמיד, איז שוין געווען אין רוים. דאָרט האָט ער געזעהן ראַפּאַעל׳ס פרעסקען, וועלכע ער האָט געשטעלט העכער פאַר אַלע מייסטער-ווערק. ער האָט בעוואונדערט דעם קאָלאָריט פון אַנטאָניאָ קאָרעדזשיאָ, די קאָמפּאָזיציע פון אַניבאַלע קאַראַטשי, דעם שטריך פון דאָמיניקינאָ, אָבער וואָס אַנבעלאַנגט סטיל האָט ער דאָס אַלץ געפונען אונפערגלייכבאַר לגבי די בילדער פון פּאָמפּעיאָ באַטאָני. אין רוים איז ער געווען אַנ׳איינגעהער ביי ה׳ מענגאַזשאָ און ביי מאַדאַם לעברען, וועלכע האָבען זיך ביידע אַרויסגעזאָגט געגען דער רעוואָלוציע—האָט ער וועגען זיי טאַקי איצט נישט געוואָלט רעדען. דערפאַר האָט ער געריהמט אַנדזשעליקאַ קויפמאַן, וועלכע האָט געהאַט אַ זויבערן געשמאַק און האָט גוט געקאָנט דאָס אַלטערטום.

גאַמלען האָט אויסגעדריקט זיין בעדויערן, וואָס אין דער פונאַנדערבליהונג פון דער פראַנצויזישער מאַלעריי, וועלכע איז ענטשטאַנען אַזוי שפּעט,—וואָרום זי האָט זיך דאָך אָנגעהויבען מיט לעסוער׳ן, קלאָד׳ן און פּוסענ׳ען, דאָס הייסט דאַן, ווען די איטאַליענישע און פלאַמאַנדישע שולען האָבען שוין געהאַלטען אין פאַלען,—אַז די דאָזיגע פונאַנדערגעבליהטע פראַנצויזישע מאַלעריי איז אַזוי שנעל און נידעריג אַראָבגעפאַלען. די סבות דערפון האָט ער געזעהן אין די געזעלשאַפטליכע זיטען און אין דער אַקאַדעמיע, וועלכע איז די אויסדריקערין פון די דאָזיגע זיטען. אָבער די אַקאַדעמיע איז שוין, צום גליק, אָבגעשאַפט געוואָרען און, אונטער׳ן איינפלוס פון די נייע אידעען, האָט דאַוויד מיט זיין שולע געשאַפען אַ נייע קונסט—אַזאַ, וועלכע פאַסט פאַר אַ פרייען פאָלק. צווישען די יונגע מאָלער האָט גאַמלען אָהן שום קנאה געשטעלט אויפ׳ן ערשטען פלאַן ענקענ׳ען און טאָפּינאָ-לע-

ברענ׳ען. פיליפ דיבואַ אָבער האָט געהאַלטען, אַז רעניאָ, זיין לעהרער, שטעהט העכער פאַר דאַווידען און די גרעסטע האָפנונגען פאַר דער מאָלעריי האָט ער געלעגט אויף דעם יונגען זשעראַר.

די פרויען האָבען גערעדט צווישען זיך וועגען זייערע טואַלעטען און איינע דער צווייטער געמאַכט קאָמפּלימענטען. עלאָדי האָט אויסגעדריקט איהר ענטציקונג פון דעם רויטען סאַמעטענעם היטעלע און פון ווייסען קלייד, וואָס די בירגערין טעוונען האָט געטראָגען; די אַקטריסע, ווידער, האָט געריהמט דיביידע חבר׳טעס פאַר זייער טואַלעט און האָט זיי אָנגעוויזען, ווי אַזוי צו מאַכען די קליידער נאָך שענער. דאָס מיטעל דערצו איז, לויט איהר מיינונג, בעשטאַנען אין אַראָבנעהמען די בעפוצונגען.

—מען דאַרף זיך אָנטהון וואָס איינפאַכער,—האָט זי געזאָגט,—אַזוי לערנט מען אונז אין טעאַטער. די קליידער מוזען זיין געמאַכט אַזוי, אַז מען זאָל קאָנען זעהן יעדע פּאָזע. אין דעם בעשטעהט טאַקי זייער שענקייט. מעהר דאַרף מען נישט.

—איהר זענט גאַנץ גערעכט, מיין ליעבע,—האָט עלאָדי געענטפערט—אָבער קיין זאַך קאָסט אין טואַלעט נישט אַזוי טייער, ווי טאַקי די איינפאַכקייט. און אויב מיר טהוען-אָן אויף זיך אַלערליי שמאָכטעס, איז עס נישט שטענדיג צוליעב שלעכטען געשמאַק; אַמאָל איז עס צוליעב שפּאָרזאַמקייט.

זיי האָבען ווייטער גערעדט מיט אינטערעס וועגען הערבסט מאָדען, וועגען גלאַטע קליידער, קורצע טאַליעס.

—וויפיעל פרויען נעהמען און פער׳מאוס׳ען זיך אַליין מיט דעם, וואָס זיי פאָלגען דער מאָדע!—האָט פריילין טעוונען געזאָגט.—מען וואָלט בעדאַרפט זיך אָנטהון אַזוי, ווי די אייגענע פיגור פאָדערט.

—דאָס איינציג-שענע איז—אַ שטאָף אַרומגעדרעהט אַרום קערפּער און דראַפּירט—האָט גאַמלען זיך אָנגערופען.—אַלץ, וואָס איז געשניטען און גענייהט, איז העסליך.

די דאָזיגע געדאַנקען, וועלכע וואָלטען מעהר געפּאַסט אַרויס-

געזאָגט צו ווערען אין אַ בוך פון דעם אַרכעאָלאָג און היסטאָ-ריקער ווינקעלמאַן, איידער דורך אַ מאַנספערזאָן, וואָס רעדט מיט פּאַריזערינס, זענען אָבגעוואָרפען געוואָרען מיט אַ פּעראַכטונגס-גלייכגילטיגקייט.

—אויף ווינטער—האָט עלאָדי געזאָגט—מאַכט מען קליידער „אַ לאַ לאַפּאָן” פון פלאָרענטין אָדער פּאָפּעלין, און רעק „אַ לאַ זולים” מיט רונדע פּאָלעס, פערשפילעט מיט אַ וועסטעל „אַ לאַ טורק”.

—יאָ, דאָס זענען צרות-פערדעקער...—האָט געזאָגט פּריי-ליין טעוונען.—מען פערקויפט זיי פּאַרטיגערהייד. איך האָב אַ בעשיידענע שניידערין, וועלכע אַרבייט פשוט וואונדערליך און נעהמט נישט טייער: איך וועל זי שיקען צו אייך, מיין ליעבע.

און די ווערטער זענען ווייטער געפלאָסען לייכט און שנעל, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס וויקלען זיך פונאַנדער אין דער לופט דינע שטאָפען, פלאָרענטין אין פאַסקעלעך, זיידענס, קרעפּ, גאַזע, טיול...

און דער אַלטער בראָטאָ האָט, הערענדיג זייער געשפּרעך, מיט אַ זיסער מעלאַנכאָליע געטראַכט וועגען די סעזאָן-שלייערן, אין וועלכע עס הילען זיך איין אָט די פּרעכטיגע פיגורען... נישט לאַנג האָבען זיי אַ קיום, די דאָזיגע געשטאַלטען, און דאָך האַלטען זיי אין איין אויפלעבען, ווי די בלומען אויף די פעל-דער. און איבערגעהענדיג פון די דריי פרויען אויף די בלויע און רויטע בלימלעך, וואָס זענען געוואָקסען ביי די זייטען, און פון די בלימלעך צוריק אויף די פרויען, האָבען זיינע בליקען ביסלעכווייז זיך בענעצט מיט שמייכלענדיגע טרעהרען...

אַ זייגער ניין זענען זיי אָנגעקומען קיין אָראַנזשי און האָ-בען זיך אָבגעשטעלט אין אַ קרעטשמע „דע לאַ קלאָש”, וואו דאָס פּאָר-פאָלק פּואַטרין פלעגט געבען נאַכטלעגער פאַר דורכגע-הער און דורכפאָהרער. בלעז, וועלכער האָט שוין געהאַט צו-רעכטגעמאַכט זיין טואַלעט, האָט געהאָלפען די פרויען אַרויס-געהן פון דער קאַרעטע. נאָכדעם ווי זיי האָבען בעשטעלט מי-טאָג אויף צוועלף אַ זייגער, האָבען זיי גענומען אַ דאָרפס-יונגעל

אויף צו טראָגען די מאָלעריי-מכשירים און זענען אַוועק אַלע צופוס צום צוזאַמענפלוס פון די טייכֿען איוועט און אָרזש— צו יענעם שענעם אָרט, פון וואַנען עס שפּרייט זיך פונאַנדער פאַר'ן אויג דאָס גרינע פלאַכלאַנד פון לאָנזשומאָ, אַרומגענומען פון איין זייט דורך דער סענע, פון דער צווייטער דורכ'ן וואַלד סענט-זשענעוויעוו. זשאַן בלעז, וועלכֿער איז געווען דער אָנפיהרער פון דער קאָמפּאַניע, האָט געפיהרט מיט'ן געוועזענעם פינאַנסיסט אַ לייכֿט, לצנות'דיג געשפּרעך, וואו ס'האָט זיך געהערט אַ מישמאַש פון פערשיעדענע נעמען: ווערבאָקע דער גרויסמוטיגער, קאַטערין גיסאָ, די פריילײנס שאָדראָן, דער כשוף-מאַכער גאַלישע און די נייעסטע פיגורען פון קאַדע-רוסעל און פון מאַדאַם אַנזשאָ.

דערזעהענדיג, ווי די פעלד-אַרבייטער בינדען גאַרבען, איז גאַמלען פּלוצלונג דורכגענומען געוואָרען מיט אַ ליעבע צו דער נאַטור און ער האָט געפיהלט, אַז טרעהרען שטעלען זיך איהם אין די אויגען. טרוימען פון אחדות און ליעבע האָבען אָנגעפילט זיין האַרץ. דעמאַאי האָט געבלאָזען אויף די האָהר פון די פרויען לייכטע פלעווקעלעך פון שייטען. אַזוי ווי אַלע דריי פרויען האָבען געהאַט צו בלומען דאָס געשמאַק פון שטאָדטישע איינוואוינער, האָבען זיי געקליבען אויף די לאָנקעס וואָל-קרייטלעך, וואָס זייערע בלימלעך וואַקסען אַרום די רעהרלעך, ווי זאַנגען; צאַרטע גלעקעלעך, מיט בלוי-ראָזע בלעטעלעך איינס איבער'ן צווייטען; דינע, שוואַכע צווייגעלעך פון שמעקעדיגער ווערבענאַ, מילץ-קרייטלעך, מענט, רעזעדאַ, פעלד-גערבלעך—אַלערליי צמחים, וועלכֿע מען געפינט אויף די פעלדער צום סוף זומער, און אַזוי ווי זשאַן-זשאַק רוסאָ האָט געמאַכט ביי די שטאָדטישע מיידלעך אַ מאָדע אויף באָטאַניק, האָבען זיי אַלע דריי געוואוסט, ווי אַזוי יעדע בלום הייסט און וועלכֿע אייגענשאַפטען זי בעזיצט. זעהענדיג, ווי די צאַרטע, אויסגעטריקענטע בלעטעלעך צוקריכֿען אין איהרע הענד און פאַלען צראָב צו איהרע טריט, האָט עלאָד, אַ זיפץ געטהון:

—זיי געהען שוין אַוועק, די בלימעלעך...

אַלע האָבען זיך גענומען צו דער אַרבייט און יעדערע

האָט זיך בעמיהט אויסצודריקען די נאַטור אַזוי, ווי ער האָט זי געזעהן; אָבער יעדערער האָט זי געזעהן מיט די אויגען פון עמיצען אַ גרויסען קינסטלער. פיליפּ דיבואַ האָט אין אַ קורצער צייט אויפסקיצירט אַ פערלאָזענע פערמע אין׳ם זשאַנר פון הובערט ראָבער, מיט איינגעוואָרפענע בוימער, מיט אַנ׳אויסגע-טריקענט טייכעל. עוואַריסט גאַמלען האָט אויפ׳ן ברעג פון דער איוועט אויסגעפונען פוסענ׳ס פייזאַזשען. פיליפּ דעמאַאי איז גע-שטאַנען נעבען אַ טויבען-סקלאַפּ און געמאָלט שטיפערישע סצענ-קעס אינ׳ם סטיל פון קאַלאָ און דיפּלעסי. דער אַלטער בראָטאָ, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַנ׳אימיטאַטאָר פון פלאַמאַנ-דישע מאַלער, האָט מיט גרויס כונה געמאָלט אַ קוה. עלאָדי האָט סקיצירט אַ דאָרפס-הייזעל און איהר חבר׳טע, זשוליען, וועלכע איז געווען אַ טאָכטער פון אַ פאַרב-הענדלער, האָט איהר צוגע-קליבען די פאַרבען אויף דער פאַליטרע. אַרום איהר האָבען זיך אַרומגעשטעלט קינדער און געקוקט, ווי זי מאָלט. זי פלעגט זיי אָבטרייבען פון אַנטקעגען דער זון, רופענדיג זיי בעת מעשה „איינגעגעסענע פליגען” און טיילענדיג זיי צוקערלעך. און די בירגערין טעוונען, ווען זי פלעגט דערזעהן צווישען די קינדער אַ שענס, פלעגט זי עס וואַשען, קושען און האַלזען און אַריינ-שטעקען בלומען אין די האָר. זי האָט זיי געצערטעלט מיט אַ ווייכער מעלאַנכאָליע, ווייל איהר איז נישט בעשערט געווען דאָס גליק צו זיין אַ מוטער. זי האָט אפשר אויך געוואָלט זיך אויס-פיינען אַ ביסעל מיט איהרע צאַרטע געפיהלען און בעווייזען איהר קונסט פון האַלטונג און פאָזע.

פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע איז זי געווען די איינציגע, וואָס האָט נישט געצייכענט און נישט געמאָלט. זי האָט זיך דעריבער פערנומען מיט אויסלערנען אַ ראָליע און נאָך מעהר — מיט בעמיהען זיך, געפעלען צו ווערען. מיט אַ העפט אין האַנד איז זי אַרומגעגאַנגען פון איינעם צום צווייטען לייכט און ריי-צענד. „קיין פנים, קיין פיגור, קיין קערפּער, קיין שטימע” — האָבען די פרויען געזאָגט וועגען איהר. און דאָך איז זי פול געווען מיט בעוועגונג. קאָלאָריט און האַרמאָניע. פערוועלקט און

פריש, מיעד און אונערמיעדליך — מיט דעם איז זי געווען די אינטערעסאַנטסטע פון דער קאָמפּאַניע. אַ שטימונגס-מענש — און דאָך שטענדיג לוסטיג; עמפּפינדליך און בייז — און דאָך גוזן-מיטליך און לייכט; אַ שאַרף צינגעל, אָבער מיט אַ מילדען, העפ-ליכען טאָן. פלאָנדעריש, בעשיידען, אָפענהערציג, פאַלש, מילד— אויב מיט דעם אַלעם האָט ראָזאַ טעוונען נישט געמאַכט קיין גלענצענדע געשעפטען, אויב זי איז נישט געוואָרען קיין געטין, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל די צייט איז געווען אַ שלעכטע און אין פּאַריז איז נישט געווען קיין ווייראַך און נישט קיין אַלטאַרען פאַר גראַציעס... אפילו עלאָדי, וועלכע פלעגט תמיד רעדען וועגען איהר מיט אַ גרימאַסע און זי אָנרופען „שוויגער", פלעגט נישט קאָנען, טרעפענדיג זיך מיט איהר, ביי-שטעהן געגען אַזוי פיעל חן.

אין דעם „פעידאָ"-טעאַטער האָט מען רעפעטירט אַ קאָמע-דיע „די מנישקעס", און ראָזאַ איז צופריעדען געווען, וואָס זי האָט אין דער דאָזיגער פּיעסע בעקומען אַ ראָליע, וואָס איז דורך-און-דורך נאַטירליך. נאַטירליכקייט — דאָס פלעגט זי תמיד זוכען און געפינען.

—וועלען מיר שוין, הייסט עס, נישט זעהן פּאַמעלאַ'ן?— האָט זיך אָנגערופען דער שענער דעמאַאי.

דאָס טעאַטער „דע לאַ נאַסיאָן" האָט מען פערמאַכט און אַלע אַרטיסטען און אַרטיסטינס האָט מען אַריינגעזעצט אין די טורמעס „מאַדעלאָנעט" און „פּעלאַזשי".

—אָט דאָס רופט מען „פרייהייט"? — האָט אויסגעשריען ראָזאַ טעוונען, אויפהויבענדיג צום הימעל איהרע שענע אויגען, וואָס זענען פול געווען מיט צאָרן.

—די אַקטיאָרען פון טעאַטער „דע לאַ נאַסיאָן",—האָט זיך אָבגערופען גאַמלען—זענען אַריסטאָקראַטען, און אין דער פּיעסע פונ'ם בירגער פראַנסואַ פּיהלט זיך אַ טענדענץ פון בענקשאַפט נאָך די אָבגעשאַפטע פּריווילעגיעס פונ'ם אַדעל.

—מיינע העררען,—האָט געזאָגט ראָזאַ טעוונען—איהר קאָנט אויסהערען, קענטיג, נאָר די, וועלכע ווייסען אייך צו חנפ'ענען.

אַרום האַלבען טאָג האָט יעדערער אָנגעהויבען פיהלען הונגער און די קאָמפּאַניע האָט זיך געלאָזט געהן צוריק אין קרעטשמע אַריין.

עוואַריסט איז געגאַנגען צוזאַמען מיט עלאָדי׳ן און האָט, שמייכלענדיג, איהר דערמאָהנט זייערע ערשטע בעגעגענישען.

—צוויי פייגעלעך, וועלכע האָבען געהאַט זייער נעסט אונ-טער׳ן דאַך, זענען אַראָבגעפאַלען אויפ׳ן ברעג פון אייער פענ-סטער. איהר האָט זיי געגעבען עסען ביי די שנאָבעלעך; איינס פון זיי איז געבליבען לעבען און אַוועקגעפלויגען, דאָס צווייטע איז געשטאָרבען אינ׳ם נעסטעלע, וואָס איהר האָט איהם גע-מאַכט פון וואַטע. „און טאַקי דאָס דאָזיגע פייגעלע האָב איך מעהר ליעב געהאַט”—האָט איהר דאַן געזאָגט. איהר האָט יענעם טאָג געטראָגען אין די האָר אַ רויטען שלייף.

פיליפּ דיבוא און בראָטאָ, וועלכע זענען געגאַנגען פון הינטען, האָבען געשמועסט וועגען רוים, וואו זיי זענעןביידע געווען: בראָטאָ אין יאָהר 1772, דיבוא אין דער לעצטער צייט פון דער אַקאַדעמיע. דעם אַלטען בראָטאָ איז נאָך גוט געלעגען אין זינען די פירשטין מאָנדראַגאָנע, פאַר וועלכער ער וואָלט אַמאָל גאַנץ גערן אויסגעדריקט זיינע געפיהלען, ווען נישט דער גראַף אַלטיערי, וועלכער פלעגט פון איהר נישט אָבטרעטען, ווי אַ שאָטען. פיליפּ דיבוא האָט נישט פערגעסען צו דערצעהלען, אַז ער איז אַמאָל געווען איינגעלאַדען צו אָווענד-ברויט ביי׳ם קאַרדינאַל דעבערני, וועלכער איז געווען דער ליעבסטער מכניס-אורח אויף דער וועלט.

—יאָ, איך האָב איהם געקענט,—האָט געזאָגט בראָטאָ—און אָהן בעריהמעריי קאָן איך זאָגען, אַז אַ געוויסע צייט בין איך געווען מיט איהם גאַנץ נאָהנט: ער האָט ליעב געהאַט צו פער-קעהרען מיט אַלערליי שור-וחור. דאָס איז געווען אַ ליעבער מענש, און חאָטש ער האָט געהאַט אַ טבע צו באַקען ליגענס, האָט ער דאָך געהאַט אין זיין מינדסטען פינגער אַ סך מעהר געזונדטע פילאָזאָפיע, איידער עס פערמעגען אין זייערע קעפּ

אַלע אייערע יאַקאָבינער, וועלכע ווילען אונז מאַכען גוט און פרום. כ׳לעבען, ס׳זענען מיר שוין אַ סך ליעבער די כּלי-קדש אונזערע, וועלכע הויבען נישט אָן צו וויסען וואָס זיי זאָגען און וואָס זיי טהוען, איידער די דאָזיגע געזעצען-שמירער און גריבלער, וועלכע גיליאָטינירען אונז, כּדי אונז צו מאַכען פאַר לייט, מיר זאָלען פערגעטערן „דאָס העכסטע וועזען", וועלכעס האָט זיי בעשאַפען לויט זיין אייגענעם געשטאַלט. אַמאָליגע יאָה-רען פלעג איך לאָזען מאַכען גאָטעס-דיענסטען אין דער קאַפּלי-צע „דעז אילעט" איינעם אַ שלים-מזל׳דיגען גלח׳ל, וואָס נאָכדעם ווי ער פלעגט אַריינזופען עטליכע כּוס׳עלעך, פלעגט ער זאָגען: „לאָמיר נישט טאַדלען די זינדיגער: מיר לעבען פון זיי—מיר, אונווירדיגע פריסטער וואָס מיר זענען!" איהר מוזט מודה זיין, מיין העדר, אַז דער דאָזיגער לאַטיין-פּרעסער האָט געהאַט גע-זונדטע רעגירונגס-פּרינציפּען. צו זיי, צו די דאָזיגע פּרינציפּען, וואָלט מען בעדאַרפט זיך אומקעהרען און רעגירען מיט מענשען לויט ווי זיי זענען, נישט לויט ווי מען וואָלט זיי געוואָלט זעהן.

ראָזאַ טעוונען איז צוגעגאַנגען צום אַלטען בראָטאָ. זי האָט געוואוסט, אַז דער דאָזיגער מאַן האָט אַמאָל געפיהרט גאָר אַ ברייט לעבען. איהר פאַנטאַזיע האָט בעפּוצט מיט׳ן אַמאָליגען גלאַנץ די איצטיגע אָרימקייט פון דעם געוועזענעם פינאַנסיסט; זיין אביונות אַליין האָט איהר אויך אויסגעזעהן נישט ערנידעריגענד, וויבאַלד דאָס איז געווען אַב׳אַלגעמיין-פערשפּרייטע זאַך, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך דעם אַלגעמיינעם חורבן. מיט נייגיערינקייט און רעספּעקט האָט זי געקוקט אויף איהם, זעהענ-דיג אין איהם אַ זכר פון יענע קרעזוס-רייכע לייט, וועלכע פלע-גען מיט אַזאַ ברייטקייט און רייכקייט פייערן און פראַלען איה-רע עלטערע חבר׳טעס, די אַקטריסעס. אויסערדעם, זענען איהר שטאַרק געפעלען געוואָרען די מאַניערען פון דעם דאָזיגען מאָד-נעם מענשען, אין זיין טונקעלברוינעם ראָק, וואָס איז אַזוי אָב-געניצט און אַזוי ריין.

—העדר בראָטאָ,—האָט זי זיך צו איהם אָנגערופען—מען

ווייס, אַז אַמאָליגע יאָהרען פלעגט איהר, אין אַ שענעם פּאַרק, אין ליכֿטיגע נעכֿט, זיך אַריינגנבֿ'ענען צווישען די מירטען-בוימלעך צוזאַמען מיט אַקטריסעס און טענצערינס, ביי די ווייטע טענער פון פלייטען און פידלען... אַ שאָד, כֿ'לעבען! יענע אייערע געטינס פון דער אָפּערע און פון דער „פראַנצויזישער קאָמעדיע” זענען מסתּמא געווען שענער פון אונז, אָרימע פאָלקס-אַקטריסעס... נישט אַזוי?

—גלויבט עס נישט, פריילין,—האָט בראָטאָ געענטפערט—און זייט וויסען, אַז ווען אין יענער צייט וואָלט זיך געפונען איינע אַנ'עהנליכֿע צו אייך, וואָלט זי אַרומגעגאַנגען, ווען זי וואָלט עס נאָר גיוואָלט, איינע אַליין, ווי אַ קעניגין אָהן קאָנקורענטינס, אין דעמזעלבען פּאַרק, וועגען וועלכען איהר האָט בעוויליגט זיך צו מאַכֿען אַזאַ שענע פאָרשטעלונג...

דאָס גאַסט-הויז „דע לאַ קלאָש” איז געווען אַ עכֿט דאָרפישע קרעטשמע. איבער'ן טויער איז געהאַנגען אַ צווייג פון שטעך-פּאַלמע; אין הויף איז געווען תּמיד נאַס און שטענדיג האָבען דאָרט אַרומגעשפּאַצירט היהנער. ביים ברעג פון הויף איז געשטאַנען דאָס הויז—אַ פאַרטער און אַנ'ערשטער שטאָק. דער דאַך איז געווען פון מיט מאָך בעוואַקסענע דאַכֿעלקעס, און די ווענד זענען פערשטעלט געווען מיט אַלטע רויזען-בוימלעך, אויף וועלכֿע די רויזען האָבען געהאַלטען אין רעכֿטען בליהען. רעכֿטס האָבען זיך אַרויסגעזעהן איבער דער נידעריגער וואַנד פון סאָד שפּיצען פון פרוכֿט-בוימער. לינקס איז געווען די פערד-שטאַהל, מיט אַ היי-האַלטער, אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנד, און אַ שפּייכֿלער. אַ לייטער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן וואַנד. אונטער אַ רעמיזע, פערשטעלט מיט מאַשינעס צו ערד-אַרבייט און ביימער-וואָרצלען, איז געשטאַנען אַ ווייסער האָהן אויף אַנ'אַלטער פוהר און פון דאָרט אַראָב אַכֿטונג געגעבען אויף זיינע היהנער. פון יענער זייט האָט זיך דער הויף געענדיגט מיט שטאַהלען פאַר קיה, און נעבען די שטאַהלען איז אָנגעוואָרפען געווען אַ קרובע מיסט, וועלכֿע האָט אויסגעזעהן ווי אַ רוהם-בערגעל. ביי'ם בערגעל איז גראַדע געשטאַנען אַ מיידעל און געפּאָרעט זיך

דאָרט מיט אַ ווידלע; דאָס מיידעל איז געווען ברייטער ווי לענגער, מיט שטרוי-פאַרביגע האָר. די נאַסע בלאָטע, וואָס איז איהר אַריינגעקראָכען אין די הילצערנע שיך, האָט געוואַשען איהרע באָרוויסע פיס. פון צייט צו צייט האָט זי, שטעלענדיג אַ טריט, געלאָזט זעהן איהרע פיאַטעס, וועלכע זענען געל געווען, ווי זאַפראַן. איהר אויפגעהויבען קליידעל האָט פריי געלאָזט זעהן די שמוץ פון איהרע גראָבע און קורצע פיס. אַז פיליפּ דעמאַאי האָט גענומען זיך צוקוקען צו איהר און בשעת מעשה געגאַפט און זיך געוויילט מיט דעמדאָזיגען קאַפּריז פון דער נאַטור, ווי אַ מיידעל וואַקסט אין דער ברייט אַנשטאָט אין דער לענג,—האָט דער קרעטשמער אַ רוף-געטהון:

—עי! טראָנש, געה ברענג וואַסער!

זי האָט זיך אומגעקעהרט און מען האָט דערזעהן אַ ברייט, צופלאַמט פּנים מיט אַ ברייטען מויל, וואו ס'האָט געפעהלט אַ פאָדערשטער צאָהן. כ'לעבען, מען האָט בעדאַרפט האָבען אַ וויל-דען אָקס מיט הערנער אויף צו מאַכען אַ דורכברוך אין אַזעלכע מורא'דיגע צייהן.

דער טיש איז געווען געגרייט אין אַ נידעריגען צימער. דאָרט האָבען זיך אויך געענדיגט בראָטען די יונגע היהנדלעך הינטער'ן בלעך פון אַ קאַמין, וואָס איז בעהאַנגען געווען מיט אַלטע ביקסען. דאָס צימער איז געווען לאַנג אַ פוס צוואַנציג, אָבגעווייסט מיט קאַלך. די ליכטיגקייט איז אַהין אַריין בלויז דורך די גרינליכע שויבען פון דער טהיר און דורך דעם איינ-ציגען פענסטער, וואָס איז געווען אַרומגעראַהמט מיט רויזען. נע-בען דעם פענסטער איז געזעסען אַן'אַלטע באָבע און געדרעהט אַ שפּין-רעדעל. אויפ'ן קאָפּ האָט זי געטראָגען אַ טשיפּעק פון האַפּט, ווי אין די צייטען פון דער רעגענץ. מיט איהרע בייני-גע הענד, וועלכע זענען געווען איינ..עריכט אין ערד, האָט זי געהאַלטען דאָס שפּינדעל. פליגען האָבען זיך איהר געשטעלט אויף די ברעמען, אָבער זי האָט זיי נישט אַראָבגעטריבען.

ווען זי איז נאָך אַן'עופ'עלע געווען, ביי דער מאַמען אויף די הענד, האָט זי געזעהן לודוויג דעם XIV-טען פאָהרענדיג אין

אַ קאַרעטע. מיט זעכציג יאָהר צוריק איז זי אַהער געקומען פון פּאַריז. מיט אַ שוואַכער, זינגענדיגער שטימע האָט זי דערצעהלט די דריי פרויען, וואָס זענען געשטאַנען אַרום איהר, אַז זי האָט געזעהן דאָס ראָט-הויז, די „טיולער" און די „סאַמאַריטען", און אַז איינמאָל, ווען זי איז געגאַנגען איבער דער „קעניגליכער בריק" האָט זיך איבערגעקעהרט אַ שיף, וואָס האָט געפיהרט עפּעל; די עפּעל זענען אַוועקגעשוואומען מיט׳ן שטראָם און דער טייך איז אינגאַנצען רויט געווען פון זיי.

וועגען די געשעהענישען, וואָס זענען לעצטענס פאָרגעקומען אין לאַנד, האָט זי געוואוסט, איבערהויפּט, וועגען די צאַנקערייען צווישען יענע גלחים, וועלכע האָבען יאָ געשוואָרען טרייהייט דעם נייעם רעזשים, און די, וועלכע האָבען נישט געשוואָרען. זי האָט אויך געוואוסט, אַז עפּעס קומען-פּאַר מלחמות, אַז עס הערשט אַ הונגער און אַז ס׳האָבען זיך געוויזען צייכענס אויפ׳ן הימעל. אַז מען זאָל טאַקי האָבען געטויט דעם קעניג, האָט זי נישט געגלויבט. מען האָט איהם געלאָזט ענטלויפען דורך אַ דורכגאַנג אונטער דער ערד—אַזוי האָט זי געזאָגט—און דעם הענקער האָט מען געגעבען צו גיליאָטינירען אָנשטאָט איהם אַנ׳אַנדערען.

נעבען די פיס פון דער באָבען, אין אַ קאָרב-וויגעלע, איז געלעגען דאָס מוזיניקעל פונ׳ם פאַר-פאָלק פּואַטרין זשאַנאָ, ביי וועלכען עס האָבען זיך געשניטען צייהנדלעך. פריילין טעווענען האָט אויפגעהויבען דאָס געפלאָכטענע וויגעלע און אַ שמייכעל געטהון צום קינד. אויסגעמאַטערט פון פיעבער און קאָנוואולסען, האָט דאָס קינד, נעבעך, שוואַך געקרעכצט. מסתמא איז עס שוין געווען גוט קראַנק, וואָרום מען האָט שוין גערופען אַ דאָקטאָר, דעם בירגער פּעלפּאָר, וועלכער פלעגט, אַלס רעזערוו-דעפּוטאַט צום קאָנווענט, נישט פאָדערן קיין געלד פאַר זיינע וויזיטען.

די בירגערין טעווענען האָט אומעדום זיך געפיהלט, ווי ביי זיך אין דער היים. איהר איז אויך נישטגעפעלען געווען, ווי אַזוי טראָנש האָט אויסגעוואַשען דאָס געפעס, האָט זי אַליין גענומען אויסווישען די טעלערס, טעצלעך און גאָפּלען. און בעת די בירגערין פּואַטרין

האָט געקאָכט די זופּ, וועלכע זי האָט, ווי אַ גוטע בעל-הבית׳טע, יעדע ווײַלע פּערזוכט, האָט די בירגערין עלאָדי צושניטען אויף פּעניצען אַ פיער-פונטיגען פרישען לאַבען ברויט, וואָס איז נאָך וואַרעם געוועזן. צוקוקענדיג זיך, ווי אַזוי זי טהוט עס, האָט גאַמלען איהר געזאָגט:

—מיט עטליכע טעג צוריק האָב איך געלעזען אַ בוך, וואָס ס׳האָט אָנגעשריבען איינער אַ יונגער דייטש, כ׳האָב פערגעסען זיין נאָמען. דאָס בוך איז זעהר גוט איבערגעזעצט געוואָרען אויף פראַנצויזיש. דאָרט ווערט געשילדערט אַ שען, יונג מיידעל, מיט׳ן נאָמען שאַרלאָט, וועלכע האָט, ווי איהר, עלאָדי, געשניטען פּעניצען ברויט און, ווי איהר, זיי געשניטען מיט גראַציע—אַזוי שען געשניטען, אַז, זעהענדיג עס, האָט דער יונגער ווערטהער זיך פערליעבט אין איהר.

—און געענדיגט האָט זיך עס מיט אַ חתונה?—האָט עלאָדי אַ פרעג-געטהון.

—ניין, דאָס האָט זיך געענדיגט מיט ווערטהער׳ס טויט, מיט אַ שרעקליכען טויט.

געגעסען האָט די קאָמפּאַניע מיט אַפּעטיט, וואָרום זיי זענען געווען שטאַרק אויסגעהונגערט, אָבער דאָס עסען אַליין איז געווען נישט געהויבען. זשאַן בלעז האָט טאַקי געהאַט טענות: ער איז געווען שטאַרק אָבגעלעגט אויפ׳ן עסען. גוט אָבעסען איז ביי איהם געווען אַ לעבענס-כלל; און זיין זולל-וסובא׳ריי האָט ער געמאַכט פאַר אַ סיסטעם מסתמא דערפאַר, ווייל ס׳איז געווען אַן׳אַלגעמיינער הונגער. די רעוואָלוציע האָט אין אַלע הייזער איבערגעקעהרט די פאַנען מיט די דעקען אַרויף. דער דורכשניטליכער בירגער האָט פשוט הונגער געליטען. יענע פיינע בריה׳ס, וועלכע האָבען, ווי זשאַן בלעז, פערדיענט גראָב געלד פון דעם אַלגעמיינעם אונגליק, פלעגען געהן אין די רעסטאָראַנען און, אָנפרעסענדיג זיך, בעווייזען דערמיט זייער חכמה. וואָס אָנבעלאַנגט דעם בירגער בראָטאָ, וועלכער האָט אין צווייטען פרייהייטס-יאָהר געלעבט בלויז מיט קאַשטאַנעס און ברעקלעך, האָט ער זיך גראַדע איצט דערמאָהנט, ווי ער פלעגט עסען

אָוועגד-ברויט אין גרימאָ דע לאַ רעניער׳ס רעסטאָראַן, ביים אַריינ-פאָהר אין די „עליזעע-פעלדער״. ווילענדיג פערדיענען ביי׳ם עולם די רעפּוטאַציע פון אַ פיינשמעקער, וואָס פערשטעהט זיך זעהר גוט אויף עסען, האָט ער, ביי׳ם טעלער קרויט מיט פעטס, וואָס מאַ-דאַם פּואַטרין האָט דערלאַנגט, געגומען זיך פערטיפען אין אַלערליי מאכלים און גאַסטראָנאָמישע געזעצען. און ווען גאַמלען האָט געזאָגט, אַז אַ רעפּובליקאַנער דאַרף נישט מאַכען קיין ווע-זען פון גוטע מאכלים, האָט דער אַלטער פינאַנסיסט, וועלכער איז געווען אַ גרויסער ליעבהאָבער פון אַלטערטום, אַלס ענטפער דערויף, געגעבען דעם יונגען ספּאַרטיאַנער אַ לעקציע, ווי אַזוי די פּאַרצייטיגע ספּאַרטיאַנער פלעגען מאַכען זייערע האַמעטנע שוואַרצע עסענס.

נאָכ׳ן מיטאָג האָט זשאַן בלעז, וועלכער פלעגט קיינמאָל נישט פערגעסען זיינע געשעפטען, געהייסען זיין וואַנדערנדער אַקאַדעמיע אָבמאָלען די קרעטשמע. ער האָט געפונען, אַז די קרעטשמע זעהט-אויס זעהר ראָמאַנטיש מיט איהר אָבגעלאָזענהייט. בעת פיליפ דעמאַאי און פיליפ דיבואַ האָבען געמאָלט די שטאַה-לען, איז אַהין אַריינגעגאַנגען טראָנש געבען עסען די חזירים. אין דערזעלבער צייט איז אַרויסגעגאַנגען פון אונטערשטען צי-מער דער דאָקטאָר פעלפּאָר, וועלכער איז געקומען צו פּואַטרינ׳ס קראַנק קינד. ער איז צוגעגאַנגען צו די קינסטלער, געמאַכט זיי אַ פּאָר קאָמפּלימענטען פאַר זייער טאַלענט, וועלכער איז אַ כבוד פאַר׳ן גאַנצען פאָלק, און, אָנווייזענדיג אויף טראָנש׳ן, וואָס איז געשטאַנען אַרומגערינגעלט מיט חזירימ׳לעך, האָט ער געזאָגט:

—איהר זעהט אָט דאָס בעשעפעניש? דאָס איז נישט איין מיידעל, ווי איהר מיינט מסתמא; דאָס זענען צוויי מיידלעך. איך מיין עס טאַקי פשוטו כמשמעו. זענענדיג ערשטוינט פון איהר ריעזיגען גוף, האָב איך זי בעקוקט און האָב דערזעהן, אַז צום גרעסטען טייל האָט זי דאָפּעלטע ביינער. אין יעדער זייט האָט זי דאָפּעלטע ריפּען; אויף יעדען אַקסעל—דאָפּעלטע אָרעם-ביי-נער. אויך געוויסע פלייש-געוועבען זענען ביי איהר דאָפּעלטע. דאָס איז, לויט מיין מיינונג, אַ צווילינג, וואָס איז פעסט פער-

אייניגט געוואָרען, אָדער, בעסער געזאָגט, וואָס איז צוזאַמענגעשמאָלצען געוואָרען. דער עקזעמפּליאַר איז זעהר אינטערעסאַנט. איך האָב וועגען איהר מודיע געווען דעם העררן סענט-אילער*), איז ער מיר זעהר דאַנקבאַר געווען דערפאַר. דאָ האָט איהר פאַר זיך אַ פּערזעהעניש, מיין הערר. מען רופט זי דאָ „לאַ טראָנש״ אין לשון-יחיד; בעדאַרפט וואָלט מען זי רופען „לע טראָנש״, אין רבים. אַט אַזעלכע קאַפּריזען האָט די נאַטור... אַ גוטע נאַכט, ביר-גער-מאַלער! מיר וועלען היינטיגע נאַכט האָבען אַ שטורם...

נאָכדעם, ווי מ'האָט אָבגעגעסען אָוונד-ברויט ביי אָנגעצונדענע ליכטלעך, האָט בלעז'ס אַקאַדעמיע, צוזאַמען מיט פּואַטרינס אַטאָכטער און אַ זוהן, גענומען שפּיעלען א׳ן בלינד-חאַפּערלעך. די יונגע פרויען און מענער האָבען געשפּיעלט מיט אַ לעבעדיגקייט, וועלכע איז גאַנץ פערשטענדליך געווען אין זייער עלטער, אַזוי אַז ס'איז נישט נויטווענדיג געווען, צו געהן זוכען די סבות דערפון אין דער צורודערטער, אונזיכערער צייט, וואָס מ'האָט דאַן איבערגעלעבט. אַז עס איז שוין אינגאַנצען צוגעפאַלען די נאַכט, האָט זשאַן בלעז פאָרגעלעגט, צו שפּיעלען אינ'ם אונטערשטען צימער אין אונשולדיגע שפּיעלערייען. עלאָדי האָט געבעטען, מען זאָל שפּיעלען „אין געיעג נאָך הערצער״, און די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט מסכים געווען. פיליפּ דעמאַאי האָט, לויט עלאָדיס אָנווייזונגען, אָנגעצייכענט אויף די מעבעל, אויף די טהירען און וועגד זיעבען הערצער, ד. ה. מיט איין האַרץ וועניגער פון דער צאָהל שפּיעלער, וואָרום דער אַלטער בראָטאָ האָט אויך זיך בעטייליגט אין שפּיעל. מען האָט געטאַנצט אַ בויגעלע, זינגענדיג דעם מאָטיוו פון „לאַטור, היט זיך!״, און לויט עלאָדי'ס אַ צייכען, האָט זיך יעדערער געלאָזט לויפען אַרויפצולעגען זיין האַנד אויף אַ האַרץ. גאַמלען, וועלכער איז געווען צעשטרייט און נישט ריהרעוודיג, האָט שוין געפונען אַלע הערצער פערנומען: האָט ער געגעבען אַ פאַנט — דאָס קליינע מעסערל, וואָס ער האָט געקויפט פאַר זעקס סו

*) זשאָפּרוא סענט-אילער, בעריהמטער פראַנצויזישער נאַטור-פאָרשער (1841—1772). איבערזעצער.

אויפ׳ן סען-זשערמען׳ער מאַרק און פלעגט מיט איהם שניידען ברויט פאַר זיין אָרימער מאַמען. מען האָט דאָס שפּיעל ווידער אָנגעהויבען און כּסדר האָבען פערשפּעטיגט איינער נאָכ׳ן צווייטען בלעז, עלאָדי, בראָשאָ און די טעוונען. אַלע האָבען געגעבען פאַנטען—אַ רינגעלע, אַ רעדיקול, אַ סאַפּיאַן-געבונדען ביכעלע, אַ בראַסלעט. דערנאָך האָט מען איבער די אַלע פאַנטען געוואָרפען גורל ביי עלאָדי׳ן אויף די קניה. כּדי צוריק צו בעקומען זיין פאַנט, האָט יעדער בעדאַרפט ווייזען דער געזעלשאַפט, וואָס ער קאָן—זינגען אַ ליעדעל, דעקלאַמירען עפּעס. בראָטאָ האָט דעקלאַמירט די רעדע פון פראַנקרייכס בעשיצער אינ׳ם ערשטען שיר פון דער פּאָעמע „די יונגפרוי״:

איך בין דעניס, אַ הייליגער,
און גאַליען האָב איך ליעב...

דער בירגער בלעז, האָטש ער איז געווען ווענינער בעלעזען, האָט פונדעסטוועגען באַלד אויפ׳ן אָרט אונטערגעטהאַפּט רישמאָנ׳ס ענטפער!

הערר הייליגער, ס׳האָט נישט געלוינט,
אַהער פון הימעל קומען...

אַלע האָבען צו יענער צייט געהאַלטען אין איין לעזען „דאָס מייסטערווערק פון דעם פראַנצויזישען אַריסטאָ״*). אפילו די סאַמע ערנסטע מענשען פלעגען שמייכלען פון דער ליעבע צווישען זשאַן ד׳אַרק און דינואַ, פון די פּאַסירונגען מיט אַניעסע׳ן און מאָגראָז׳ן און פון די גבורות פון דעם עזעל מיט די פליגלען. יעדער אינטעליגענטער מענש האָט אויף אויסווענינ געוואוסט די שענערע ערטער פון דער דאָזיגער אַמוזאַנטער און פילאָזאָפישער פּאָעמע. אפילו עוואַריסט גאַמלען, וועלכער איז שטענדיג ערנסט געווען, האָט, אָבנעהמענדיג זיין פאַנט פון עלאָדי׳ן, גערן

*) אַזוי האָט מען גערופען וואָלטער׳ס סאַטירישע פּאָעמע „די בתולה״ (לאַ פּוסעל), אין וועלכער ער טאַכט חוזק פון דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער העלדין זשאַן ד׳אַרק. דער איבערזעצער.

דעקלאַמירט די שטעלע, וואו עס ווערט געשילדערט, ווי גריבור-דאָן קומט-אַריין אין גיהנום. די בירגערין טעוונען האָט אָהן אַקאָמפּאַנימענט געזונגען נינאָ׳ס ראָמאַנס: „ווען דער געליעבטער וועט צוריקקומען". דעמאַאי האָט געזונגען מיט׳ן מאָטיוו פון „לאַ פאַרידאָנדען":

פון דעם הייליגען אנטאָן
ט׳מען דעם חזיר דאָן געבראָטס,
אָנגעטהון א קאַפּושאָן—
פאַר א הייליגען געמאַכט..

און פונדעסטוועגען איז דעמאַאי געווען שטאַרק פער׳דאגה׳ט. אין יענעם מאָמענט איז ער ליידענשאַפטליך פערליעבט געווען אין די דריי פרויען, מיט וועלכע ער האָט געשפּיעלט אין פאַנ-טען, און אויף אַלע דריי האָט ער געוואָרפען ברענענדיגע און זיסע בליקען. די טעוונען האָט ער געליעבט פאַר איהר גראַציע און בויגזאַמקייט, פאַר איהר קונסט, פאַר איהר וואַרפען אויגלעך און פאַר איהר שטים, וואָס פלעגט אַריינדרינגען אין האַרצען; עלאָדי׳ן האָט ער ליעב געהאַט, וויל ער האָט געפיהלט, אַז זי האָט אַ גוטע, ברייטע און גרויסמוטיגע נאַטור; זשוליען האַזאַר ווידער האָט ער געליעבט, נישט-קוקענדיג אויף איהרע פערוועלק-טע האָר און ווייסע ברעמען, נישט קוקענדיג אויך אויף איהרע זומער-שפּרענקעלעך און מאָגערקייט—דערפאַר ווייל ער איז געווען, ווי דינואַ אין וואָלטער׳ס „יונגפרוי", שטענדיג מוכן ומזומן אַרויסצע-ווייזען פריינדשאַפט אפילו דעם מאוס׳טען מיידעל, אויב נאָר זי האָט איהם אויסגעוויזען צו זיין נישט פערנומען און דעריבער טאַקי צוגענגליך. נישט האָבענדיג אין זיך אפילו די קלענסטע גאוה, איז ער קיינמאָל נישט זיכער געווען, צי ער וועט צוגע-לאָזט ווערען; ער איז אָבער אויך קיינמאָל נישט זיכער געווען, אז ער וועט נ י ש ט צוגעלאָזט ווערען. און דעריבער טאַקי פלעגט ער תמיד שטעלען אין קאָן—טאָמער וועט עס געלינגען. אויסנו-צענדיג די מאָמענטען, ווען זיי פלעגען זיך האַרט צוזאַמענטרעפען בעת׳ן שפּיעלען אין פאַנטען, פלעגט ער יעדעס מאָל זאָגען דער טעוונען א פּאָר זיסע ווערטער. בייז פלעגט זי דערפון נישט ווע-

רען, אָבער ענטפערן האָט זי פונדעסטוועגן נישט געקאָנט אונ-
טער די אויפערזיכטיגע בליקען פון בירגער זשאַן בלעז. מיט
עלאָדי'ן האָט ער גערעדט נאָך ליעבליכער, חאָטש ער האָט גע-
וואוסט, אַז זי איז שוין פערבונדען מיט גאַמלענ'ען, אָבער גאַמ-
לען איז דאָך נישט געווען אַזאַ שטאַרקער מקפיד, אַז ער זאָל
וועלען האָבען עמ'צענ'ס אַ הארץ איינגאַנצען פאַר זיך אַליין. עלאָ-
די האָט איהם נישט געקאָנט ליעב האָבען, נאָר זי האָט דאָך גע-
זעהן, אַז ער איז זעהר שען—און דאָס האָט זי פון איהם נישט
געקאָנט איינגאַנצען בעהאַלטען. אָבער די ברענענדסטע געפיהלען
האָט ער אַריינגעשושקעט אין אויער דער בירגערין האַזאַר. אויף
איהר פנים איז בעת מעשה אויסגעגאָסען געוועזען אַזאַ מין טעמפּ-
קייט, וועלכע האָט געקאָנט בעדייטען סיי אַ נידערגעשלאָגענע
נאָכגיביגקייט, סיי אַ אומעדיגע גלייכגילטיגקייט.

די קרעטשמע האָט פערמאָגט בלויז צוויי צימערען אויף
צום שלאָפען, ביידע אויפ'ן ערשטען שטאָק. דאָס צימער פון
לינקס, דאָס שענערע, איז געווען אויסגעקלעפּט מיט בלומען-טאַ-
פּעטען. די בעפּוצונג איז דאָרט בעשטאַנען בלויז אין אַ שפּיגעלע,
גרויס ווי אַ האַנד, מיט אַ בעגולט רעהמעל, וואָס האָט, נעבעך,
געהאַט אויסצושטעהן פיעל בזיונות פון די פליגען זינט דער קינד-
הייט פון לודוויק דעם XV. דאָרט זענען אונטער אַ באַלדאַחין
פון געבלימעלטען פערקאַל געשטאַנען צוויי בעטען, אָנגעפּאַקטע
מיט קישענס און פעדינעס פון פוך, מיט וואַטע-קאָלדרעס און
קאַפּעס. דאָס דאָזיגע צימער איז אָבגעגעבען געוואָרען פאַר ד
דריי בירגערינס.

אַז ס'איז געקומען די צייט צו מאַכען נאַכט, האָבען דע-
מאַאי און די בירגערין האַזאַר, האַלטענדיג יעדערער אַ ליכטעל
אין האַנד, זיך געזעגענט אויף די שטיגען און זיך געוואונשען
אַ גוטע נאַכט. דערביי האָט דער פערליעבטער גראַווירער אַריינ-
געשטעקט דער טאָכטער פונ'ם פּאַרבען-סוחר אין האַנד אַ צעטע-
לע, וואו ער האָט זי געבעטען, אַז ווען אַלע וועלען שוין שלאָ-
פען, זאָל זי קומען צו איהם אויפ'ן בוידעם, אויבען, איבער דעם
צימער פון די פרויען...

זענענדיג פאָרזיכטיג און אויסגערעכענט, האָט ער בייטאָג גוט דורכגעשטודירט און אויסגעפאָרשט דעם בוידעם, פול געפאַקט מיט קופערטען, אַלטע קאַסטענס, פעק ציבעלעס און געטריקענטע פרוכטען, וואו עס האָבען געזשומט מחנות ביהנען. ער האָט דאָרט אויך געזעהן אַנ׳אַלטע, הינקעדיגע שלאָף-באַנק, וואָס מען האָט מסתמא שוין אויפגעהערט צו ניצען, און אַ צוריסענעם שעניק, אויף וועלכען עס זענען אַרומגעשפרונגען פליי.

אַנטקעגען דעם צימער פון די פרויען איז געווען אַ צימערל מיט דריי בעטען, וואו עס האָבען געדאַרפט ווי עס איז זיך איינאָרדנען די פינף מענער. אָבער בראָטאָ, ווי אַנ׳עכטער סיבאַריט, איז אַוועק שלאָפען אין שטאַהל אויף היי. וואָס אָנבעלאַנגט זשאַן בלעז׳ן, איז ער אין מיטען דערינען גאָר נעלם געוואָרען. דיבואַ און גאַמלען זענען באַלד איינגעשלאָפען. דעמאַאי האָט זיך אויך געלעגט אין בעט, אָבער ווען די שטילקייט פון דער נאַכט האָט, ווי אַ שטעהענד וואַסער, בעדעקט דאָס הויז, האָט דער גראַווירער זיך אויפגעהויבען און איז אַרויפגעגאַנגען מיט די הילצערנע שטיגען, וועלכע האָבען געסקריפעט אונטער זיינע נאַקעטע פיס. די טהיר פון בוידעם איז געווען אָפען. עס האָט געזעצט פון דאָרטען אַ שטיקענדע היץ און אַ שלעכטער גערוך פון פערפוילטע פרוכטען. אויף דער הינקעדיגער שלאָף-באַנק איז געלעגען אויסגעצויגען די טראָנש און געשלאָפען מיט אַ אָפענעם מויל, דאָס העמד פערקאַשערט, די פיס פונאַנדערגעשפרייט. זי איז געווען מורא׳דיג גרויס. אַ שטראַהל פון דער לבנה האָט דורך דאָס בוידעם-פענסטערל בעגאָסען איהר הויט מיט אַ בלויליכער זילבער-פאַרב. צווישען דעם אַרומיגען מיסט און שטויב האָט איהר קערפער געשפריצט מיט יוגענד און פרישקייט. דעמאַאי האָט זיך אַ וואָרף געגעבען אויף איהר. אַ דערשראָקענע איז זי אויפגעשפרונגען און האָט גענומען שרייען, אָבער ווי נאָר זי האָט פערשטאַנען, וואָס מען וויל פון איהר, האָט זי זיך באַלד בערוהיגט און מעהר נישט אַרויסגעוויזען נישט קיין שרעק און נישט קיין אונצופרידענהייט. זי האָט זיך געמאַכט ווידער שלאָ-

פענדיג, אָבער דאָס איז געווען אַ שלאָף, וואָס האָטש ער נעהמט־צו דאָס בעוואוסטזיין, ערלויבט ער דאָך איבערצולעבען געוויסע שפּירונגען... דעמאַאי איז דערנאָך צוריק אַריין אין צימער, וואו ער האָט ביז טאָג געשלאָפען מיט אַ רוהיגען, טיעפען שלאָף.

אויף איבער־מאָרגען, נאָך דעם ווי זיי האָבען נאָך איין טאָג געאַרבייט, האָט די וואַנדערנדע אַקאַדעמיע זיך געלאָזט צו־ריק קיין פּאַריז. ווען זשאַן בלעז האָט זיך אָבגערעכענט מיט'ן קרעטשמער און איהם בעצאָהלט מיט אַסיגנאַציעס, האָט דער ביר־גער פּואַטרין שטאַרק זיך בעקלאָגט דערויף, וואָס מען זעהט איצט בלויז „פּיער־קאַנטיגע־מטבעות". דערביי האָט ער צוגעזאָגט, צו שטעלען אין קירך אַ שען ליכטעל פאַר יענעם אורח, וועלכער וועט ווידער אַמאָל ברענגען אַ גאָלד־שטיקעל.

די פרויען האָט דער בירגער פּואַטרין געשאָנקען בלומען. לויט זיין בעפעהל, איז די טראָנש מיט איהרע הילצערנע שלעפּ־שיך און מיט'ן פּערקאַשערטען קלייד אַרויפגעקראָכען אויף אַ לייטער, ווייזענדיג דער וועלט איהרע גראָבע, פעט־בלישטשענדע פיס, און האָט אונערמיעדליך גענומען אָברייסען די רויזען פון די בוימלעך, וועלכע האָבען בעדעקט די וואַנד. ווי אַ רעגען, ווי אַ מבול, ווי אַ לאַווע האָבען זיך גענומען שיטען רויזען פון איהרע ברייטע הענד און זענען אַראָבגעפאַלען אין די קליידער, וועל־כע די בירגערינס עלאָדי, זשוליען און טעוונען האָבען אויסגע־שפּרייט. די גאַנצע קאַרעטע איז מיט זיי פול געוואָרען.

געקומען אַהיים זענען זיי ביינאַכט, ברענגענדיג מיט זיך גאַנצע פעק רויזען. מחיה'דיגע ריחות האָבען בעגלייט זייער שלאָפען און אויפוואַכען.

XI.

דעם זיבעטען סעפטעמבער אין דער-פריה איז די בירגע-
רין ראָשמאָר אַוועק צום געשוואָרענעם ריכטער גאַמלען, כּדי צו
פעראינטערעסירען איהם מיט'ן שיקזאַל פון איינעם איהרען אַ
בעקאַנטען, וועלכער איז געווען אַ פּאָליטיש-פערדעכטיגער. אויף
די שטיגען האָט זי בעגעגענט דעם געוועזענעם פינאַנסיסט בראָ-
טאָ דעז אילעט, וועלכען זי האָט אַמאָל, אין די גוטע יאָהרען,
שטאַרק געליעבט. בראָטאָ איז גראַדע געגאַנגען אַוועקטראָגען
צוועלף דוץ שפּרינג-מענשעלעך פון זיין אויסאַרבייטונג צום סוחר
פון שפּיעל-געצייג אויף דער לואַ-גאַס, כּדי עס זאָל זיין בעק-
וועמער צו טראָגען, האָט ער די שפּרינג-מענשעלעך אויפגעהאַנגען
אויף אַ שטעקען, ווי עס טהוען די גאַסען-הענדלער. בראָטאָ איז
געווען מיט פרויען זעהר העפליך, אפילו מיט יענע, וועלכע
האָבען שוין פאַר איהם, פון געוואוינהייט וועגען, נישט געהאַט
קיין צוציהונגס-קראַפט, ווי ס'איז טאַקי געווען דער פאַל מיט
מאַדאַם ראָשמאָר—סיידען אפשר ווייל זי האָט איהם פעררעטען
און איז אַוועק פון איהם, ווי אויך צוליעב איהר דיקקייט האָט

זי געקאָנט זיין פאַר איהם אַ ביסעל אַפעטיטליך... יעדענפאַלס האָט ער זי דאָ, אין דעם שמוציגען פאָרהויז מיט די צובראָכע־נע דילען, מקבל פנים געווען פונקט ווי אַמאָל אויף די טרעפ פון זיין טעראַסע, און האָט זי געבעטען, איהם אָנצוטהון די עה־רע און בעזוכען זיין בוידעם־שטיבעל. זי איז גאַנץ געשיקט אַרויף מיט׳ן לייטער און באַלד אַריין אונטער אַ משופע׳דיג געבוי פון איינגעבויגענע באַלקענס מיט דאַכעלקעס, אין וועלכע עס איז דורכגעהאַקט געווען אַ פענסטערל. שטעהן גלייך האָט מען דאָרט נישט געקאָנט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן איינציגען שטוהל, וואָס איז געשטאַנען אין דער דאָזיגער לאָך, און נאָכדעם ווי זי האָט אַ ווילע בעקוקט די שלעכט־צוזאַמענגעקלאַפטע דאַכעלקעס, האָט זי, פערוואונדערט און טרויעריג, איהם אַ פרעג־געטהון:

—אָט דאָ וואוינט איהר עס, מאָריס?... כ׳לעבען, פאַר אַ בייז אויג האָט איהר דאָ נישט וואָס מורא צו האָבען. מען דאַרף זיין אָדער אַ טייוועל אָדער אַ קאַץ, אום זיך אַריינצוקריגען אַהער.

—יאָ, דאָ איז נישט גאַנץ גערוים, — האָט געענטפערט דער געוועזענער אַריסטאָקראַט—און איך מוז מיך מודה זיין, אַז צייט־ענווייז רעגענט עס אַריין אויף מיין געלעגער. ס׳איז אַ ביסעל נישט בעקוועם... דערפאַר אָבער אין די קלאָרע נעכט זעה איך דאָ די לבנה, די עדות׳טע פון מענשליכער ליעבע, וואָרום די לבנה, מאַדאַם, האָט פון תמיד אָן געדיענט אַלס עדות פאַר אַלע פערליעבטע; ווען זי איז פול, בלייך און רונד, דערמאָהנט זי דעם פערליעבטען דעם אָביעקט פון זיין ליעבע.

—איך פערשטעה,—האָט געזאָגט די בירגערין.

—אַז עס קומט זייער צייט—האָט בראָטאָ ווייטער געזאָגט— מאַכען דאָ די קעץ אויפ׳ן דאַך אַ נישקשה׳דיג געפילדער. מילא, ס׳איז נישטאָ וואָס פאַראיבעל צו האָבען אויף דער ליעבע, וואָס זי מאַכט אַ קאַצען־יאָמער אויף די דעכער, בעת זי פילט־אָן מיט יסורים און פערברעכענס דעם מענשען׳ס לעבען.

ביידע האָבען זיי געהאַט גענוג טאַקט אין זיך, אום זיך צו טרעפען, ווי צוויי גוטע פריינד, וואָס זענען ערשט נעכטען פונאַנדערגעגאַנגען יעדערער אַהיים שלאָפען; האָטש זיי זענען

איינער דעם צווייטען פערפערעמדט געוואָרען, האָבען זיי דאָך גע-שמועסט גוטמוטיג און פריינדליך.

מאַדאַם דע-ראָשמאָר האָט אָבער אויסגעזעהן צו זיין מיט עפּעס פערזאָרגט. די רעוואָלוציע, וועלכע איז פאַר איהר אַ לאַנ-גע צייט געווען אַ פרעהליכע און פּראָכטבאַרע זאַך, האָט איהר שוין איצט געבראַכט דאגות און עגמת-נפש. איהרע אָווענד-מאָל-צייטען האָבען שוין גענומען פערלירען זייער גלאַנץ און לעבע-דיגקייט. די טענער פון איהר האַרפע האָבען שוין מעהר נישט בעשטראַהלט די פערטרויערטע פּנים׳ער. ביי איהרע שפּיעל-טיש-לעך האָבען שוין געפעהלט די רייכסטע שפּיעלער. פיעל פון איהרע גוטע פריינד זענען שוין פערדעכטיג געוואָרען און מוזען זיך בעהאַלטען. דעם פינאַנסיסט מאַרהאַרדט האָט מען אַרעסטירט און פאַר איהם איז זי עס טאַקי געקומען בעטען ביים געשוואָ-רענעם ריכטער גאַמלען. אויף איהר אַליין האָט מען שוין אויך געוואָרפען אַ חשד. סאָלדאַטען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע האָבען ביי איהר געמאַכט אַ רעוויזיע. מען האָט איבערגעקעהרט אַלע שופלאָדען, אויפגעבראָכען די דילען, געשטאָכען מיט באַג-נעטען אין איהרע מאַטראַצען. נישט געפינענדיג גאָרנישט, האָ-בען זיי זיך ענטשולדיגט און געטרונקען ביי איהר וויין. אָבער זעהר נאָהנט זענען זיי געשטאַנען נעבען דעם אָרט, וואו עס איז געלעגען איהר קאָרעספּאָנדענץ מיט איינעם אַנ׳עמיגראַנט, ה׳ ד׳עקספּילי. עטליכע גוטע פריינד, וואָס זי האָט געהאַט צווי-שען די יאַקאָבינער, האָבען איהר מתרה געווען, אַז דער שענער אַנרי, איהר נושא-כלים, קאָמפּראָמעטירט זיך מיט זיינע אַרויס-טרעטונגען, וועלכע זענען צו שאַרף און היציג, אום צו זיין אויפ-ריכטיג.

זיצענדיג אויפ׳ן שעניק אַ פערטראַכטע, מיט די עלענבויג-גענס אָנגעשפּאַרט אויף די קניע און מיט די פויסטען צוגעדריקט צו די באַקען, האָט זי אַ פרעג-געטהון איהר אַלטען גוטען פריינדי׳

— און וואָס זאָגט איהר וועגען דעם אַלעם, מאָריס?

— איך זאָג, אַז פאַר אַ פילאָזאָף און פאַר אַ בעלן אויף אינטערעסאַנטע ספּעקטאַקלען איז דאָ פאַרהאַן אַ סך מאַטעריאַל

אויף צום טראַכטען אָדער אויף צום פערוויילען זיך. אָבער פאַר איין, מיין ליעבע, וואָלט פיעל געזינדטער געווען, איהר זאָלט זיין אויסער די גרעניצען פון פראַנקרייך.

—מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיגען, מאָריס?

—דאָסזעלבע, לואיז, האָט איהר מיך אַמאָל געפרעגט, ווען מיר זענען צוזאַמען געפאָהרען ביי׳ם ברעג פון טיין שער, אויפ׳ן וועג קיין אילעט, בעת דאָס פערד האָט זיך צויאָגט און גענו-מען אונז טראָגען מיט אַ מורא׳דיגען גאַלאָפּ. אַה, ווי די ווייבער זענען נייגיעריג! איהר ווילט שוין וויסען, וואָס עס וועט זיין... פרעגט עס ביי די קאָרטען-וואַרפעריגס. איך בין נישט קיין טרע-פער, מיין טייערע. און די פילאָזאָפיע, אַפילו די געזינדסטע, איז אויך אַ שוואַך מיטעל אויף פאָראויסצוזעהן די צוקונפט. די דאָ-זיגע זאַכען וועלען זיך אַמאָל ענדיגען, וואָרום אַלץ ענדיגט זיך. מען קאָן פאָראויסזעהן פערשיעדענערליי פינאַלען—למשל, אַז די קאָאַליציע זאָל זיעגען און אַריין קיין פאַריז. זיי זענען שוין נישט ווייט פון שטאָדט; פונדעסטוועגען גלויב איך נישט, אַז זיי וועלען נעהמען פאַריז. די סאָלדאַטען פון דער רעפובליק לאָזען זיך שלאָגען מיט אַזאַ היץ, וואָס קיין זאַך וועט זי נישט אָבקיהלען. אפשר וועט ראָבעספיער חתונה האָבען מיט דעם קעניגס שווע-סטער און זיך ערקלערען אַלס פראָטעקטאָר פונ׳ם קעניגרייך ביז לודוויג דער זיעבעצעהנטער וועט ווערען פוליעהריג.

—איהר גלויבט אַזוי?—האָט די בירגערין אויסגעשריען. זי איז שוין אונגעדולדיג געווען אַליין זיך אַריינצומישען אין אַזאַ שענע אינטריגע.

—עס איז אויך מעגליך,—האָט בראָטאָ ווייטער געזאָגט—אַז די וואַנדערער וועלען מנצח זיין און אויף בערג פון חורבות מיט מענשליכע קערפערס וועט, ווידער אַמאָל אויפשטעהן אַ גלח׳י-שע רעגירונג. איהר האָט גאָר קיין בעגריף נישט, מיין ליעבע, וואָס פאַר אַ שליטה די גלחים האָבען אויפ׳ן גולם... כ׳האָב גע-וואָלט זאָגען „אויפ׳ן עולם". די צונג האָט זיך מיר אַ פּלאָנטער-געטהון. וואַהרשיינליכער פאַר אַלץ איז, לויט מיין מיינונג, אַז דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל וועט, סוף-כל-סוף אַליין, מאַכען

אַ תל פון דעם רעזשים, וועלכער האָט איהם געשאַפען: ער האָט זיך שוין אויף צופיעל קעפ פערמאָסטען. יענע, וועלכע ער דראָהט, זענען אונגעהויער פיעל; זיי וועלען זיך אַלע פעראייניגען און, כדי איהם צו פערניכטען, וועלען זיי פערניכטען דעם רעזשים. איך גלויב, אַז דאָס האָט איהר דורכגעפיהרט די נאָמינאַציע פון דעם יונגען גאַמלען אין טריבונאַל-אַריין. ער איז אַנ'עהרליכער מאַן און וועט האַנדלען אָהן רחמנות. וואָס מעהר איך טראַכט וועגען דעם, מיין טייערע, אַלץ מעהר גלויב איך, אַז דער דאָזיגער טריבונאַל, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרען, צו ראַטעווען די רעפובליק, וועט אַליין זי אומברענגען. דער קאָנוועגט האָט געוואָלט האָבען, פונקט ווי די מאָנאַרכיע, „גרויסע טעג", זיינע אויסנאַהמליכע געריכטען; ער וויל זיך פערזיכערן געגען יעדער געפאַהר דורך ריכטער, וועלכע ער אַליין האָט געשטעלט און וועלכע זענען אָבהענגיג נאָר פון איהם, אָבער ווי נישטיג עס זענען די „גרויסיע טעג" פון קאָנוועגט לגבי די „גרויסע טעג" פון דער מאָנאַרכיע! ווי ווייניג פאָליטיש עס זענען דעם קאָנוועגט'ס אויסנאַהמליכע געריכטען אין פערגלייך מיט לודוויק דעם פיערצעהנטענ'ס! עס הערשט אין דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל עפּעס אַ גייסט פון עגדאָרבענער גערעכטיגקייט, פון אַ פלאַטשיגער גלייכהייט—און דאָס וועט איהם באַלד מאַכען העסליך און לעכערליך ביי אַלעמען אין די אויגען. צי ווייסט איהר, לואיז, אַז דער דאָזיגער טריבונאַל, וועלכער וועט קירצליך רופען צו זיך די קעניגין פון פראַנקרייך און די איין-און-צוואַנציג געזעצגעבער, האָט נעכטען פער'משפט צום טויט אַ דיענסט-מיידעל דערפאַר, וואָס זי האָט אויסגעשריען: „זאָל לעבען דער קעניג!" און געהאַט דערביי אַ שלעכטע כונה אומצוברענגען די רעפובליק?... כ'לעבען, אונזערע ריכטער מיט די שוואַרצע פעדערן אַרבייטען אינ'ם זשאַנר פון וויליאַם שעקספיר, וועלכער איז אַזוי בעליעבט ביי די ענגלענדער: אין די סאַמע טראַגישע סצענעס שטעלען זיי אַריין קאָמישע שפּיצלעך.

—נו, וואָס הערט זיך, מאָריס,—האָט די בירגערין אַ פרעג-געטהון,—האָט איהר נאָך אַלץ אַזוי פיעל גליק אין ליעבע, ווי אַמאָל?

—לײדער!— האָט בראָטאָ געענטפערט—די טײבעלעך פלי־הען צו די װײסע טויבען־סקלאַפען און װילען זיך שוין נישט אָבשטעלען אויף אײנגעפאַלענע טורמס.

—איהר זענט געבליבען דערזעלבער... אויף װידערזעהען, מײן פרײנד.

יענעם אָװענד איז דער דראַגונער אַנרי געקומען נישט גע־בעטענערהײד צו מאַדאַם דע־ראָשמאָר און האָט זי געטראָפען פערקלעפענדיג אַ בריעף, אויף װעלכען ער האָט איבערגעלעזען די אַדרעס פון׳ם בירגער ראָלין אין װערנאָן. ער האָט געזואוסט, אַז דאָס איז אַ בריף קײן ענגלאַנד. ראָלין פלעגט בעקומען די קאָרעספאָנדענץ פון מאַדאַם דע־ראָשמאָר דורך אַ פּאָסט־פוהרמאַן און פלעגט זי אָבשיקען קײן דיעפּ דורך אַ הענדלערין פון ים־פיש. אַ אײגענטימער פון אַ שיפעל פלעגט דערנאָך אַריבערפיהרען בײ־נאַכט די בריעף צו אַנ׳ענגלישען קריעג־שיף, װאָס פלעגט זיך אַרומדרעהען בײ׳ם ברעג. אײנער אַנ׳עמיגראַנט, ה׳ ד׳ עקספילי, פלעגט זײ בעקומען אין לאָנדאָן און פלעגט זײ איבערגעבען, װען ער האָט עס געהאַלטען פאַר נויטיג, דער ענגלישער רעגי־רונג.

אַנרי איז געװען יונג און שען, אפילו אַחילעס האָט נישט פעראײניגט אין זיך אַזוי פיעל גראַציע און מענליכקײט, װען ער האָט אָנגעטהון אויף זיך דאָס געװעהר, װאָס אוליסעס האָט איהם דערלאַנגט. אָבער די בירגערין ראָשמאָר, װעלכע איז אַמאָל אַזוי עמפּפינדליך געװען צו דער בעצויבערנדער שענקײט פון׳ם יונ־גען קאַמונע־העלד, האָט שוין איצט פון איהם אָבגעקעהרט איה־רע בליקען און געדאַנקען, זינט מען האָט איהר געגעבען צו װיסען, דאָס מען האָט אויף איהם דערלאַנגט אַ מסירה צו די יאַקאָבינער, אַז עפּעס קאָכט ער זיך צופיעל. אַזוי אַרום קאָן ער זי דאָך שטאַרק קאָמפּראָמעטירען און ברענגען אויף איהר אַנ׳אונגליק. אַנרי, װידער, האָט געפיהלט, אַז עס װעט מסתמא נישט זײן פאַר איהם איבער די כחות, אויב ער װעט נישט ליעבען מאַדאַם דע־ראָשמאָר; אָבער פונדעסטװעגען האָט איהם פעררדראָסען, װאָס זי

איז געוואָרען צו איהם גלייכגילטיג. ער האָט געהאָפט, אַז מיט איהר הילף וועט ער האָבען די מעגליכקייט צו מאַכען געוויסע אויסגאַבען, וועלכע עס האָט פון איהם געפאָדערט זיין אַרבייט לטובת דער רעפובליק... אויסערדעם, דערמאָהנענדיג זיך, צו וועלכע אויסטערלישע זאַכען די ווייבער זענען פעהיג, ווי שנעל זיי קאָנען איבערגעהן פון דער צערטליכסטער ליעבע צו דער קאַלטסטער גלייכגילטיגקייט, מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט זיי זע- נען גרייט מקריב צו זיין דאָס, וואָס זיי האָבען פריהער געצער- טעלט, אומברענגען דאָס, וואָס זיי האָבען דאָ נישט לאַנג פער- געטערט, — דערמאָהנענדיג זיך דאָס אַלץ, האָט ער אַ טראַכט-גע- טהון, צי די דאָזיגע רייצענדע לואיז וועט איהם אַמאָל נישט לאָזען וואַרפען אין טורמע אַריין, כדי פטור צו ווערען פון איהם. זיין פאָרזיכטיגקייט האָט איהם געראַטען צוריק צו געווינען די דאָזיגע פערלאָרענע שענהייט. און דערפאַר טאַקי איז ער איצט געקומען בעוואָפענט מיט זיין גאַנצען חן. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר און באַלד זיך אָבגערוקט, ווידער צוגעגאַנגען און ווי- טער זיך אָבגערוקט — לויט אַלע כללים פון קאָקעטעריי אין אַ באַלעט, דערנאָך האָט ער זיך אַ וואָרף-געטהון אויף אַ פאָטעל און מיט זיין אונבעזיעגבאַרער שטימע, וועלכע פלעגט ביי די ווײ- בער די נשמות אַרויסרייסען, האָט ער אָנגעהויבען רעדען ווע- גען דער פראַכט פון דער נאַטור, וועגען איינזאַמקייט, און מיט אַ זיפץ האָט ער איהר פאָרגעלעגט, צו מאַכען אַ שפּאַציער קיין ערמענאָנוויל.

דערווייל האָט מאַדאַם דע-ראָשמאָר געזומען אויף איהר האַרפע עטליכע אַקאָרדען און געוואָרפען בעת מעשה אַרום זיך בליקען פון אונגעדולט און לאַנגווייליגקייט. פלוצלונג האָט אַנרי זיך אַ שטעל-געטהון מיט אַ פערטרויערטער ענטשלאָסענהייט און איהר ערקלערט, אַז ער פאָהרט צו דער אַרמעע און אַז אין עטליכע טעג אַרום וועט ער זיין ביי מאָבעוזש.

נישט אַרויסווייזענדיג קיין צווייפעל און קיין התפעלות, האָט זי אַ שאָקעל-געטהון מיט'ן קאָפּ אַלס צייכען, אַז איהר גע- פעלט עס.

—איהר גראַטולירט מיך מיט דעם דאָזיגען בעשלוס?

—יאָ, איך גראַטוליר אייך.

זי האָט געוואַרט אויף אַ נייעם געליעבטען, וועלכער איז איהר אונגעהויער געפעלען און פון וועלכען זי האָט געהאָפט צו האָבען גרויסע נוצען, נישט אַזוי ווי פון דעם: עפּעס אַ מיראַ-באָ, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית-המתים, אַ שפּאָגעל-נייער דאַנ-טאָן, וואָס איז אין אַ ליפערעַנט פערוואַנדעלט געוואָרען, עפּעס אַ לייב, וואָס וויל אַלע פּאַטריאָטען דערטרינקען אין דער סענע. יעדע ווײַלע האָט זיך איהר געדאַכט, אַז אָט טהוט אַ קלונג דאָס גלעקעל, און זי פלעגט אַ ציטער-טהון.

כּדי אַנריין משלה צו זיין, האָט זי געשוויגען, געגעניצט, געבלעטערט די נאָטען, ווידער געגעניצט. זעהענדיג אָבער, אַז ער געהט נישט אַוועק, האָט זי איהם געזאָגט, אַז זי דאַרף ער-געץ געהן, און איז אַריינגעגאַנגען אין איהר טואַלעט-צימער.

—אַדיע, לואיז!... צי וועלען מיר זיך נאָך זעהן אַמאָל?

און ביי די ווערטער האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנד אין דאָס אָפענע טיש-קעסטעל.

באַלד ווי ער איז אַרויס אין גאַס, האָט ער אויפגעעפענט דעם בריעף, וואָס איז אַדרעסירט געווען צום בירגער ראָלין, און האָט איהם מיט נייגיעריגקייט איבערגעלעזען. אין דעם בריעף איז געשילדערט געווען אַ באמת אינטערעסאַנט בילד פון דער שטימונג אין פראַנקרייך. דאָרט איז געווען גערעדט וועגען דער קעניגין, וועגען ראָזאַ טעווגען, אפילו אַ סך ווערטער פון דעם בראַווען אַלטישקען מאָריס בראָטאָ זענען דאָרט געבראַכט גע-וואָרען.

נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט דעם בריעף און איהם אַריינגעלעגט אין קעשענע, האָט ער עטליכע מאָמענטען זיך גע-וואַקעלט, אָבער באַלד דערויף האָט ער, מיט די בעוועגונגען פון אַ מענשען, וואָס האָט אָנגענומען אַ פעסטען בעשלוס און טראַכט, אַז וואָס פריהער איז אַלץ בעסער—זיך געלאָזט געהן צום טוי-לערי-פּאַלאַץ און איז אַריין אינ׳ם אויפנאַהמס-צימער פון דעם „קאָמיטעט פאַר אַלגעמיינער זיכערהייט".

יענעם טאָג, דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג, האָט עוואַריסט גאַמלען צום ערשטען מאָל זיך געזעצט אויף דער באַנק פון די געשוואָרענע ריכטער צוזאַמען מיט פיערצעהן אַנדערע קאָלעגען, וועלכע ער האָט מעהרסטענטיילס געקענט: דאָס זענען אַלץ געווען געוועהנליכע מענשען, עהרליכע און פּאַטריאָטישע — ווער אַ געלערנטער, ווער אַ קינסטלער, ווער אַ בעל-מלאכה: ס׳איז געווען צווישען זיי אַ מאַלער, ווי ער, אַ צייכנער, ביידע זעהר טאַלענטירטע, אַ חירורג, אַ שוסטער, אַ געוועזענער מאַרקיז, וואָס האָט געגעבען אַ סך בעווייזען פון פּאָליטישער כשרות, אַ דרוקער, אַ פּאָר קליינע סוחרים׳לעך—מיט איין וואָרט, דאָס גאַנצע פּאַריזער פּאָלק אין מיניאַטור. זיי זענען געזעסען אויף דער באַנק אין זייערע אַרבייטער-אָדער בעל-הבית׳שער קליידונג, מאַנכע מיט געשאָרענע האָר, אַנדערע מיט פערפלאָכטענע, דער אין אַ שפּיציגען קאַפּעלוש אַראָבגעלאָזט אויף די אויגען, יענער אין אַ קיילעכדיגען הוט אַראָבגערוקט אויף הינטען, אַ דריטער אין אַ רויט מיצעל, וואָס פערשטעלט די אויערען. אייניגע זענען געווען אָנגעטהון אין אַ וועסטעל, אַ פראַק און הויזען, ווי אין דער צייט פון דעם אַלטען רעזשים, די צווייטע—אין אַ קאַרמאַניאָל-וועסט מיט הויזען אין פּאַסקעלעך, ווי עס פלעגען געהן די יאַקאָבינער; ווער אין שיך, ווער אין קאַמאַשען, ווער אין הילצערנע שלעפּ-שיך — מיט דעם אַלעם האָבען זיי פאָרגעשטעלט די גאַנצע פערשיעדענאַרטיגקייט פון דער מענער-קליידונג פון יענער צייט. אַזוי ווי זיי אַלע זענען שוין דאָ אַ היבש ביסעל מאָל געזעסען, האָבען זיי זיך געפיהלט גאַנץ געמיטליך, און גאַמלען האָט מקנא געווען זייער רוהיגקייט. איהם האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט און געזשומט אין די אויערען, זיינע אויגען זענען געווען אַזוי ווי פערשלייערט, אַלץ אַרום האָט איהם אויסגעזעהן עפּעס בלויליך גרוי.

דער געריכטס-קאָמיסאַר האָט אויסגערופען, אַז דאָס געריכט געהט און באַלד זענען דריי ריכטער אַרויף אויף אַ קליינע עסטראַדע און האָבען זיך געזעצט ביי אַ גרינעם טיש. זיי האָבען געטראָגען קאַפּעלושען מיט קאָקאַרדעז, מיט גרויסע שוואַר-

צע פעדערען, צערעמאָניאַל־טאָגעס מיט בלוי־ווייס־רויטע בענדער, פון וועלכע ס׳איז אַראָבגעהאַנגען אויף דער ברוסט אַ שווערע זילבערנע מעדאַל. נעבען זיי, ביי׳ם טרעפּעל פון דער עסטראַדע, האָט זיך געזעצט דער פּראָקוראָר. דער סעקרעטאַר האָט זיך גע־זעצט צווישען די ריכטער און דעם לעדיגען פאָטעל, וואָס איז געשטאַנען אָנגעגרייט פאַר׳ן אָנגעקלאָגטען. עפּעס האָבען גאַמ־לען׳ען איצט אויסגעזעהן די אַלע מענשען אַנדערש ווי פריהער— שענער, ווילדטיגער, שרעקליכער, חאָטש זיי האָבען זיך געהאַל־טען גאַנץ היימיש—געבלעטערט פּאַפּיערען, גערופען דעם קאָמי־סאַר אָדער זיך אָנגעבויגען אויף הינטען, אויסהערענדיג עפּעס אַ מעלדונג פון אַ געשוואָרענעם ריכטער אָדער פון אַ דעזשור־אָפי־ציער.

איבער די ריכטער איז געהאַנגען די דעקלאַראַציע פון מענשען־רעכט. רעכטס און לינקס זענען ביי די אַלע פעאָדאַלישע ווענד געשטאַנען די ביוסטען פון לע־פּעלטיע־סען־פאַרזשאָ און מאַראַ. אַנטקעגען דער באַנק פון די געשוואָרענע ריכטער, ביי׳ם ברעג פון זאַל, איז געווען די טריבונע פאַר׳ן פובליקום. אין דער ערשטער רייהע דאָרט זענען געזעסען פרויען. אַלע, סיי בלאָנדע, סיי ברונעטע אָדער גאָר גרייז־גרויע, האָבען געטראָגען הויכע פריזורען מיט אַראָבהענגענדע געקנייטשטע בענדלעך, וועל־כע האָבען בעשאָטענט זייערע באַקען. אויפ׳ן בוזים, וועלכער האָט דורך דער מאָדע אויסגעזעהן פול, ווי אַ זויג ברוסט, איז ביי יע־דערער געווען אַריבערגעקרייצט אַ ווייסע פּאַטשיילקע. ביי אַנ־דערע, ווידער, זענען די בוזימס בעדעקט געווען מיט די ברוסט־שטיקער פון זייערע בלויע פאַרטיכער. הינטער די פרויען האָט מען געזעהן אויף די טרעפּ־אַרטיגע בענק שיטערליך פונאַנדער־געזעצטע בירגער; זיי זענען געווען געקליידעט מיט יענער פער־שיעדענאַרטיגקייט, וועלכע האָט אין יענע צייטען צוגעגעבען יע־דען מענשען־געזעמעל אַזוי פיעל אייגענאַרטיגקייט און פיעל פאַר־ביגקייט. רעכטס, ביי׳ם אַריינגאַנג, איז הינטער אַ גראָבער באַ־ריערע געווען אַנ׳אָרט פאַר׳ן פובליקום אויף צום שטעהן. דאָס מאָל זענען דאָרט געווען וועניג מענשען. דער ענין, מיט וועל־

כען די דאָזיגע סעקציע פון טריבונאַל האָט זיך איצט געדאַרפט פערנעהמען, האָט אינטערעסירט בלויז אַ קליינע צאָהל נייגיעריגע; קענטיג, אַז אין די איבעריגע סעקציעס, וועלכע האָבען אויך אין דערזעלבער צייט גע׳משפט, זענען פאָרגעקומען אַ סך אינטערע־סאַנטערע און ריהרענדערע פּראָצעסען.

דאָס האָט טאַקי געווירקט אַ ביסעל בערוהיגענד אויף גאַמ־לען׳ען, וואָרום מיט זיין שוואַך האַרץ וואָלט ער נישט אַריבער־געטראָגען באַלד צום אָנהויב די צופּלאַמטע אַטמאָספערע פון אַ געהויבענעם פּראָצעס. זיינע בליקען האָבען זיך איינגעגעסען אין יעדער קלייניגקייט: ער האָט געקוקט אויף די וואַטע, וואָס דער סעקרעטאַר האָט געטראָגען אין די אויערען, אויף דעם טינט-פלעק, וואָס איז געווען אויף דעם פּראָקוראָר׳ס אַקטען-טעקע. ווי דורך אַ שפּאַקטיוו האָט ער געזעהן די סקולפּטור-שפּיצען פון די גאָ־טישע זיילען, וועלכע זע׳ען געמאַכט געוואָרען אין אַ צייט, ווען יעדע פערשטענדניס פאַר׳ן סטיל פון אַלטערטום איז פערלאָרען געווען. אָבער יעדע ווייל האָט זיין בליק זיך אומגעקעהרט צו יענעם אַלטפרענקישען, מיט רויטען סאַמעט בעשלאָגענעם פּאָטעל מיט׳ן אויסגעריבענעם געזעס און מיט די שוואַרץ-געוואָרענע אָנ־שפּאַרען ביי די זייטען. ביי אַלע טהירען זענען געשטאַנען בע־וואָפענטע סאָלדאַטען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע.

ענדליך איז אַריינגעקומען דער בעשולדיגטער. ער איז גע־ווען אַרומגערינגעלט מיט גרענאַדירען, אָבער לויט׳ן געזעץ—נישט געבונדען. דאָס איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָהר פופציג, אַ מאָגע־רער, אויסגעטריקנעטער ברונעט מיט אַ גרויסען פליך, מיט איינ־געפאַלענע באַקען און דינע בלויע ליפּען. אָנגעטהון איז ער גע־ווען לויט דער אַלטער מאָדע—אין אַ טונקעל-רויטען פראַק. ער האָט מסתמא געהאַט היץ, וואָרום זיינע אויגען האָבען זעהר געבלישטשעט און די באַקען האָבען געברענט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט. זיינע פיס, זעהר מאָגער, האָט ער פערוואָר־פען איינעם אויפ׳ן צווייטען און אַרומגענומען זיי מיט זיי־נע מאָגערע, ביינינע הענד. געהייסען האָט ער מאַרי-אַדאָלף גילירעג און בעשולדיגט האָט מען איהם אין פערשוועכדען פו־

ראַזש, וואָס האָט געהערט צו דער רעפּובליק. דער בעשולדי-גונגס-אַקט האָט אַרויסגעשטעלט געגען איהם אַ סך שווערע פאַק-טען, אָבער קיין איינער פון די דאָזיגע פאַקטען איז נישט גע-ווען אַבסאָלוט-זיכער. בעת דער אויספאָרשונג האָט גיליערג דעם גרעסטען טייל פאַקטען אינגאַנצען געלייקענט און די איבריגע האָט ער ערקלערט גינסטיג פאַר זיך. גערעדט האָט ער קלאָר און קאַלטבלוטיג, עפּעס מאָדנע געשיקט, און בכלל האָט ער גע-מאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענשען, מיט וועלכען ס'איז בעסער נישט צו האָבען קיין געשעפטען. אויף אַלץ האָט ער געהאַט אַ תירוץ. ווען דער ריכטער פלעגט איהם שטעלען עפּעס אַ שווע-רע פראַגע, פלעגט זיין פּנים בלייבען רוהיג, די שפּראַך פעסט, אָבער די הענד פלעגט ער פערלעגען אויף דער ברוסט און דאַן פלעגט מען זעהן, ווי זיי ציטערן. גאַמלען האָט עס בע-מערקט און זיך אָנגערופען אויפ'ן אויער צו זיין שכן, אויך אַ מאַלער:

—גיעט נאָר אַ קוק אויף זיינע פינגער!

דער ערשטער עדות האָט געבראַכט געגען איהם שווערע בעווייזען. אויף איהם טאַקי האָט זיך עס געשטיצט די גאַנצע בעשולדיגונג. די ווייטערדיגע עדות האָבען אָבער, פערקעהרט, געזאָגט לטובת דעם אָנגעקלאָגטען. דעם פּראָקוראָרס רעדע איז געווען זעהר אַ שאַרפע, אָבער עפּעס איז זי געווען נעבעלדיג און נישט פעסט. דער פערטיידיגער האָט גערעדט מיט'ן טאָן פון אַ מענשען, וואָס זאָגט דעם אמת, און דאָס האָט ביי'ם עולם אַרויס-גערופען פאַר'ן בעשולדיגטען יענע סימפּאַטיע, וועלכע ער אַליין האָט זיך נישט געקאָנט ערווערבען. עס איז ערקלערט געוואָרען אַ הפסקה, און די געשוואָרענע זענען אַריינגעגאַנגען אין בעראַטונגס-צימער. דאָרט האָבען זיי נאָך אַ נעבעלהאַפטען, פערפּלאָנטערטען ויכוח זיך צעטיילט אין צוויי גרופען, וועלכע זענען כמעט גלייך געווען אין צאָהל. פון איין זייט זענען געווען די גלייכגילטיגע, קאַלטע רעזאָנערען, וואָס זענען נישט בעהערשט געוואָרען דורך עפּיס אַ ליידענשאַפט, פון דער צווייטער—יענע, וואָס לאָזען זיך פיהרען דורכ'ן געפיהל, ווילען וועניג וויסען פון אַרגומענטען און משפט'ן

תמיד מיט'ן הארצען. דידאזיגע פלעגען שטענדיג פער'משפט'ן. דאס זענען געווען די עלטע, די כשר'ע פאטריאטען: זיי האבען געהאט אין זינען בלויז איין זאך—ראטעוועט די רעפובליק. דאס איבריגע האבען זיי ווייניג זיך גענומען צום הארצען. זייער האלטונג האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף גאמלען'ען און ער האט זיך געפיהלט מיט זיי פעראייניגט.

„דער דאזיגער גיליערג — האט ער זיך געטראכט—איז א א פשוט'ער גנב, א מרויח'ער, וואס האט ספעקולירט מיט'ן פו-ראזש פון אונזער קאוואלעריע. ריינוואשען איהם וואלט געהיי-סען—לאזען אנטלויפען א פעררעטער, פערראטען דאס פאטערלאנד, ברענגען אויף דער ארמעע מפלות". און גאמלען האט שוין גע-זעהן, ווי די הוזארען פון דער רעפובליק פאלען פון די פערד, צושניטענע דורך דער פיינדליכער קאוואלעריע... „אבער אויב גיליערג איז אונשולדיג?"...

ער האט פלוצלונג זיך דערמאהנט אן זשאן בלעז, וועל-כען מען האט אויך חושד געווען, אז ער שווינדעלט אין זיינע ליפערונגען. און וויפיעל זענען נאך פארהאן אזעלכע, ווי גיליערג און בלעז, וואס גרייטען-צו מפלות און ברענגען-אום די רעפוב-ליק! ניין, מען מוז זיי אנלערנען!... אבער אויב גיליערג איז פארט אונשולדיג?...

—עס זענען נישטא קיין בעווייזען,—האט גאמלען זיך אנ-גערופען הויך.

—עס זענען קיינמאל קיין בעווייזען נישטא,—האט געענ-טפערט דער עלטסטער פון די געשווארענע, א עלטער, א כשר'ער פאטריאט.

ענדליך זענען זיעבען שטימען געווען פאר פערמשפט'ן און אכט פאר בעפרייען.

די געשווארענע זענען צוריק אריין אין זאל און די זי-צונג האט זיך ווידער אנגעהויבען. זיי האבען אלע איינער נאכ'ן צווייטען בעדארפט מאטיווירען זייער ווערדיקט; יעדערער האט גערעדט פאר דעם לעדיגען פאטעל. מאנכע זענען געווען שטארק רעדעוודיג, אנדערע האבען זיך בעגנוגענט מיט איין ווארט;

ס׳זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבען גערעדט סתם אונפערשטענדליך.

אַז ס׳איז געקומען זיין צייט, האָט גאַמלען זיך אויפגעהויבען און געזאָגט:

—ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַזאַ שווערען פערברעך, ווי אָבגעהמען ביי די פערטיידיגער פוג׳ם פּאָטערלאַנד די מיטלען צו זיעגען, זענען נויטיג קלאָרע בעווייזען, און אַזעלכע האָבען מיר נישט.

מיט אַ רוב דעות איז דער אָנגעקלאָגטער ערקלערט געוואָרען אַלס אונשולדיג. גיליערג׳ן האָט מען אַריינגעפיהרט אין זאַל. צווישען דעם עולם האָט זיך דערהערט אַ צופריעדענע שעפּטשעריי, און דאָס האָט איהם געגעבען צו שפּירען, אַז ער איז פרייגעשפּראָכען. ער איז גאָר אַנ׳אַנדער מענש געוואָרען. די טרוקענקייט פון זיין פנים איז עפּעס פלוצלונג פערשוואונדען, די ליפּען זענען ווייכער געוואָרען. ער האָט בעקומען אַ סימפּאַטיש אויסזעהן, זיין געזיכט האָט שוין אויסגעדריקט אונשולד. דער פּאָרזיצענדער האָט מיט אַ גערירהטער שטימע געלעזען דעם בעפרייאונגס-ווערדיקט; דער עולם האָט אויסגעבראָכען מיט אַפּלאָדיסמענטען. דער זשאַנדאַרם, וועלכער האָט אַריינגעפיהרט גיליערג׳ן, האָט זיך אַ וואָרף-געטהון צו איהם אין די אָרעמס. דער פּאָרזיצענדער האָט איהם צוגערופען און ברידערליך געדריקט די האַנד. די געשוואָרענע האָבען זיך צעקושט מיט איהם. גאַמלען האָט פון פרייד זיך צעוויינט מיט הייסע טרעהרען.

אויפ׳ן הויף פון געריכטס-פּאַלאַץ, וועלכער איז בעלויכטען געווען דורך די לעצטע שטראַהלען פון דער זון, האָט אַ גרויסער עולם זיך געטומעלט. די פיער סעקציעס פון טריבונאַל האָבען מיט אַ טאָג פריהער אַרויסגעגעבען דרייסיג טויט-אורטיילען— זענען אויף די שטיגען פון די הויפּט-אַריינגאַנגען געזעסען פרויען און האָבען געוואַרט, ווען מען וועט שוין אַמאָל די פער׳משפּט׳ע אַוועקפיהרען אין די קאַרעטקעס צו דער גיליאָטינע. אָבער אַראָבגעהענדיג פון די טרעפּ צוזאַמען מיט׳ן גאַנצען נייגיעריגען עולם, האָט גאַמלען גאָרנישט געהערט און געזעהן. בלויז איין זאַך האָט ער

געפיהלט — אז ער האט נאר-וואס געטהון א גערעכטיגע זאך און ער איז גליקליך געווען, וואס ער האט דערקענט די אונשולד פון דעם אנגעקלאגטען. אויפ'ן הויף איז געשטאנען עלאדי, א בלייכע, מיט טרעהרען פון פרייד אין די אויגען. זי האט זיך א ווארף-געטהון צו איהם אויפ'ן האלז און איז אזוי כמעט א פער'חלש'טע געבליבען. אז זי איז, ענדליך, געקומען צו זיך, האט זי געזאגט:

— עוואריסט, ווי שען, ווי גוט, ווי ערהאבען איהר זענט! אייער העלדישע און זיסע שטימע האט אין זאל מיך דורכגענו-מען, ווי א מאגנעטישע כוואליע. איך בין פשוט עלעקטריזירט געווארען און האב די אויגען פון אייך נישט געקאנט אבררייסען. איך האב קיינעם, אויסער אייך, נישט געזעהן פאר זיך. אבער איהר, מיין ליעבער, האט איהר דען נישט געפיהלט, אז איך בין דא? איך בין דאך געזעסען אויף דער טריבונע, אין דער צווייטער רייהע, רעכטס! גאט מיינער! ווי זיס עס איז צו טהון גוטס! איהר האט דעם דאזיגען אונגליקליכען גערעטעוועט. ווען נישט איהר, וואלט שוין געווען נאך איהם: ער וואלט אומגעקו-מען. איהר האט איהם געשאנקען דאס לעבען, אומגעקעהרט צו זיין פאמיליע. ווי פיעל ברכות מוז ער איצט אויסשיטען אויף אייך! עוואריסט, ווי גליקליך און ווי שטאלץ איך בין, וואס איך האב אייך ליעב!

האלטענדיג זיך ביי די הענד און צוגעדריקט איינער צום צווייטען, זענען זיי געגאנגען דורך די גאסען און האבען זיך געפיהלט אזוי לייכט, ווי זיי וואלטען זיך אויף פליגלען געטרא-גען.

געגאנגען זענען זיי צו עלאדי'ן אהיים. צוקומענדיג צום ארמאטואר, האט עלאדי געזאגט:

—מיר וועלען נישט געהן דורכ'ן געשעפט.

זי האט איהם אריינגעפיהרט דורכ'ן טויער און צוזאמען זענען זיי ארויפגעגאנגען צו דער וואוינונג. געהענדיג אויף די שטיגען, האט זי ארויסגענומען פון איהר האנד-בייטעלע א גרוי-סען אייזערנעם שליסעל.

—כ׳לעבען, מען קאָן מיינען, אַז דאָס איז אַ שליסעל פון אַ געפענגעניש, — האָט זי געזאָגט. — עוואַריסט, איהר וועט באַלד זיין מיין געפאַנגענער.

זיי זענען דורכגעגאַנגען דאָס עס-צימער און אַריין אין עלאָדי׳ס צימער.

עוואַריסט האָט געפיהלט אויף זיינע ליפען די הייסע פרישקייט פון עלאָדי׳ס ליפען. ער האָט זי געדריקט אין זיינע אָרימס. דעם קאָפּ פערוואָרפען אויף הינטען, די אויגען פערנעבעלט, די האָר צעוואָרפען, די פיגור אויסגעבויגען, אינגאַנצען אַ האַלב פער׳חלש׳טע — האָט זי פלוצלונג זיך אַרויסגעריסען פון איהם און איז געלאָפען פערריגלען די טהיר...

ס׳איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען די בירגעריך בלעז האָט איהר געליעבטען געעפענט די טהיר פון דער וואוינונג, זאָגענדיג צו איהם גאַנץ שטיל אין דער פינסטערניש:

—אַדיע, מיין ליעבער! אין דער צייט קומט שטענדיג אָן מיין פאָטער. אויב דו וועסט דערהערען אַ גערויש אויף די שטיגען, זאָלסטו באַלד אַרויפלויפען אויפ׳ן ערשטען שטאָק און גישט אַראָבגעהן ביז עס וועט שוין נישט זיין קיין געפאַהר, מען זאָל דיך זעהן. זאָלסט דריי מאָל אַ קלאַפּ-טהאָן אין דער וועכטערינס פענסטער וועט זי דיר עפענען די טהיר פון גאַס. אַדיע, מיין לעבען! אַדיע, מיין נשמה!

ווען ער איז שוין געווען אין גאַס, האָט ער געזעהן, ווי עלאָדי׳ס פענסטער עפענט זיך אויף און אַ קליין הענדטעלע רייסט אָב אַ רויט בלימעל. דאָס בלימעל איז באַלד אַראָבגעפאַלען צו זיינע טריט, ווי אַ טראָפּען בלוט.

XII.

איינמאָל אין אָווענד, ווען דער אַלטער בראָטאָ האָט גע-
בראַכט צוועלף-טויזענד שפּרינג-מענשעלעך צום בירגער קאַיו אויף
דער לואַ-גאַס, האָט דער אייגענטימער פונ׳ם שפּיעל-צייג-גע-
שעפט, תמיד אַ געלאַסענער און איידעלער מענש, איהם געמאַכט
אַ בייזען קבלת-פנים.

— זייט פאָרזיכטיג, בירגער בראָטאָ — האָט ער איהם גע-
זאָגט,—זייט פאָרזיכטיג! נישט אַלע מאָל איז צייט זיך צו חכמה׳-
נען, נישט שטענדיג געהט דאָס אַראָב גלאַט. ביי מיר אין גע-
שעפט איז נעכטען געווען אַ מיטגליעד פונ׳ם זיכערהייטס-קאָמי-
טעט פון אונזער בעצירק. ער האָט געזעהן אייערע שפּרינג-מענ-
שעלעך און האָט אייגעפונען, אַז זיי זענען אַנטי-רעוואָלוציאָנע-
ריש.

—ער האָט געמאַכט אַ וויץ!—האָט בראָטאָ געענטפערט.

—ניין, ניין, בירגער, ניין! דאָס איז נישט קיין מענש,
וואָס וויצעלט זיך. ער האָט געזאָגט, אַז מיט די דאָזיגע קליינע
מענשעלעך האָט מען שעלמיש חוזק געמאַכט פון פאָלקס-פאָר-

שטעהער, אַז מען דערקענט אין זיי קאַריקאַטורען אויף קוטאָנ׳ען, סען-זשוסט׳ן און ראָבעספּיער׳ן, און האָט זיי צוגענומען. דאָס איז דאָך פאַר מיר אַ היזק, שוין נישט רעדענדיג וועגען דער געפאַהר, וואָס דאָ שטעקט.

—וואָס הייסט! אָט די אַלע: אַרלעקען, זשיל, סקאַראַמוש, קאָלען און קאָלעט, וועלכע איך האָב געמאָלט אַזוי, ווי בּושע האָט זיי געמאָלט מיט פופציג יאָהר צוריק, זאָלען עס זיין בּלויז קאַריקאַטורען אויף קוטאָנ׳ען און סען-זשוסט׳ן? עס וועט זיך נישט געפינען קיין איין מענש מיט פערשטאַנד, וואָס זאָל קאָנען אַזוינס זאָגען.

— ס׳קאָן זיין — האָט געענטפערט דער בּירגער קאַיו,—אַז איהר האָט דערבּיי קיין שלעכטען מיין נישט געהאַט, חאָטש אויף אַ מענשען מיט אייערע שאַרפע איינפאַלען טאָר מען זיך קיינמאָל נישט פערלאָזען, אָבּער דאָס שפּיעל איז געפערליך. אָט וועל איך אייך בּרענגען אַ בּיישפּיעל: נאַטואַל, וועלכער האַלט אַ קליין טעאַטערל אויף די עליזעע-פעלדער, איז עהערנעכטען אַרעסטירט געוואָרען אַלס פּאָליטישער פערבּרעכער דערפאַר, ווייל ער האָט געהייסען זיין קאָמיקער שילדערן דעם קאָנווענט.

—אַ נייער אויפטהו! — האָט בּראָטאָ געזאָגט, אויפהויבּענדיג דעם לייווענט, מיט וועלכען עס זענען פערדעקט געווען זיינע קליינע שפּרינגערלעך.—גיעט נאָר אַ קוק אויף די מאַסקעס, אויף די פּנים׳ער: זענען עס דען נישט פיגורען פון אַ קאָמעדיע אָדער פון אַ פּאַסטעך-פּאָעמע? ווי אַזוי האָט איהר זיך עס געלאָזט איינרעדען, בּירגער קאַיו, אַז איך האָב דערמיט געוואָלט מאַכען חוזק פונ׳ם קאָנווענט?

בּראָטאָ איז בּאמת געווען איבּערראַשט. וועלכע נאַרישקייטען ער האָט פון מענשען נישט ערוואַרט, וואָלט ער דאָך קיינמאָל נישט געגלויבּט, עס זאָל עמיצען איינפאַלען אַזאַ טפּשות, צו וואַרפען אַ חשד אויף זיינע מענשעלעך. ער האָט מיט אַלע כּחות פערזיכערט, אַז זיי זענען אונשולדיג און ער אויך, אָבּער דער בּירגער קאַיו האָט אַפילו הערען נישט געוואָלט.

—בּירגער בּראָטאָ, נעהמט-צו זייערע פּאַיאַצלעך. איך אַכט

אייך און שעץ אייך, אָבער איך וויל מיך נישט אָנרייסען און האָבען קאָפּ-דרעהעניש צוליעב אייך. איך היט-אָב דאָס געזעץ. איך וויל בלייבען אַ גוטער בירגער און וויל, מען זאָל זיך מיט מיר בעגעהן, ווי מיט אַזעלכען. אַ גוטע נאַכט, בירגער בראָטאָ, נעהמט-צו אייערע מענשעלעך.

דער אַלטער בראָטאָ האָט זיך געלאָזט געהן צוריק אַהיים מיט זיינע פערדעכטיגע מענשעלעך, וועלכע זענען געהאָנגען אויפ׳ן שטעקען. די קינדער האָבען אין גאַס געלאַכט פון איהם, מיינענדיג, אַז ער איז אַ הענדלער מיט אַ סם פאַר מייז. זיינע געדאַנקען זענען געווען טרויעריגע. אמת, געלעבט האָט ער נישט פון זיינע שפּרינג-מענשעלעך אַליין. ער פלעגט זיך אַוועקשטעלען אין אַ טויער אָדער ביי די האַלעס אין אַ טון און פלעגט מאַכען פּאָרטרעטען פאַר צוואַנציג סו. פיעל יונגע בחורים, וועלכע האָבען געהאַלטען ביי׳ם אַוועקגעהן אין דער אַרמעע, האָבען געוואָלט איבערלאָזען זייערע געליעבטע פּאָרטרעטען צום אָנדענקען. אָבער די דאָזיגע קליינע אַרבייט פלעגט איהם אָנקומען זעהר שווער; די פּאַיאַצלעך פלעגט ער מאַכען אַ סך בעסער, ווי די פּאָרטרעטען. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך זיין אַ סעקרעטאַר פאַר די ווייבער פון די האַלעס און שרייבען פאַר זיי בריעף; אָבער דאָס האָט געהייסען—זיך אַריינפּלאָנטערן אין ראָיאַליסטישע פערשווערונגען, און די ריזיקע איז געווען גרויס. ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז אויף דער גאַס „נעוו-דע-פּטי-שאַן", נעבען דעם געוועזענעם וואַנדאָם-פּלאַץ, איז דאָ נאָך אַ קרעמער פון שפּיעל-געצייג מיט׳ן נאָמען זשאָלי, האָט ער בעשלאָסען אַריבערצוגעהן צו איהם מאָרגען און איהם פּאָרלעגען דיזעלבע סחורה, וועלכע דער שרעקעדיגער קאַיו האָט נישט געוואָלט צונעהמען.

עס האָט אָנגעהויבען געהן אַ קליין רעגענדעל. כדי זיינע מענשעלעך זאָלען נישט פערנעצט ווערען, האָט בראָטאָ גענומען געהן גיכער. ווען ער איז אַריבערגעגאַנגען די „נייע בריק", וואו ס׳איז געווען וויסט און פינסטער, און זיך פערקירעוועט צום טיאָנוויל-פּלאַץ, האָט ער דערזעהן ביי׳ם שיין פון אַ לאַמטערנע אַן אַלטען מאַן, וואָס איז געזעסען אויף אַ שטיין. דער

אַלטער איז געווען אויסגעמאָגערט — קענטיג פון מיעדקייט און הונגער, אָבער דאָס פּנים איז געווען סימפּאַטיש און בע׳חנ׳ט. ער איז געווען אָנגעטהון אין אַ לאַנגען צוריסענעם מאַנטעל פון אַ גייסטליכען; קיין הוט האָט ער נישט געהאַט, און אויסגעזעהן האָט ער ווי פון אַ יאָהר עטליכע און זעכציג. צוגעהענדיג נעהנ־טער צום אונגליקליכען, האָט בראָטאָ באַלד דערקענט אין איהם דעם פּאָטער לאָנגמאַר, וועלכען ער האָט מיט זעקס חדשים צו־ריק געראַטעוועט פון דער תּליה, ווען זיי זענען צוזאַמען גע־שטאַנען אין דער רייהע נעבען דער בעקעריי אויף דער זשע־רוזאַלעם-גאַס. ער האָט געפיהלט, אַז די ערשטע טובה, וואָס ער האָט איהם געטהון, פערפליכטעט איהם אויך ווייטער צו טהון עפּעס פאַר איהם, און ער איז צוגעגאַנגען און איהם דערמאָנט, אַז דאָס איז ער, דער אַמאָליגער עושר, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם אין אַ הונגער-טאָג צוזאַמען מיט אַלע שור-וחור. ער האָט איהם געפרעגט, צי קאָן ער איהם מיט עפּעס נוצליך זיין.

—איהר זעהט אויס צו זיין זעהר מיעד, פּאָטער, נעהמט אַ טראָפּען קאָרדיאַל.

און ביי די ווערטער האָט בראָטאָ אַרויסגענומען פון דער קעשענע פון זיין בראָנז-פאַרביגען פראַק אַ קליין פלעשעלע בראָנ־פען, וואָס איז דאָרט געלעגען צוזאַמען מיט לוקרעציוס׳עס ווערק.

—טרינקט. איך וועל אייך דערנאָך העלפען געהן אַהיים.

דער פּאָטער לאָנגמאַר האָט אָבגעשטופּט מיט דער האַנד דאָס פלעשעל און זיך בעמיהט אויפצוהויבען. אָבער ער איז באַלד צוריק אַנידערגעפאַלען אויפ׳ן שטיין.

—מיין הער,—האָט ער זיך אָבגערופען מיט אַ שוואַכער, אָבער זיכערער שטימע,—דריי חדשים האָב איך געוואוינט אין פּיקפּוס. איך האָב מיך אָבער דערוואוסט, אַז נעכטען פינף אַ זייגער בע־גינען איז מען געקומען מיך אַרעסטירען, בין איך שוין נישט געגאַנגען אַהיים. איצט האָב איך נישט קיין היים און בלאָנדזשע אַרום איבער די גאַסען. איך בין אַ ביסעל מיעד...

—אויב אַזוי, פּאָטער, — האָט געענטפערט בראָטאָ, — טהוט מיר אָן דעם כּבוד און קומט צו מיר אין בוידעם-שטיבעל.

—מיין הער,—האָט געזאָגט דער גראָביטען-גייסטליכער,— איהר הערט וואָס איך זאָג אייך: איך בין אַ פערדעכטיגער.

—איך בין אויך אַ פערדעכטיגער, מיינע פּאַיאַצלעך זענען אויך פערדעכטיג — און דאָס איז טאַקע דאָס שלימסטע. איהר זעהט, ווי זיי הענגען דאָ, נעבעך, אונטער׳ן רעגען, בעדעקט בלויז מיט אַ דינעם לייווענט? וואָרום זייט וויסען, פּאָטער, אַז דער אַמאָליגער גאָלדזאַק פּאַבריצירט איצט פּאַיאַצלעך, אַבי די נשמה צו דערהאַלטען.

דער פּאָטער לאַנגמאַר האָט אָנגענומען די האַנד, וואָס דער געוועזענער פינאַנסיסט האָט איהם דערלאַנגט און איז אַוועק נעכטיגען צו איהם אין בוידעם-שטיבעל. דאָרט האָט בראָ-טאָ איהם מכבד געווען מיט ברויט, קעז און וויין. דעם וויין האָט ער געהאַלטען אין וואַסער,—ער זאָל זיין קאַלט: ער איז דאָך געווען אַ גרויסער מפונק, אַ סיבאַריט...

נאָכדעם ווי דער פּאָטער לאַנגמאַר האָט געשטילט זיין הונ-גער, האָט ער געזאָגט:

— מיין הערר, איך מוז אייך דערצעהלען, ביי וועלכע אומשטענדען איך בין אַנטלאָפען און ווי אַזוי איך בין, ענדליך, געבליבען זיצען אויפ׳ן שטיין, וואו איהר האָט מיך געפונען. אַז מען האָט מיך אַרויסגעטריבען פון מיין קלויסטער, האָב איך געלעבט מיט דער מאַגערער פּענסיע, וואָס די נאַציאָנאַלע פער-זאַמלונג האָט מיר אַסיגנירט. איך האָב געגעבען לעקציעס אויף לאַטיין און מאַטעמאַטיק און געשריבען בראָשורען וועגען די רדיפות, וואָס די קירך שטעהט-אויס אין פראַנקרייך. איך האָב אפילו אָנגעשריבען איין ווערק אַ גרעסערעס, וואו איך ווייז-אויף, אַז די שבועה, וואָס די גייסטליכע דאַרפען געבען פאַר דער קאָנסטיטוציע, איז געגען דער גייסטליכער דיסציפּלין. די ערפאָל-גען פון דער רעוואָלוציע האָבען אָבער ביי מיר אָבגענומען אַלע מיינע תלמידים. און מיין פּענסיע האָב איך שוין אויך נישט גע-קאָנט בעקומען, ווייל איך האָב נישט קיין שיין אויף פּאָליטישע כשרות, וועלכען דאָס געזעץ פאָדערט. איך בין אַוועק אין ראָטהויז בעטען אַזאַ שיין, וואָרום איך בין געווען איבערצייגט, אַז איך האָב

איהם פערדיענט. אַלס מיטגליעד פון אַנ׳אָרדען, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען דורך דעם הייליגען אַפּאָסטאָל פּויל אַליין, וועלכער איז שטאָלץ געווען צו זיין אַ רוימישער בירגער, האָב איך מיך גליקליך געפיהלט צו געהן אין זיין וועג און זיין אַ גוטער פראַנ-צויזישער בירגער, רעספּעקטירען אַלע מענשליכע געזעצען, וועל-כע געהען נישט געגען די געטליכע. איך האָב דערלאַנגט מיין ביטע דעם הערר קאָלען, אַ קצב לויט זיין פאַך און איצט אַ בע-אַמטער אין מוניציפּאַליטעט, וואָס האָט צו שאַפען איבער דידאָזי-גע ענינים. האָט ער מיך׳ גענומען חוקר ודורש זיין וועגען מיין שטאַנד. איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך בין געווען אַ גייסטלי-כער. פרעגט ער מיך, צי איך בין בעווייבט, און ווען איך האָב געענטפערט, אַז ניין, האָט ער געזאָגט: זענט איהר אַ שלים-מזל. נאָך אַ גאַנצער חקירה ודרישה האָט ער מיך, סוף-כל-סוף, אַ פרעג-געטהון, צו איך האָב דערוויזען מיין פּאָליטישע כשרות דעם 10-טען אויגוסט, דעם 2-טען סעפּטעמבער און דעם 31-טען מאַי. „מען קאָן אַרויסגעבען אַזעלכע שיינען—האָט ער צוגעגעבען—נאָר יענע, וועלכע האָבען דורך זייער אויפפיהרונג אַרויסגעוויזען זייער פּאָליטישע כשרות אין די דאָזיגע דריי פאַלען. קיין ענטפער, וואָס זאָל איהם צופריעדענשטעלען, האָב איך איהם נישט גע-קענט געבען. פונדעסטוועגען האָט ער פערשריבען מיין נאָמען און מיין אַדרעס און מיר צוגעזאָגט צו מאַכען וואָס שנעלער אַנ׳אויספאָרשונג איבער מיין ענין. ער האָט געהאַלטען וואָרט, און דער סוף פון זיין אויספאָרשונג איז געווען, אַז נעכטען זע-נען געקומען צו מיר אַהיים צוויי קאָמיסאַרען פון פּיקפּוס׳ער „זיכערהייטס-קאָמיטעט״ צוזאַמען מיט בעוואָפענטע סאָלדאַטען צו פיהרען מיך אין טורמע אַריין. איך בין אָבער גראַ-דע אין דערהיים נישט געווען. אין וואָס פאַר אַ פערברעכען מען בעשולדיגט מיך, ווייס איך נישט. אָבער זאָגט אַליין, איז עס נישט אַ משוגעת פון הערר קאָלען, צו האָבען טענות צו אַ גייסטליכען, פאַרוואָס ער האָט נישט דערוויזען זיין פּאָליטישע כשרות דעם 10-טען אויגוסט, דעם 2-טען סעפּטעמבער און דעם 31-טען מאַי? אַ מענש, וואָס איז פעהיג אויף אַזעלכע געדאַנקען,

איז ווערט מען זאָל איהם בעדויערן.

—איך האָב אויך נישט קיין שיין אויף פּאָליטישע כשרות—האָט זיך אָבגערופען בראָטאָ—מיר זענען ביידע פערדעכטיגע... אָבער איהר זענט דאָך אויסגעמאַטערט; לעגט זיך שלאָפען, פּאָ-טער. מאָרגען ווועלען מיר אַטראַכט-טהון, ווי אַזוי אייך צו פער-היטען פון געפאַהר.

דעם מאַטראַץ האָט ער געגעבען זיין גאַסט און אַליין האָט ער גענומען דעם שעניק. אָבער דער גייסטליכער האָט גע-פאָדערט דעם שעניק פאַר זיך, און געפאָדערט אַזוי ענערגיש, אַז בראָטאָ האָט איהם געמוזט נאָכגעבען, ווארום ווען נישט, וואָלט ער זיך געלעגט אויף דער היילער פּאָדלאָגע.

נאָכדעם ווי ער האָט אַלץ געבראַכט אין אָרדנונג, האָט בראָטאָ, צוליעב שפּאָרזאַמקייט און אויך צוליעב פּאָרזיכטיגקייט, פערלאָשען דאָס ליכטעל.

—מיין הערר,—האָט געזאָגט דער גייסטליכער—איך אָנער-קען און שאַץ-אָב ווי געהעריג דאָס, וואָס איהר טהוט פאַר מיר. אָבער איהר ווערט, צום בעדויערן, ווועניג-וואָס האָבען פון מיין דאַנקבאַרקייט. זאָל עס אייך פאַר אַ מצוה פערערעכענט ווערען—דאָס ווערט זיין פאַר אייך פיעל וויכטיגער. אָבער גאָט נעהמט נישט אין בעטראַכט יענע מצוות, וועלכע ווערען געטהון נישט פאַר זיין ליעבען נאָמען, נאָר אויס נאַטירליכער גוטסקייט. דער-פאַר טאַקי בעט איך אייך, מיין הערר, אַז דאָס, וואָס איהר זענט גרייט געוועזען צו טהון פאַר מיר, זאָלט איהר טהון פאַר זיין ליעבען נאָמען.

— פּאָטער, — האָט געענטפערט בראָטאָ — נעהמט זיך נישט צום האַרצען און דאַנקט מיך נישט. דאָס, וואָס איך טהו איצט און וואָס איהר זענט, אייגענטליך, שטאַרק מגזם, טהו איך עס נישט אויס ליעבע צו אייך: ווארום סוף-כל-סוף, חאָטש איהר זענט אַ גאַנץ ליעבער מענש, פּאָטער, קען איך אייך דאָך פונ-דעסטוועגען צו-ווועניג, אום אייך שוין ליעב צו האָבען. איך טהו עס אויך נישט אויס ליעבע צו דער מענשהייט, ווארום איך בין גאָרנישט אַזאַ נאַר, ווי דאָן-זשואַן, צו מיינען אַז די

מענשהייט האָט עפּעס געוויסע רעכט. עס וואונדערט מיך פּשוט צו זעהן אַזאַ איינרעדעניש ביי אַזאַ פריינען גייסט, ווי ער, דאָן-זשואַן, איז. איך טהו עס בלויז אויס יענעם עגאָאיזם, וועלכער שטויסט דעם מענשען צו זיין גרויסמוטיג און איבערגעגעבען. דער דאָזיגער עגאָאיזם צווינגט דעם מענשען, ער זאָל אין יעדען אונגלי-קליכען באַלד דערקענען זיך אַליין, ער זאָל אין יענעמ׳ס אונ-גליק בעדויערן זיין אייגענע טרויעריגע לאַגע. ער הייסט איהם דעריבער העלפען דעם צווייטען, וואָרום בעת מעשה ווערט ער דאָך האָבען די אילוזיע, אַז ער העלפט זיך אַליין. איך טהו עס ווידער פּשוט אויס לאַנגווייליגקייט. וואָרום דאָס לעבען, מיין פריינד, איז אַזוי נישט בע׳טעמ׳ט, אַז מען מוז אונבעדינגט זו-כען צעשטרייאונגען. מעשים טובים טהון איז, אמת, אַ קנאַפּע פערוויילונג, נאָר אַז ס׳איז נישטאָ קיין בעסערס, איז דאָס אויך רעכט. איך טהו עס אויך אויס גאוה, כדי איך זאָל מיך קאָנען גרויס האַלטען פאַר אייך און איך טהו עס אויך, ענדליך, מיט אַ געוויסען מיין—כדי אייך צו ווייזען, אויף וואָס אַנ׳אַטעאיסט איז פעהיג.

— הערט-אויף רכילות צו טרייבען אויף זיך אַליין, מיין הערר,—האָט געענטפערט דער פּאָטער לאַנגמאַר.—גאָט האָט מיט מיר געטהון אַ סך מעהר חסד, ווי מיט אייך ביז היינטיגען טאָג, אָבער איך בין ווענינער ווערט פאַר אייך, איך שטעה נידערי-גער פאַר אייך אין נאַטירליכער גוטסקייט. ערלויבט מיר פונ-דעסטוועגען אין איין זאַך מיך גרויסצוהאַלטען געגען אייך: איהר קאָנט מיך נישט ליעבען, זאָגט איהר, ווייל איהר קענט מיך נישט. אָבער איך, מיין הערר, האָב אייך שוין ליעב מעהר ווי זיך אַליין, כאָטש איך קאָן אייך גאָרנישט: גאָט הייסט מיר אַזוי.

און ביי די ווערטער האָט דער פּאָטער לאַנגמאַר זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניע. נאָכדעם ווי ער האָט אָבגעזאָגט זיינע תפלות, האָט ער זיך אויסגעצויגען אויף זיין שעניק און איז רוהיג אַנטשלאָפען געוואָרען.

XIII.

עוואַריסט גאַמלען האָט צום צווייטען מאָל זיך געזעצט אין טריבונאַל. איידער די געריכטס-זיצונג איז געעפענט געוואָרען, האָט ער געשמועסט מיט זיינע קאָלעגען-געשוואָרענע ריכטער וועגען די נייעס, וואָס זענען אָנגעקומען אינדערפריה. עס איז געווען צווישען די נייעס אַ היבש ביסעל איבערגעטריבענע און פאַלשע ידיעות, אָבער זיכער איז געווען איין זאַך—אַז די לאַגע איז אַ שרעקליכע. די אַרמעען פון דער קאָאַליציע האָבען שוין בעהערשט אַלע וועגען און געהען צוזאַמען; די וואַנדעער זיעגען; ליאָן האָט זיך אויפגעבונטעוועט; טולאָן איז אָבגעגעבען געוואָרען די ענגלענדער, וועלכע האָבען דאָרט אַראָבגעזעצט פיערצעהן טויזענד מאַן.

פאַר די ריכטער זענען עס אַלץ געווען נישט בלויז געשעהענישען, וועלכע אינטערעסירען די גאַנצע וועלט, נאָר אויך פשוט היימישע זאַכען. זענענדיג זיכער, אַז אויב דאָס פאָטערלאַנד איז פערלאָרען, זענען זיי אויך פערלאָרען, האָבען זיי דאָס גליק פונ'ם כלל געמאַכט פאַר זייערע אַנ'אייגענער פראַגע. און

דער אינטערעס פון גאַנצען פאָלק, וואָס איז צוזאַמענגעשמאָלצען געוואָרען מיט זייער אייגענעם אינטערעס, איז געווען דער עיקר פון זייערע געפיהלען, זייערע ליידענשאַפטען, זייער גאַנצע אויפפיהרונג.

גאַמלען האָט בעקומען אויף זיין אָרט אַ בריעף פון טרו-בער'ן, דעם סעקרעטאַר פון פערטיידיגונגס-קאָמיטעט; דאָס איז געווען אַ מעלדונג, אַז ער איז בעשטימט געוואָרען אַלס קאָמי-סאַר פאַר די אָנגעלעגענהייטען פון פולווער און סעליטרע.

דו זאָלסט דורכנישטערן אַלע קעלערס פון בעצירק און אַרויסנעהמען פון דאָרט אַלערליי מאַטעריאַלען. וועלכע זענען נויטיג פאַר דער פאַבריקאַציע פון פולווער. דער פיינד וועט אפשר מאָרגען זיין ביי פאַריז: זאָל האָטש די ערד פון אונ-זער פאָטערלאַנד אונז געבען די פייער-כוואַליעס, מיט וועל-כע מיר וועלען שליידערן אויף איהרע אָנפאַלער. דערביי שיק איך דיר אַן אינסטרוקציע פון קאָנווענט, ווי אַזוי זיך צו בעגעהן מיט סעליטרע. מיט ברידערליכען גרוס.

אין דעמזעלבען מאָמענט האָט מען אַריינגעפיהרט דעם בעשולדיגטען. דאָס איז געווען איינער פון יענע בעזיעגטע גע-נעראַלען, וועלכע דער קאָנווענט האָט געשטעלט צום געריכט, און גראַדע אַזאַ, וועגען וועלכען מען האָט אַמוועניגסטען געהערט. דערזעהענדיג איהם, האָט גאַמלען אַ ציטער-געטהון. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דאָס איז יענער מיליטער-מאַן, וועלכען ער האָט מיט דריי וואָכען צוריק, שטעהענדיג אין געריכט צווישען פובליקום, געזעהן ווי מען האָט איהם גע'משפט. דאָס איז טאַקי געווען דערזעלבער מאַן, מיט'ן אויסזעהן פון אַ איינגעשפאַרטען, בעגרעניצטען מענשען: ס'איז געווען דערזעלבער פראָצעס. דער בעשולדיגטער האָט אויף אַלע פראַגען געענטפערט מיט אַ ברו-טאַלען, נישט-אָפענהערציגען טאָן, וועלכער האָט קאַליע געמאַכט אפילו זיינע בעסטע תשובות. זיינע דרעהעניש און הינטער-וועגלעך, זיין אַרויסוואַרפען די שולד אויף זיינע געהילפען— דאָס אַלץ האָט מיטגעבראַכט צו פערגעסען, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַזאַ וויכטיגע אויפגאַבע—צו פערטיידיגען זיין עה-רע און זיין לעבען. אין דעם דאָזיגען ענין איז אַלץ מיט-אַנ'-

אַנדער געווען נישט-זיכער און אָבגעפרעגט: די פּאָזיציע פון די אַרמעען, די צאָהל פון די סאָלדאַטען, די מיליציע, די געגעבענע און ערהאַלטענע בעפעהלען, די בעוועגונגען פונ'ם מיליטער — מען האָט וועגען דעם אַלעם גאָרנישט געוואוסט. קיינער האָט אַ האָר נישט פערשטאַנען אין די אַלע פערפלאָנטערטע, אונזיניגע, צוועקלאָזע אָפעראַציעס, וועלכע האָבען געבראַכט צו אַזאַ מפלה — קיינער נישט, דער פערטיידיגער און אפילו דער אָנגעקלאָגטער אַליין האָט נישט מעהר געוואוסט ווי דער בעשולדיגער און די ריכטער. און אַ מאָדנע זאַך! קיין איינער האָט דעם צווייטען נישט מודה געווען, אַז ער פערשטעהט נישט. די ריכטער האָבען מיט גדלות אַריינגעקוקט אין די פלענער, גערעדט וועגען טאַקטיק, סטראַטעגיק, און דער בעשולדיגטער האָט אַרויסגעוויזען זיין אָנגעבוירענע נייגונג צו חוזק'ן.

מען האָט דיסקוטירט אָהן אַ סוף. אָבער גאַמלען האָט בעת די דיסקוסיעס געזעהן, ווי אויף די פערלאָזענע וועגען פון צפון-פראַנקרייך זינקען אין בלאָטע וועגענס מיט אַמוניציע, ווי אַרמאַטען ליעגען איבערגעקעהרט אין די גראָבענס. אויף אַלע וועגען האָט ער געזעהן לויפען אין אונאָרדנונג בעזיעגטע מחנות, בעת די פיינדליכע קאַוואַלעריע האָט זיך פון אַלע זייטען געשפּאַרט דורך די איבערגעלאָזטע דורכגאַנגען. און ער האָט געהערט, ווי פון דער דאָזיגער פעררעטערישער אַרמעע האָט זיך אויפגעהויבען אַ מורא'דיג געשריי, וואָס האָט בעשולדיגט דעם גענעראַל. ווען די דעבאַטען האָבען זיך געענדיגט, איז אין זאַל שוין געווען פינסטערליך, און מאַראַ'ס ביוסט, וואָס איז געשטאַנען איבער'ן קאָפּ פון פּאָרזיצענדען, האָט אויסגעזעהן, ווי עפּעס אַ גייסט פון יענער וועלט.

ווען די געשוואָרענע ריכטער האָבען זיך בעדאַרפט אַרויסזאָגען, האָבען זיך זייערע מיינונגען צוטיילט. גאַמלען האָט דערקלערט מיט אַ פערשטיקטער שטימע, וואָס האָט זיך איהם געשטעלט אין האַלז, אָבער דערפאַר מיט אַנ'ענטשלאָסענעם טאָן, אַז דער אָנגעקלאָגטער איז שולדיג אין פעררעט געגען דער רעפּובליק. צווישען דעם פובליקום האָט זיך דערהערט אַ מור-

מלעריי פון איינשטימונג, וועלכע האָט געווירקט אויף גאַמלען׳ס יונגע, עהרליכע נאַטור צערטליך און אויפמונטערנדיג.

ווען גאַמלען איז אַרויסגעגאַנגען פון געריכטס-פּאַלאַץ, האָט ער אויף די טרעפּ, וואו עס האָבען געטומעלט אַ סך ווייבער מיט קאָקאַרדעס אויף די קעפּ, געהערט דערמאָהנען זיין נאָמען. די שטענדיגע בעזוכער פון טריבונאַל האָבען שוין, הייסט עס, איהם אָנגעהויבען קענען. באַלד איז ער אַרומגערינגעלט געוואָרען פון אַנ׳עולם ווייבער, וועלכע האָבען מיט צונויפגעדריקטע פויסטען געפּאָדערט פון איהם דער עסטרייכערינ׳ס קאָפּ.

אויף מאָרגען האָט עוואַריסט געהאַט זיך אַרויסצוזאָגען איבער דעם שיקזאַל פון אַנ׳אָרימער אַלמנה, אַ ברויט-טרעגערין, מיט׳ן נאָמען מעאיריאָן. זי פלעגט געהן איבער די גאַסען און שטופּען אַ האַנד-וועגעלע. אויפ׳ן גורט האָט זי געטראָגען אַ קליין ווייס ברעטעלע, אויף וועלכען זי פלעגט מיט איהר מע-סערל אויסקריצען שטריכען, און די דאָזיגע שטריכען פלעגען עס זיין די חשבונות פונ׳ם ברויט, וואָס זי פלעגט אַרויסגעבען. איהר פערדיענסט פלעגט זיין אַכט סו אַ טאָג. דער פּראָקוראָר האָט צו דער דאָזיגער אונגליקליכער פרוי זיך אַרויסגעוויזען אונגעוועהנ-ליך שטרענג. איהר שולד איז געווען, וואָס זי האָט עטליכע מאָל אויסגעשריען: „זאָל לעבען דער קעניג!“ און גערעדט אַנטי-רעוואָ-לוציאָנערע רעד אין די הייזער, וואו זי האָט געטראָגען ברויט; זי איז אויך געווען פערמישט אין אַ פערשווערונג, וועלכע איז געמאַכט געוואָרען מיט׳ן ציעל צו לאָזען ענטלויפען קאַפּעט׳ס אַלמנה. ביי דער אויספאָרשונג האָט זי אין די אַלע זאַכען זיך מודה געווען, צי פון נאַרישקייט, צי פון פאַנאַטיזם, אָבער זי איז געווען מיט לייב און לעבען אַ מאָנאַרכיסטין, און דערמיט האָט זי זיך אַליין אומגעבראַכט.

אין רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל האָט געפייערט איהר טריי-אומף די גלייכהייט: דאָרט איז מען געווען אַלץ איינס שטרענג צום טרעגער און דיענסט-מיידעל, ווי צום אַריסטאָקראַט און פי-נאַנסיסט. גאַמלען האָט טאַקי נישט פערשטאַנען, ווי קען עס דען אַנדערש זיין אונטער אַ דעמאָקראַטישען רעזשים. ער וואָלט עס

בעטראַכט ווי אַ ערנידערונג פאַר'ן פאָלק, ווען מען וואָלט דעם המון אויסגעשלאָסען פון טויט-שטראָף. דאָס וואָלט דאָך געהייסען, אַז מען האַלט איהם, אַזוי צו זאָגען, אונווירדיג פאַר דער שטראָף. ווען מען וואָלט די גיליאָטינע געהאַלטען בלויז פאַר אַריסטאָקראַטען, וואָלט גאַמלען געקוקט אויף איהר, ווי אויף אַ אונגערעכטע פּריווילעגיע. בכלל, האָט אָנגעהויבען זיך אויסאַרבייטען ביי איהם עפּעס אַ רעליגיעזער און מיסטישער בעגריף וועגען דעם ענין פון בעשטראָפונג. ער האָט גענומען קוקען דערויף, ווי אויף עפּעס אַ העכערע זאַך מיט גאָר אויסערגעוועהנליכע פערדיענסטען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז די שטראָף איז אַ זאַך, וואָס געהערט דעם פערברעכער, און צונעהמען זי פון איהם הייסט—טהון איהם אַן עולה. ער האָט ערקלערט, אַז די פּרוימעאיריאַן איז שולדיג און איז ראוי צו דער העכסטער שטראָף. בעדויערט, האָט ער בלויז וואָס די פאַנאַטיקער, וועלכע האָבען זי אַריינגעצויגען אין זייער נעץ און זענען מעהר שולדיג, ווי זי, זענען דאָ נישטאָ און קאָנען נישט בעקומען זייער פערדיענטע שטראָף.

עוואַריסט פלעגט כמעט יעדען אָווענד געהן אויף די פערזאַמלונגען פון די יאַקאָבינער. די דאָזיגע פערזאַמלונגען פלעגען פאָרקומען אויף דער אָנאָרע-גאַס, אין דער געוועזענער קאַפּליצע פון די דאָמיניקאַנער, וועלכע דער המון איז געוועהנט געוועזען צו רופען „יאַקאָבינער”. אויפ'ן הויף איז דאָרט געשטאַנען אַ פרייהייטס-בוים, אַ פּאַפּעל מיט בלעטער, וועלכע פלעגען נאָכאַנאַנד זיך שאָקלען און זשומען. די קאַפּליצע אַליין איז געוועזען געבויט אין אַן'איינפאַכען, אָרימען סטיל, מיט אַ שווערען דאַך, אויבען, אין דער פערשפּיצטער וואַנד, איז געוועזען דורכגעהאַקט אַ קליין פענסטערל, איבער וועלכען ס'איז געהאָנגען אַ בלוי-ווייס-רויטע פאָהן. און אויף דער פאָהן איז אָנגעטהון געוועזען אַ פרייהייטס-מיצעל. פּונקט ווי די קאָרדעליערען און פעליאַנטען האָבען אויך די יאַקאָבינער גענומען פאַר זיך דעם נאָמען פון די צוטריבענע מאָנאַכען. גאַמלען, וועלכער איז אַמאָל געוועזען אַ שטענדיגער

איינגעהער אויף די פערזאַמלונגען פון די קאָרדעליערען, האָט ביי די יאַקאָבינער נישט געפונען די הילצערנע שיך און די קאַרמאַניאָל-וועסטען, וועלכע מען פלעגט זעהן ביי די דאַנטאָניסטען, אויך נישט די געשרייען, וואָס מען פלעגט דאָרטען הערען. אין ראָבעספּיער׳ס קלוב האָט געהערשט עפּעס אַ מין אַדמיניסטראַטיווע פּאָרזיכטיגקייט, אַ בעל-הבית׳ישע ערנסטקייט. זינט דער פריינד פון פאָלק, מאַראַ, איז געשטאָרבען, פלעגט גאַמלען געהן הערען די לעקציעס פון מאַקסימיליאַנ׳ען.*) מאַקסימיליאַנ׳ס געדאַנקען פלעגען ביי די יאַקאָבינער האָבען די אויבערהאַנד און פון דאָרטען פלעגען זיי דורך טויזענדער קרייזלעך און פעראייַנען פערשפּרייט ווערען איבער גאַנץ פראַנקרייך. בעת מען פלעגט לעזען די אַקטען, פלעגט גאַמלען בעקוקען די נאַקעטע פערטרויערטע ווענד—דיזעלבע ווענד, וואָס אַמאָל האָבען זיי אַרומגערינגעלט די גייסטיגע זיהן פון דעם גרויסען אינקוויזיטאָר פאַר אַפּיקורסות, און איצט—די פאַנאַטישע אינקוויזיטאָרען פאַר פערברעכענס געגען דעם פאָטערלאַנד.

און אין דעם דאָזיגען אָרט איז אָהן צערעמאָניעס געטריבען געוואָרען די גרעסטע מלוכה-מאַכט, וועלכע האָט רעגירט איבער דער שטאָדט, איבער דער אימפּעריע און דיקטירט איהרע דעקרעטען דעם קאָנווענט. די דאָזיגע שעפער פון דער נייער אָרדנונג האָבען אַזוי געשוינט דאָס געזעץ, אַז ביז׳ן 91-טען יאָהר זענען זיי געבליבען מאָנאַרכיסטען און אויס עקשנות׳דיגער צוגעבונדענקייט צו דער קאָנסטיטוציע האָבען זיי געוואָלט בלייבען אַזעלכע אויך נאָכ׳ן צוריקקומען פון וואַרען**). זיי זענען געוועזען אָנהענגער פון דעם געשאַפענעם רעזשים אפילו נאָך די שחיטות אויפ׳ן מאַרס-פעלד; קיינמאָל האָבען זיי זיך נישט געבונטעוועט געגען דער רעוואָלוציע; ווייט זענען זיי געוועזען פון

*) ראָבעספּיערס פאַר-נאָמען.

**) ח א ר ע ן-א ן־א ר ג א ן, א שטעדטעל נעבען חערדען. דאָרט איז לודוויג XVI ארעסטירט געוואָרען דעם 22-טען יוני 1791, ווען ער האָט געוואָלט ענטלויפען קיין אויסלאַנד.

ד ע ר א י ב ע ר ז ע צ ע ר.

אַלערליי פאָלקס-בעוועגונגען—און ביי דעם אַלעם האָבען זיי גע-טראָגען אין זיך אַ מורא׳דיג-מעכטיגע ליעבע צום פאָטערלאַנד, וועלכע איז בכח געווען צו שאַפען פיערצעהן אַרמעען און אויפ-צושטעלען אַ גיליאָטינע. עוואַריסט׳ן איז געפעלען געווען אין זיי זייער וואַכזאַמקייט, זייער שטענדיגעס חושד-זיין, זייער דאָגמאַ-טישער אַרט דענקען, זייער קונסט צו הערשען.

פון דעם עולם, וואָס איז געווען אין זאַל, האָט מען גע-הערט אַ רעגעלמעסיג און איינהייטליך גערויש, ווי דאָס גערויש פון די בלעטער פון דעם פרייהייטס-בוים, וואָס איז געשטאַנען ביים שוועל.

יענעם טאָג, דעם 11-טען וואנדעמיער *), איז איינער אַ יונגער מאַן מיט אַ הויכען, אויסגעבויגענעם שטערען, מיט דורכ-נעהמענדע בליקען, מיט אַ שפיציגער נאָז און שמאָלער גאָמבע אַרויפגעגאַנגען לאַנגזאַם אויף דער טריבונע. ער איז געווען ווייס געפודערט און האָט געטראָגען אַ בלויען פראַק צו דער טאַליע. ער האָט געהאַט אין זיין האַלטונג אַזוי פיעל פינקטליכקייט און זיינע בעוועגונגען זענען געווען אַזוי געוואויגען און געמאָסטען, אַז פיעל פלעגען, קוקענדיג אויף איהם, זאָגען, אַז ער זעהט אויס ווי אַ טאַנץ-מייסטער. אַנדערע פלעגען איהם רופען „דער פראַנ-צויזישער אָרפעאוס”. ראָבעספיער האָט מיט אַ קלאָרער שטימע געהאַלטען אַ גלענצענדע רעדע געגען די פיינד פון דער רעפו-בליק. מיט מעטאַפיזישע און שרעקליכע אַרגומענטען האָט ער גע-קלאַפט בריסאָ׳ן און זיינע מיטהעלפער. ער האָט גערעדט לאַנג, בּרייט און האַרמאָניש. שוועבענדיג אין די הימלישע ספערען פון דער פילאָזאָפיע, האָט ער געשליידערט מיט דונערען אויף די פערשווערער, וועלכע זענען געקראָכען איבער דער ערד.

עוואַריסט האָט געהערט און פערשטאַנען. ביז איצט האָט ער בעשולדיגט די זשיראָנדיסטען, אַז זיי ווילען צוריק אויפ-שטעלען די מאָנאַרכיע, אויפלעבען די אָרלעאַניסטישע פּאַרטיי און

*) אַזוי האָט געהייסען דער ערשטער מאָנאַט פון דעם רעפובליקאַנישען יאָהר אין פראַנקרייך—פון 22-טען סעפטעמבער ביז 21-אָקטאָבער.—דער איבערזעצער.

אומבערענגען די העלדישע שטאָדט, וועלכֿע האָט בעפרייט פראַנקרייך און וועלכֿע וועט נאָך אַמאָל די גאַנצע וועלט בעפרייען. איצט אָבער, הערענדיג די דאָזיגע שטימע, האָט ער גענומען אויסגעפינען נייע אמת'ן, העכערע, ריינערע, ער איז דורכֿגעדרונגען געוואָרען מיט אַ רעוואָלוציאָנערער מעטאַפיזיק, וועלכע האָט איהם אויפגעהויבען הויך איבער די מגושם'דיגע צופעליגקייטען, איבער די פערגרייזטע בעגריפען פון די מענשליכֿע חושים און אַריינגעבראַכֿט אין דער ספערע פון דעם אַבסאָלוטען אמת. די זאַכֿען אַליין פאַר זיך זענען צומישט און פערפלאָנטערט; די פאַקטען זענען אַזוי קאָמפליצירט, אַז מען קאָן זיך נישט אָריענטירען אין זיי. ראָבעספיער האָט זיי אָבער פעראיינפאַכֿט, ער האָט איהם פאָרגעשטעלט דאָס גוטע און דאָס שלעכֿטע אין פשוט'ע, קלאָרע פאָרמולען. פעדעראַליזם און אונצוטיילבאַרקייט: אין דער איינִיגקייט און אונצוטיילבאַרקייט ליעגט דאָס גליק; אינ'ם פעדעראַליזם—דאָס אומגליק. גאַמלען האָט איבערגעלעבט די טיעפע פרייד פון אַ גלויביגען, וואָס ווייס וועלכעס וואָרט עס ברענגט מיט זיך די ברכֿה פון הימעל און וועלכֿעס—די קללה. דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל וועט שוין פון איצט-אָן, ווי די אַמאָליגע גלח'ישע טריבונאַלען, קענען בלויז דאָס אַבסאָלוטע פערברעכֿען. דאָס שרייענדיגע. און ווייל ער איז געוועזן אַ מענש מיט אַ רעליגיעזער נשמה, האָט עוואַריסט אויפגענומען די דאָזיגע ענטדעקונגען מיט אַנ'ערנסט-קאָנצענטרירטער בעגייסטערונג. זיין האַרץ האָט אין איהם פאַר פרייד געשפרונגען ביי דעם געדאַנק, אַז פון איצט אָן האָט ער שוין אַ סימבאָל, מיט וועלכֿען ער וועט אונטערשיידען צווישען פערברעכֿען און אונשולד. איהר קלעקט אויף אַלץ—אָה, אוצרות פון גלויבען!

דער קלוגער מאַקסימיליאַן האָט איהם אויפגעקלערט אויך וועגען די חיטרע כּונות פון יענע לייט, וועלכֿע האָבען געוואָלט פונאַנדערטיילען די פערמעגענס און די ערד, מבטל מאַכֿען רייכֿקייט און אָרימקייט, כּדי יעדערער זאָל זיך לעבען אין בעל-הבית'ישער צופריעדענהייט. אַמאָל איז גאַמלענ'ען דער דאָזיגער געדאַנק שטאַרק געפעלען געוועזן. ער האָט איינגעפונען, אַז אַזאַ

אידעע שטימט מיט די פרינציפען פון אַ עכטען רעפובליקאַנער. אָבער ראָבעספיער האָט מיט זיינע רעדעס אין יאַקאָבינער-קלוב איהם אויפגעעפענט די אויגען אויף אַלע זייערע פּלענער; ער האָט איהם געוויזען, אַז די דאָזיגע מענשען, וואָס זייערע כּונות און געדאַנקען זענען כּלומר׳שט ריין, ציעלען אין דער אמת׳ן אומצוּוואַרפען די רעפובליק און וואַרפען-אָן אַ שרעק אויף די רייכע נאָר דערפאַר, כּדי צו שאַפען וואָס מעהר פערביסענע און שטאַרקע פיינד געגען דער געזעצליכער מאַכט. און באמת, ווי-באַלד דאָס אייגענטום וועט שטעהן אין געפאַהר, וועט די גאַנ-צע בעפעלקערונג, וועלכע איז דעסטאָ מעהר צוגעבונדען צו איהר אייגענטום, וואָס וועניגער זי פערמאָגט, זיך אַ קעהר-טהון געגען דער רעפובליק. דראָהען די אינטערעסען פון דעם איינצעלנעם מענשען איז גלייך ווי מאַכען אַ פערשווערונג. די, וועלכע טענה׳ן, כּלומר׳שט מיט׳ן אָנשטעל, ווי זיי וואָלטען וועלען מאַכען אַלע-מען גליקליך און אַראָבברענגען די גערעכטיגקייט אויף דער וועלט, אַז מען דאַרף צוטיילען די פערמעגענס, זענען אין פלוג נאָך געפעהרליכערע פעררעטער און פערברעכער, ווי די פעדע-ראַליסטען.

אָבער די וויכטיגסטע ענטדעקונג, וואָס ראָבעספיער׳ס חכמה האָט איהם געמאַכט, איז געווען דאָס, וואָס ער האָט דערקענט, וויפיעל פערברעכען און געמיינהייט עס שטעקט אין דעם אַטע-איזם. גאַמלען האָט קיינמאָל נישט געלייקענט אין דער מציאות פון גאָט. ער האָט געגלויבט, אַז עס איז דאָ אַ השגחה, וועלכע גיעט אַכטונג אויף די מענשען. אָבער אַזוי ווי פון איין זייט האָט ער זעהר נישט קלאָר משיג געווען דאָס העכסטע וועזען און פון דער צווייטער איז ער שטאַרק צוגעבונדען געווען צו דער געוויסענס-פרייהייט, האָט ער גאַנץ גערן דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז אַזעלכע אָרענטליכע מענשען, ווי לאַ-מעטרי, בולאַנ-זשע, באַראָן האָלבאַך, לאַלאַנד, העלוועציוס, דער בירגער דיפּיו, זאָלען לייקענען אין גאָט, מיט׳ן תּנאי אָבער, אַז זיי זאָלען שאַ-פען אָנשטאָט דעם אַ מאָראַל, וואָס איז געגרינדעט אויף דער נאַטור, זיי זאָלען געפינען אין זיך אַליין די קוואַלען פון דער

גערעכטיגקייט און די פרינציפען פון אַנ'עהרליכען לעבען. ער האָט אפילו געפיהלט אַ געוויסע סימפּאַטיע צו די נישט-גלויביגע, ווען ער האָט געזעהן, ווי זיי ווערען בעליידיגט און גע'רודפ'ט. מאַקסימיליאַן האָט איהם אָבער די אויגען געעפענט. מיט זיינע ריינע עהרליכע ווערטער האָט דער גרויסער מאַן אויפגעדעקט פאַר איהם דעם אמת'ן האַראַקטער פונ'ם אַטעאיזם, זיין תוך, זיינע כונות און זיינע רעזולטאַטען. ער האָט איהם אויפגעוויזען, אַז די דאָזיגע לעהרע, וועלכע איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אין די סאַלאָנען און בודואַרען פון דער אַריסטאָקראַטיע, איז די געמיינסטע ערפינדונג, וואָס זי, די אַריסטאָקראַטיע, האָט געקאָנט אויסטראַכטען, כדי צו דעמאָראַליזירען און פערקנעכטען דאָס פאָלק; אַז ס'איז אַ פערברעכען אַרויסצורייסען פון דעם 'גלויביגענ'ס האַרץ דעם געדאַנק וועגען אַ השגחה פרטית, וועלכע בעלוינט פאַר אַלע עולות; צו לאָזען איהם שווימען אָהן אַ רודער און אָהן אַנ'אַנקער מיט'ן שטראָם פון די ליידענשאַפטען, וועלכע נעהמען-אָב פון דעם מענשען דעם צלם-אלהים און מאַכען פון איהם אַ מאוס'ען שקלאַף. ער האָט איהם, ענדליך, דערוויזען, אַז די אפּיקורסות פון אַ העלוועציוס ברענגט דעם מענשען צו אונמאָראַליטעט, צו אכזריות, צו אַלע פערברעכענס. און זינט די ווערטער פון דעם גרויסען בירגער האָבען איהם אויפגעקלערט, האָט ער די אַטעאיסטען געהאַסט, בפרט נאָך יענע, וועלכע האָבען זייער אַטעאיזם אַרויסגעוויזען מיט אַ לייכטען האַרץ, פרעהליך—ווי דער אַלטער בראָטאָ.

אין די ווייטערדיגע טעג האָט עוואַריסט געהאַט צו משפּט'ן איינעם נאָכ'ן אַנדערן אַ געוועזענעם אַריסטאָקראַט, וועלכער האָט פערניכטעט תבואה מיט'ן ציעל אויסצוהונגערן דאָס פאָלק; דריי עמיגראַנטען, וועלכע האָבען זיך אומגעקעהרט קיין פראַנקרייך, כדי צו העצען דעם עולם צו אַ בירגער-קריעג; צוויי מיידלעך פון פּאַלע-עגאַליטע, פיערצעהן ברעטאָנישע פערשווערער—פרויען, אַלטע לייט, קינדער, האַרען, קנעכט. די פערברעכענס זענען קלאָר דערוויזען געוואָרען, דאָס געזעץ—פאָרמעל. צווישען די שולדיגע האָט

זיך געפונען אַ פרוי פון צוואַנציג יאָהר—אַ פרעכטיגע שענהייט. אויף איהר פנים איז געווען גלייכגילטיג צו זעהן דעם שאָטען פון איהר נאָהנטען סוף און די שיין פון יוגענד-שטראַהלען. אַ בלויער שלייף איז איינגפלאָכטען געווען אין איהרע גאָלד-בלאָנדע האָר, און דאָס אַראָבגעקאַשערטע באַטיסטענע טיכעל האָט געלאָזט זעהן אַ ווייסען, בויגזאַמען האַלז.

עוואַריסט האָט כסדר גע'פסקנ'ט צו טויט-שטראָף, און אַלע בעשולדיגטע, אויסער איין אַלטען מאַן, זענען געשיקט געוואָרען צום עשאַפאָט.

די צווייטע וואָך האָט עוואַריסט'ס סעקציע אָבגעשאָכטען פינף-און-פיערציג מענער און אַכטצעהן פרויען.

די ריכטער פון רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל האָבען קיין אונטערשיעד נישט געמאַכט צווישען פרויען און מענער. זיי האָבען אין דעם פרט זיך געהאַלטען ביי אַ פרינציפ, וואָס איז אַלט ווי די גערעכטיגקייט אַליין. אויב עס האָט זיך געטראָפען, אַז דער פאָרזיצענדער מאָנטאַנע איז גערירהט געוואָרען דורך דער שענקייט און מוטיגער האַלטונג פון שאַרלאָט קאָרדע און האָט געפעלשט די געריכטס-פראָצעדור, כדי זי צו ראַטעווען, האָט ער דערפאַר פערלאָרען זיין פאָסטען. די פרויען פלעגען צום גרעסטען טייל אויסגעפאָרשט ווערען אָהן שום איינזעהעניש, לויט די כללים, וואָס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען פאַר אַלע טריבונאַלען. די געשוואָרענע האָבען פאַר די פרויען עפּעס מורא געהאַט. זיי האָבען זיך געהיט פאַר זייערע שפיצלעך, פאַר זייערע אָנשטעלען און חנ'דלעך. מיט דעם אַליין, וואָס זיי האָבען זיך אויסגעגלייכט מיט די מענער אין דרייסטקייט, האָבען זיי שוין געצוואונגען דעם טריבונאַל, זיי צו בעהאַנדלען אויף איין אופן מיט די מענער. די ריכטער זייערע זענען צום גרעסטען טייל אָדער אינגאַנצען נישט געווען קיין בעלי-תאוה, אָדער בעלי-תאוה ווען-נישט-ווען—יעדענפאַלס האָבען זיי זיך נישט געלאָזט פערטומלען דעם קאָפּ. זיי האָבען די דאָזיגע פרויען פער'משפט אָדער בעפרייט לויט ווי עס האָט זיי דיקטירט זייער געוויסען, זייער איינבילדונג, זייער פאַנאַטיזם, און לויט ווי זייער ליעבע צו דער רעפּו-

בליק איז געווען — אַ רוהיגע אָדער אַ ברויזענדע. די פרויען זע-
נען כמעט אַלע געווען זאָרגפעלטיג פערקעמט און געקליידט —
אויף וויפיעל דאָס איז זיי מעגליך געווען אויסצופיהרען אין זיי-
ער אונגליקליכער לאַגע. אָבער וועניג זענען צווישען זיי געווען
יונגע, נאָך וועניגער—שענע. דאָס געפענגניש און די דאגות האָ-
בען פערוועלקט זייער פנים׳ער; אינ׳ם ליכטיגען זאַל האָט מען
ערשט בעסער געזעהן זייער אויסגעמאַטערטקייט און שרעק, זייע-
רע מיעדע ברעמען, זייערע געלבליכע פנים׳ער מיט די בלייכע
צענויפגעדריקטע ליפען. און אויף דער דאָזיגער שרעקליכער באַנק
איז דאָך שוין נישט איינמאָל געזעסען אַ יונגע פרוי, וועלכע
איז שען געווען מיט איהר בלייכקייט, בעת איהרע אויגען זענען
פערשלייערט געווען מיט אַ טרויער-שאָטען, וואָס האָט דערמאָהנט
אַ מיעד-געוואָרענע ליידענשאַפט. און אויב אַנדערע געשוואָרענע
ריכטער זענען, קוקענדיג אויף די דאָזיגע געשטאַלט, געריהרט
אָדער אויפגערייצט געוואָרען; אויב עמיצער פון זיי האָט ביי
זיך אין מח מיט זיינע אויסגעדילעטע נערווען זיך געשילדערט
דאָס סאַמע אינטימסטע פון דעם דאָזיגען פרעכטיגען וועזען,
וועלכעס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט גלייכצייטיג סיי טויט,
סיי לעבעדיג; און אויב, איבערלעבענדיג אַלערליי ליידענשאַפט-
ליכע און בלוטיגע בילדער, האָט ער זיך דערנאָך פאָרט גע-
שאָנקען דאָס אכזריות׳דיגע פערגעניגען, אַרויסצוגעבען דעם
הענקער דעם זעלבען קערפּער, צו וועלכען ס׳האָט איהם אַזוי
געצויגען—זענען עס אַלץ זאַכען, וועגען וועלכע מען דאַרף
אפשר שווייגען, אָבער וועלכע מען קאָן נישט אָבלייקענען,
אויב מען קען נאָר די מענער. אַלס קאַלטבלוטיגער און גע-
לעהרטער אַרטיסט, האָט עוואַריסט גאַמלען אָנערקענט פאַר שען
נאָר די זאַכען פון אַלטערטום, און די שענקייט בכלל האָט
ביי איהם אַרויסגערופען פיעל מעהר אַכטונג איידער התפעלות.
זיין קלאַסישער גוסט איז געווען אַזאַ שטרענגער, אַז זעלטען-ווען
האָט ער געזעהן אַ פרוי לויט זיין געשמאַק! צו אַ שען פנים׳ל
פלעגט ער בלייבען פונקט אַזוי גלייכגילטיג, ווי צו פראַגאָנאַר׳ס
און בושע׳ס בילדער. ער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט פון אַ

ליידענשאַפט, וואָס זאָל נישט זיין פערבונדען מיט אמת׳ער ליעבע.

ווי דער גרעסטער טייל פון זיינע טריבונאַל-קאָלעגען, האָט ער אויך געהאַלטען די פרויען פאַר פיעל געפעהרליכער, ווי די מענער. ער האָט געהאַסט די געוועזענע פרינצעסינס; זיין אָנגעשראָקענע פאַנטאַזיע האָט איהם געשילדערט, ווי זיי זענען געווען יד אחת מיט עליזאַבעטע׳ן און דער עסטרייכערין, ווי אַזוי זיי האָבען צוזאַמען אויסגעאַרבייט קוילען אויף צום דער׳הרג׳נען די פאַטריאָטען. ער האָט אויך פיינד געהאַט אַלע שענע מעטרעסעס פון די פינאַנסיסטען, פילאָזאָפען און ליטעראַטען—דערפאַר ווייל זיי האָבען אַזוי פיעל הנאה געהאַט פון לעבען אין אַ צייט, ווען דאָס לעבען איז טאַקי געווען אַ מחיה... ער האָט זיי פיינד געהאַט, נישט מודה-זעגענדיג זיך אַליין אין דער דאָזיגער פיינדשאַפט, און ווען ער האָט געהאַט איינע פון זיי צו משפט׳ן, האָט ער זי שוין פער׳משפט מיט אַ צוגעגרייטען געפיהל, גלויבענדיג בעת־מעשה, אַז ער משפט מיט יושר אינ׳ם אינטערעס פון אַלגעמיינעם גליק. און זיין עהרליכקייט, זיין מענליכע ריינקייט, זיין קאַלטער שכל, זיין איבערגעבענהייט דער מלוכה, זיין גאַנצע זויבערע נאַטור—דאָס אַלץ האָט געשטויסען אונטער דער האַק פון דער גיליאָטינע אַזוי פיעל מילדע, 'איידעלע קעפּ...

אָבער וואָס זאָל עס בעדייטען? ווי לאַנג נאָך צוריק האָט מען בעדאַרפט זוכען די שולדיגע, זיך יאָגען נאָך זיי אין זייערע בעהעלטענישען און קוים מיט צרות פועל׳ן, זיי זאָלען זיך מודה זיין! איצט אָבער איז שוין נישט נויטיג צו לויפען מיט אַ גאַנצע מחנה יאָג-הינד נאָך די דאָזיגע שרעקעדיגע קרבנות: פון אַלע זייטען קומען זיי אַליין. אַריסטאָקראַטען, אונשולדיגע מיידלעך, פראָסטיטוטקעס—אַלע וואַרפען זיך צום טריבונאַל, רייסען פון די ריכטער אַרויס זייער צו-לאַנגזאַמען פסק און פאָדערן פאַר זיך דעם טויט, ווי עפּעס אַ זאַך, וואָס קומט זיי, און קאָנען קוים זיך דערוואַרטען אויף איהם. אָבער די דאָזיגע מענגעס מענשען, מיט וועלכע די פערביסען-פלייסיגע מוסרים האָבען אָנגעפּאַקט די טורמעס און פון וועלכע דער פּראָקוראָר מיט זיי-

נע געהילפען פערלירען די כחות, צוגרייטענדיג זייערע פּראָצעסען—זענען נאָך אַלץ נישט גענוג: מען דאַרף נאָך אָבפּאַרטיגען אויך יענע, וועלכע ווילען נישט וואַרטען. און וויפיעל זענען פאַרהאַן אזעלכע האַסטיגע און שטאָלצע, וואָס פערגינען נישט די ריכטער און דעם הענקער זייער טויט און טהוען זיך אַליין אָן אַ מעשה! אָט, למשל, איז אין דער קאָנסערזשערי-טורמע געזעסען אַ יונגער סאָלדאַט, אַ שענער, אַ קרעפטיגער. ער האָט איבערגעלאָזט אין טורמע זיין געליעבטע, וועלכע ער האָט פערגעטערט. זי האָט זיך געבעטען ביי איהם: „לעב פאַר מיר!" ער האָט אָבער נישט געוואָלט לעבען נישט פאַר איהר, נישט פאַר דער ליעבע, נישט פאַר'ן רוהם. מיט זיין בעשולדיגונגס-אַקט האָט ער פעררויכערט זיין לולקע. און חאָטש ער איז געווען אַ רעפּובליקאַנער—וואָרום מיט אַלע זיינע חושים האָט ער ליעב געהאַט די פרייהייט — האָט ער זיך דאָך אָנגעגעבען פאַר אַ ראָיאַליסט, כדי צו שטאַרבען. דער טריבונאַל האָט זיך בעמיהט איהם צו בעפרייען, דער בעשולדיגטער איז אָבער שטאַרקער געווען — זענען די ריכטער און די געשוואָרענע געצוואונגען געווען איהם נאָכצוגעבען.

עוואַריסט, וועלכער איז פון נאַטור געווען אַ געוויסענהאַפטער און אונרוהיגער מענש, איז פון די יאַקאָבינישע לעקציעס און בכלל פון דעם גאַנצען לעבענס-ספעקטאַקל, וואָס ער האָט געזעהן פאַר זיך, געוואָרען נאָך מעהר בעהערשט פון אַלערליי חשדים און אונצוטרוי. געהענדיג ביינאַכט צו עלאָדי'ן דורך די שלעכט-בעלויכטענע גאַסען, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דורך אַלע פענסטערלעך זעהט ער אין די קעלערס אינסטרומענטען צו מאַכען פאַלשע אַסיגנאַציעס; אַז די הינטער-שטיבלעך פון די אויסגעליידיגטע בעקערייען און בשמים-קראָמען זענען אָנגעפּאַקט מיט בעהאַלטענע שפּייז-פּראָדוקטען. איהם האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז דורך די שעמערירענדיגע פענסטער פון די רעסטאָראַנען הערט ער די געשפּרעכען פון וואוכערניקעס און ספעקולאַנטען, וועלכע בעראַטען זיך, ווי אַזוי חרוב צו מאַכען דאָס לאַנד, און טרינקען בעת מעשה שאוולי אָדער באָן-וויין. אין די שמוציגע געסלעך

האָט זיך איהם אויסגעדאַכט צו זעהן גאַסען-מיידלעך, וועלכע זע-נען גרייט צו טרעטען מיט די פיס די נאַציאָנאַלע קאָקאַרדע ביי די אַפּלאָדיסמענטען פון לעב-יונגען. אומעטום האָט ער גע-זעהן נאָר פערשווערער און פעררעטער. און ער האָט געטראַכט ביי זיך: „רעפּובליק! געגען אַזוי פיעל בעהאַלטענע און אָפּע-נע פיינד האָסטו נאָר איין-איינציג מיטעל: היילינע גילִיאָטינע, ראַטעווע דאָס פאָטערלאַנד!..“

עלאָדי האָט געוואַרט אויף איהם אין איהר קליינעם בלוי-ען צימער, איבער דעם געשעפט. כדי ער זאָל פערשטעהן, אַז ער קאָן אַריינגעהן, האָט זי אַוועקגעשטעלט אויפ'ן ברעג פון פענסטער, נעבען די בלומען, איהר קליינעם גרינעם בלומען-שפּרי-צער. עפּעס האָט זי איצט פאַר עוואַריסט'ן זיך געשראָקען, ער האָט איהר אויסגעזעהן, ווי אַ ווילדע חיה: גלייכצייטיג האָט זי מורא געהאַט פאַר איהם און איהם פערגעטערט. אַ גאַנצע נאַכט זענען זיי ליידענשאַפטליך צוגעדריקט געווען איינער צום צוויי-טען—דער בלוטיגער געליעבטער און דאָס תאוה-מיידעל האָבען אין דער שטיל זיך געגעבען ווילד-הייסע קושען.

XIV.

דער פּאָטער לאָנגמאַר איז אויפגעשטאַנען בעגינען, און נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעקעהרט דאָס צימער, איז ער אַוועק בעטען גאָט אין אַ קאַפּליצע אויף דער גאַס „ד׳אַנפער״, דער גלח פון דער דאָזיגער קאַפּליצע איז געווען פון די, וואָס האָבען נישט געשוואָרען. עס זענען געווען אין פּאַריז טויזענדער אַזעל־כע ווינקעלעך, וואו איינגע׳עקשנ׳טע גלחים האָבען בשתיקה גרו־פּירט אַרום זיך קליינע קרייזלעך פון פרומע. און חאָטש די פּאָ־ליציי פון יעדער סעקציע האָט אויף אַלץ געהאַט אַנ׳אויג, האָט זי זיך דאָך געמאַכט נישט וויסענדיג וועגען די דאָזיגע בעהעל־טנישען—אַ ביסעל דערפאַר, ווייל זי האָט נישט געוואָלט אויפריי־צען די געגנז, און אַ ביסעל אויך אויס אַכטונג פאַר דברים שבקדושה. דער בּאַרנאַביט האָט זיך אָבגעזעגענט מיט זיין מכניס-אורח און קוים געפּועל׳ט ביי איהם, אַז דער מיטאָג זאָל זיין נישט קיין גרויסער און נישט פון דעליקאַטע מאכלים.

ווען ער איז געבליבען אַליין, האָט בראָטאָ געמאַכט פייער אין דעם קליינעם געמויערטען אויוועלע, און דערנאָך, קאָכענדיג דעמזעלבען מיטאָג פאַר׳ן פרומען און פאַר׳ן אפיקורס, האָט ער גענומען לייענען לוקרעציוס׳ן און איבערטראַכטען אַלער־

ליי מחשבות וועגען דעם מענשענ׳ס לעבען. פאַר דעם דאָזיגען אַלטען מיט׳ן קלוגען קאָפּ איז קיין שום איבערראַשונג נישט גע־וועזען, צו זעהן, ווי נישטיגע נפשות׳לעך, וועלכע זענען אמת׳ע שפּיעל־געצייג פאַר די נאַטור־קרעפטען, נעפינען זיך מעהרסטענ־טיילס אין אַ שווערער נאַרישער לאַגע; אָבער ער האָט געהאַט די שוואַכקייט צו גלויבען, אַז די רעוואָלוציאָנערען זענען ערגער און נאַרישער ווי אַנדערע מענשען — און דאָס איז געוואָרען ביי איהם אַ אידעאָלאָגיע. איבעריגענס, קיין פּעסימיסט איז ער נישט געווען, ער האָט נישט געהאַלטען, אַז דאָס לעבען איז לחלוטין שלעכט. ער פלעגט בעוואונדערן די נאַטור אין איהרע איינצעלנע טיילען, איבערהויפּט אין דער הימלישער מעכאַניק און אין דער פיזישער ליעבע, און, וואַרטענדיג אויף יענעם נאָהנטען טאָג, ווען ער וועט שוין מעהר נישט וויסען פון שרעק און פערלאַנגען, פלעגט ער גאַנץ צופריעדען זיין פון דעם, וואָס דאָס לעבען גיט...

ער האָט אָבגעפּאַרבט עטליכע פּאַיאַצלעך און געמאַכט אַ זערלינע, וועלכע איז עהנליך געווען צו ראָזאַ טעוונען. דאָס דאָ־זיגע מיידעל איז איהם געפעלען געוואָרען; זיין אפיקורס׳ישע נשמה האָט געקליבען נחת פון דער אָרדנונג, אין וועלכער איהרע אטאָמען זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען.

מיט דער דאָזיגער אַרבייט איז ער פערנומען געווען ביז דער באַרנאַביט איז צוריקגעקומען.

—פּאָטער,—האָט ער איהם געזאָגט, עפענענדיג איהם די טהיר,—איך האָב אייך געזאָגט, אַז אונזער סעודה וועט זיין אַ מאָגערע—אָט האָבען מיר טאָקי בלויז קאַשטאַנעס, און דאָס אויך נישט קיין געהויבענע.

—קאַשטאַנעס!—האָט אויסגעשריען דער פּאָטער לאָנגמאַר— ס׳איז נישטאָ קיין בעסער מאכל ווי קאַשטאַנעס. מיין פאָטער איז געווען אַן׳אָרימער יחסן פון אַרום לימאָזש און זיין גאַנץ פערמעגען איז בעשטאַנען אין אַ חרוב־געוואָרענעם טויבענשלאַג, אַ פערלאָזענעם סאָד און עטליכע קאַשטאַן־ביימער. צוזאַמען מיט זיין ווייב און זיינע צוועלף קינדער האָט ער זיך ערנעהרט בלויז מיט גרינע קאַשטאַנעס, און אַלע זענען מיר געווען געזונד

און קרעפטיג. איך בין געווען דער יונגסטער און לעבעדיגסטער. מיין טאַטע פלעגט זאָגען מיט שפּאַס, אַז מען דאַרף מיך אַוועק־שיקען קיין אַמעריקאַ, איך זאָל דאָרט ווערען אַ ים־רויבער. אַה, מיין הערר, ווי מחיה׳דיג עס שמעקט די דאָזיגע קאַשטאַן־זופּ! זי דערמאָהנט מיר אונזער לאַנגען טיש, ווען ער איז בעזעצט געווען מיט קינדער, זי דערמאָהנט מיר מיין שמייכלענדער מאַמען...

נאָכ׳ן אָבּעסען מיטאָג איז בראָטאָ אַוועקגעגאַנגען צום שפּיעל־געצייג־קרעמער זשאָלי, אויף דער גאַס „נעוו־דע־פּטי־שאַן". דער קרעמער האָט ביי איהם גענומען די פּאַיאַצלעך, וועלכע קאַיו האָט נישט געוואָלט נעהמען, און האָט בעשטעלט ביי איהם נישט צוועלף דוץ, ווי זשאָלי, נאָר טאַקי גאַנצע פיער־און־צוואַנציג אַלס התחלה.

צוקומענדיג צו דער גאַס, וועלכע האָט פריהער געהייסען „רויאַל", האָט בראָטאָ דערזעהן פון וויטען, אויף דעם רעוואָלוציע־פּלאַץ עפּעס אַ דריי־קאַנטיג שטיק שטאָהל, וואָס האָט געבלאַנקט צווישען צוויי הילצערנע שטאַנגען: דאָס איז געווען די גיליאָטינע. אַ גרויסער, לוסטיגער המון פון נייגיעריגע האָט זיך געשטופּט אַרום דער גיליאָטינע, וואַרטענדיג אויף די פוהרען, וועלכע האָבען בעדאַרפט אָנקומען פול געפּאַקט מיט פער׳משפט׳ע. ווייבער מיט קאָשיקעס האָבען פאָרגעלעגט זייער סחורה — נאַנטער־קוכענס. די פערקויפער פון קאַלטע געטראַנקען האָבען געקלונגען מיט זייערע גלעקלעך. ביי די פיס פון דער פרייהייטס־סטאַטוע האָט אַנ׳אַלטער מאַן געוויזען אָפּטישע בילדלעך אין אַ קוק־קעסטעל, איבער וועלכען עס האָט זיך אויף אַנ׳אָנגעבונדענעם וויעג־שטענגעל געשאָקעלט אַ מאַלפּע. אונטער דעם עשאַפאָט האָבען הינד געלעקט דאָס בלוט פון נעכטען. בראָטאָ האָט זיך פערקירעוועט אין דער „אָנאָרע"־גאַס.

קומענדיג צוריק צו זיך אין בוידעם־שטיבעל, וואו דער באַרנאַביט איז געזעסען און געלעזען דאָס געבעט־בוך פאַר גייסט־ליכע, האָט בראָטאָ גוט אָבגערייניגט דעם טיש און אַוועקגעשטעלט אויף איהם אַ פּושקע מיט פּאַרב און די פערשיעדענע

אינסטרומענטען און מאַטעריאַלען, וועלכע ער האָט נויטיג געהאַט צו זיין אַרבייט.

— פּאָטער, — האָט בראָטאָ זיך אָנגערופען, — אויב איהר האַלט נישט, אַז מיין מלאכה איז נישט פּאַסיג פאַר אייער גייסטליכען שטאַנד, וועל איך אייך בעטען, איהר זאָלט אַזוי גוט זיין מיר העלפען פאַבריצירען מיינע שפּרינג־מענשעלעך. איינער אַ הערר־זשאָלי, האָט היינט פריה געמאַכט ביי מיר אַ גאַנץ היבשע בעשטע־לונג. און בעת איך וועל פאַרבען די דאָזיגע שוין אויסגע־שניטענע פיגורען, וועט איהר מיר טהון אַ גרויסע טובה, אויב איהר וועט אויסשניידען די קעפּ, די הענד, די פיס און בכלל די געשטאַלטען לויט די מוסטערען, וואָס איהר האָט דאָ. קיין בעסערע מוסטערען וועט איהר שוין אויף דער וועלט נישט גע־פינען: זיי זענען געמאַכט לויט די צייכנונגען פון וואַטאָ און בושע...

— יאָ, מיין הערר, איך געפין טאַקי, אַז וואַטאָ און בושע זענען ווי געבאָרען פאַר אַזעלכע צאַצקעס. עס וואָלט פאַר זיי אַ סך בעסער געווען, ווען זיי וואָלטען געבליבען ביי אַזעלכע פּאַיאַצלעך... מיט'ן גרעסטען פערגעניגען וואָלט איך אייך גע־האָלפען, אָבער איך האָב מורא, אז איך בין נישט קיין בריה פאַר אַזעלכע זאַכען.

דער פּאָטער לאָנגמאַר איז גאַנץ גערעכט געווען, וואָס ער האָט נישט געגלויבט אין זיין בריה'שאַפט: נאָך עטליכע אונגע־לונגענע פּראָבעס האָט מען געמוזט מודה זיין, אַז ער איז נישט בעשאַפען געוואָרען אויף צום שניידען מיט אַ מעסערל צאַצקעס פון קאַרטאָן, אָבער ווען בראָטאָ האָט איהם, לויט זיין ביטע, דערלאַנגט אַ שטריקעל מיט אַ שטאָפּ־נאָדעל, האָט דער באַרנאַביט זיך אַרויסגעוויזען גאַנץ געשיקט אויף אַריינצוגעבען בעוועגונגס־פעהיגקייט אין די דאָזיגע קליינע וועזענס, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט אויספאָרמירען. ער האָט זיי גאַנץ גוט געלערנט טאַנ־צען און האָט שטאַרק הנאה געהאַט צו מאַכען מיט זיי פּראָבעס פון גאַוואָט־טריט. יעדעס מאָל, ווען די פּאַיאַצלעך פלעגען אַנט־קעגענקומען זיינע בעמיהונגען, פלעגט אויף זיינע שטרענגע ליפּען

זיך בעווייזען אַ שמייכעל.

איינמאָל, ווען ער האָט געצויגען דאָס שטריקעל פון אַ קאָמישען שפּרינג-מענשעלע, האָט ער געזאָגט צום אַלטען בראָטאָ:

—מיין הערר, דאָס דאָזיגע פיגורל דערמאָהנט מיר אַ מער-קווירדיגע מעשה. דאָס איז געווען אין יאָהר 1746. איך האָב דאַן געהאַלטען אין ענדיגען מיין לעהרע אונטער דער לייטונג פונ׳ם פאָטער מאַזשיטאָ, אַנ׳אַלטער מאַן מיט זעהר פיעל בילדונג און מיט אַ שטרענגער הנהגה. אין יענער צייט—מסתמא געדענקט איהר עס—זענען די שפּרינג-מענשעלעך, וועלכע מען האָט לכתחלה גע-מאַכט בלויז פאַר קינדער, געוואָרען שטאַרק אָנגענומען ביי פּרוי-ען און אפילו ביי יונגע און אַלטע מענער. זיי האָבען אין פּאַ-ריז פשוט אַ פוראָר געמאַכט. די מאָדע־מאַגאַזינען זענען מיט זיי פול געווען; מען פלעגט זיי געפינען ביי די אָנגעזעהענסטע לייט און ס׳איז נישט געווען קיין זעלטענהייט צו זעהן אין די שפּאַ-ציר-ערטער, ווי ערנסטע, סאָלידע פּערזענליכקייטען לאָזען טאַנ-צען זייערע פּאַיאַצלעך. און נישט זיינע יאָהרען, נישט זיין כאַ-ראַקטער, נישט זיין בערוף זענען בכח געווען אָבצוהיטען דעם פּאָטער מאַזשיטאָ פון דער דאָזיגער אָנשטעקונג. ווען ער פלעגט זעהן ווי עמיצער לאָזט שפּרינגען אַ קליין קאַרטאָן־מענשעלע, פלעגט ער באַלד דערשפּירען אין זיינע פינגער עפּעס אַזאַ אומ-רוהיגקייט, וועלכע פלעגט באַלד שיער נישט פּערוואַנדעלט ווע-רען אין אַ וועהטאַג. איינמאָל איז ער צוליעב זעהר אַ וויכטיגען ענין, וואָס האָט אינטערעסירט אונזער גאַנצען אָרדען, געקומען מיט אַ בעזוך צום פּאַרלאַמענט-אַדוואָקאַט ה׳ שאָוועל. דערזעהענ-דיג ביי איהם אַ פּאַיאַצעל, וואָס איז געהאָנגען איבער׳ן קאַמין, האָט זיך איהם מורא׳דיג פּערגלוסט אַ ציה צו טהון דאָס שטרי-קעל און נאָר דורך גרויסער אָנשטרענגונג איז איהם געלונגען כובש צו זיין דעם יצר הרע. אָבער דער דאָזיגער קינדיש-נאַרי-שער פערלאַנג האָט איהם געפּייניגט און צו-רוה נישט געלאָזט. וואָס ער זאָל נישט האָבען געטהון—געלערנט, געדאַווענט, גע-טראַכט, געהאַלטען אַ לעקציע, אויסגעהערט אַ ודוי—אומעטום האָט

איהם פערפאָלגט דערזועלבער פערלאַנג. נאָך עטליכע טעג פון אמת'ע גייסטיגע ענויים האָט ער דערצעהלט די מעשה דעם גענעראַל פונ'ם אָרדען, וועלכער איז, צום גליק, גראָד דאַן געווען אין פּאַריז. דאָס איז געווען אַ בעריהמטער געלעהרטער, איינער פון די פּרינצען פון דער מילאַנ'ער קירך. ער האָט געראָטען דעם פּאָטער מאַזשיטאָ, ער זאָל בעפריעדיגען דעם דאָזיגען פערלאַנג, וועלכער איז אין תוך גענומען אַ גאַנץ אונשולדיגער, אָבער ער קאָן האָבען שלעכטע פאָלגען; בפרט נאָך, ווען מען זאָל איהם צו-פיעל נאָכגעבען, קאָן ער פּשוט פערגיפטען די נשמה. לויט דער עצה, אָדער, בעסער געזאָגט, לויט'ן בעפעהל פונ'ם אָרדען-גענעראַל, איז דער פּאָטער מאַזשיטאַ ווידער אַוועק צום ה' שאָוועל, וועלכער האָט איהם אויפגענומען, ווי דאָס ערשטע מאָל, אין זיין קאַבינעט. דערזעהענדיג אויפ'ס ניי דאָס פּאַיאַצעל איבער'ן קאַמין, איז ער שנעל צוגעגאַנגען צו איהם און געבעטען דעם בעל-הבית, ער זאָל איהם ערלויבען אַ ציה-טהון דאָס שטריקעל. דער אַדוואָ-קאַט האָט עס איהם גאַנץ גערן ערלויבט און איהם פערטרויט אַ סוד, אַז פון צייט צו צייט לאָזט ער שפּרינגען זיין „סקאַראַמוש" (אַזוי האָט ביי איהם דאָס שפּרינג-מענשעלע געהייסען), בעת ער גרייט-צו זיינע רעדעס, און אַז ערשט נעכטען האָט ער ביי די ריטמישע בעוועגונגען פונ'ם פּאַיאַצעל פּאַרטיג געמאַכט אַ פערטיי-דיגונגס-רעדע לטובת איינער אַ פרוי, אויף וועלכע מען האָט געמאַכט אַ בלבול, אַז זי האָט איהר מאַן פער'סמ'ט. דער פּאָטער מאַזשיטאָ האָט מיט ציטערנדע הענד אַ חאַפּ-געטהון דאָס שטריקעל און האָט זיך צוגעקוקט, ווי „סקאַראַמוש" וואַרפט זיך אונטער זיינע הענד, ווי אַ נישט-גוטער. נאָכדעם ווי ער האָט אַזוי אַרום צופריעדענגעשטעלט זיין קאַפּריז, האָט איהם זיין אידעע-פיקס שוין מעהר נישט פערפאָלגט.

—די מעשה, וואָס איהר האָט מיר דערצעהלט, פּאָטער, איז פאַר מיר קיין איבערראַשונג נישט—האָט בראָטאָ געזאָגט.—אַזעל-כע דבוקים זענען נישט קיין זעלטענהייט, אָבער נישט אַלעמאָל גערמען זיי זיך פון צאַצקעס...

דער פּאָטער לאָנגמאַר, חאָטש ער איז געווען אַ רעליגיע-

זער מענש, האָט קיינמאָל נישט גערעדט פון רעליגיע. בראָטאָ, פערקעהרט, פלעגט וועגען דעם שטענדיג רעדען. און אַזוי ווי דער באַרנאַביט איז איהם זעהר סימפּאַטיש געווען, האָט ער הנאה געהאַט איהם צו טומלען דעם קאָפּ מיט אַלערליי קלאָץ־קשיות וועגען פערשיעדענע רעליגיעזע פראַגען.

איינמאָל, ווען זיי האָבען צוזאַמען פאַבריצירט פּאַיאַצלעך, האָט בראָטאָ זיך אָבגערופען:

—בעת איך בעטראַכט די אַלע געשעהענישען, וועלכע האָבען אונז געבראַכט צו דער היינטיגער לאַגע, ווייס איך נישט, וועלכער צד ס'איז מעהר משוגע געווען אין דער דאָזיגער אַל־געמיינער משוגעת, אָבער איך בין נוטה צו גלויבען, אַז דאָס איז געווען די הויף־פּאַרטיי.

— מיין הערר, — האָט געענטפערט דער גייסטליכער,—אַלע מענשען ווערען פערנאַרישט, ווי נבוכדנאצר, ווען דער אויבערשטער פערלאָזט זיי; אָבער קיין איין מענש איז נאָך אין אונזערע צייטען נישט געזונקען אַזוי טיעף און אונוויסענהייט און אין טעותים, ווי דער אַבאַט פּאָשע, קיינער איז נאָך נישט געווען פאַר דער מלוכה אַזאַ אָנשיקעניש, ווי דער דאָזיגער מאַן. מסתמא איז גאָט געווען שטאַרק אויפגערעגט אויף פראַנקרייך, אויב ער האָט איהר געשיקט אַזאַ פּאָשע! *)

—מיר דאַכט, אַז מיר האָבען געזעהן נאָך גרעסערע פער־ברעכער, ווי דער דאָזיגער אונגליקליכער פּאָשע.

—דער גייסטליכער גרעגוואַר האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען גענוג שעדליך.

---

*) קלאָד פּאָשע, א גייסטליכער, געווען גלח אין קעניגליכען הויף. דערנאָך צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציע און געשפּיעלט אין איהר א בעדייטענדע ראָלע. פון די יאַקאָבינער איז ער אַריבערגעגאַנגען צו די פעדעראַליסטען, וועלכע האָבען איהם געשיקט אַלס דעפּוטאַט אין קאָנווענט פון קאַלוואַדאָ־דעפּאַרטאַמענט. ער איז פער'משפט געוואָרען צום טויט פאַר מיטהעלפען מאַראַ'ס מערדערין און פאַר בעזאָרגען מיט א פאַל־שען פּאַספּאָרט דעם מיניסטער גאַרבאַן, און איז אומגעקומען אויפ'ן עשאַפאָ. (1793־1744).

— און בריסאָ, און דאַנטאָן, און מאַראַ, און הונדערטער אַנדערע—וואָס זאָגט איהר וועגען זיי, פּאָטער?

—מיין הערר, דאָס זענען אַלץ וועלטליכע מענשען, און וועלטליכע טראָגען נישט אויף זיך אַזויפיעל פעראַנטוואָרטליכקייט, ווי די גייסטליכע. ביי זיי ווערט דאָס שלעכטס, לכל הפחות, נישט געטהאָן פון אַ הויכען פונקט, זייערע פערברעכענס האָבען נישט קיין אַלוועלטליכען חאַראַקטער.

—און אייער גאָט, פּאָטער? וואָס זאָגט איהר עפּעס וועגען זיין אויפפיהרונג אין דער איצטיגער רעוואָלוציע?

—איך פערשטעה אייך נישט, מיין הערר.

—אפּיקורס האָט געזאָגט: אָדער גאָט וויל הינדערן דאָס שלעכטס און קאָן עס נישט, אָדער ער קאָן עס און וויל עס נישט, אָדער נישט ער קאָן עס, נישט ער וויל עס, אָדער ער וויל עס און קאָן עס. אויב ער וויל און קאָן עס נישט, איז ער אָהנמעכטיג; קאָן ער עס און וויל נישט, איז ער פערדאָרבען; קאָן ער עס נישט און וויל עס נישט, איז ער אי אָהנמעכטיג, אי פערדאָרבען; וויל ער עס, ווידער, יאָ און קאָן עס אויך—טאָ פאַרוואָס-זשע, פּאָטער, טהוט ער עס נישט?

בראָטאָ האָט געוואָרפען אויפ׳ן גייסטליכען אַ צופריעדענעם בליק.

—מיין הערר,—האָט דער גייסטליכער געענטפערט,—ס'איז נישטאָ קיין טרויעריגערע זאַך, ווי הערען אַזעלכע קשיות. ווען איך בעטראַכט די לאָגיק פון די נישט-גלויביגע, האָב איך דעם איינדרוק, ווי מילבען וואָלטען זיך פערנומען מיט קליינע שטרוי-עלעך צו פערהאַלטען אַ שטורמדיגען שטראָם, וואָס לויפט באַרג-אַראָב. ערלויבט מיר, נישט צו דיספּוטירען מיט אייך: איך וואָלט אין אַזאַ דיספּוט אפשר געהאַט צופיעל אַרגומענטען, אָבער צו-ווייניג גייסט. איבריגענס, איהר וועט געפינען אַן'ענטפער אויף אייערע קשיות אין די ווערק פונ׳ם אַבאַט גענע און ביי צוואַנציג אַנדערע. איך וויל אייך נאָר זאָגען, אַז דאָס, וואָס איהר האָט מיר געבראַכט פון אפּיקורס׳ן, איז אַ טפּשות, ווייל דאָרט ווערט גערעדט וועגען גאָט אַזוי, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַ מענש

און וואָלט געמוזט האָבען אונזער מענשליכען מאָראַל. און מיט אַזעלכע פּאַראַדאָקסען האָבען די נישט-גלויביגע, אָנהויבענדיג פון דעלפּ'ן און ענדיגענדיג מיט בעל'ן און וואָלטער'ן, שטענדיג געהאַלטען אין איין אויסנוצען די נאַראָנים.

—זעהט, פּאָטער,—האָט בראָטאָ געזאָגט—ווי ווייט אייער גלויבען פערפיהרט אייך. אייך איז וועניג, וואָס איהר געפינט דעם גאַנצען אמת אין אייער טעאָלאָגיע, ווילט איהר נאָך נישט אָנערקענען קיין איין אמת וואָרט פאַר אַלע יענע גרויסע גאונים, וועלכע האָבען געטראַכט אַנדערש, ווי איהר.

—איהר האָט אַ טעות, מיין הערר,—האָט געענטפערט לאָנגמאַר.—פערקעהרט, איך געפין, אַז ס'איז נישטאָ קיין מענשליכער געדאַנק, וועלכער זאָל אינגאַנצען זיין פאַלש. די אַטעאיסטען שטעהען אויף דעם נידעריגסטען שטאַפּעל פון פערנינפטיגקייט, אָבער אויף דעם דאָזיגען שטאַפּעל זענען אויך פאַרהאַן געוויסע פונקען פון פערנינפט און אמת, און בעת אפילו דער מענש טרינקט זיך אין פינסטערניש, הויבט ער אויף זיין שטערען, אין וועלכען דער אויבערשטער האָט איהם אַריינגעלעגט שכל: דאָס איז לוציפער'ס שיקזאַל.

—און איך—האָט געזאָגט בראָטאָ—וועל נישט זיין אַזוי גרויסמוטיג, ווי איהר. איך וועל אייך מודה זיין, אַז אין טעאָלאָגישע ווערק געפין איך נישט אפילו אַ פיצעל געזונטען פערשטאַנד.

ער האָט פונדעסטוועגען זיך פערענטפערט, אַז ער וויל נישט אָנפאַלען אויף דער רעליגיע, וואָרום ער האַלט, אַז זי איז נויטיג פאַר'ן המון. ער וואָלט בלויז געוואָלט, אַז איהרע טרעגער און דיענער זאָלען זיין פילאָזאָפען, אָבער נישט קיין פלפול-דיאַלעקטיקער. ער האָט אויסגעדריקט זיין בעדויערונג, וואָס די יאַקאָבינער ווילען פערבייטען די אַלטע רעליגיע אויף אַ יונגערע און שלויערע—אויף אַ רעליגיע פון פרייהייט, גלייכהייט, רעפּובליק, פּאָטערלאַנד. ער האָט אויך בעמערקט, אַז אַממעהרסטען געפעהרליך און גרויזאַם זענען די רעליגיעס דאַן, ווען זיי זענען נאָך יונג, און אַז וואָס עלטער זיי ווערען, אַלץ מעהר ווערען

זיי מיושב׳דיג און רוהיג. און דעריבער טאַקי—האָט ער ווייטער געזאָגט—איז איהם פיעל מעהר ניחא דער קאַטאָליציזם, וועלכער האָט שוין אַמאָל, ווען ער איז יונג און קרעפטיג געווען, אייבּגעשלונגען גענוג קרבנ׳ית. איצט, ווען דער קאַטאָליציזם איז שוין איינגעבויגען געוואָרען אונטער׳ן יאָך פון אַזויפיעל יאָהרען און דער אַפּעטיט איז שוין ביי איהם אַ סך קלענער, וועט ער זיך בענוגענען מיט פינף אפיקורסים-קאָטלעטלעך אויף הונדערט יאָהר.

—איבּריגענס,—האָט ער צוגעגעבּען—איך האָב שטענדיג געלעבּט בשלום מיט אַלערליי גאָטס קאָזאַקען. אין אילעט האָב איך געהאַט אַ גלח און יעדען זונטאָג פלעגט מען אָבּריכטען תּפלות. אַלע מיינע געסט פלעגען קומען צום דאַווענען און פרימער ווי אַלע פלעגען זיך בעת מעשה האַלטען טאַקי די פילאָזאָפען און די טענצערינס פון דער אָפּערא. מיר איז דאַן געגאַנגען זעהר גוט, האָב איך געהאַט אַ סך גוטע פריינד.

—„גוטע פריינד!"—האָט אויסגערופען דער פּאָטער לאָנגמאַר.—אַך, מיין הערר, צי גלויבּט איהר דען, אַז זיי האָבּען אייך טאַקי ליעב געהאַט, אָט די אַלע פילאָזאָפען און קורטיזאַנעס, וועלכע האָבּען צעקאַליעטשעט אייער נשמה אַזוי, אַז אפילו גאָט אַליין וועט מיט שוועריגקייט דערקאַנען אין איהר איינעם פון יענע טעמפּלען, וועלכע ער האָט אויפגעשטעלט פאַר זיין רוהם?

דער פּאָטער לאָנגמאַר האָט געוואוינט ביי דעם געוועזענעם פינאַנסיסט אַ גאַנצע וואָך און קיינער האָט איהם דאָרט נישט בעאונרוהיגט. געפיהרט האָט ער זיך, אויף וויפיעל דאָס איז איהם נאָר מעגליך געווען, ווי אַמאָל, ווען ער איז נאָך אין זיין מאָנאַסטיר געווען. יעדע נאַכט פלעגט ער אָראָבּגעהן פון זיין שעניק, זיך שטעלען אויף דער פּאָדלאָגע אויף די קניע און זאָגען די נאַכט-תּפלות. און חאָטש זיי האָבּען ביידע געלעבּט כּמעט מיט ברעקלעך, פונדעסטוועגען פלעגט ער אָבּהיטען אַלע תּעניתים און סגופים. דער פילאָזאָף פלעגט זיך צוקוקען צו דעם אַלעם מיט טרויער און חוזק צוזאַמען, און איינמאָל האָט ער איהם אַ פרעגגעטהון:

—צי גלויבט איהר טאַקי באמת, אַז דער אויבערשטער קלייבט נחת פון דעם, וואָס איהר ליידט הונגער און קעלט?

—גאָט אַליין—האָט איהם דער מאַנאַך געענטפערט—האָט אונז געוויזען אַ ביישפיעל, ווי אַזוי מען דאַרף ליידען.

אויפ'ן ניינטען טאָג נאָכדעם, ווי דער באַרנאַביט האָט זיך בעזעצט ביים פילאָזאָף אין בוידעם-שטיבעל, האָט בראָטאָ בין-השמשות-צייט אַוועקגעטראָגען זיינע אויסגעאַרבייטע פּאַיאַצלעך צום קרעמער זשאָלי אויף דער גאַס „נעוו-דע-פּטי-שאַן". געגאַנגען צוריק איז ער זעהר אַ צופריעדענער, ווייל ער האָט פערקויפט זיין גאַנצע סחורה. פּלוצלונג איז איהם אויפ'ן געוועזענעם קאַ-רוסעל-פּלאַץ אָנגעלאָפען, הינקענדיג, אַ מיידעל אין אַ מאַנ-טעל פון בלויען סאַטין מיט ווייסען פוטער ביי די ברעגען. זי האָט זיך אַ וואָרף געטהון אין זיינע אָרעמס און איהם אַרומ-גענומען, ווי עס טהוט אַ מענש, וואָס בעט עפּעס אין פערצווייפלונג.

זי האָט אינגאַנצען געציטערט, עס האָט זיך געהערט ווי איהר האַרץ קלאַפּט שנעל. בראָטאָ האָט אַ רגע זיך צוגעקוקט, ווי פּאַטעטיש דאָס מיידעל זעהט-אויס ביי איהר נאַנצער פּראָסט-קייט, און אַלס אַלטער ליעבהאָבער פון טעאַטער-קונסט, האָט ער אַ טראַכט-געטהון, אַז פריילייין ראָקור*) וואָלט, כ'לעבען, געמעגט צוזעהן די סצענע; זי וואָלט דערפון אַ נוצען געהאַט.

דאָס מיידעל האָט גערעדט מיט אַ פּערהאַקטען אָטעם און זעהר שטיל, מורא האָבענדיג, מסתמא, אַז עמיצער פון די פאַר-בייגעהענדיגע זאָל נישט הערען.

—פיהרט מיך אַוועק, בירגער, בעהאַלט מיך, האָט אויף מיר רחמנות!.. זיי זענען ביי מיר אין צימער אין „פראָמאַנטאָ"-גאַס... בעת זיי זענען געגאַנגען אויף די שטיגען, בין איך אַריינ-געלאָפען צו מיין שכנ'טע פלאָרא... דאָרט בין איך דורכ'ן פענ-סטער אַרויסגעשפּרונגען אין גאַס אַריין... כ'האָב מיר צוקאַליע-

*) פראַנסואַז ראָקור, אַ בעריהמטע פראַנצויזישע ארטיסטין־טראַגיקע־רין (1756—1815).

טשעט אַ פּוס... זיי זעהען... זיי ווילען מיך נעהמען אין טורמע אַריין און דער׳הרג׳ענען... די פאָריגע וואָך האָבען זיי דער׳הרג׳עט ווירגזשיניע׳ן.

בראָטאָ האָט באַלד פערשטאַנען, אַז זי רעדט וועגען די דעלעגאַטען פונ׳ם רעוואָלוציאָנערען בעצירק-קאָמיטעט אָדער וועגען די קאָמיסאַרען פון דעם „זיכערהייטס-קאָמיטעט". די שטאָדט האָט דאַן געהאַט אַ צניעות׳דיגען פּראָקוראָר, וועלכער האָט גענומען רודפ׳ן די גאַסען-מיידלעך, פּונקט ווי זיי וואָלטען געווען די מורא׳דיגסטע פיינד פון דער רעפּובליק. ער האָט געוואָלט די זיטליכקייט אָבפּרישען. דעם אמת געזאָגט, זענען די מיידלעך פון פּאַלע-עגאַליטע טאַקי געווען ווייניג פּאַטריאָטיש געשטימט. זיי האָבען געבענקט נאָכ׳ן אַלטען רעזשים און נישט אַלעמאָל האָבען זיי די דאָזיגע בענקשאַפט זייערע בעהאַלטען. פיעל פון זיי האָט מען שוין געקעפּט אַלס פערשווערערינס, אָבער זייער טרויעריגער סוף האָט די איבעריגע בלויז אויפגערעגט און אַרויסגערופען אין זיי אַ נייגונג צו טהון דאָסזעלבע.

דער בירגער בראָטאָ האָט איהר געפרעגט, פאַרוואָס מען וויל זי אַרעסטירען. זי האָט געשוואָרען, אַז זי ווייס נישט פון וואָס צו זאָגען, זי האָט גאָרנישט געטהון אַזוינס, אַז מען זאָל זי קאָנען בעשולדיגען.

— אויב אַזוי, טאָכטערל, — האָט איהר געזאָגט בראָטאָ — ביזטו נישט פערדעכטיג און האָסט נישט וואָס מורא צו האָבען. געה אַהיים שלאָפען און לאָז מיך צו-רוה.

דאַן האָט זי זיך אין אַלץ מודה געווען:

— איך האָב אַראָבגעריסען מיין קאָקאַרדע און אַ געשריי געטהון: „זאָל לעבען דער קעניג!"

ער האָט זיך געלאָזט געהן מיט איהר צוזאַמען לענג-אויס דעם טייך. די גאַסען זענען געווען לעדיג פון מענשען.

— ס׳איז נישט דערפאַר, ווייל איך האָב איהם אַזוי ליעב, דעם קעניג, — האָט זי געזאָגט, צודריקענדיג זיך צו זיין אָרעם — איהר פערשטעהט דאָך אַליין, אַז איך האָב איהם קיינמאָל נישט געקענט, און מסתמא איז ער טאַקי נישט געווען בעסער, ווי

אַלע אַנדערע מענשען, אָבער יענע זענען שלעכטע. זיי בעגעהען זיך אכזריות׳דיג מיט די אָרימע גאַסען-מיידלעך. זיי רודפ׳ן, פּיי-ניגען און דריקען מיך, ווי זיי קענען נאָר, און לאָזען מיך נישט טהון מיין אַרבייט. קיין אַנדער פאַך האָב איך דאָך אָבער נישט. איך דאַרף אייך נישט זאָגען, אַז ווען איך וואָלט געהאַט אַנ׳-אַנדער אַרבייט, וואָלט איך מיך דערמיט נישט בעשעפטיגט... וואָס ווילען זיי? זיי האָבען זיך אָנגעזעצט נאָר אויף די קליי-נע און שוואַכע: אויפ׳ן מילך-פּערקויפער, אויפ׳ן קויהלען-טרעגער, אויפ׳ן וואַסער-פיהרער, אויף דער וועשערין. זיי ווילען דוקא אויפרייצען געגען זיך דאָס גאַנצע אָרימע פאָלק.

ער האָט אויף איהר אַ קוק-געטהון: זי האָט אויסגעזעהן נאָך גאָר אַ קינד. קיין מורא איז שוין אויף איהר פּנים נישט געווען צו זעהן. פערקעהרט, זי האָט כמעט געשמייכעלט און איז געגאַנגען לייכט, האָטש אונטערהינקענדיג. ער האָט איהר געפרעגט, ווי זי הייסט. זי האָט געענטפערט, אַז איהר נאָמען איז אַטענאַאיס און אַלט איז זי זעכצעהן יאָהר.

בראָטאָ האָט איהר פאַרגעלעגט, זי אָבצופיהרען וואו זי וויל. זי האָט אָבער אין פּאַריז קיינעם נישט געקענט. בלויז אין פאַלעזאַ האָט זי אַ מוהמע, אַ דיענסט, וועלכע וועט מסתמא זי אַריינלאָזען צו זיך.

בראָטאָ האָט זיך בעשלאָסען:

—קום, מיין קינד,—האָט ער זיך אָבגערופען, און האַלטענ-דיג זי אָנגעשפּאַרט אויף זיין אָרעם, האָט ער זי אָוועקגעפיהרט.

ווען ער איז געקומען צוריק אין בוידים-שטיבעל, האָט ער געפונען דעם פאָטער לאָנגמאַר, אַריינקוקענדיג אין זיין געבעט-בוך.

ער האָט איהם אָנגעוויזען אויף אַטענאַאיס׳ן, וועלכע ער ער האָט געהאַלטען ביי דער האַנד.

—פאָטער, דאָס מיידעל איז פון „פראָמאַנטאָ״-גאַס. זי האָט אויסגעשריען: „זאָל לעבען דער קעניג!״ און איצט יאָגט זיך נאָך איהר די רעוואָלוציאָנערע פּאָליציי. זי האָט אָבער נישט,

וואו זיך אַהינצוטהון. וועט איהר ערלויבען, זי זאָל דאָ איבער-נעכטיגען?

דער פּאָטער לאַנגמאַר האָט פערמאַכט זיין בוך.

—אויב איך פערשטעה אייך גוט,—האָט ער זיך אָבגערופען,—פרעגט איהר מיך, מיין הערר, צי דאָסדאָזיגע יונגע מיידעל, וועלכע איז, פונקט ווי איך, אין געפאַהר אַרעסטירט צו ווערען, מעג פערברענגען די נאַכט אין דעמזעלבען צימער, וואָס איך, כדי דערוויייל זיך צו ראַטעווען.

—יאָ, פּאָטער.

—מיט וואָס פאַר אַ רעכט זאָל איך זיין געגען? און אויב עס האַנדעלט זיך וועגען דעם, צי איהר אָנוועזענהייט איז נישט קיין בעליידיגונג פאַר מיר—בין איך דען זיכער, אַז איך שטעה העכער פאַר איהר?

דער פּאָטער לאַנגמאַר האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף אַן אַלטען צעבראָכענעם פאָטעל, פערזיכערנדיג, אַז עס וועט איהם דאָ זיין גוט צו שלאָפען. אַטענאַאיס האָט זיך געלעגט אויפ'ן מאַטראַץ. בראָטאָ האָט זיך אויסגעצויגען אויפ'ן שעניק און פערלאָשען די ליכט.

די גלאָקען פון די אַרומיגע קירכען האָבען אויסגעקלונגען די שעות און די האַלבע שעות. בראָטאָ האָט נישט געשלאָפען. ער איז געלעגען און זיך צוגעהערט, ווי עס מישען זיך צונויף די אָטעמס פון אַ מאָנאַך און פון אַ פּראָסטיטוטקע. די לבנה, די עדות'טע פון זיינע אַמאָליגע ליעבעס, האָט זיך אויפגעהויבען און אַריינגעשיקט אין בוידעם-שטיבעל אַ בינטעל זילבער, בעלייכטענדיג אַטענאַאיס'עס בלאָנדע האָר, איהרע גאָלד-פאַרביגע ברעמען, איהר דינע נאָז און קיילעכדיג, פריש מיילעכעל, זי איז געשלאָפען מיט צונויפגעדריקטע פויסטען.

„אָט דאָס איז—האָט ער ביי זיך געטראַכט—אַ מורא'דיגער פיינד פון דער רעפּובליק!“

ווען אַטענאַאיס האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען טאָג. דער גייסטליכער איז שוין געווען אַוועקגעגאַנגען. בראָטאָ איז געשטאַנען ביים פענסטערל און געלעזען לוקרעציוס. ער האָט

געלערנט פון דער לאַטיינישער פּאָעזיע, ווי אַזוי אַ מענש דאַרף לעבען אָהן מורא און אָהן פערלאַנגען. און פונדעסטוועגען איז זיין הארץ פול געווען מיט בענקשאַפט און אונרוה.

ווען אַטענאַאיס האָט געעפענט די אויגען, האָט זי לכתחלה מיט שרעק זיך אומגעקוקט אויף די באַלקענס, וועלכע זענען גע-האַנגען איבער איהר קאָפּ. דערנאָך האָט זי זיך דערמאָהנט, אַ שמייכעל געטהון צו איהר רעטער און ציטריג אויסגעשטרעקט צו איהם איהרע שענע, פערשמוצטע הענדטלעך.

אויפהויבענדיג זיך אויפ׳ן געלעגער, האָט זי אַ ווייז-געטהון מיט׳ן פינגער אויפ׳ן צובראָכענעם פּאָטעל, אויף וועלכען דער גייסטליכער האָט דורכגעשלאָפען די נאַכט.

—ער איז אַוועק?.. זאָגט נאָר, אפשר איז ער אַמאָל גע-גאַנגען מיך מסר׳ן?

—ניין, מיין קינד. ס׳איז אויף דער וועלט נישטאָ קיין עהרליכערער מאַן, ווי דערדאָזיגער אַלטער חסר-דעה.

אַטענאַאיס האָט איהם געפרעגט, אין וואָס עס בעשטעהט די משוגעת פון דעמדאָזיגען מענשען, און ווען בראָטאָ האָט גע-ענטפערט, אַז דאָס איז די רעליגיע, האָט זי אויף איהם שטאַרק פאַראיבעל געהאַט, פאַרוואָס ער רעדט אַזוי. מענשען אָהן גלוי-בען—האָט זי ערקלערט—זענען ערגער ווי חיות. זי אַליין איז זעהר אָפט מתפלל צו גאָט, האָפענדיג, אַז ער וועט איהר פער-געבען איהרע זינד און רחמנות האָבען אויף איהר.

בעמערקענדיג, אַז ער האַלט אַ בוך, האָט זי געמיינט, אַז דאָס איז אַ געבעט-בוך.

זעהט איהר,—האָט זי געזאָגט—אָט זענט איהר אויך מתפלל צו גאָט. זאָל אייך טאַקי דער אויבערשטער בעלוינען פאַר אַלץ, וואָס איהר האָט מיט מיר געטהון.

ווען בראָטאָ האָט איהר ערקלערט, אַז דאָס איז נישט קיין געבעט-בוך, נאָר אַ ווערק, וואָס איז געשריבען געוואָרען נאָך איי-דער מענשען האָבען אין זינען געהאַט צו בעטען ביי גאָט, האָט זי געמיינט, אַז דאָס איז אַ חלומות-טרעפער און איהם געפרעגט, צי געפינט זיך דאָרט נישט די ערקלערונג פון עפּעס אַ מאָדנעם

חלום, וואָס האָט זיך איהר גע׳חלומ׳ט. לעזען האָט זי נישט גע-קאָנט און פון רעדען האָט זי געוואוסט בלויז פון צווייערליי ביכער—אַ געבעט-בוך און אַ חלומות-טרעפער.

בראָטאָ האָט איהר ערקלערט, אַז דאָסדאָזיגע בוך ערקלערט נאָר די חלומות פון לעבען, פון דער וואָהר. דער ענטפער איז פאַר איהר צו-שווער געווען און זי האָט שוין מעהר נישט גע-זוכט איהם צו פערשטעהן. זי האָט אָבגעשווענקט דאָס פנים אין אַ ליימענעם שיסעל, וועלכעס בראָטאָ האָט בענוצט אָנשטאָט די זילבערנע שיסלען פון אַמאָל. דערנאָך האָט זי אָבגעהיט און פינקטליך פערקאַמט איהרע האָהר, שטעהענדיג אַנטקעגען דעם צובראָכענעם שטיקעל שפיגעל פון איהר מכניס-אורח. זי האָט אַריבערגעבויגען איבער׳ן קאָפּ איהרע ווייסע העמד, און פון צייט צו צייט אַרויסגערעדט עטליכע אָבגעהאַקטע ווערטער.

—איהר זענט אַמאָל רייך געווען, האַ?

—פון וואַנען נעהמט איהר עס?

—דאָס ווייס איך נישט, אָבער איהר זענט אַמאָל רייך געווען, איהר זענט אַנ׳אַריסטאָקראַט—איך בין אין דעם זיכער.

זי האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קליין רעליגיעז ביל-דעל אין אַ קיילעכדיגען רעהמעל, אַ שטיקעל צוקער, בייוועל, אַ שערעלע, אַ פייער-שטיינדעל, צוויי אָדער דריי קליינע פושקע-לעך און נאָכדעם, ווי זי האָט אויסגעקליבען פון דעם אַלעם דאָס, וואָס זי האָט נויטיג געהאַט, האָט זי גענומען פעררייכטען דאָס קליידעל, וואָס איז צוריסען געוואָרען אין עטליכע ערטער.

—פון אייער זיכערקייט-וועגען, מיין קינד, נעהמט דאָס און טהוט-אָן אויפ׳ן קאָפּ,—האָט איהר בראָטאָ געזאָגט, דערלאַנ-גענדיג אַ נאַציאָנאַלע קאָקאַרדע.

—איך וועל עס טהון גערן, מיין העלר,—האָט זי געענט-פערט,—אָבער נאָר פאַר אייך, נישט צוליעב פאַטריאָטיזם.

ווען זי האָט זיך שוין אָנגעטהון און אויסגעפוצט ווי נאָר זי האָט געקאָנט, האָט זי אָנגענומען מיטביידע הענד איהר קלייד און געמאַכט אַ קניקס, ווי מען האָט זי אויסגעלערנט ביי איהר אין דאָרף, און האָט געזאָגט צו בראָטאָ׳ן:

—מיין הערר, איך בין אייער אונטערטעניגסטע דיענסט.

זי איז גרייט געווען אָבצודאַנקען איהר וואוילטועד מיט וואָס ער וואָלט געוואָלט, אָבער זי איז צופריעדען געווען, וואָס נישט ער האָט עפּעס געבעטען, נישט זי האָט איהם פאָרגעלעגט: עפּעס האָט איהר אויסגעזעהן, אַז עס וועט זיין שענער, ווען מען וועט זיך פונאַנדערגעהן אָט אַזוי זיך, אָנשטענדיג.

בראָטאָ האָט איהר אַריינגעשטעקט אין האַנד עטליכע אַסיגנאַציעס, זי זאָל קאָנען אויפקאָהרען קיין פּאַלעזאָ. דאָס איז געווען אַ העלפט פון זיין גאַנצען פערמעגען. הגם ער איז געווען בעקאַנט מיט זיין ברייטער האַנד בנוגע צו פרויען, האָט ער דאָך נאָך קיינמאָל זיך אַזוי נישט געטיילט מיט אַ פרוי מיט זיין האָב און גוטס.

זי האָט איהם געפרעגט זיין נאָמען.

—איך הייס מאָריס.

מיט בעדויערונג האָט ער איהר געעפענט די טהיר פונ'ם בוידים-שטיבעל.

—אַדיע, אַטענאַאיס.

זי האָט איהם אַ קוש-געטהון.

—הערר מאָריס, ווען איהר וועט טראַכטען וועגען מיר, זאָלט איהר מיך רופען מאַרטע: דאָס איז מיין טויף-נאָמען. אַזוי האָט מען מיך גערופען אין דאָרף... אַדיע און אַ דאַנק... אייער אונטערטעניגסטע דיענסט. הערר מאָריס.

XV

מען האָט געדאַרפט אויסלעדיגען די פול-געפּאַקטע טורמעס; מען האָט געדאַרפט משפּט'ן, משפּט'ן אָהן אויפהער, אין איין אָטעם. זיצענדיג ביי די ווענד, וועלכע זענען בעהאָנגען געווען מיט רויטע היטעלעך און מיט אַנדערע עמבּלעמען פון דער רעוואָלוציע, האָבען די ריכטער אַרויפגעצויגען אויף זיך דיזעלבע ערנסטקייט, דיזעלבע שרעקליכע רוהיגקייט, ווי די פריהערדיגע קעניגליכע ריכטער, וועלכע פלעגען זיצען דאָ, אויפ'ן זעלבען אָרט, ביי העננענדע ליליען-בלומען. דער פּראָקוראָר און זיינע געהילפען זענען שוין אָהן כחות געוועז פון פיעל אַרבייט, פון נישט שלאָפען און פון טרינקען בראָנפען, און נאָר מיט אויסערגעוועהנליכע אָנשטרענגונגען פלעגט עס זיי געלינגען צו בעהערשען זייער מיעדקייט. זייער שלעכטער געזונד-צושטאַנד פלעגט זיי מאַכען פשוט טראַגיש. די געשוואָרענע זענען געוועז פערשיעדען לויט זייער אָבשטאַמונג און חאַראַקטער: געבילדעטע, אונוויסענדע, פחדנים, גרויסמוטיגע, רוהיגע, האַסטיגע, היפּאָקריטען, אויפריכטיגע—אָבער וויבאַלד עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ געפאַהר פאַר'ן פאָטערלאַנד, פאַר דער רעפּובליק, האָבען זיי אַלע איבערגעלעבט — אָדער אפשר געמאַכט בלויז אַ אָנשטעל, אַז זיי

לעבען איבער — איינע און דיזעלבע אימה. אין אַלעמען האָט דאַן גענומען ברענען דאָסזעלבע פייער, אַלע זענען זיי אין אַזעלכע מינוטען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אכזורים—ווער אויס עהרליכקייט און ווער אויס מורא. אַלע זענען געוואָרען איין וועזען, איין צודולטער, צורייצטער קאָפּ, איין נשמה, איין מיסטישע חיה, וואָס איהר נאַטירליכע פונקציע בעשטעהט אין פערשפּרייטען טויט אויף רעכטס און אויף לינקס. און אַזוי ווי זייער גוטסקייט אָדער אכזוריות פלעגט זיך שטיצען בלויז אויפ'ן געפיהל, פלעגט עס טרעפען אויך, אַז גאָר פּלוצלונג פלעגט זיי בעהערשען אַ געפיהל פון רחמנות, און דאַן פלעגען זיי מיט טרעהרען אין די אויגען בעפרייען אַ אָנגעקלאָגטען, וועלכען זיי וואָלטען ערשט מיט איין שעה פריהער פער'משפּט און דערביי נאָך חוזק געמאַכט פון איהם. און וואָס ווייטער זיי זענען געגאַנגען אין דער דאָזיגער עובדה, אַלץ מעהר עקשנות'דיג און ליידענשאַפּטליך האָבען זיי געפּאָלגט די אימפּולסען פון זייער האַרץ.

זיי האָבען גע'משפּט פיבערליך און שלעפעריג—וואָס ס'איז געקומען פון צו-פיעל אַרבייט; זיי האָבען גע'משפּט אונטער די העצעס פון דרויסען און לויט די בעפעהלען פון דער מאַכט, אונטער די דראָהונגס-געשרייען פון די סאַן-קולאָט'ען מיט די ווייבער, וועלכע האָבען זיך געשטופּט אויף די טריבונעס און אין זאַל; זיי האָבען גע'משפּט לויט משוגע'נע ערקלערונגען פון עדות, לויט ווילד-היציגע בעשולדיגונגס-רעדעס, אין אַ פערפּעסטעטער לופט, וועלכע האָט שווער געמאַכט דעם קאָפּ. עס האָט געהוזשעט אין די אויערען, געקלאַפּט אין די שלייפען און די אויגען זענען פערלאָפען געווען מיט בלוט. צווישען דעם עולם זענען אַרומגעגאַנגען אונקלאָרע קלאַנגען, אַז די ריכטער זענען אונטערגעקויפט דורך די בעשולדיגטע. אָבער די געשוואָרענע פלעגען אויף די דאָזיגע קלאַנגען ענטפערן מיט שאַרפע פּראָטעסטען און מיט אָהן-רחמנות'דיגע אורטיילען געגען די אָנגעקלאָגטע. סוף-כל-סוף זענען זיי געווען נישט ערגער און נישט בעסער ווי אַלע אַנדערע מענשען. די אונשולדיגקייט איז מעהרסטענטיילס נישט

מעהר ווי אַ גליק-זאַך, אָבער נישט קיין געבאָרענע מעלה. ווער עס וואָלט זיך אָנגענומען צו זיצען אויף זייער אָרט, וואָלט געוויס געטהון דאָסזעלבע און וואָלט מיט'ן זעלבען לייכטען האַרץ ערפילט די דאָזיגע שרעקליכע אויפגאַבען.

נאָך אַ לאַנגען וואַרטען איז מאַרי-אַנטואַנעט ענדליך געקומען זיך זעצען אויפ'ן שרעקליכען פאָטעל. עס האָט זי בעגעגענט אַזאַ איינהייטליכער חאָר פון האַס, אַז בלויז די זיכערקייט פון דעם, וואָס איהר שטעהט פאָר, איז אין שטאַנד געווען צו לאָזען דערפיהרען דעם פראָצעס ביז'ן אורטייל. אויף די טויט-שלאָגענדע פראַגען, וועלכע מען האָט איהר געשטעלט, האָט זי געענטפערט צייטענווייז מיט'ן אינסטינקט פון זעלבסט-ערהאַלטונג, צייטענווייז מיט איהר געוועהנליכער גאוה און איינמאָל, אַ דאַנק אַ געמיינעם אַרויסטריט פון איינעם פון איהרע בעשולדיגער — האָט זי געענטפערט מיט דער גאַנצער מאַיעסטעט פון אַ מוטער. די עדות האָבען נאָר בעדאַרפט וואַרפען אויף איהר רכילות און בעליידיגונגען; אויף די פערטיידיגער, ווידער, האָט מען אָנגעוואָרפען אַ שרעק. בעמיהענדיג זיך נישט אָבצוטרעטען פון די אָנגענומענע פאָרמען, האָט אָבער דער טריבונאַל מיט אונגעדולד געוואַרט אויפ'ן מאָמענט, ווען דאָס אַלץ וועט שוין נעהמען אַ סוף און מען וועט קאָנען אַ וואָרף-טהון פאַר אייראָפּאַ דער עסטרייכערינ'ס קאָפּ.

דריי טעג נאָכדעם, ווי מאַרי-אַנטואַנעט איז געשטאָרבען אונטער'ן מעסער פון דער גיליאָטינע, האָט מען גאַמלענ'ען געשיקט רופען צום בירגער פאָרטונע טרובער, וועלכער איז שוין געלעגען, אַ גוסס'ער אויף אַ צובראָכענעם בעטעל, אין אַ צימער פון עפּעס אַנ'אַרויסגעטריבענעם באַרנאַביט, דרייסיג טריט ווייט פון דעם מיליטערישען ביוראָ, אין וועלכען ער האָט גע'פטר'ט זיין לעבען. זיין בלייכער קאָפּ איז געווען איינגעגראָבען אין קישען, די אויגען, וועלכע האָבען שוין גאָרנישט געזעהן, האָבען אומגעדרעהט זייערע פערגלאָזטע שוואַרצאַפּלען צו וואַריסט'ן; זיין

אויסגעדאַרטע האַנד האָט אָנגענומען עוואַריסט'ס האַנד און זי אַ דריק-געטהון מיט אַ אונערוואַרטעטער קראַפט. אין אַ משך פון צוויי טעג האָט ער דריי מאָל געבראָכען מיט בלוט, ער האָט געפּרובט רעדען; זיין שטימע, וועלכע איז לכתחלה געווען שוואַך און פערשטיקט, ווי אַ שטילע מורמלעניש, איז געוואָרען וואָס אַמאָל קלאָרער און שטאַרקער:

—וואַטיני! וואַטיני!... זשורדאַן האָט בעזיעגט דעם פיינד אין זיין אייגענעם לאַגער... ער האָט בעפרייט מאָבעזש... מיר האָבען צוריקגענומען מאַרשיען... עס וועט געהן... ס'וועט געהן..

און ביי די ווערטער האָט ער אַ שמייכעל געטהון.

דאָס איז נישט געווען קיין חלום פון אַ קראַנקען; אַ קלאָר בילד פון דער ווירקליכקייט האָט זיך אָבגעשפּיגעלט' אין דעם דאָזיגען מאַרך, אויף וועלכען עס האָט געהאַלטען אין אַראָבני-דערן די אייביגע פינסטערניש. דאָס אָנגעלויף פונ'ם פיינד האָט באמת אויסגעוויזען צו זיין שוין אָבגעשטעלט: די טעראָריזירטע גענעראַלען האָבען זיך אַרומגעקוקט, אַז פּאַר זיי איז געבליבען נאָר איין זאַך—זיעגען. דאָס, וואָס מען האָט נישט געקאָנט שאַ-פען מיט'ן סיסטעם פון פּריוויליגער רעקרוטירונג, האָט מען ענ-דליך פערווירקליכט מיט'ן סיסטעם פון צוואַנג—עס איז ענטשטאַ-נען אַ גרויסע, דיסציפּלינירטע אַרמעע. נאָך איין אָנשטרענגונג—און די רעפּובליק איז געראַטעוועט.

נאָכדעם ווי ער איז אַ האַלבע שעה געלעגען איינגאַנצען אָהן כחות, איז פּאַרטינע טרובער אַ ביסעל אויפגעמונטערט גע-וואָרען. זיין פּנים איז געוואָרען לעבעדיגער. ער האָט אויפגע-הויבען די האַנד און געוויזען מיט'ן פינגער אויף דאָס איינצי-גע מעבעל-שטיק, וואָס איז געווען אין צימער—אַ שרייב-טיש פון נוס-האָלץ.

און מיט אַ שוואַכער, פערשטיקטער שטימע, וועלכע האָט אָבער געפּאָלגט זיינע קלאָרע געדאַנקען, האט ער געזאָגט:

—מיין פריינד, איך זאָג דיר אָב מיינע חובות... דריי הונדערט צוואַנציג ליוור... וועסט געפינען דעם חשבון אָט דאָרט... אין דעם רויטען העפט... אַדיע, גאַמלען, פערשלאָף נישט אונ-

זער זאַך... האָב אין אַכט צו פערטיידיגען די רעפובליק... ס׳וועט געהן!

דער שאָטען פון דער נאַכט איז שוין אַריין אין צימער. מען האָט געהערט, ווי דער גוסס אָטעמט שווער און ווי זיינע פינגער דראַפּען דעם ליילעך.

צוועלף אַזייגער בייטאָג האָט ער אַרויסגעמורמעלט עטלי־כע ווערטער אָהן אַ צוזאַמענהאַנג:

— נאָך פולווער... הייסט אַרויסגעבען די ביקסען... וואָס איך מאַך? גאַנץ גוט... נעהמט אַראָב די גלאָקען...

ער איז געשטאָרבען פינף אַזייגער בעגינען.

לויט אַפעראָרדנונג פון דער סעקציע, איז זיין קערפּער אויסגעשטעלט געוואָרען אין דער געוועזענער באַרנאַביטען־קירך, נעבען דעם פאָטערלאַנדס־אַלטאַר, אויף אַמיליטערישען פעלד־בעטעל. דער קערפּער איז געווען צוגעדעקט מיט אַבלוי־וויים־רויטער פאָהן און דער שטערן אַרומגערינגעלט מיט אַדעמבע־קראַנץ.

בעת דער לויה זענען אַרום זיין טרומנע געגאַנגען צוועלף אַלטע לייט אין לאַטיינישע טאָגעס, מיט פאַלמען אין די הענד, און צוועלף קליינע מיידעלעך אין לאַנגע שלעפּ־שלייערס, וועל־כע האָבען געהאַלטען בלומען. ביי די פיס זענען געגאַנגען צוויי קינדער און געהאַלטען איבערגעקעהרטע פאַקעלן. עוואַריסט האָט דערקענט, אַז איינס פון די דאָזיגע קינדער איז זיין הויז־ווער־טערינ׳ס מיידעלע, זשאָזעפין, וועלכע האָט איהם מיט איהר קינ־דערשער ערנסטקייט און מיט איהר שענקייט דערמאָהנט די מלאכים פון ליעבע און פון טויט, וואָס די רוימער פלעגען אויסשניצען אויף זייערע קברים.

די פראָצעסיע איז אַוועק אויפ׳ן בית־הקברות סענט־אַנדרע־דעז־אַר״, זינגענדיג די „מאַרסעליעזע״ און „ס׳וועט געהן!״

ווען עוואַריסט האָט צום לעצטען מאָל אַ קוש־געטהון פאַר־טונע טרובער׳ן אין שטערן, האָט ער זיך פונאַנדערגעוויינט. ער האָט מעהר געוויינט אויף זיך אַליין, איבערלעבענדיג אַ געפיהל פון קנאה צו יענעם, וועלכער געהט איצט אין זיין רוה נאָכדעם

ווי ער האָט ערפֿילט זיין אויפגאַבע.

קומענדיג אַהיים, האָט ער ערהאַלטען אַ מעלדונג, אַז ער
איז אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס מיטגליעד פֿונ׳ם אַלגעמיינעם
קאָמונאַלען ראַט. זיין קאַנדידאַטור איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען
נאָך מיט פֿיער מאָנאַטען צוריק, און נאָך איינִיגע מאָל שטיך-
וואַהלען איז ער איצט אויסגעוועהלט געוואָרען אָהן שום קאָנקו-
רענטען מיט דרייסיג שטימען. צו די וואַהל-קעסטלעך האָט מען
שוין אויפגעהערט צו געהן: די סעקציעס זענען געווען לעדיג,
סיי אָרימע, סיי רייכֿע האָבען געזוכֿט בלויז איין זאַך—ווי אַזוי
זיך אַרויסצומאַכֿען פֿון די אַלגעמיינע פֿליכֿטען. די גרעסטע גע-
שעהענישען האָבען שוין מעהר נישט אַרויסגערופֿען נישט קיין
בעגייסטערונג, נישט קיין נייגיריגקייט. מען האָט שוין אפילו אויפ-
געהערט צו לעזען צייטונגען. עוואַריסט האָט געצווייפֿעלט, צי
אויף די זיעבען הונדערט טויזענד איינוואוינער פֿון דער הויפּט-
שטאָדט װעלען זיך נאָך אָנקלייבען אַ דריי—פֿיער טויזענד מענ-
שען מיט אמת-רעפּובליקאַנישע געפֿיהלען.

יענעם טאָג זענען די „איין-און-צוואַנציג" ערשיענען פֿאַר׳ן
טריבונאַל!

ווער און וואָס זיי זאָלען נישט האָבען געווען: שולדיגע
צי אונשולדיגע אין די אונגליקען און פֿערברעכֿענס פֿון דער רע-
פּובליק; אפשר טאַקי פּוסטע קעפּ, אונפֿאָרזיכטיגע, אַמביציעזע און
לייכטזיניגע, אפשר טאַקי גלייכצייטיג געמעסיגטע און עקסטרע-
מע, שוואַכֿע אין זייער אכזריות פּונקט ווי אין זייער רחמנות,
האַסטיגע אויף צו ערקלערען קריעג און לאַנגזאַמע אויף צו פֿיה-
רען איהם,—ווי דאָס איז, זענען זיי אָבער אַלע—אָט די, וואָס מען
האָט איצט געשלעפּט צו דער גיליאָטינע פּונקט ווי זיי אַליין
האָבען עס פֿריהער געטהון מיט אַנדערע, — געווען סוף כל סוף
די פּרעכֿטיגע יוגענד פֿון דער רעוואָלוציע, איהר שטאָלץ און רוהם.
אָט דער ריכטער, וועלכער וועט זיי באַלד נעהמען אויספֿרעגען
מיט אַ געשיקטער איינזייטיגקייט; יענער בלייכער פּראָקוראָר,
וועלכֿער גרייט דאָרט צו, ביי זיין טישעל, זייער טויט און זיי-
ער שאַנדע; די געשוואָרענע, וועלכע וועלען באַלד זעהן צו דער-

שטיקען יעדע פערטיידיגונג פאַר די בעשולדיגטע; דאָס פובלי-קום, וועלכעס בעוואָרפט זיי איצט מיט בעליידיגונגען — זיי אַלע האָבען דאָך ערשט דאָ נישט לאַנג געקליבען נחת פון זייערע שענע רעדעס, געריהמט זייערע עהרליכקייט. איצט האָט מען שוין דאָס אַלץ פערגעסען.

אַמאָל האָט עוואַריסט ווערניאָ'ן און בריסאָ'ן פשוט פערגע-טערט. איצט געדענקט ער עס שוין נישט, און אויב אין זיין האַרצען איז נאָך געבליבען אַ שפור פון דער אַמאָליגער ענטצי-קונג, וואָס ער האָט געפיהלט צו זיי, איז עס פאַר איהם געווען בלויז אַ בעוויז, אַז די דאָזיגע אויסוואורפען האָבען אַמאָל פער-פיהרט די עהרליכסטע בירגער.

קומענדיג צוריק אַהיים נאָך דער געריכט-זיצונג, האָט גאַמ-לען געהערט האַרץ-רייסענדע געשרייען. דאָס האָט געשריען די קליינע זשאָזעפין. איהר מאַמע האָט זי געשמיסען פאַרוואָס זי האָט זיך געשפיעלט מיט יונגאַטשעס אויפ'ן פלאַץ און איינגע-שמוצט דאָס ווייסע קליידעל, וואָס מען האָט איהר אָנגעטהון לכבוד דער פייערליכער לויה פון בירגער טרובער.

XVI.

נאָכֿדעם ווי ער האָט דריי חדשים נאָכאַנאַנד, טאָג-איין טאָג-אויס, געבֿראַכֿט דעם פּאָטערלאַנד אַלערליי קרבנות, גרויסע און קליינע, האָט עוואַריסט גאַמלען זיך דערוואָרט, ענדליך, אַ אייגענעם פּראָצעס: פון דער גרויסער מענגע אָנגעקלאָגטע האָט ער אויסגעקליבען אַ בעשולדיגטען פאַר זיך אַליין.

זינט ער האָט זיך אַלס געשוואָרענער ריכֿטער געזעצט אין טריבונאַל, האָט ער נישט אויפגעהערט זוכען צווישען די פיעל אָנגעקלאָגטע, וועלכֿע זענען דורכֿגעגאַנגען פאַר זיינע אויגען, עלאָדי׳ס פערפיהרער. זיין פלייסיגע פאַנטאַזיע האָט זיך וועגען איהם אויסגעאַרבייט אַ בעגריף, וואָס איז אין געוויסע הינזיכֿטען גאַנץ ריכֿטיג געווען. ער האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט יונג, שען, עזות׳דיג; אויסערדעם, איז ער זיכֿער געווען, אַז ער האָט עמיגרירט קיין ענגלאַנד. איינמאָל האָט ער געמיינט, אַז ער האָט איהם שוין ענטדעקט אין איינעם אַ יונגען עמיגראַנט מיט׳ן נאָמען מאָבעל. דער דאָזיגער מאָבעל איז גע׳מסר׳ט געוואָרען באַלד נאָך זיין צוריקקומען קיין פראַנקרייך און מען האָט איהם אַרעסטירט אין פּאַסי אין אַ קרעטשמע. די געריכֿטס-מאַכֿט פון פוקיע-טינוויל האָט געגען איהם פערפיהרט אַ אויספאָרשונג צוזאַמען מיט טויזענד אַנדערע ענינים. מען האָט געפונען ביי איהם

בריעף, וועלכע די בעשולדיגונג האט געהאלטען פאר א קלארען בעווייז, אז צוזאמען מיט פיט׳ס אגענטען האט ער געמאכט א פערשווערונג. באמת אבער זענען די דאזיגע בריעף געשריבען געווארען צו איהם פון די לאנדאגער באנקירען, ביי וועלכע ער האט געהאלטען געלד, און דער יונגער און שענער מאבעל האט, ווייזט אויס, אפילו אין זינען נישט געהאט קיין אנדער זאך, אויסער ליעבע-געשיכטען. מען האט אויך געפונען אין זיין נא-טיץ-ביכעל שפורען פון בעציהונגען מיט שפאניען, וועלכע האט דאן מלחמה געהאלטען מיט פראנקרייך. די בריעף זענען, איי-גענטליך, געוועזען ריין-פערזענליכע און אינטימע, און אויב די אויספארשונגס-מאכט האט פונדעסטוועגען נישט מבטל געמאכט דעם פראצעס געגען איהם, איז עס געוועזען דערפאר, ווייל מען האט זיך געהאלטען ביי׳ם פרינציפ, אז דאס געריכט וועט אלע-מאל צייט האבען צו בעפרייען א אונשולדיגען.

באלד ווי מען האט גאמלען׳ען קאמוניקירט וועגען דעם ערשטען פערהער, וואס דער יונגער מאבעל האט געהאט אין ראט-קאמער, איז איהם אריין אין קאפ מאנכע עהנליכע אייגענ-שאפטען צווישען דעם דאזיגען בעשולדיגטען און עלאדי׳ס פערפיה-רער, ווי ער האט זיך איהם פארגעשטעלט אין זיין פאנטאזיע. פון דאן־אן פלעגט ער זיצען גאנצע שעות נאכאנאנד פערמאכט אין דעם סעקרעטאר׳ס צימער און שטודירען מיט חשק מאבעל׳ס פראצעס. זיין חשד איז נאך גרעסער געווארען, ווען ער האט אין דעם עמיגראנט׳ס נאטיץ-ביכעל געפונען די אדרעס פון זשאן בלעז׳ס געשעפט די „מאלער-ליעבע״, חאטש דערביי זענען אויך געוועזען פערציי׳כענט אדרעסען פון אייניגע אנדערע עהנליכע גע-שעפטען. אבער ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז מען האט אין דעם זעלבען נאטיץ-ביכעלע געפונען בלעטעלעך פון רויטע נעגע-לעך, איינגעוויקעלט אין זייד-פאפיער, האט ער זיך דערמאהנט, אז דאס רויטע נעגעלע איז ביי עלאדי׳ן די בעליעבסטע בלום, וועל-כע זי לאזט וואקסען אויף איהר פענסטער, טראגט אין די האר און שענקט אלס צייכען פון ליעבע—ער האט עס גאנץ גוט גע-וואוסט,—און דאן איז שוין ביי איהם קיין שום ספק נישט גע-

בליבען

און קוים איז ער שוין זיכער געווען, האָט ער בעשלאָסען חוקר ודורש צו זיין וועגען דעם ביי עלאָדי׳ן, נישט אויסזאָגענ-דיג איהר פונדעסטוועגען, ביי וועלכע אומשטענדען ער האָט דעם פערברעכער ענטדעקט.

געהענדיג צו זיך אַהיים, האָט גאַמלען דערשפּירט אויף די שטיגען אַ שטאַרקען ריח פון פּרוכטען. אין אַטעליע האָט ער גע-פונען עלאָדי׳ן, וועלכע האָט געהאָלפען דער בירגערין גאַמלען מאַכען איינגעמאַכטס פון קוויטען. בעת די אַלטע פרוי האָט, שטעהענדיג ביי דער קיך, געזוכט אַליין אַ תרופה, ווי אַזוי עס זאָל אָוועקגעהן וואָס װעניגער קויהלען און צוקער און דערביי זאָל דאָס איינגעמאַכטס דאָך זיין גוט, איז די בירגערין בלעז געזע-סען אויף אַ שטרוי־שטוהל אין אַ סאַרען לייווענטענעם פאַרטוך. אויף די קניע זענען ביי איהר געלעגען אַ סך קוויטען. זי האָט אָבגעשיילט דאָס שאָלעכץ פון זיי, צעשניטען יעדען קוויט אויף פיער שטיקלעך און געוואָרפען אין אַ מיעדניצע מיט וואַסער. די בענדלעך פון דעם קליינעם טשיפּעק׳ל, וואָס זי האָט געטראָגען אויפ׳ן קאָפּ, זענען געווען פערוואָרפען אויף הינטען. שוואַרצע לאָקען זענען אַראָבגעהאַנגען אויף איהר פייכטער שטערען. עס האָט געוועהט פון איהר מיט עפּעס אַ מחיה׳דיגער היימישקייט, אַ בע׳חנ׳טע נאָהנטקייט, וועלכען רופט-אַרויס מילדע געדאַנקען און רוהיגע פערלאַנגען.

נישט ריהרענדיג זיך פון אָרט, האָט זי אויפגעהויבען צו איהר געליעבטען איהר שענעם בליק, וואָס איז עהנליך געווען צו צושמאָלצענעם גאָלד, און האָט געזאָגט:

—איהר זעהט, עוואַריסט, מיר אַרבייטען פאַר אייך. איהר וועט אַ גאַנצען ווינטער עסען אויסגעצייכענטע איינגעמאַכטס. דאָס וועט אייך קרעפטיגען דעם מאָגען און פרעהליך מאַכען דאָס האַרץ.

אָבער גאַמלען איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט איהר אַ זאָג-געטהון שטיל אויפ׳ן אויער דעם נאָמען:

—זשאַק מאָבעל...

אין דעמזעלבען מאָמענט האָט דער שוסטער קאָמבאַלאָ געעפענט די טהיר און אַריינגעשטעקט זיין רויטע נאָז. ער האָט אָבגעבראַכט אַ פּאָר שיך מיט אַרויסגעזעצטע קנאַפּעל און דערביי דערלאַנגט אַ רעכענונג פאַר די פריהערדיגע רעפּעראַציעס. כדי לייט זאָלען איהם נישט האַלטען פאַר אַ שלעכטען בירגער, האָט ער זיך געהאַלטען ביי'ם נייעם קאַלענדאַר. די בירגערין גאַמלען האָט אָבער ליעב געהאַט קלאָרע חשבונות און זי האָט זיך נישט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן פון די נייע נעמען פאַר די חדשים: פרוקטידאָר, וואַנדעמיער...

—גאָטעניו!—האָט זי געזאָגט מיט אַ זיפץ—אַלץ ווילען זיי איבערמאַכען, די טעג, די חדשים, די יאָהרען, די זון, די לבנה! וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאָר קאַלאָשען פון 8-טען וואַנדעמיער?

—גיעט נאָר אַ קוק, בירגערין, אין אייער קאַלענדאַר, וועט אייך קלאָר ווערען.

זי האָט אַראָבגענומען פון וואַנד דעם לוח, אַ קוק-געטהון אין איהם און באַלד צוריק אָבגעקעהרט פון איהם די אויגען.

—עפּעס האָט ער גאָר קיין קריסטליך אויסזעהן נישט!—האָט זי געזאָגט מיט פערדרוס.

—ס'איז נאָך נישט אַלץ, בירגערין,—האָט זיך אָבגערופען דער שוסטער,—מיר האָבען שוין, ברוך השם, דריי זונטאָגען אין חודש, אָנשטאָט פיער *). און איהר זענט נאָך נישט פאַרטיג: מען וועט באַלד איבערמאַכען דעם גאַנצען אופן פון חשבון'ען. עס וועט שוין מעהר נישט זיין קיין רענדלעך און קיין שילינגס. מען וועט מסתמא צאָהלען מיט ריינעם וואַסער.

ביי די ווערטער האָט די בירגערין גאַמלען מיט ציטערנ-דע ליפּען אויפגעהויבען די אויגען צום סופיט און געזאָגט מיט אַ זיפץ:

---

*) די דרייסיג טעג פון חודש זענען אינ'ם רעפּובליקאַנישען קאַלענדאַר געווען איינגעטיילט אין דריי גרופּען (דעקאַדעס). דער צעהנטער טאָג פון יעדער גרופּע איז געווען דער רוה-טאָג, אַזוי אַז מען האָט גערוהט נאָר דריי מאָל אין חודש אָנשטאָט פיער. דער איבערזעצער.

—דאָס איז שוין צופיעל!

בעת זי איז אַזוי געשטאַנען נעבען דעם שוסטער אַ פער־טרויערטע, אויסזעהענדיג ווי אַ הייליגע פרוי, וואָס איז אויסגע־מאָלט אין אַ דאָרפישער קירך, איז אַ רויכערנדע פּאַגעלע אַראָב־געפאַלען אויפ׳ן ברעג פון קיך, און אין אַטעליע איז געוואָרען אַ שטיקענדער רויך. דער רויך צוזאַמען מיט׳ן שטאַרקען ריח פון די קוויטען האָט געמאַכט די לופט אונערטרעגליך.

עלאָדי האָט זיך בעקלאָגט, אַז עס שטיקט איהר אין האַלז און געבעטען, מען זאָל עפענען אַ פענסטער.

באַלד ווי דער שוסטער איז אַוועקגעגאַנגען און די ביר־געריז גאַמלען איז צוריק צוגעגאַנגען צו דער קיך, האָט עוואַ־ריסט ווידער אַמאָל אַ זאָג־געטהון עלאָדי׳ן אויפ׳ן אויער:

—זשאַק מאָבעל.

זי האָט אויף איהם אַ קוק־געטהון אַ ביסעל איבערראַשט, אָבער דאָך גאַנץ רוהיג, נישט אויפהערענדיג צו שניידען בעת מעשה די קוויטען אין פיער שטיקער

—נו, וואָס ?... זשאַן מאָבעל ?

—דאָס איז ער !

—ווער—ער ?

—דו האָסט איהם געגעבען אַ רויט נעגעלע?

זי האָט אָבער ערקלערט, אַז זי פערשטעהט נישט וואָס ער רעדט און געבעטען צו רעדען דייטליכער.

— דער אַריסטאָקראַט ! דער עמיגראַנט ! דער געמיינער יונג !...

זי האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און ערקלערט מיט דעם נאַטירליכסטען טאָן, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געקענט אַזאַ איינעם מיט׳ן נאָמען זשאַק מאָבעל.

און זי האָט איהם באמת קיינמאָל נישט געקענט.

זי האָט געלייקענט, אַז זי זאָל אַמאָל האָבען געגעבען רויטע נעגעל־בלומלעך עמיצען אויסער עוואַריסט׳ען ; איבריגענס, אפשר האָט זי יאָ געגעבען, נאָר זי האָט פּשוט פערגעסען.

עוואַריסט האָט שלעכט געקענט פרויען בכלל און האָט

אויך נישט געגוג פערשטאַנען עלאָדי'ס כאַראַקטער; פונדעסטוועגען האָט ער געגלויבט, אַז זי איז פעהיג צו מאַכען אַנ'אָנשטעל און אָבצונאַרען אפילו אַ קליגערען פון איהם.

—צו וואָס זאָלסטו לייקענען?—האָט ער געזאָגט—איך ווייס דאָך אַלץ.

זי האָט ווידער פערזיכערט, אַז זי האָט קיינמאָל קיין שום מאָבעל'ן נישט געקענט.

אַז זי האָט געענדיגט שיילען די קוויטען, האָט זי געבעטען וואַסער, ווייל די פינגער זענען איהר געוואָרען קלעפיג.

גאַמלען האָט איהר צוגעטראָגען אַ שיסעל מיט וואַסער.

בעת'ן וואַשען די הענד האָט זי ווייטער געלייקענט, אָבער גאַמלען האָט איהר נאָך אַ מאָל ערקלערט, אַז ער ווייס אַלץ, און דאַן איז זי געבליבען שטיל.

זי האָט נישט פערשטאַנען, צו וואָס גאַמלען ציעלט מיט זיין פראַגע און איהר איז אפילו אויפ'ן געדאַנק נישט אַרויף, אַז דער דאָזיגער מאָבעל, וועגען וועלכען זי האָט אַפילו קיינמאָל רעדען נישט געהערט, דאַרף זיך באַלד שטעלען פאַר'ן רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל. זי האָט נישט אָנגעהויבען צו פערשטעהן אין וואָס ער איז זי דאָ חושד, אָדער ביי זיך איז זי זיכער געווען, אַז יעדענפאַלס איז דער חשד אָהן אַ גרונד, און זעהענדיג, אַז זי קאָן מיט דעם אייפערזיכטיגען געליעבטען גאָרנישט מאַכען, האָט זי עס אָבגעלאָזט. זי האָט אויפגעהערט זיך צו פערענטפערן, אַז זי האָט קיינמאָל קיין מאָבעל'ן נישט געקענט. זאָל ער בעסער—האָט זי זיך געטראַכט—זיך לאָזען געהן לויט פאַלשע שפורען, און דאַן וועט ער יעדע מינוט דורך דעם קלענסטען אינצידענט קאָנען געפינען דעם אמת'ן וועג. איהר אַמאָליגער געריכט-שרייבערל, וועלכער איז שוין געוואָרען אַ שענער דראַגונער און אַ פאַטריאָט, איז איצט ברוגז מיט זיין אַריסטאָקראַטישער מעטרעסע. יעדעס מאָל, ווען ער טרעפט עלאָדי'ן אין גאַס, קוקט ער אויף איהר אַזוי, ווי ער וואָלט זאָגען: „נו, מיין טייבעלע! מיר דאַכט, אַז דו וועסט ביי מיר פועל'ן, איך זאָל דיר מוחל זיין מיין פעררעט בנוגע צו דיר און איך זאָל דיך

ווידער אָנהויבען אַכטען״. זי האָט דעריבער זיך שוין נישט בעמיהט, צו היילען איהר געליעבטען פון זיינע — ווי זי האָט עס גערופען — קאַפּריזען, און גאַמלען איז טאַקי אַזוי אַרום געבליבען ביי זיין איבערצייגונג, אַז זשאַק מאָבעל איז נישט קיין אַנדערער ווי עלאָדי׳ס פערפיהרער

דער טריבונאַל האָט זיך אַ נעהם-געטהון אויסצורייסען מיט׳ן וואָרצעל דעם פעדעראַליזם, וועלכער האָט, ווי אַ הידרע, געדראָהט אויפצופרעסען די רעפּובליק. דאָס זענען געווען טעג פון שווערער אַרבייט. די געשוואָרענע ריכטער, אויסגעמאַטערטע פון פיעל אַרבייט, פלעגען זיך אָבפּאַרטיגען מיט די בעשולדיגטע וואָס שנעלער. אַזוי האָבען זיי זיך אָבגעפּאַרטיגט אויך מיט מאַדאַם ראָלאַן*)

גאַמלען פלעגט יעדען טאָג קומען אין געריכט, כדי אונטערצואיילען מאָבעל׳ס פּראָצעס. אַזוי ווי אייניגע וויכטיגע דאָקומענטען זענען געווען אין באָרדאָ, האָט גאַמלען אויסגע׳פּועל׳ט אַז אַ שליח מיוחד איז געפאָהרען זיי ברענגען פון דאָרטען. ענדליך זענען די דאָקומענטען ערהאַלטען געוואָרען.

ווען דער געהילף פון פּראָקוראָר האָט זיי איבערגעלייענט, האָט ער געמאַכט אַ זויערע מינע און זיך אָנגערופען צו עוואַריסט׳ן:

— נישט קיין געוואַלדיגע דאָקומענטען... ס׳איז אין זיי גאָרנישטאָ — בלויז נאַרישקייטען!... וואָלט מען האָטש געוואוסט

*) מאַדאַם מ ר אָ ל אָ ן, געבאָרען פ ל י ן אַ נ אָ פּ אָ ן, איינע פון די גייסטרייכסטע פרויען אין פראַנקרייך. אין איהר בעריהמטען סאַלאָן, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע פּאָליטישע ווירקונג אין לאַנד, פלעגען איינגעהן הויפּטזעכליך זשיראָנדיסטען. און האָטש זי איז געווען אַ הייסע רעפּובליקאַנערין, האָט דער יאַקאָבינער קרימינאַל דאָך זי פער׳משפט צום טויט. אַרויפגעהענדיג אויפ׳ן עשאַפאָט, האָט זי אויסגערופען אַ פראַזע, וועלכע איז געוואָרען בעריהמט: „אָה, פרייהייט! וויפיעל פערברעכענס מען בעגעהט אין דיין נאָמען!״ זי האָט איבערגעלאָזט אינטערעסאַנטע זכרונות (1753-1794).

ד ע ר א י ב ע ר ז ע צ ע ר.

אויף זיכער, אַז דער דאָזיגער געוועזענער גראַף איז געווען אַוועק-געפּאָהרען פון פראַנקרייך !...

ענדליך האָט גאַמלען אויסגעפיהרט דאָס זייניגע. דער יונגער מאָדעל האָט ערהאַלטען זיין בעשולדיגונגס-אַקט און איז געשטעלט געוואָרען פאַר׳ן רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל דעם 19-טען ברומער.

באַלד ווי די זיצונג איז געעפענט געוואָרען, האָט דער פאָרזיצער געמאַכט אַ ערנסט און בייז פנים, ווי ער פלעגט עס טהון יעדעס מאָל, ווען ער האָט בעדאַרפט פיהרען אַ פּראָצעס, וועלכער איז צוגעגרייט געוואָרען אָהן אַ געהעריגער אויספאָרשונג. דער פּראָקוראָר-געהילף האָט זיך געגלעט די גאָמבע מיט די האָר פון זיין געגזען-פעדער און זיך געהאַלטען, ווי אַ מענש, וואָס זיין געוויסען איז פולשטענדיג ריין. דער סעקרעטאַר האָט איי-בערגעלייענט דעם בעשולדיגונגס-אַקט: מען האָט נאָך אַזאַ רוי-הען, איבערפלעכליכען בעשולדיגונגס-אַקט קיינמאָל נישט געהערט אין טריבונאַל.

דער פאָרזיצער האָט געפרעגט דעם בעשולדיגטען, צי ער האָט געוואוסט די געזעצען, וואָס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען געגען די עמיגראַנטען.

— איך האָב זיי געוואוסט און האָב זיי אָבגעהיט — האָט מאָבעל געענטפערט, — איך בין אַוועקגעפאָהרען פון פראַנקרייך מיט אַ פּאַס, ווי עס פאָדערט זיך.

וועגען די מאָטיווען פון זיין רייזע קיין ענגלאַנד און צו-ריקקעהרען קיין פראַנקרייך האָט ער געגעבען גאַנץ בעפריעדי-גענדע ערקלערונגען. זיין אויסזעהן איז געווען אָנגענעהם, דאָס פנים האָט געהאַט אַ אויסדרוק פון אָפענהערציגקייט און שטאָלץ, וואָס האָט אַרויסגערופען צו איהם סימפּאַטיע. די פרויען פון די טריבונעס האָבען געקוקט אויף איהם מיט מילדע בליקען. די בעשולדיגונג האָט איהם פאָרגעוואָרפען, אַז ער איז געווען אין שפּאַניען דאַן, ווען שפּאַניען איז שוין געווען אין מלחמה-צו-שטאַנד מיט פראַנקרייך; ער האָט אָבער גע׳טענה׳ט, אַז צו יע-נער צייט איז ער נישט אַרויסגעפאָהרען פון באַיאָן. איין פונקט איז געבליבען נישט קלאָר. אויף איינעם פון די פּאַפּירען, וועלכע

ער האָט אַריינגעוואָרפען אין אויוועז, ווען מען איז געקומען איהם אַרעסטירען און דערנאָך האָט מען געפונען פון זיי בלויז שטיקלעך, זענען געווען אייניגע שפּאַנישע ווערטער און דער נאָמען „נעווי”.

וועגען דעם דאָזיגען ענין האָט זשאַק מאָבעל זיך אָבגעזאָגט צו געבען די געפאָדערטע ערקלערונגען. און ווען דער פּאָרזיצער האָט איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז פאַר איהם איז בעסער צו ערקלערען, וואָס דאָס בעדייט, האָט ער געענטפערט, אַז נישט אַלעמאָל דאַרף מען טהון דאָס, וואָס פאַר זיך אַליין איז גוט.

גאַמלעב׳ען איז געגאַנגען בלויז אין אויפצעווייזען געגען דעם בעשולדיגטען איין פּערברעכען: דריי מאָל נאָכאַנאַנד האָט ער געבעטען דעם פּאָרזיצער, ער זאָל פאָדערן ביי מאָבעל׳ן ערקלערונגען וועגען די פּערטריקענטע בלעטעלעך פון אַ רויטען נעגעל-בלימעל, וואָס ער האָט אַזוי זאָרגפעלטיג געהאַלטען ביי זיך אין נאָטיץ-ביכעלע.

מאָבעל האָט געענטפערט, אַז ער געפינט נישט פאַר נויטיג צו געבען ערקלערונגען וועגען אַ זאַך, וואָס געהט נישט אָן דעם געריכט: מ׳האָט דאָך אין דעם דאָזיגען בלימעל קיין שום בעהאַלטענע צעטעלעך נישט געפונען.

די געשוואָרענע זענען אַריינגעגאַנגען אין זייער בעראַטונגס-צימער. זייער שטימונג בנוגע צום יונגען בעשולדיגטען איז געווען אַ גאַנץ גוטע, ווארום ס׳איז קענטיג געווען, אַז מען האָט דאָ צו טהון הויפטזעכליך מיט ליעבע-סודות. דאָס מאָל זענען אפילו די עכטע, די כשר׳ע פּאַטריאָטען גרייט געווען אַרויסצוטראָגען אַ בעפרייאונגס-אורטייל. איינער פון זיי, אַ געוועזענער אַריסטאָקראַט, וועלכער האָט שוין נישט איין מאָל אַרויסגעוויזען זיין אויפריכטיגע איבערגעבענהייט דער רעוואָלוציע, האָט געזאָגט:

—פאַר וואָס משפּט׳ן מיר איהם, אייגענטליך? פאַר זיין אָבשטאַמונג? אָבער איך האָב אויך געהאַט דאָס אונגליק געבאָרען צו ווערען אין דער אַריסטאָקראַטיע.

—יאָ, אָבער דו ביזט פון דאָרטען אַוועק—האָט געענטפערט

גאמלען—און ער איז דארט געבליבען.

און דא האט ער מיט ברען גענומען רעדען וועגען דעם דאזיגען פערשווערער, וועגען פיט'ס אגענט, וועגען קאבור'ס מיט-העלפער, וועלכער איז איבער בערג און ימים געגאנגען העצען די פיינד פון דער פרייהייט; ער האט מיט אזוי פיעל היץ גע-פאדערט, מען זאל דעם פעררעטער פער'משפט'ן, אז באלד האט אין די פאטריאטישע געשווארענע ריכטער זיך אויפגעוועקט זייער שטענדיגע שרעקעוודיגקייט און זייער אלטע שטרענגקייט.

איינער פון זיי האט צו גאמלען'ען ציניש א זאג-געטהון:

— פארהאן געפעליגקייטען, פון וועלכע מען קאן זיך צווישען קאלעגען נישט אבזאגען.

דער טויט-אורטייל איז ארויסגעגעבען געווארען מיט א מעהרהייט פון איין שטימע.

דער פער'משפט'ער האט אויסגעהערט דעם ווערדיקט רו-היג און שמייכלענדיג. ער האט גלייכגילטיג בעקוקט דעם זאל, און ווען זיינע בליקען האבען בעגעגענט גאמלען'ס פנים, האבען זיי אויסגעדריקט די טיעפסטע פעראכטונג.

דעם אורטייל האט קיינער נישט אפלאדירט.

נאכדעם ווי מען האט איהם צוריק אבגעפיהרט אין קאנ-סיערזשערי-טורמע, האט מאבעל ווארטענדיג אויף דער היגריכטונג, וועלכע האט געזאלט פארקומען דעמזעלבען אוונד ביי'ם שיין פון פאקעלן, געשריבען א בריעף:

„ליעבע שוועסטער! דער טריבונאל שיקט מיר צום עשאפאט און גיעט מיר דערמיט די איינציגע פרייד, וואס איך קאן נאך איבערלעבען זינט עס איז געשטארבען מיין פערגעטערטע ניעוו. זיי האבען פון מיר צוגענומען דאס ביסע-לע גוטס, וואס מיר איז פון איהר געבליבען — א גראנאט-בלימעל, וועלכעס זיי רופען — איך וויים נישט פארוואס — נעגעלע.

„איך האב ליעב געהאט די קונסט: אין די אמאליגע גוטע צייטען פלעג איך אין פאריז זאמלען בילדער און גראַ-ווירען. זיי זענען איצט אין א זיכערען ארט, און מען וועט

זי דיר אָבגעבען באַלד ווי עס וועט מעגליך זיין. איך בעט דיך, ליעבע שוועסטער, היט זיי אַלס אָנדענקען פון מיר".

ער האָט אָבגעשניטען פון זיין קאָפּ אַ בינטעל האָר, אַריינגעלעגט עס אין צוזאַמענגעלעגטען בריעף און אויפגעשריבען:

„צו דער בירגערין קלעמאַנס דעזעמערי, געבאָרען מאָבעל.

אין לאַ-רעאָל".

דאָס גאַנצע געלד, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך, האָט ער אָבגעגעבען דעם היטער און איהם געבעטען צוצושטעלען דעם בריעף. דערנאָך האָט ער געבעטען אַ פלעשעל וויין און האָט לאַנגזאַם געטרונקען, וואַרטענדיג אויף דעם וואָגען...

נאָכ'ן אָווענד-ברויט איז גאַמלען אַוועקגעלאָפען אין „מאַדלער-ליעבע". ער איז האַסטיג אַריין אין בלויען צימער, וואו עלאָדי פלעגט אויף איהם וואַרטען יעדען אָווענד.

—האָסט דערלעבט אַ נקמה!—האָט ער צו איהר אַ געשריי געטהון.—זשאַק מאָבעל איז שוין נישטאָ. דער וואָגען, וואָס פ'הרט איהם צום טויט, איז שוין פאַרבייגעפאָהרען פאַר דיינע פענסטער, אַרומגערינגעלט מיט פאַקעלן.

זי האָט פערשטאַנען.

— אונגליקליכער! דו האָסט איהם דער'הרג'עט, אָבער ער איז קיינמאָל נישט געווען מיין געליעבטער. איך האָב איהם דאָך אפילו נישט געקענט... כ'האָב איהם קיינמאָל אין די אויגען נישט געזעהן... וואָס פאַר אַ מענש איז ער געווען? מסתמא אַ יונגער, אַ ליעבליכער... אַ אונשולדיגער. און דו האָסט איהם דער'הרג'עט, אונגליקליכער וואָס דו ביזט!

זי איז געפאַלען אין חלשות. אָבער אינ'ם שאָטען פון דעם דאָזיגען טויט, וואָס איז מיט אַזאַ לייכטען האַרץ געבראַכט געוואָרען, האָט זי געפיהלט, ווי זי ווערט פערטרונקען אין שרעק און אין תאוה צוזאַמען. זי איז אַ ביסעל געקומען צו זיך. איהרע שווערע ברעמען האָבען אויפגעדעקט די ווייסלען פון איהרע אויגען, איהר ברוסט האָט זיך בעוועגט אַרויף און אַראָב און מיט ציטערדיגע הענד האָט זי געזוכט איהר געליעבטען. זי האָט

איהם צוזאַמענגעדריקט אין איהרע אָרעמס ביז צום דערשטיקען, אַריינגעלאָזט די נעגעל אין זיין לייב און מיט איהרע פלאַמענ-דע ליפען האָט זי איהם דערלאַנגט אַ קוש—אַ שטומען, פערשטיק-טען און לאַנגען קוש, דעם סאַמע וועהטאָגדיגסטען און תאוה'-דיגסטען פון אַלע קושען.

זי האָט איהם ליעב געהאַט מיט לייב און לעבען, און וואָס מעהר ער האָט איהר אויסגעזעהן שרעקליך און אכזריות'דיג, וואָס מעהר זי האָט איהם געזעהן בעגאָסען מיט בלוט פון זיינע קרבנות, אַלץ מעהר האָט זי איהם בעגעהרט און געדורשט

XVII.

דעם 24-טען פרימער *), צעהן אַ זייגער אין דער פריה, ווען די זון האָט מיט איהרע שטראַהלען פונאַנדערגעטריבען דאָס אָנגעפרוירענע אייז פון דער נאַכט, זענען די דעלעגאַטען פון „זיכערהייטס-קאָמיטעט”, די בירגער גענאָ און דעלורמעל, געקומען אין באַרנאַביטען-קלויסטער און זיך געהייסען אַריינפיהרען צום אויפזיכט-קאָמיטעט פון דער סעקציע. אין צימער איז דאַן געווען דער בירגער באָוויזאַזש, וועלכער איז געווען פערנומען מיט אַריינלעגען האָלץ אין אויווען. זיי האָבען איהם לכתחלה נישט בעמערקט צוליעב זיין קליינער איינגעבויגענער פיגור.

מיט אַ קרעהעדיגער שטימע פון אַ הויקערדיגען מענשען האָט דער בירגער באָוויזאַזש געבעטען די דעלעגאַטען זיך זעצען און אויסגעדריקט זיי זיין גרייטקייט צו דינען.

גענאָ האָט איהם געפרעגט, צי ער קען איינעם אַ געוועזענעם אַריסטאָקראַט מיט׳ן נאָמען דעז-אילעט, וועלכער וואוינט נעבען דער נייער בריק

*) דער דריטער חודש פון רעפובליקאַנישען קאַלענדאַר—פון 21-טען נאָוועמבער ביז׳ן 20 דעצעמבער.

דער איבערזעצער.

—דאָס איז אַ מענש, וועלכען איך האָב אַ בעפעהל צו אַרעס-טירען.

און ביי די ווערטער האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע און געוויזען דעם בעפעהל פון זיכערהייטס-קאָמיטעט.

נאָכדעם ווי ער האָט אַ ווײַלע געפּרובט זיך צו דערמאָהנען, האָט באָוויזאַזש געענטפערט, אַז ער קען נישט קיינעם מיט'ן נאָמען דעז-אילעט. אפשר—האָט ער צוגעגעבען—וואוינט ער גאָר-נישט אין דער דאָזיגער סעקציע, נאָר ערגעץ אַרום דעם מוזע-אום, נעבען דער „אוניטע״ אָדער נעבען „מאַראַ-ע-מאַרסיי״. און אויב אַפילו ער וואוינט יאָ דאָ אין דער סעקציע, איז ער אויך מסתמא פערשריבען אונטער אַן'אַנדער נאָמען, איבריגענס, ווי דאָס זאָל נישט זיין, וועט מען איהם מסתמא געפינע

—לאָמיר נישט פערלירען קיין צייט,—האָט געזאָגט גענאָ— מיר האָבען זיך דערוואוסט וועגען איהם פון אַ בריעף פון זיי-נער אַ מיטהעלפערין. דעם בריעף האָט מען איבערגעחאַפּט און ער געפינט זיך אין קאָמיטעט שוין צוויי וואָכען, אָבער דער בירגער לאַקרואַ האָט ערשט נעכטען אין אָוועגד איהם איבער-געלייענט. מיר זענען פערפלייצט מיט אַרבייט. מסירות קומען אָן פון אַלע זייטען און אַזוי פיעל, אַז מיר ווייסען נישט, וועל-כע פריהער אויסצופאָרשען.

—עס קומען אָן מסירות אויך צום אויפזיכט-קאָמיטעט פון דער סעקציע,—האָט שטאָלץ זיך אָפּגערופען באָוויזאַזש.—איינע דערצעהלען וואָס זיי ווייסען צוליעב פאַטריאָטיזם, אַנדערע—ווייל זיי קוואַפּען זיך אויף די פינף פראַנק. עס טרעפט אפילו, אַז קינדער פער'מסר'ן זייערע אייגענע עלטערן, כדי גיכער צו בע-קומען זייער ירושה.

—דער בריעף—האָט גענאָ ווייטער געזאָגט—שטאַמט פון איינער אַ געוועזענער אַריסטאָקראַטין מיט'ן נאָמען ראָשמאָר, אַן'-אויסגעלאַסענע פרוי, ביי וועלכער מען פלעגט שפּיעלען אין בי-ריבי. אַדרעסירט איז דער בריעף אויפ'ן נאָמען פון בירגער ראָ-לין; אָבער באמת איז ער געשריבען צו איינעם אַן'עמיגראַנט, וואָס איז פּיט'ס אַן'אַגענט. איך האָב איהם גענומען מיט זיך,

כדי אייך צו ווייזען דאָס, וואָס איז נוגע דעם דאָזיגען דעז-אי-לעט.

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע דעם בריעף

—דער בריעף הויבט זיך אָן מיט לאַנגע בעמערקונגען וועגען יענע מיטגליעדער פון קאָנווענט, וועלכע מען וואָלט געקאָנט, לויט ווי די דאָזיגע פרוי מיינט, אָבקויפען מיט געלד אָדער מיט אַ צוזאָג צו געבען זיי הויכע פּאָסטענס ביי דער נייער רעגירונג, וועלכע וועט שטעהן פעסטער איידער די איצטיגע. דערנאָך שרייבט זי אַזוי:

„איך בין נאָר-וואָס געוועזן ביי ה' דעז-אילעט. ער וואוינט ערגעץ אין אַ בוידעם-לאָך נעבען דער נייער בריק. מען דאַרף זיין אָדער אַ קאַץ אָדער אַ טייוועל, אום זיך אַריינ-צוקריגען צו איהם. ער מוז נעבעך פאַבריצירען שפּרינג-מענ-שעלעך, צו פערדיענען אויף חיונה. דאָס איז אַ מענש מיט אַ געזונדטען פערשטאַנד, און דערפאַר וויל איך אייך דאָ איבערגעבען דעם תמצית פון דעם, וואָס ער האָט מיר געזאָגט. ער גלויבט נישט, אַז די איצטיגע לאַגע זאָל זיך האַל-טען לאַנג. ער זעהט אָבער אויך נישט, אַז זי זאָל זיך ענדי-גען דורך אַזיעג פון דער קאָאַליציע. דער גאַנג פון די גע-שעהעניסען גיעט איהם, דאַכט זיך, גערעכט. וואָרום איהר ווייסט דאָך, מיין הערר, אַז שוין אַ געוויסע צייט קומען אָן פון מלחמה-פּלאַץ שלעכטע נייעס. ער גלויבט זיכער, אַז עס וועט פּאָרקומען אַ אויפשטאַנד פון המון און פון די פּשוט'ע ווייבער, וועלכע זענען נאָך שטאַרק צוגעבונדען צו דער רע-ליגיע. ער געפינט, אַז די אימה, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל האָט אויף אַלעמען אַרויפגעוואָרפען, וועט גאָר קירצ-ליך פעראייניגען גאַנץ פראַנקרייך געגען די יאַקאָבינער. „דער דאָזיגער טריבונאַל,—האָט ער צוגעגעבען מיט שפּאַס,— וועלכער משפט גלייכצייטיג די פראַנצויזישע קעניגען און עפּעס אַ ברויט-טרעגערין, איז עהנליך צו ווילִיאַם שעקספּיר, וועלכער איז אַזוי בעליעבט ביי די ענגלענדער" א. א. וו... ער האַלט נישט פאַר אויסגעשלאָסען, אַז ראָבעספּיער זאָל חתונה האָבען

מיט דעם קעניג׳ס שוועסטער און זיך לאָזען ערקלערען אַלס פּראָטעקטאָר פון קעניגרייך.

„איך וועל אייך זעהר דאנקבאַר זיין, מיין הערר, אויב איהר וועט אַזוי גוט זיין מיר צושיקען מיט׳ן וועג, וועלכען איהר בענוצט שטענדיג, דאָס געלד, וואָס מיר קומט, ד. ה. טויזענד פונט שטערלינג. אָבער איהר זאָלט למען השם נישט שרייבען צו ה׳ מאַרהאַרדט: מען האָט איהם נאָר-וואָס אַרעס-טירט און אַריינגעזעצט אין טורמע״ א. אז. וו. א. אז. וו.

—דער הערר דעז-אילעט פאַבריצירט שפּרינג-מענשעלעך— האָט זיך אָנגערופען באָוויזאַזש—אָט דאָס, זעהט איהר, איז זעהר וויכטיג צו וויסען... חאָטש אייגענטליך געפינען זיך אין דעם קוואַרטאַל אַ סך אַזעלכע קליינע פאַבריקאַנטלעך.

— דאָס דערמאָהנט מיר—האָט געזאָגט דעלורמעל — אָן מיין הבטחה צו ברענגען אַ פּאָפּקע פאַר מיין קלענערער מיידע-לע נאַטאַלי. זי איז, נעבעך, איצט קראַנק אויף סקאַרלאַטין. נעכ-טען האָבען זיך בעוויזען די פלעקען. די קראַנקהייט איז נישט קיין געפעהרליכע. אָבער דאָך דאַרף מען זיין זעהר פאָרזיכטיג. מיין נאַטאַלי איז, לויט איהרע יאָהרען, זעהר אַ קלוג און ענט-וויקעלט קינד, אָבער זי איז אַ שוואַכע אין געזונד.

— און איך — האָט זיך אָבגערופען גענאָ — האָב נאָר איין יונגעל. ער שפּיעלט זיך מיט רייפען פון טוגען און מאַכט לופט-באַלאָנען פון אָנגעבלאָזענע זעקעלעך.

— גאַנץ אָפט — האָט אויפמערקזאַם געמאַכט באָוויזאַזש — שפּיעלען זיך קינדער אַמבעסטען מיט זאַכען, וועלכע זענען נישט קיין שפּיעל-געצייג. אָט, למשל, מיין פּלימעניקעל עמיל, אַ וועוו-ריק פון זיעבען יאָהר, זעהר אַ קלוגער, שפּיעלט זיך גאַנצע טעג מיט פיער-קאַנטיגע שטיקלעך האָלץ, פון וועלכע ער מאַכט געביי-דעס... איהר שמעקט?

באָוויזאַזש האָט אויסגעשטרעקט צו די דעלעגאַטען אַ גע-עפענטע טאַבאַקערקע.

—נו, איצט דאַרפען מיר חאַפּען אונזער העכט—האָט גע-זאָגט דעלורמעל, אַ מאַן מיט לאַנגע וואָנסען און מיט גרויסע

לויפענדע אויגען,—עפּעס האָב איך היינט אַ שטאַרקען אַפּעטיט צו אַ שטיקעל אַריסטאָקראַט-געבראָטענס, בענעצט מיט ווייסען וויין...

באָוויזאַזש האָט פאָרגעלעגט די דעלעגאַטען אַריבערצוגעהן צו זיין קאָלעגע דיפאָן דעם עלטערן, אין זיין געוועלב אויפ׳ן „דאָפין״-פּלאַץ. ער ווייס מסתמא זיכער, ווער ס׳איז דער דאָזיגער דעז-אילעט.

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען צוזאַמען מיט פיער גרענאַדירען פון דער סעקציע. דרויסען איז געווען קאַלטליך.

—האָט איהר שוין געזעהן שפּיעלען „דעם לעצטען משפּט איבער די מלכים״?—האָט דעלורמעל געפרעגט זיינע חברים.—די פּיעסע פערדיענט, מען זאָל זי געהן זעהן. דער פערפאַסער שטעלט דאָרטען פאָר אַלע קעניגען פון אייראָפּא, ווי זיי האָבען זיך געראַטעוועט אויף אַ ווּיסטער אינזעל, נעבען אַ פייער-שפּייענדען באַרג, וועלכער האָט זיי פערשאָטען מיט זיין לאַווע. ס׳איז אַ פּאַטריאָטיש ווערק.

ביי׳ם עק פון דער האַרלע-גאַס האָט דעלורמעל בעמערקט אַ קליין וועגעלע, וואָס האָט געבלישטשעט, ווי אַ קאַפּליצע. אַן׳ אַלטע פרוי, וועלכע האָט געטראָגען אויפ׳ן קאָפּ אַ הוט פון צעראַטע, האָט געשטופּט דאָס דאָזיגע וועגעלע.

—וואָס פערקויפט זי, די דאָזיגע אַלטע?

די אַלטע אַליין האָט זיך אָבגערופען:

—זעהט, מיין הערר, קלויבט אויס. איך פערקויף פּאַטשערקעס, צלמים׳לעך, בילדלעך פון הייליגען אַנטואַן, הייליגע לייווענט—אַלערליי רעליגיעזע זאַכען.

—דאָס איז דער אַרסענאַל פונ׳ם פאַנאַטיזם!—האָט אויסגעשריען דעלורמעל.

ער האָט גענומען מאַכען אַ פאָרמעלע חקירה ודרישה ביי דער פערקויפערין. זי האָט אויף אַלע פראַגען איהם געענטפערט:

—מיין זוהן, שוין פיערציג יאָהר, ווי איך פערקויף די אַלע הייליגע זאַכען.

איינער פון די קאָמיטעט-דעלעגאַטען האָט בעמערקט אַ פערבייגעהענדען פּאָליציאַנט אין אַ בלויען ראָק און איהם געהיי-

סען, ער זאָל אָבפיהרען די פרוי אין דער קאָנסיערזשערי. די אַלטע איז געשטאַנען אַ צומישטע.

דער בירגער באָוויזאַזש האָט בעמערקט דעלורמעל׳ן, אַז אַרעסטירען די דאָזיגע פרוי וואָלט בעדאַרפט דער אויפזיכטס-קאָמיטעט פון דער סעקציע. איבעריגענס, מען ווייסט נישט—האָט ער צוגעגעבען—ווי אַזוי די רעגירונג הייסט זיך נוהג זיין מיט אַלע זאַכען, וועלכע זענען נוגע די רעליגיע: צי זאָל מען אַלץ ערלויבען אָדער אַלץ פערוועהרען.

צוגעהענדיג צום געוועלבעל פונ׳ם טישלער, האָבען די דע-לעגאַטען און דער קאָמיסאַר דערהערט געשרייען, אויסגעמישטע מיט אַ געוויש פון זעגען און הובלען. צווישען דעם טישלער די-פאָן און זיין שכן דעם הויז-וועכטער רעמאַקל איז אַרויסגעקומען אַ קריעגעריי צוליעב דער בירגערין רעמאַקל. זי, די בירגערין רעמאַקל, האָט געקריגען עפעס אַ מאָדנעם חשק אַריינצוגעהן פון צייט צו צייט אין הינטער-שטיבעל פונ׳ם טישלער-ווערקשטאַט, פון וואַנען זי פלעגט דערנאָך יעדעס מאָל צוריקקומען איינגאַנ-צען בעדעקט מיט סטרוזשקעס און זעג-שטויב... דער בעליידיג-טער וועכטער האָט פון גרויס כעס געגעבען אַ בריק מוטאָנ׳ען, דעם טישלער׳ס הונד, אין דעם זעלבען מאָמענט, ווען זשאָזעפין, זיין אייגען מיידעלע, האָט איהם געהאַלטען צערטליך אַרומגענו-מען. זשאָזעפינ׳ען האָט דאָס שטאַרק אויפגעבראַכט און זי האָט אָנגעהויבען מאַכען קולות. דער טישלער האָט אַ געשריי-געטהון מיט כעס:

— דו שלעפער איינער, איך פערוועהר דיר צו שלאָגען מיין הונד!

—און איך—האָט אָבגעענטפערט דער וועכטער, אויפהויבענ-דיג זיין בעזים—פערוועהר דיר צו...

ער האָט נישט פערענדיגט, וואָרום דער טישלער האָט איהם אַ פאָך-געטהון מיט׳ן הובעל איבער׳ן קאָפּ.

דערזעהענדיג פון וויטען דעם בירגער באָוויזאַזש מיט ד דעלעגאַטען, איז ער צוגעלאָפען צו זיי און געזאָגט:

— בירגער קאָמיסאַר, דו ביזט אַנ׳עדות, אַז דער דאָזיגער

מערדער האָט מיך אַוועקגעהרג׳עט.

דער בירגער באָוויזאַזש, וועלכער האָט געטראָגען אויפ׳ן קאָפּ אַ רויט היטעלע אַלס צייכען פון זיין אַמט, האָט אויסגע־שטרעקט זיינע לאַנגע הענד, ווי איינער, וואָס וויל מאַכען שלום, און האָט זיך געווענדעט צוביידען, צום וועכטער און צום טישלער:

—פינף פראַנק וועט בעקומען דער פון אייך, וואָס וועט אָנווייזען, וואו עס געפינט זיך איינער אַ פערדעכטיגער, וועלכען דער „זיכערהייטס-קאָמיטעט” זוכט אַרום. דאָס איז אַ געוועזענער אַריסטאָקראַט מיט׳ן נאָמען דעז-אילעט. איצט איז ער אַ פּאַברי-קאַנטעל פון שפּרינג-מענשעלעך.

ביידע צוזאַמען, דער וועכטער און דער טישלער, האָבען אָנגעוויזען אויף בראָטאָ׳ס וואוינונג. זיי האָבען זיך איצט געהאַמ-פּערט בלויז צוליעב די פינף פראַנק, וועלכע זענען צוגעזאָגט געוואָרען דעם מוסר.

דעלורמעל, גענאָ און באָוויזאַזש, צוזאַמען מיט די פיער גרענאַדירען, מיט׳ן וועכטער רעמאַקל, מיט׳ן טישלער דיפּאָן און מיט אַ טוץ הפקר-יונגען פון יענעם קוואַרטאַל, זענען אַרויף מיט די שטיגען, וועלכע האָבען זיך געטרייסעלט אונטער זייערע פיס, און דערנאָך זענען זיי מיט׳ן לייטער אַרויפגעגאַנגען צום בוי-דעם-שטיבעל.

בראָטאָ איז געווען פערנומען מיט׳ן אַרומשניידען פּאַיאַצ-לעך, אַנטקעגען איהם איז געזעסען דער פּאָטער לאָנגמאַר, וועל-כער האָט מיט פאָדים צוזאַמענגעבונדען די גליעדער פון די שפּרינג-מענשעלעך. זעהענדיג ווי אונטער זיינע פינגער ווערען געבאָרען ריטם און האַרמאָניע, האָט דער גייסטליכער געהאַלטען אין איין שמייכלען.

דערהערענדיג אַ גערויש פון ביקסען-קאָלבעס אין פאָרהויז, האָט דער באַרנאַביט גענומען ציטערן מיט אַלע זיינע אברים. און געציטערט האָט ער נישט דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט אין זיך ווייניגער קוראַזש, ווי בראָטאָ, וועלכער איז געבליבען זיצען רוהיג, נאָר ווייל ער האָט בטבע נישט געקאָנט מאַכען

קיין קינסטליכען אָנשטעל. פון דעלורמעל׳ס פראַגען האָט בראָטאָ באַלד פערשטאַנען, פון וואַנען דער קלאַפּ קומט. ער האָט צושפּעט זיך געחאַפּט, אַז מיט ווייבער דאַרף מען זעהר פאָרזיכטיג זיין. ווען דער קאָמיסאַר האָט איהם אויפגעפאָדערט צו געהן מיט איהם, האָט ער גענומען מיט זיך זיין לוקרעציוס און דריי העמדער.

— דער דאָזיגער בירגער — האָט ער געזאָגט, אָנווייזענדיג אויפ׳ן פאָטער לאָנגמאַר — איז מיין געהילף. איך האָב איהם געדונגען מיר צו העלפען פאַבריצירען שפּרינג-מענשעלעך. ער וואוינט דאָ.

אָבער אַזוי ווי דער גייסטליכער האָט נישט געהאַט צו ווייזען קיין שיין פון פּאָליטישער כשרות, איז ער אַרעסטירט געוואָרען צוזאַמען מיט בראָטאָ׳ן.

ווען זיי זענען אַלע פאָרבייגעגאַנגען פאַר דעם הויז-וועכטער׳ס שטיבעל, האָט די בירגערין רעמאַקל, שטעהענדיג אָנגעשפּאַרט אויף אַ בעזים, געקוקט אויף דעם אַלטען בראָטאָ מיט אַזאַ מינע, פונקט ווי די עהרליכקייט אַליין וואָלט זיך צוגעקוקט, ווי דאָס פערברעכען פאַלט אַריין אין די הענד פון דער גערעכטיגקייט. די שענע קליינע זשאָזעפין איז גדלות׳דיג געשטאַנען און צוגעהאַלטען פאַר׳ן האַלז-באַנד איהר מוטאָנ׳ען, וועלכער האָט זיך געוואָלט אַ לאַשטשע טהון צו זיין אַלטען פריינד, וואָס פלעגט איהם געבען צוקער. אַ גאַנצע מענגע נייגיעריגע האָט אָנגעפילט דעם טיאָנוויל-פּלאַץ.

ווען זיי זענען אַראָב פון די טרעפּ, איז זיי אַנטקעגען געקומען אַ יונגע דאָרף-מיידעל, וועלכע האָט געוואָלט אַרויפגעהן אויף די שטיגען. אונטער׳ן אָרעם האָט זי געטראָגען אַ פול געפּאַקט קערבעל מיט אייער און אין האַנד האָט זי געהאַלטען אַ טאָרט, איינגעוויקעלט אין לייווענט. דאָס איז געווען אַטענאַאיס. זי איז געקומען פון פּאַלעזאָ מיט מתנות פאַר איהר רעטער אַלס צייכען פון דאַנקבאַרקייט צו איהם. ווען זי האָט דערזעהן, אַז בעאַמטע און פיער גרענאַדירען פיהרען אַוועק דעם „הערר מאָריס״, איז זי געבליבען אַ פערשטיינערטע. זי האָט געפרעגט, צי דאָס

איז אמת און איז צוגעגאַנגען צום קאָמיסאַר.

— איהר פיהרט איהם טאַקי אַוועק? ס׳קאָן נישט זיין! איהר קענט איהם דאָך נישט! ער איז דאָך גוט, ווי גאָט אַליין!

דער בירגער דעלורמעל האָט זי אָבגעשטופט און געגעבען אַ צייכען די גרענאַדירען, זיי זאָלען געהן ווייטער. דאַן האָט אַטענאַאיס אויסגעבראָכען מיט די שמוציגסטע זלזולים. אַ מבול פון די מורא׳דיגסטע זידלערייען און קללות האָט זיך אַ גאָס-געטהון אויפ׳ן קאָמיסאַר און אויף די גרענאַדירען. עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז די גאַנצע שמוץ פון פּאַלע-רויאַל און פון דער פּראָמאַנטאָ-גאַס ווערט אויסגעגאָסען אויף זייערע קעפּ. און דערנאָך האָט אַטענאַאיס מיט אַ שטימע, וואָס האָט אָבגעהילכט אויפ׳ן גאַנצען טיאָנוויל-פּלאַץ און אַרויסגערופען אַ ציטער בּיי דעם גאַנצען נייגיעריגען המון, אַ געשריי-געטהון:

— זאָל לעבען דער קעניג! זאָל לעבען דער קעניג!

XVIII.

די בירגערין גאַמלען האָט ליעב געהאַט דעם אַלטען בראָטאָ. זי האָט איהם געהאַלטען פאַר׳ן ליעבליכסטען און וויכטיגסטען פון אַלע מענשען, וועלכע זי האָט אין איהר לעבען געקענט. בשעת מען האָט איהם אַרעסטירט, האָט זי זיך נישט געזעגענט מיט איהם, ווייל זי האָט מורא געהאַט נישט נושא חן צו זיין ביי דער מאַכט; זי האָט געהאַלטען, אַז אַזאַ קליין מענשעלע, ווי זי איז, מוז זיין אַ פחדן. אָבער דער דאָזיגער אַרעסט איז פאַר איהר געווען אַ קלאַפּ, פון וועלכען זי איז נאָך צו זיך נישט געקומען.

זי האָט פערלאָרען דעם אַפּעטיט—און גראַדע אין אַ צייט, ווען זי האָט שוין ענדליך געקריגען די מעגליכקייט איהם צופריעדענצושטעלען. פון איהר זוהן האָט זי, פערשטעהט זיך, געקליבען נחת, אָבער זי האָט שוין נישט געקאָנט טראַכטען אָהן שרעק וועגען די מורא׳דיגע אויפגאַבען, וועלכע ער ערפילט, און זי איז גאַנץ צופריעדען געווען, וואָס זי איז אַ נאַרישע פרוי און דאַרף נישט וועגען אַזעלכע זאַכען זיך אַרויסזאָגען.

די אָרימע מאַמע האָט געפונען טיעף אין אַ קופערט אַן אַלטע פאַטשערע. זי האָט נישט געוואוסט קלאָר, ווי אַזוי מען

איז זיך דערמיט נוהג — האָט זי סתּם עס געהאַלטען אין איהרע ציטריגע פינגער. נאָכדעם ווי זי האָט אָבגעלעבט אַזוי פיעל יאָהרען און נישט געהיט די רעליגיע, איז זי ערשט איצט פרום געוואָרען: גאַנצע טעג פלעגט זי נעבען קאַמין בעטען גאָט פאַר איהר קינד און פאַר דעם גוטען אַלטיטשקען בראָטאָ. עלאָדי פלעגט קומען צו איהר גאַנץ אָפט, אָבער זיי פלעגען זיך כמעט אין די אויגען נישט קוקען. זיי פלעגען זיצען איינע נעבען דער צווייטער און רעדען סתּם אין דער וועלט אַריין פון אַלער-ליי נישט אינטערעסאַנטע זאַכען.

איינמאָל, אין אַ טאָג פון חודש פליוויאָז*), ווען אַ שניי, וואָס איז געפאַלען גרויסע שטיקער-ווייז, האָט פערכמאַרעט דעם הימעל און פערשטיקט דאָס גערויש פון דער שטאָדט, האָט די בירגערין גאַמלען, זיצענדיג איינע אַליין אין וואוינונג, דערהערט קלאַפּען אין טהיר. זי האָט אַ ציטער-געטהון: שוין עטליכע מאָ-נאַטען, ווי פונ׳ם קלענסטען גערויש פלעגט זי אַ פערציטערטע ווע-רען. זי האָט געעפענט די טהיר. אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר אַכט-צעהן-צוואַנציג איז אַריינגעגאַנגען מיט׳ן הוט אויפ׳ן קאָפּ. ער איז געווען אָנגעטהון אין אַ טונקעל-גרינעם פּעלערינע-מאַנטעל און האָט געטראָגען שטיוועל מיט פערקאַשערטע כאָלעוועס, לויט׳ן ענגלישען שניט. זיינע שאַטינע האָר זענען אַראָבגעפאַלען לאָקען-ווייז אויף די אַקסלען. ער איז צוגעגאַנגען ביז׳ן מיטען פון דער אַטעליע, פונקט ווי עס וואָלט געוואָלט אַרויפנעהמען אויף זיך דאָס גאַנצע ליכט, וואָס דער שניי האָט אַריינגעשיקט אין צי-מער דורך די שויבען, און איז געבליבען אַ ווײַלע שטעהן שטיל און אָהן בעוועגונג.

די בירגערין האָט אויף איהם געקוקט מיט פערוואונדערונג.

— דו דערקענסט נישט דיין טאָכטער?... — האָט דער יונ-גערמאַן זיך אָבגערופען.

---

*) דער פינפטער חודש פון רעפּובליקאַנישען קאַלענדאַר — פון 20-טען, 21-טען אָדער 22-טען יאַנואַר ביז׳ן 19-טען, 20-טען אָדער 21-טען פעברואַר.

דער איבערזעצער.

די אַלטע האָט פערבראָכען די הענד.

— זשולי, !... דאָס ביזטו... גאָט מיינער, איז דאָס מעגליך !...

—יאָ, יאָ, דאָס בין איך... נעהם מיך אַרום, מאַמע.

די בירגערין גאַמלען האָט צוגעדריקט איהר טאָכטער צו איהר ברוסט און איהרע טרעהרען זענען געפאַלען אויפ׳ן קראַגען פון דער פעלערינע. דערנאָך האָט זי מיט שרעק אַ זאָג-געטהון:

—דו—אין פאַריז?!...

—אָה! מאַמע, פאַרוואָס בין איך אַליין נישט געקומען!... אין דער דאָזיגער קליידונג וועט קיינער מיך נישט דערקענען.

און באמת, די פעלערינע האָט אינגאַנצען פערשטעלט איהר פיגור. זשולי האָט נישט אויסגעזעהן אַנדערש ווי פיעל יונגע בחורים, וועלכע טראָגען לאַנגע האָר מיט אַ שרונט איבער׳ן מיטען. איהרע געזיכט-שטריכען זענען געוועזן איידעלע און בע׳חנ׳טע, אָבער פערביטערטע און פער׳חשכ׳טע פון מיעדקייט, פערהאַרטעוועטע פון דאגות און אויף איהר פנים איז געלעגען אויסגעגאָסען אַ מענערישע דרייסטקייט. איהר פיגור איז געווען אַ דינע און אַ שלאַנקע, די פיס לאַנגע און גלייכע, די בעוועגונגען לייכטע; בלויז די שטימע אַליין האָט זי אפשר געקאָנט אַרויסגעבען.

די מוטער האָט איהר געפרעגט, צי זי איז הונגעריג. זי האָט געענטפערט, אַז זי וואָלט גערן עפּעס געגעסען, און ווען מען האָט איהר דערלאַנגט ברויט, וויין און אויפשניט, האָט זי גענומען עסען, האַלטענדיג בעת מעשה דעם עלענבויגען אויפ׳ן טיש. זי האָט אויסגעזעהן שען און אויסגעהונגערט, ווי צערעס אינ׳ם געצעלט פון דער אַלטער באָבאָ.

האַלטענדיג דאָס גלאָז אונטער די ליפען, האָט זי געפרעגט:

—מאַמע, ווייסטו נישט, ווען עוואַריסט וועט קומען אַהיים? איך בין געקומען, אום צו רעדען מיט איהם.

די גוטע מאַמע האָט אַ קוק-געטהון אויף איהר טאָכטער מיט אַ פער׳דאגה׳טען בליק און גאָרנישט געענטפערט.

— איך מוז איהם זעהן. מיין מאַן האָט מען היינט פריה אַרעסטירט און אַוועקגעפיהרט אין לוקסאַנבור.

דאָס דאָזיגע וואָרט „מאַן" האָט זי געזאָגט וועגען פאָרטונע דע-לאַסאַין, אַנ'אַמאָליגער אַריסטאָקראַט און אָפיציער אין דע-בויע'ס פאָלק. ער האָט זי שוין ליעב געהאַט דאַן, ווען זי האָט נאָך געאַרבייט אַלס מאָדיסטין אין לאָמבאַרד-גאַס. ער האָט זי אָבגערעדט פון איהר היים און אַוועקגעפיהרט קיין ענגלאַנד, וואוהין ער האָט עמיגרירט נאָכ'ן 10-טען אויגוסט. דאָס איז געווען איהר געליעבטער; אָבער, רעדענדיג מיט דער מאַמען, האָט זי געפונען פאַר פאַסיגער איהם אָנצורופען „מאַן". זי האָט געטראַכט ביי זיך, אַז די נויט האָט זיי ביידען שוין גענוג פעראייניגט. אַ געמיינזאַמעס אונגליק איז אויך אַמאָל אַ גוטע חופה.

אַ שען ביסעל מאָל האָבען זיי ביידע דורכגעטריבען די נאַכט אויף אַ באַנק אין די פאַרקען פון לאָנדאָן און געקליבען ברעקלעך ברויט אונטער די טישען פון די רעסטאָראַנען אין פיקאַדילי.

די מאַמע האָט נישט געענטפערט און בלויז געקוקט אויף איהר מיט טרויער.

— דו הערסט נישט וואָס איך זאָג, מאַמע? די צייט שטעהט נישט. איך מוז באַלד זעהן עוואַריסט'ען: ער איז דער איינציגער, וואָס קאָן ראַטעווען פאָרטונע'ן.

—זשולי,—האָט די מאַמע זיך אָבגערופען—עס וואָלט גלייכער געווען, דו זאָלסט גאָר נישט רעדען מיט דיין ברודער.

—וואָס הייסט? וואָס זאָגסטו, מאַמע?

— איך זאָג, אַז עס איז אַ סך גלייכער, זאָלסט גאָר נישט רעדען מיט דיין ברודער וועגען הערר דע-שאַסאַין

—מאַמע, איך מוז עס אָבער!

—קינד מיינס, עוואַריסט קאָן נישט מוחל-זיין דעם הערר דע-שאַסאַין, וואָס ער האָט דיך אַוועקגענומען פון דער היים. דו ווייסט דאָך, מיט וואָס פאַר אַ כעס ער פלעגט רעדען וועגען איהם און וועלכע נעמען ער פלעגט איהם געבען.

—יאָ, ער פלעגט איהם רופען „פערפיהרער"—האָט זשולי

געזאָגט מיט אַ ביטערען שמייכעל, דריקענדיג מיט די אַקסלען.

—מיין קינד, ער איז געווען שטערבליך בעליידיגט און האָט בעשלאָסען, קיינמאָל נישט צו רעדען מעהר וועגען דעם הערר דע-שאַסאַין. שוין צוויי יאָהר, ווי ער האָט אפילו אַ וואָרט נישט אַרויסגערעדט נישט וועגען איהם, נישט וועגען דיר. אָבער זיינע געפיהלען האָבען זיך נישט געביטען; דו קאָנסט איהם דאָך' ער וועט אייך נישט מוחל-זיין.

—אָבער מאַמע, פאָרטונע האָט דאָך מיט מיר חתונה-גע-האַט... אין לאָנדאָן...

די אָרימע מוטער האָט אויפגעהויבען אין דער הויך די אויגען און די הענד.

— קינד מיינס, פאַר עוואַריסט'ען איז גענוג, אַז פאָרטונע איז אַנ'אַריסטאָקראַט און אַנ'עמיגראַנט, אום איהם צו בעהאַנדלען, ווי אַ פיינד.

—אָבער זאָג מיר מאַמע: צי גלויבסטו, אַז אויב איך וועל איהם בעטען, ער זאָל עפּעס טהון ביי'ם פּראָקוראָר און ביי'ם „זיכערהייטס-קאָמיטעט" פון פאָרטונע'ס וועגען — וועט ער עס נישט וועלען?... ער וואָלט דאָך געווען אַנ'אמת'ע ווילדע חיה. ווען ער וואָלט זיך אָבגעזאָגט!

— מיין קינד, דיין ברודער איז אַנ'עהרליכער מענש און אַ גוטער זוהן. אָבער בעט עס איהם נישט, בעט נישט ביי איהם, ער זאָל עפּעס טהון פאַר'ן הערר דע-שאַסאַין... הער מיך אויס, זשולי. ער דערצעהלט מיר קיינמאָל נישט זיינע געדאַנקען און מסתמא וואָלט איך זיי נישט געקאָנט פערשטעהן אויך, אָבער ער איז אַ ריכטער... ער האָט זיינע פּרינציפּען; ער טהוט ווי זיין געוויסען הייסט איהם. פערלאַנג פון איהם גאָרנישט, זשולי.

—איך זעה, אַז איצט קענסטו איהם שוין, דו זעהסט שוין אַליין, אַז ער איז אַ קאַלטער גזלן. אָהן שום געפיהל. אַ רשע, וואָס האָט נאָר אַמביציע און זוכט בלויז כבוד. און שטענדיג איז ער ביי דיר געווען בילכער פאַר מיר. ווען מיר האָבען אַלע דריי געלעבט צוזאַמען, פלעגסטו מיר שטענדיג איהם ווייזען, ווי אַ מוסטער. זיין געמאָסטענער גאַנג און זיינע הויכע ווערטער

האָבען דיר אימפּאָנירט און דו פלעגסט זעהן אין איהם אַלע מעלות, מיך אָבער פלעגסטו שטענדיג טאַדלען, פלעגסט געפינען אין מיר אַלץ, וואָס אין קאָרט שטעהט, ווייל איך בין שטענדיג געווען אָפענהערציג און ווייל איך פלעג קלעטערן אויף די בוימער. דו האָסט מיך קיינמאָל נישט געקענט ליידען. נאָר איהם אַליין האָסטו ליעב געהאַט, יאָ, יאָ! איך האָב איהם פיינד תכלית שנאה, דיין עוואַריסט׳ען, ווייל ער איז אַ היפּאָקריט.

— שווייג, זשולי, איך בין געווען אַ גוטע מאַמע פאַר דיר, ווי פאַר איהם. איך האָב דיך געלאָזט אויסלערנען אַ פאַך. נישט פון מיר אָבער איז געווען אָבהענגיג, אַז דו זאָלסט בלייבען אַנ׳אָרענטליך מיידעל און חתונה האָבען אַזוי, ווי עס וואָלט פאַר דיר געפּאַסט. איך האָב דיך צערטליך געליעבט און ליעב דיך נאָך איצט אויך. איך בין דיר מוחל וואָס דו האָסט געטהון און האָב דיך ווייטער ליעב. אָבער רעד נישט קיין שלעכטס פון עוואַריסטע׳ן. ער איז אַ גוטער זוהן. ער האָט שטענדיג געזאָרגט פאַר מיר. ווען דו, מיין קינד, האָסט מיך פערלאָזט, ווען דו האָסט פערלאָזט דיין פאַך, דיין געשעפט און ביזט אַוועק לעבען מיט׳ן הערר דע-שאַסאַין—וואָס וואָלט פון מיר געוואָרען אָהן איהם? איך וואָלט דאָך געשטאָרבען פון דחקות און הונגער.

— רעד נישט אַזוי, מאַמע. דו פערשטעהסט גאַנץ גוט, אַז מיר, פאָרטונע און איך, וואָלטען פאַר דיר אַלץ געטהון, ווען דו וואָלסט זיך נישט אָבגעקעהרט פון אונז דורך עוואַריסט׳ס אינטריגעס. לאָז מיך צורוה! ער איז נישט פעהיג צו גוטע מעשים, און אויב ער האָט עפּיס יאָ געטהון פאַר דיר, איז עס בלויז מיט דער כונה, מיך מאוס צו מאַכען אין דיינע אויגען. ער! ער ליעבט דיך? איז ער דען פעהיג בכלל עמיצען צו ליעבען? ער האָט נישט קיין האַרץ, נישט קיין גייסט און קיין ברעקעל טאַלענט אויך נישט. אום צו זיין אַ מאַלער, דאַרף מען האָבען אַ איידעלערע נשמה, ווי זיינע.

זי האָט אַ קוק געטהון אויף די בילדער, וועלכע זענען געהאַנגען אין אַטעליע, זיי זענען געווען דיזעלבע, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט ביי׳ם אַוועקפאָהרען.

— נאַ, אָט איז זי, זיין נשמה! ער האָט זי אַריינגעלעגט אָט דאָ, אין די שטיקער לייַנוועגט, אַ קאַלטע, אַ פערזויערטע. גיב נאָר אַ קוק אויף זיין אָרעסט, זעה די בהמה׳שע אויגען, דאָס שלעכטע מויל, זעה ווי ער שטעהט ווי אַ פלאָקען—דאָס איז דאָך אינגאַנצען ער... מילא, ווי דאָס איז, מאַמע, אָבער צי דען פערשטעהסטו מיך נישט? איך קאָן דאָך נישט לאָזען פאָרטונע׳ן אין טורמע. די קענסט דאָך זיי, די יאַקאָבינער, די פאַטריאָטען, דאָס גאַנצע געזידעל זיינס. זיי וועלען איהם דער׳הרג׳ענען. ליעבע, טייערע מאַמע, איך וויל נישט, מען זאָל מיר איהם אַוועק׳הרג׳ענען. איך ליעב איהם! איך ליעב איהם! ער איז פאַר מיר אַזוי גוט געוועזען און מיר זענען צוזאַמען אַזוי אונגליקליך געוועזען! נאַ, זעה, אָט דידאָזיגע פעלערינע איז זיינע, איך האָב שוין אפילו קיין העמד נישט געהאַט. פאָרטונ׳עס אַ גוטער פריינד האָט מיר געליהען זיינס אַ רעקעל און איך האָב געאַרבייט אַלס קעלנער־יונגעל אין אַ שענק אין דובר. ער, ווידער, האָט געאַרבייט ביי אַ פריזירער. מיר האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אומקעהרען זיך קיין פראַנקרייך הייסט פאַר אונז ריזיקירען מיט׳ן לעבען! אָבער מען האָט אונז געפרעגט, צי מיר ווילען פאָהרען קיין פאַריז אויספיהרען אַ וויכטיגע שליחות—האָבען מיר מסכים געוועזען... מיר וואָלטען אָנגענומען אַ שליחות אפילו צום טייוועל אַליין. מען האָט אונז געגעבען רייזע־קאָסטען און אַ טשעק צו אַ פאַריזער באַנקיר. די באַנק האָבען מיר געפונען געשלאָסען: דער באַנקיר איז אין טורמע און קירצליך וועט מען איהם קעפען. מיר האָבען אפילו אַ פרוטה ביי דער נשמה נישט געהאַט. אַלע פערזאָנען, מיט וועלכע מיר זענען פריהער געשטאַנען אין בעציהונג און צו וועלכע מיר האָבען זיך געקאָנט ווענדען, זענען אָדער אַנטלאָפען אָדער אַרעסטירט. נישט געוועזען אפילו אַ טהיר, וואו אָנצוקלאַפען. זענען מיר געוועזען אין אַ פערד־שטאַהל אויף דער גאַס „פאַם־סאַן־טעט”. איינער אַ גוט־הערציגער שטיוועל־פוצער, וועלכער איז דאָרט געשלאָפען אויף שטרוי מיט אונז, האָט מיין געליעבטען געליהען איינס פון זיינע קעסטלעך, אַ בערשטעל און אַ פושקע שוך־וואַקס, וואָס איז געוועזען אויף דריי פיערטעל לעדיג. פאָרטונע האָט צוויי

וואָלטען נאָכאַנאַנד פּערדיענט אויף צום לעבען פאַר אונז ביידען פון פוצען שיך אויפ'ן גרעוו-פּלאַץ. אָבער מאָנטאָג האָט איינער אַ מיטגליעד פון דער קאָמונע אַרויפגעשטעלט זיין פוס אויפ'ן קעסטעל און געהייסען אָבפּוצען זיינע שיך. דאָס איז אַ געוועזע-נער קצב, וועלכען פאָרטונע האָט אַמאָל דערלאַנגט אַ בריק אין הינטען דערפאַר, וואָס ער האָט פערקויפט פלייש מיט אַ פאַלשער וואָג. ווען פאָרטונע האָט זיך אויפגעהויבען און געפאָדערט די צוויי סו, וואָס איהם איז געקומען, האָט דער מנוול איהם דער-קענט. ער האָט איהם גערופען „אַריסטאָקראַט” און געדראָהט, אַז ער וועט איהם אַרעסטירען. באַלד האָט זיך צונויפגעקליבען אַנ'עולם, וועלכער איז בעשטאַנען פון אָרענטליכע לייט, אָבער אויך פון עטליכע אויסוואורפען. זיי האָבען געשריען: „אַ טויט דעם עמיגראַנט!” און צוגערופען זשאַנדאַרמען. גראַדע אין דעמזעלבען מאָמענט האָב איך פאָרטונע'ן געבראַכט עסען. איך האָב געזעהען ווי מען האָט איהם אַוועקגעפיהרט אין סעקציע אַריין און פער-שלאָסען אין דער קירך „סען-זשאַן”. איך האָב געוואָלט איהם אַ קוש-טהון, האָט מען מיך אָבער אָבגעשטופּט. די נאַכט האָב איך פערבראַכט, ווי אַ הונד, אויף די טרעפ פון דער קירך... מען האָט איהם אַוועקגעפיהרט ווייטער היינט אין דער פריה.

זשולי האָט נישט געקאָנט ענדיגען, די טרעהרען האָבען איהר געשטיקט.

זי האָט אַוואָרף-געטהון איהר הוט אויף דער פאָדלאָגע און זיך אַוועקגעשטעלט אויף די קניע נעבען דער מוטער'ס פיס.

— מאַמע, — האָט זי געזאָגט — היינט פריה האָט מען איהם אַוועקגעפיהרט אין לוקסאַנבור-טורמע. מאַמע, העלף מיר איהם ראַטעווען! האָב רחמנות אויף דיין טאָכטער!

און אום בעסער אויסצודריקען איהר ליעבע צו דער מוטער, האָט זי וויינענדיג, פונאַנדערגעשפּילעט די פּעלערינע, געעפענט איהר בוזים און, נעהמענדיג דער מוטער'ס הענד, האָט זי זיי צו געדריקט צו איהרע ציטערענדע בריסט.

— מיין טייער קינד, מיין זשולי! — האָט געזאָגט מיט אַ זיפץ

די אלמנה גאמלען און איהר פנים, נאָס פון טרעהרען, האָט זי צוגעדריקט צו די באַקען פון דער יונגער פרוי.

אַ קורצע צייט האָבען זיי ביידע געשוויגען. די אָרימע מאַמע האָט געוואָלט צוטראַכטען אַ מיטעל, ווי אַזוי צו העלפען איהר טאָכטער, און זשולי האָט נאָכגעקוקט מיט אונגעדולד די בליקען פון איהרע פערוויינטע אויגען.

„אפשר — האָט די מוטער געטראַכט וועגען עוואַריסט׳ען, — אפשר, אַז איך וועל מיט איהם איבעררעדען, וועט ער זיך לאָזען בויגען. ער איז דאָך אַ גוטער, אַ מילדער. ווען די פּאָליטיק וואָלט איהם נישט אַזוי הארט געמאַכט, ווען ער וואָלט נישט געווען אונטער׳ן איינפלוס פון די יאַקאָבינער, וואָלט ער נישט געהאַט אין זיך די דאָזיגע שטרענגקייט, וועלכע שרעקט מיך ווייל איך פערשטעה זי נישט.

זי האָט גענומען אין איהרע ביידע הענד זשולי׳ס קאָפּ.

—הער, מיין טאָכטער,—האָט זי געזאָגט,—איך וועל רעדען מיט עוואַריסט׳ען, איך וועל איהם צוגרייטען זיך צו זעהן מיט דיר, דיך אויסצוהערען. וואָרום אַז ער וועט דיך דערזעהן פּלוצלונג, וועט ער אפשר אויפגערעגט ווערען; און איך האָב מורא פאַר זיין ערשטע בעוועגונג... און דערצו נאָך וואָס — איך קען איהם דאָך: די דאָזיגע קליידונג דיינע וועט איהם שאָקירען. ער איז אַ גרויסער מקפיד צו אַלץ, וואָס אַנבעלאַנגט זיטליכקייט און אַנשטענדיגקייט. איך אַליין בין אויך שטאַרק איבערראַשט געווען צו זעהן מיין זשולי אָנגעטהון ווי אַ יונגעל.

—אָה! מאַמע, די עמיגראַציע און די שרעקליכע אונאָרדנונגען אין לאַנד האָבען געמאַכט די דאָזיגע פערשטעלענישען פאַר אַ געוועהנליכע זאַך. מען פערשטעלט זיך, אום צו קאָנען פּראַקטיקירען אַ פאַך, מען זאָל נישט דערקענען און מען זאָל זיך אויך קאָנען בענוצען מיט אַ געליהענעם פּאַס אָדער אַנ׳אַנדער שיין. אין לאָנדאָן האָב איך געזעהן דעם קליינעם זשיריי אין פרויען־קליידער; ער האָט אויסגעזעהן, ווי זעהר אַ שען מיידעל. און דאָס וועסטו דאָך מודה זיין, מאַמע, אַז אַזאַ פערשטעלעניש איז שווערער און ערגער, ווי מיינע.

—מיין ליעב קינד, דו דאַרפסט זיך פאַר מיר נישט פער־ענטפערן נישט פאַר דעם, נישט פאַר אַנדערע זאַכען. איך ביז דיין מאַמע: אין מיינע אויגען וועסטו שטענדיג זיין אונשולדיג איך וועל רעדען מיט עוואַריסט׳ען, איך וועל איהם זאָגען...

זי האָט איבערגעהאַקט איהרע ווערטער: זי האָט זיך דער־מאָהנט, ווער איהר זוהן איז; זי האָט עס אָבער נאָר געפיהלט, אָבער נישט געוואָלט גלויבען, נישט געוואָלט וויסען וועגען דעם.

—ער איז אַ גוטער, ער וועט טהון פאַר מיר... פאַר דיר אַלץ, וואָס איך וועל איהם בעטען.

אוןביידע פרויען זענען געבליבען שטיל און שרעקליך מיעד. זשולי איז ענטשלאָפען געוואָרען; איהר קאָפּ איז געלעגען אויף דיזעלבע קניע, אויף וועלכע זי האָט גערוהט, ווען זי איז אַ קינד געווען. האַלטענדיג דאָס הייליגע פערל־שנירעל אין די הענד, איז די מוטער געזעסען און געוויינט. זי האָט גע־פיהלט, אַז דורך דער רוהיגקייט פון דעם דאָזיגען שניידיגען טאָג, ווען אַלץ איז ענטשוויגען געוואָרען—די טריט, די רעדער, דער הימעל—דערנעהנטערן זיך יסורים און ליידען.

פּלוצלונג האָט זי מיט איהר וואַכזאַמען געהער, וואָס איז פון איהר אונרוהיגקייט נאָך שאַרפער געוואָרען, דערהערט דעם זוהנ׳ס טריט אויף די שטיגען.

—עוואַריסט!—האָט זי אַ זאָג־געטהון—בעהאַלט זיך!

און זי האָט אַריינגעשטופּט איהר טאָכטער צו זיך אין צי־מער.

—וואָס מאַכסטו עפּעס היינט, מאַמעשי?

עוואַריסט האָט אויפגעהאָנגען זיין הוט אויפ׳ן קליידער־הענגער, איבערגעביטען זיין בלויען ראָק אויף אַ אַרבייטס־בלוזע און האָט זיך אַוועקגעזעצט פאַר׳ן בילדער־געשטעל. זייט עטליכע טעג האָט ער געמאָלט מיט קויהל אַ בילד, ווי די געטין פון זיעג בעציערט מיט אַ קראַנץ דעם שטערען פון אַ סאָלדאַט, וואָס איז געפאַלען פאַר׳ן פאָטערלאַנד. ער וואָלט אין דעם דאָזיגען סוזשעט אַריינגעלעגט זיין גאַנצען ענטוזיאַזם, אָבער דער טרי־בונאַל האָט איינגעשלונגען אַלע זיינע טעג, צוגענומען פון איהם

זיין נשמה. זיין האַנד איז שוין אָבגעווענט געווען פון מאָלען, זי איז ביסלעכווייז געוואָרען שווער און פויל.

ער האָט שטיל אונטערגעזונגען „ס׳וועט געהן!״

—דו זינגסט, מיין קינד,—האָט זיך אָבגערופען די בירגע-רין גאַמלען,—דיר איז גוט אויפ׳ן האַרצען.

—מיר דאַרפען פרעהליך זיין, מאַמע: עס איז דאָ גוטע נייעס. וואַנדעע איז צעשלאָגען, די עסטרייכער האָבען געחאַפּט אַ מפּלה. די אַרמעע פון רהיין האָט דורכגעבראָכען דעם פיינדלי-כען פראָנט ביי לאָטערן און וויסעמבורג. ס׳איז נאָהנט דער טאָג, ווען די זיעגערישע רעפּובליק וועט קאָנען ווייזען איהר גרויס-מוטיגקייט און באַרמהערציגקייט. פאַרוואָס זאָל עס די חוצפּה פון די פערשווערער וואַקסען גראַדע דאַן, ווען די רעפּובליק וואַקסט אין קראַפט? פאַרוואָס זאָלען עס די פעררעטער זוכען אין דער פינסטער אַ קלאַפּ צו טהון די רעפּובליק גראַדע דאַן, ווען זי צעשמעטערט די פיינד, וועלכע פאַלען-אָן אויף איהר נישט-פערשטעלטערהייד?

די בירגערין גאַמלען האָט, שטריקענדיג אַ זאָק, געקוקט אויף איהר זוהן פון איבער די ברילען.

— בערזעליוס, דיין אַלטער מאָדעל, איז געקומען נאָך די צעהן ליוור, וואָס דו ביזט איהם שולדיג—האָב איך איהם בע-צאָהלט. די קליינע זשאָזעפין האָט בעקומען בויך-וועהטאָג פון עסען צופיעל איינגעמאַכטס, וואָס דער טישלער האָט איהר גע-געבען. איך האָב איהר געגעבען אַ אָבפיהרונג... דעמאַאי איז גע-קומען דיך זעהן; ער האָט זעהר בעדויערט, וואָס ער האָט דיך נישט געפונען. ער וויל גראַווירען דיינס אַ בילד. דער דאָזיגער וואוילער יונגערמאַן האָט בעקוקט דיינע סקיצען און האָט זיי זעהר געלויבט.

—אַז עס וועט ווידער ווערען שלום און די פערשווערונ-גען וועלען דערשטיקט ווערען, וועל איך מיך ווידער נעהמען צו מיין אָרעסט׳ן,—האָט געזאָגט דער מאַלער.—איך האָב נישט די טבע מיך צו ריהמען, אָבער דאָס איז אַ קאָפּ, וואָס וואָלט געפּאַסט פאַר דאַוויד׳ן.

מיט אַ מאַיעסטעטישען שטריך האָט ער אָנגעצייכענט דעם אָרעם פון זיין „נצחון“-פיגור.

—זי שטרעקט-אויס פּאַלמען—האָט ער געזאָגט—אָבער עס וואָלט שענער געווען, ווען איהרע הענד זאָלען אַליין זיין פּאַל-מען.

—עוואַריסט!

—וואָס איז, מאַמע?

—איך האָב אַ גרוס... טרעף פון ווען...

—איך וויים נישט...

— פון זשולי׳ן... פון דיין שוועסטער... עס געהט איהר נישט גוט...

—עס וואָלט געווען אַ סקאַנדאַל, ווען עס וואָלט איהר יאָ גוט געגאַנגען.

—רעד נישט אַזוי, מיין קינד; זי איז דאָך דיין שוועסטער. זשולי איז נישט קיין שלעכטע; זי האָט אַ גוט האַרץ, וואָס איז אין די צרות נאָך פערשענערט געוואָרען. זי האָט דיך ליעב. איך קאָן דיך פערזיכער׳ן, עוואַריסט, אַז זי שטרעבט צו אַן׳אַרבייטס-זאַמען מוסטער-לעבען, זי טראַכט נאָך צו דערנעהנטערן זיך צוריק צו די אייגענע. וואָלסט, כ׳לעבען, געדאַרפט זיך זעהן מיט איהר. זי האָט חתונה געהאַט מיט פאָרטונע שאַסאַין.

—זי האָט צו דיר געשריבען, מאַמע?

—ניין.

—טאָ ווי אַזוי האָסטו פון איהר בעקומען אַ ידיעה

—נישט דורך אַ בריעף, מיין קינד, נאָר...

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און זי איבערגעהאַקט מיט אַ מורא׳דיגער שטימע:

—שווייג, מאַמע! זאָג מיר נישט, אַז זיי זענען ביידע צו-ריקגעקומען קיין פראַנקרייך... אויב זיי מוזען אומקומען, טאָ זאָל עס כאָטש געשעהן נישט דורך מיר. פון זייערט וועגען, פון דיינט וועגען און אויך פון מיינט וועגען בעט איך דיך, זאָלסט מיר נישט זאָגען, אַז זיי זענען אין פּאַריז... צווינג מיך נישט דאָס צו וויסען... וואָרום, אויב נישט...

— וואָס ווילסטו דערמיט זאָגען, מיין קינד? נישט שוין־זשע וועסטו דיך דערוועגען?...

—הער מיך אויס, מאַמע: ווען איך וואָלט וויסען, אַ שטיי־נער, אַז מיין שוועסטער זשולי געפינט זיך איצט אָט־דאָ אין צימער—(און ער האָט אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף דער פער־מאַכטער טהיר),—וואָלט איך באַלד אַוועק זי מסר'ן אין אויפזיכטס־קאָמיטעט פון דער סעקציע.

די אָרימע מאַמע, בלייך ווי דאָס ווייסע הייבעל אויף איהר קאָפּ, האָט פון איהרע ציטערנדע הענד געלאָזט אַראָבפאַלען די שטריק־אַרבייט, וואָס זי האָט געהאַלטען. זי האָט אַ זיפץ־געטהון און מיט אַ שטימע, שוואַכער פונ'ם שטילסטען מורמעל, האָט זי געזאָגט:

—איך האָב עס נישט געוואָלט גלויבען, אָבער איצט זעה איך עס: דאָס איז אַ ווילד פערזעהעניש...

און אויך אַזוי בלייך, ווי זי, מיט שוים אויף די ליפען, איז עוואַריסט אַרויסגעלאָפען פון שטוב. ער איז אַוועק צו עלאָדי'ן, וואו ער האָט זיך געוואָלט פערגעסען, זיך איינשלעפערן, בעפי־נען דאָרט דעם זיסען פאַרגעשמאַק פון נישט־זיין...

XIX.

בעת דער פאָטער לאַנגמאַר און דאָס גאַסען־מיידעל אַטע־נאַאיס זענען אויסגעפרעגט געוואָרען אין דער סעקציע, איז בראָטאָ אַוועקגעפיהרט געוואָרען צווישען צוויי זשאַנדאַרמען אין לוקסאַנבור־טורמע. דאָרט אָבער האָט דער טויער־וועכטער זיך אָבגעזאָגט איהם אָנצונעהמען, ערקלערענדיג, אַז ס'זענען שוין קיין ערטער נישטאָ. דער געוועזענער פינאַנסיסט איז דעריבער אָבגעפיהרט געוואָרען אין דער קאָנסיערזשערי. מען האָט איהם אַריינגעפיהרט אין קאַנצעלאַריע, זעהר אַ קליין צימערל, וואָס איז געווען צוטיילט אויף דער העלפט דורך אַ דין ווענדטעל מיט שויבען. בעת דער שרייבער האָט פערשריבען זיין נאָמען אין אַרעסט־בוך, האָט בראָטאָ דערזעהן דורך די שויבען, ווי צוויי מענשען ליעגען אויף שלעכטע מאַטראַצען אונבעוועגליך, ווי טויטע, מיט אַזעלכע פערגליווערטע אויגען, אַז זיי האָבען, דאַכט זיך גאָרנישט געזעהן. אַרום זיי, אויף דער פאָדלאָגע, האָט זענען געלעגען טעלער, פלעשלעך, ברויט און פלייש. זענען געוועזן פער'משפט'ע צום טויט, וועלכע האָבען געוואַרט אויף דער פוהר.

דער געוועזענער אַריסטאָקראַט דעז־אילעט איז אריינגעפיהרט געוואָרען אין אַ פינסטערע קאַמער, וואו ער האָט ביים שיין פון

דער לאַמטערנע דערזעהן צוויי פיגורען, וועלכע זענען געלעגען
אויסגעצויגען. איינע פון די פיגורען איז געווען עפּיס אַ שוידער-
ליכע, אַ צוקאַליעטשעטע און עקעלהאַפטע; די צווייטע — אַ גראַ-
ציעזע און מילדע. די דאָזיגע ביידע אַרעסטירטע האָבען איהם
געשאָנקען אַביסעל פון זייער פערפוילטען שטרוי, פול מיט
ווערים, ער זאָל נישט דאַרפען ליעגען אויף דער הוילער
ערד, וועלכע איז בעדעקט געווען מיט שמוץ. בראָטאָ האָט
אין דער דאָזיגער פער'עפּוש'טער פינסטערניש זיך אַוועקגע-
לעגט אויף אַ באַנק און איז אַזוי געבליבען ליעגען שטיל און
אונבעוועגליך, מיט'ן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנד. זיינע
יסורים זענען געווען אַזוי גרויס, אַז ער וואָלט דעם קאָפּ אָן
וואַנד זיך צושלאָגען, ווען ער וואָלט נאָר געהאַט כח דערצו.
ער האָט נישט געקאָנט דעם אָטעם אָבחאַפּען. זיינע אויגען זענען
עפּיס אַזוי ווי פערשלייערט געוואָרען. אַ לאַנג גערויש, אַ רוהיגעס,
ווי די שטילקייט אַליין, האָט איהם פערחאַפּט דעם קאָפּ. ער
האָט געפיהלט, אַז עפּיס באָדט ער זיך אינגאַנצען אין אַ פערגלי-
ווערטען תהו ובהו. אין פערלויף פון איין סעקונדע, אַנ'אונבּער-
גלייכבאַרער סעקונדע, האָט אַלץ איהם אויסגעזעהן צו זיין האַר-
מאָניש, ליכטיג, קלאָר, שמעקעדיג, זיס. דערנאָך האָט ער אויפ
געהערט צו עקזיסטירען.

ווען ער איז ווידער געקומען צו זיך, איז דער ערשטער
געדאַנק, וואָס איז איהם אַריין אין קאָפּ, געווען: אַ שאָד, וואָס
די חלשות איז שוין אַריבער! זענענדיג אַ פילאָזאָף אפילו אין דער
מורא'דיגסטער פערצווייפלונג, האָט ער אַ טראַכט-געטהון, אַז איי-
דער מען שיקט איהם צו דער גיליאָטינע, וואָלט ער, כ'לעבען,
בעדאַרפט אַראָבגעהן אונטער דער טורמע און זיך דאָרט אַראָבלאָ-
זען אין דעם שמוציגען גרוב, כדי דורכצומאַכען די שאַרפסטע
איבערלעבונג, וואָס זיינע חושים האָבען ווען ס'איז געקאָנט פיה-
לען. ער האָט געמאַכט אָנשטרענגונגען ווידער אריינצופאַלען אין
אַ חלשות-צושטאַנד, אָבער דאָס איז איהם נישט געלונגען; פער-
קעהרט, ביסלעכווייז האָט ער נאָך שטאַרקער גענומען שפּירען,
ווי די פער'עפּוש'טע לופט פון קאַזעמאַט דרינגט אַריין אין זיינע

לונגען צוזאַמען מיט דער וואַרימקייט פונ׳ם לעבען און ברענגט איהם אַלץ מעהר און מעהר דאָס בעוואוסטזיין פון זיין פער־ יתומ׳טקייט און עלענד.

דערוויילי אָבער האָבען זיינעביידע חברים געהאַלטען זיין שטיל־שווייגען פאַר אַ שווערע בעליידיגונג געגען זיך. בראָטאָ, וועלכער איז בטבע געווען אַ געזעלשאַפטליכער מענש, האָט גע־ פרובט צופריעדענשטעלען זייער נייגיעריגקייט; אָבער ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז ער איז דאָס, וואָס מען רופט „אַ פּאָ־ ליטישער", ד. ה. איינער פון יענע, וועלכע זינדיגען בלויז מיט רעדען אָדער מיט טראַכטען, האָבען זיי פערלאָרען פאַר איהם יעדע אַכטונג און סימפּאַטיע. זיי, די ביידע אַרעסטאַנטען, האָבען געהאַט צו ענטפערן פאַר מעהר בכבוד׳יגע מעשים: דער עלטע־ רער איז געווען אַ מערדער, דער צווייטער האָט געמאַכט פאַלשע אַסיגנאַציעס. זיי האָבען ביידע זיך איינגעלעבט מיט זייער לאַ־ גע און זענען געווען פון איהר אין אַ געוויסער מאָס אפילו צו־ פריעדען. בראָטאָ האָט פּלוצלונג אַ טראַכט־געטהון, אַז איבער זיין קאָפּ איז דאָ בעוועגונג, גערויש, ליכט און לעבען און אַז די שענע העגדלעריגס, וואָס שטעהען ביים געריכטס־פּאַלאַץ היגטער זייערע טישען מיט פּאַרפום־ און גאַלאַנטערי־סחורות, שמייכלען צו די גליקליכע, פרייע פאַרביגעהער — און דער דאָזיגער געדאַנק האָט נאָך גרעסער געמאַכט זיין פערצווייפלונג.

עס איז געוואָרען נאַכט. אין דער פינסטערניש און שטיל־ קייט פונ׳ם קאַזעמאַט האָט מען איהר אָנקומען נישט געפיהלט, אָבער דאָך האָט זיך געלאָזט שפּירען איהר שווערקייט און או־ מער. מיט איין פוס אויסגעצויגען אויף דער באַנק און מיט׳ן רוקען צו דער וואַנד איז בראָטאָ אַנטשלאָפען געוואָרען. איהם האָט זיך גע׳חלום׳ט, אַז ער זיצט נעבען אַ געדיכטען דעמבע־בוים, אי־ בער וועלכען עס זינגען פויגעלעך; די אונטערגעהענדע זון האָט בעשאָטען דעם טייך מיט פליסענדע פלאַמען און די ברעגען פון די וואָלקענס זענען געווען פורפור־רויט. די נאַכט איז פאַרביי־ געגאַנגען. אַ הייסער פיבער האָט איהם געפּייניגט; מיט דורשט האָט ער געטרונקען וואַסער פון אַ קרוג, אָבער דאָס האָט נאָך

זיין דורשט פּערגרעסערט.

אויף מאָרגען האָט דער שומר, בּרענגענדיג עסען, צוגע-זאָגט בּראָטאָ׳ן, אַז פאַר געלד וועט ער איהם געבּען אַ בּעסער צימערל באַלד ווי עס וועט נאָר ווערען פריי אַנ׳אָרט, און דערויף וועט מען לאַנג נישט דאַרפען וואַרטען. און ווירקליך, אויף איבּערמאָרגען האָט ער דעם אַמאָליגען פינאַנסיסט אַרויסגע-בּעטען פון זיין קאַזעמאַט. מיט יעדען טרעפּ, וואָס בּראָטאָ האָט זיך אויפגעהויבּען, האָט ער געפיהלט אין זיך אַלץ מעהר קראַפט און לעבּען, און ווען ער איז אַרויפגעגאַנגען אויבּען און דער-זעהן אויף דער רויטער פּאָדלאָגע אַנ׳אַלטע שלאָף-באַנק, בּע-דעקט מיט אַ קלאָגעדיגער וואָלענער קאָלדרע, האָט ער זיך שיער נישט פונאַנדערגעוויינט פון שמחה. דאָס בּעגולטע בּעט מיט די אויסגעשניצטע טייבּעלעך, וואָס ער האָט אַמאָל געלאָזט מאַכען פאַר דער שענסטער טענצערין פון דער אָפּעראַ, האָט זיך איהם נישט פאָרגעשטעלט אַזוי אָנגענעהם און פּרעכטיג.

די שלאָף-באַנק איז געשטאַנען אין אַ גרויסען, גאַנץ ריינעם זאַל צוזאַמען מיט נאָך זיבּעצעהן אַזעלכע בּענק, וועלכע זענען איינע פון דער צווייטער אָבּגעטיילט געווען מיט הויכע בּרעטער. די געזעלשאַפט, וועלכע האָט אין דעם דאָזיגען צימער געוואוינט, איז בּעשטאַנען פון אַלערליי עלעמענטען—געוועזענע אַריסטאָקראַ-טען, הענדלער, באַנקירען, בּעלי-מלאכות—און איז גאַנץ גוט גע-פעלען געוואָרען דעם אַמאָליגען פינאַנסיסט, וואָרום ער האָט גע-קאָנט דורכקומען מיט אַלערליי מענשען. ער האָט בּעמערקט, אַז די דאָזיגע לייט, וועלכע זענען, פּונקט ווי ער, בּערויבּט פון פריי-הייט און פון גליק און וואַרטען אפשר אויפ׳ן תליג׳ס האַנד, זע-נען גאָר פרעהליך און ווייזען אַרויס אַ שטאַרקען חוש צו לצנות. אָבּער אַזוי ווי ער פלעגט בּכלל נישט קריגען קיין התפעלות פון מענשען, האָט ער די דאָזיגע פרעהליכקייט זיך ערקלערט דערמיט, וואָס די מענשען זענען מסתמא זעהר לייכטזיניג און קאָנען נישט גוט בּעטראַכטען זייער לאַגע. די דאָזיגע מיינונג איז בּיי איהם נאָך פעסטער געוואָרען, ווען ער האָט בּעמערקט, אַז די אינטע-ליגענטערע צווישען זיי זענען טאַקי שטאַרק אומעדיג און פּער-

טרויערט. ער האָט אינגיכען דערזעהן, אַז די דאָזיגע פרעהליכקייט נעהמט זיך צום גרעסטען טייל פון טרינקען בראָנפען און דערי־בער טאַקי איז זי אַזאַ זאָרגלאָזע, דערגעהענדיג אָפטמאָל ביז משוגעת. נישט אַלע זענען געווען מוטיגע און דרייסטע, אָבער אַלע פונדעסטוועגען האָבען מוטיגקייט און דרייסטקייט אַרויסגע־וויזען. בראָטאָ איז דערפון נישט געווען איבערראַשט: ער האָט געוואוסט, אַז מענשען זענען זיך גערן מודה אין זייער גרויזאַמ־קייט, אין זייער כעס, אפילו אין זייער קמצנות, אָבער קיינמאָל נישט אין זייער פחדנות, וואָרום דאָס וואָלט זיי געשטעלט, סיי צווישען ווילדע מענשען, סיי אין אַ ציוויליזירטער געזעלשאַפט, אין אַ טויט-געפאַהר. און דעריבער טאַקי—האָט ער זיך געטראַכט—זענען אַלע פעלקער העלדישע און אַלע אַרמעען בעשטעהען בלויז פון טאַפּפערע סאָלדאַטען.

אָבער נאָך מעהר פונ'ם ווייַן און בראָנפען האָט די אַרע־סטירטע פערטויבט און פער'שכור'ט דאָס גערויש פונ'ם געוועהר און פון די שליסלען, די קלאַפּעריי פון די שלעסער, די אויסגע־שרייען פון די וואַך-סאָלדאַטען און די טראַפּעניייערי פון די בירגער ביי די טהירען פון טריבונאַל. דאָס אַלץ האָט זיי אַריינגעוואָרפען אָדער אין מעלאַנכאָליע אָדער אין ווילדער צערייצטקייט. נישט איי־נער האָט זיך דאָרט מיט אַ גאָל-מעסער דעם האַלז איבערגעשניטען אָדער זיך אַרויסגעוואָרפען דורכ'ן פענסטער.

אין דריי טעג אַרום נאָכדעם ווי מען האָט איהם אַריינגע־זעצט אין נייעם צימער, האָט בראָטאָ זיך דערוואוסט, אַז דער פאָטער לאָנגמאַר ליעגט אויף פערפוילטען שטרוי, וואָס איז פול מיט ווערים, צוזאַמען מיט גנבים און מערדער. ער האָט אויסגע־פועל'ט, אַז מען זאָל איהם אַריינגעהמען צו איהם אין צימער, וואו עס איז געוואָרען פריי אַנ'אָרט. אַזוי ווי ער האָט זיך אָנ־גענומען צו צאָהלען פאַר'ן גייסטליכען, האָט דער אַמאָליגער פי־נאַנסיסט, נישט האָבענדיג ביי זיך קיין גרויסען קאַפּיטאַל, זיך געקליגט צו מאַכען פאָרטרעטען פאַר אַ רענדעל אַ שטיק. דורך דער פערמיטלונג פון די היטער האָט ער זיך איינ־געשאַפט שוואַרצע רעהמלעך אויף איינצופאַסען קליינע אויסאַר־

בייטונגען פון האָר, וועלכע ער פלעגט מאַכען זעהר געשיקט. אין אַ געזעלשאַפט פון מענשען, וועלכע האָבען געזוכט צו לאָזען נאָך זיך אָנדענקונגען, זענען אַזעלכע אויסאַרבייטונגען געווען זעהר אָנגעלעגט.

דער פאָטער לאַנגמאַר האָט זיך געהאַלטען פעסט און מוטיג מיט האַרץ און גייסט. וואַרטענדיג אויף זיין פּראָצעס, האָט ער דערווייל צוגעגרייט זיין פערטיידיגונג. ער האָט נישט אָבגעטיילט זיינע אינטערעסען פון די אינטערעסען פון דער קירך און דעריבער האָט ער זיך מכין געווען צו דערלאַנגען די ריכטער אַ צעטעל פון אַלע סקאַנדאַליעזע זאַכען, וועלכע זענען בעגאַנגען געוואָרען געגען דער קירך זינט מען האָט אַרונטערגענומען די גייסטליכע אונטער דער ציווילער השגחה. ער האָט זיך פאָרגענומען צו געבען אַ גענויע שילדערונג, ווי אַזוי פראַנקרייך, די עלסטע טאָכטער פון דער קאַטוילישער קירך, פערפיהרט געגען דעם פויבסט אַ גאָט-לעסטערישע מלחמה; ווי אַזוי די גייסטליכקייט ווערט בע׳גזל׳ט, פערגוואַלטיגט און אויף אַ העסליכען אופן אונטערגעוואָרפען אונטער דער וועלטליכער מאַכט. די מיטגליעדער פון די גייסטליכע אָרדענס, וועלכע זענען די אמת׳ע וואַך פון כריסטוס׳ן, ווערען בערויבט און צעיאָגט. ער האָט ציטירט ווערטער פון גרעגואַר דעם גרויסען און פון דעם הייליגען איריענעאוס, ער האָט געבראַכט פיעל אַרטיקלען פונ׳ם קאַנאָנישען רעכט און גאַנצע פּאַראַגראַפען פון פיעל פויבסטליכע דעקרעטען.

גאַנצע טעג פלעגט ער זיצען ביי זיין בעטעל און שרייבען אויף די קניע, איינטונקענדיג ביז צו די האָר אַנ׳אַלטען, אויסגענוצטען גענזען-פעדער אין טינט, אין אָבגעשטאַנענער קאַווע, מיט אַ נישט-לעזבאַרען כתב האָט ער בעשריבען פּאַפּירען פון ליכט, פּאַק-פּאַפּירען, צייטונגען, הילעס פון ביכער, אַלטע בריעף, אַלטע חשבונות, שפּיעל-קאָרטען. ער האָט שוין געטראַכט אפילו אויסצונוצען דערצו זיין אייגען העמד נאָכדעם ווי ער וועט עס אָנקראָכמעלען. בלעטעל צו בלעטעל האָט ער געזאַמעלט, און ווייזענדיג עמיצען דאָס דאָזיגע אונשיפּרירבאַרע געמעלעכץ, פלעגט ער זאָגען:

—ווען איך וועל מיך שטעלען פאַר די ריכטער, וועל איך זיי פערפלייצען מיט ליכטיגקייט.

און איינמאָל, ווען ער האָט מיט צופריעדענהייט אַ בליק-געטהון אויף זיין פערטיידיגונגס-מאַטעריאַל, וואָס האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען, און דערביי זיך דערמאָהנט אָן די ריכטער, וועלכע ער האָט אַזוי געגאַרט צו פערשעמען, האָט ער אויס געשריען:

—איך בין זיי נישט מקנא. איך וואָלט נישט געוואָלט זיין אויף זייער אָרט.

די אַרעסטירטע, וועלכע דאָס שיקזאַל האָט צונויפגעקלי-בען אין דעם דאָזיגען קאַזעמאַט, זענען געווען אָדער ראָיאַליסטען אָדער פעדעראַליסטען; ס'איז דאָרט אפילו געווען איין יאַקאָבי-נער אויך. זיי האָבען געהאַט די פערשיעדענסטע מיינונגען וועגען דעם, ווי אַזוי די מלוכה צו פיהרען, אָבער קיין איינער פון זיי האָט נישט געהאַט אפילו אַ שפור פון קריסטליכען גלויבען. סיי די פעליאַנטינער, סיי די קאָנסטיטוציאָנאַליסטען, סיי די זשי-ראָנדיסטען האָבען, פונקט ווי בראָטאָ, איינגעפונען, אַז דער רבונו של עולם איז פאַר'ן פאָלק אויסגעצייכענט, פאַר זיי אָבער — שלעכט. די יאַקאָבינער האָבען פערביטען דעם אַלטען גאָט אויף זייער אַנ'אייגענעם גאָט, אַ עבֿט-יאַקאָבינישען, כדי דער יאַקאָבי-ניזם זאָל אַראָבקומען אויף דער ערד פון אַ וואָס-העכערען אָרט. און אַזוי ווי קיין איינער פון זיי האָט נישט געקאָנט בעגרייפען, ווי אַזוי אַ מענש מיט שכל גלויבט עס אין אַ רעליגיע פון ענט-פלעקונג, און זעהענדיג דערביי, אַז דער פאָטער לאָנגמאַר איז פונדעסטוועגען אַ מענש מיט קאָפּ, האָבען זיי נישט אַנדערש פער-שטאַנען, אַז ער מוז זיין אַ שווינדלער: מסתמא וויל ער, מען זאָל איהם האַלטען פאַר אַ מערטירער, דעריבער קאָקעטירט ער אַזוי מיט זיין פרומקייט. און וואָס מעהר ער האָט אַרויסגעוויזען אויפריכטיגקייט, דעסטאָ מעהר האָט ער זיי אויסגעזעהן ווי אַ אָבנאַרער.

אומזיסט האָט בראָטאָ ערב געווען פאַר דעם גייסטליכען'ס אויפריכטיגקייט: איהם אַליין, בראָטאָ'ן, האָט מען אויך נישט

איגנאנצען געגלויבט אין אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט. זיינע אי-דעען זענען געווען עפּעס צו מאָדנע, אום מען זאָל גלויבען, אַז זיי זענען נישט קיין אָנשטעל, און דעריבער האָבען זיי קיינעם נישט צופּריעדענגעשטעלט איגנאַנצען. וועגען זשאַן-זשאַק רוסאָ פלעגט ער רעדען, ווי וועגען אַ ווייסען חברה'ניק; פערקעהרט, וואָלטער'ן פלעגט ער שטעלען אין איין ראַנג מיט די געטליכע מענער, אָבער נישט פערגלייכענדיג איהם פונדעסטוועגען מיט'ן ליעבען העלוועציוס, מיט דידראָ'ן, מיט'ן באַראָן האָלבאַך. לויט זיין מיינונג איז דער גרעסטער געניוס פון דעם יאָהרהונדערט געווען בולאַנזשע. ער האָט אויך זעהר פיעל געהאַלטען פונ'ם אַסטראָ-נאָם לאַלאנד און פון דעם פּערפאַסער פונ'ם „מעמאָריאַל איבער די שטערן-גרופּען" דיפּיאי. איבער דעם באַרנאַביט האָבען די לצנים פון דער קאָמפּאַניע זיך גאַנץ גענוג גע'חכמה'ט, אָבער ער האָט זיך נישט געמאַכט וויסענדיג דערפון: זיין אויפריכטיגע פרומקייט איז בייגעשטאַנען געגען אַלץ.

כדי צו פערטרייבען די דאגות, וועלכע האָבען זיי געפּיי-ניגט, און אום נישט צו זיצען לעדיג, פלעגען די אַרעסטירטע שפּיעלען אין דאַמען, אין קאָרטען, אין צייכענס. קיין מוזיק-אינסטרומענטען האָט מען ביי זיך נישט געטאָרט האָבען. נאָכ'ן אָווענד-ברויט פלעגט מען זינגען, דעקלאַמירען. וואָלטער'ס „די בתולה" האָט אַריינגעבראַכט אַ ביסעל פרעהליכקייט אין די הער-צער פון די דאָזיגע אונגליקליכע, וועלכע זענען נישט מיעד געוואָרען צו הערען לייענען די שענע ערטער פון דער פּאָעמע. אָבער, נישט קאָנענדיג זיך בעפרייען פון דעם מורא'דיגען גע-פיהל, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצעלט אין זייערע הערצער, פלעַ-גען זיי זיך שפּיעלען אָפטמאָל אין אַ רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל. די ראָליען פלעגען פונאַנדערגעטיילט ווערען לויט די פעהיגקיי-טען און נייגונגען פון יעדען איינציגען. איינע פלעגען פאָרשטע-לען די ריכטער און דעם בעשולדיגער; אַנדערע—די בעשולדיג-טע אָדער די עדות, יענע—דעם תלין און זיינע משרתים. די „פּראָצעסען" פלעגען תמיד זיך ענדיגען מיט'ן „היגריכטען" דעם בעשולדיגטען, וועלכען מען פלעגט אויסציהען אויף אַ בעט און

אויעקלעגען אַ ברעטעל איבער׳ן האַלז. דערנאָך פלעגט מען פאַר-שטעלען דעם גיהנום. די ריהרעוודיגסטע פון דער קאָמפּאַניע פלע-גען זיך איינוויקלען אין ליילעכער און פאַרשטעלען מיט זיך גייסטער. איינער אַ יונגער אַדוואָקאַט פון באָרדאָ מיט׳ן נאָמען דיבאָ, אַ קליינער אַ שוואַרצער, אַ קורצזיכטיגער, אַ הויקערדיגער, מיט אויסגעקרימטע פיס, מיט איין וואָרט—אַ שלים-מזל׳ד״גער קאַ-ליקע, פלעגט זיך פערשטעלען פאַר אַ טייוועל מיט הערנער, צו-געהן צום פּאָטער לאַנגמאַר׳ס בעטעל און נעהמען ציהען דעם בייסטליכען פאַר די פיס, אָנזאָגענדיג איהם, אַז ער איז פער׳-משפט אייביג צו ברענען אין גיהנום דערפאַר, וואָס ער האָט דעם רבונו של עולם פערוואַנדעלט אין עפּעס אַ נאַריש און בייז וועזען, וואָס איז אַ פיינד פון ליעבע און פרייד.

—אַהאַ!—פלעגט שרייען מיט אַ מורא׳דיגען קול דער „טיי-וועל״—דו האָסט געפרעדיגט, אַלטער תרח, אַז גאָט האָט ליעב צו זעהן, ווי זיינע בעשעפענישען פייניגען זיך און זאָגען זיך אָב פון די בעסטע פערגעניגענס. טאָ נעהם זשע, דו אָבנאַרער, הי-פּאָקריט, שווינדלער, און זעץ זיך אויף טשוועקעס און עס איי-ביג שאָלעכץ פון אייער!

דער פּאָטער לאַנגמאַר פלעגט זיך בעגנוגענען מיט ענטפערן דערויף, אַז דורך אַזאַ טייוועל זעהט מען אַרויס דעם פילאָזאָף און אַז דער מינדעסטער אמת׳ער טייוועל פון גיהנום וואָלט פונ-דעסטוועגען נישט גערעדט אַזוי פיעל נאַרישקייטען, וואָרום יע-נער איז מסתמא אַ ביסעל בע׳הבנ׳ט אין טעאָלאָגיע און איז נישט אַזאַ עם-הארץ, ווי אַן׳ענציקלאָפּעדיסט.

אָבער דערפאַר, ווען דער זשיראָנדיסטישער אַדוואָקאַט פלעגט איהם רופען „קאַפּוצינער״, פלעגט דער פּאָטער לאַנגמאַר רויט ווערען פון כעס און פלעגט זאָגען, אַז אַ מענש, וואָס ווייס נישט אונטערצושיידען צווישען אַ בערנאַביט און אַ פראַנציסקאַנער, וועט ישט קאָנען אויסגעפינען אפילו אַ פליעג אין מילך.

דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל האָט געהאַלטען אין איין אויסלעדיגען די טורמעס, וועלכע די קאָמיטעטען האָבען כסדר

אָנגעפילט: אין אַ משך פון דריי חדשים איז דאָס צימער פון די אַכטציעהן אויף העלפט בענייט געוואָרען מיט פּאַנס־אָנערען. דער פּאָטער לאָנגמאַר האָט שוין זיין „טייוועל״ פערזינדיגט. דער אַד־וואָקאַט דיבאָ איז געשטעלט געוואָרען פאַר׳ן רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל און פער׳משפּט געוואָרען צום טויט אַלס פעדעראַליסט, פאַר מאַכען אַ פערשווערונג געגען דער איינהייט פון דער רעפּו־בליק. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון טריבונאַל, איז ער דורכ־געגאַנגען, ווי אַלע פער׳משפּט׳ע, דורך דעם קאָרידאָר פון דעם זעלבען צימער, וועלכעס ער האָט דריי חדשים צייט בעלעבט מיט זיין פרעהליכקייט. בעת ער האָט זיך געזעגענט מיט זיינע חברים, האָט ער געהאַט דעם זעלבען לייכטען טאָן און די זעל־בע פרעהליכע מינע, ווי פריהער.

—ענטשולדיגט מיר, מיין הערר,—האָט ער זיך אָנגערופען צום פּאָטער לאָנגמאַר—וואָס איך האָב אייך געצויגען פאַר די פיס פון בעט. מעהר וועל איך עס שוין נישט טהון.

און ווענדענדיג זיך צום אַלטען בראָטאָ, האָט ער געזאָגט:

—אַדיע, איך בין אייך מקדים מיט׳ן אַריינטרעטען אינ׳ם נישט־זיין... גאַנץ גערן גיב איך אָוועק דער נאַטור די עלעמענ־טען, פון וועלכע איך בין צוזאַמענגעשטעלט. איך ווינש איהר נאָר, אַז אין דער צוקונפט זאָל זי די דאָזיגע עלעמענטען בע־סער פערניצען, וואָרום מען מוז מודה זיין, אַז בנוגע צו מיר איז איהר עס גאָר שלעכט געראָטען.

און ער איז אַראָבגעגאַנגען אין קאַנצעלאַריע. בראָטאָ איז געבליבען שטעהן אַ דערשלאָגענער. דער פּאָטער לאָנגמאַר האָט געציטערט, ווי אַ בלאַט. ער איז געווען מעהר טויט ווי לעבעדיג, זעהענדיג ווי דער דאָזיגער גאָטלאָזער מענש לאַכט ביי׳ם ברעג פון אָבגרונד.

ווען ס׳איז געקומען זשערמינאַל *) און די טעג זענען גע־

*) דער זיעבעטער מאָנאַט פון רעפּובּליקאַנישען קאַלענדאַר — פון 21־טען מערץ ביז׳ן 16־טען אפּריל.

ווארען שען, האט בראטא גענומען אראבגעהן עטליכע מאל אין טאג אין הויף, וועלכער האט זיך געגרעניצט מיט דער פרויען-אבטיילונג. דארט פלעגען יעדען פריהמארגען קומען די פרויען וואשען זייער וועש ביי'ם ברונעם. דיביידע אבטיילונגען זענען געווען פונאנדערגעטיילט מיט אייזערנע שטאכעטען פון ביידע זייטען, אבער די שטאכעטען זענען געווען צו-נאהנט פון אייגאנאנדער, אום מען זאל זיך דורך זיי נישט קאנען דערלאנגען די הענד און פעראייניגען די ליפען... אונטער'ן שוץ פון די מילדע נעכט פלעגען זיך דארט צוזאמענטרעפען פארלעך. דאן פלעגט בראטא בשתיקה זיך ארויסהאפען אויף די שטיגען; ער פלעגט זיך זע-צען אויף א טרעפעל און, ארויסנעהמענדיג פון קעשענע זיין אל-טען לוקרעציוס, פלעגט ער נעהמען לעזען ביי'ם שיין פון א לאמ-טערנע די שטרענגע, אבער טרייסטענדע ווערטער. „סיק אובי נאן קרימוס... ווען מיר וועלען שוין האבען אויפגעהערט צו לעבען, וועט שוין קיינזאך אונז נישט קאנען מעהר ריהרען, אפילו נישט דער הימעל, די ערד און דער ים צוזאמען..." אבער קוויקענדיג זיך מיט די דאזיגע געדאנקען, האט בראטא טיעף אין הארצען דאך מקנא געווען דעם בארנאביט זיין משוגעת, וועלכע האט פאר זיינע אויגען פערשטעלט די גאנצע וועלט.

דער טעראר האט מיט יעדען חודש געהאלטען אין איין וואקסען. יעדע נאכט פלעגען שכור'ע טורמע-וועכטער געהן צוזא-מען מיט זייערע הינד פון איין קאזעמאט צום צווייטען. זיי פלע-גען ברענגען די בעשולדיגונגס-אקטען, אויסשרייענדיג די נעמען אויף א צעקאליעטשעטען אופן, און פלעגען אויפוועקען אלע ארע-סטירטע. צוליעב צוואנציג פערצייכענטע קרבנות פלעגען זיי אי-בערשרעקען צוויי הונדערט אנדערע. אין די דאזיגע קארידארען, וועלכע זענען געווען פול מיט בלוטיגע שאטענס, פלעגען יעדען טאג דורכגעהן, אהן א קרעכץ אפילו, א צוואנציג, דרייסיג, פופציג פער'משפט'ע—אלטע לייט, פרויען, קינדער, און זיי אלע זענען געווען אזוי פערשיעדען לויט'ן שטאנד, כאראקטער און געפיהלען, אז נישט ווילענדיג האט מען זיך געפרעגט, צי מען האט אויף זיי אלעמען נישט געווארפען א גורל.

און מען האָט געשפּיעלט אין קאָרטען, געטרונקען בורגאָין-ווײַן, פּראָיעקטירט פּלענער, געמאַכט ראַנדעוואו׳ען בײַנאַכט בײַ די שטאַכעטען... די געזעלשאַפט איז שוין געווען כמעט אינגאַנ-צען בענייט און איז אין איהר גרעסטען טייל איצט בעשטאַנען פון היציגע און פערביסענע עלעמענטען. אָבער דאָס צימער פון די אַכטצעהן איז פונדעסטוועגען געבליבען, ווי פריהער, אַנ׳אָרט פון עלעגאַנץ און פון גוטען טאָן — אויסער צוויי אַרעסטירטע, וועלכע מען האָט לעצטענס אַהין אַריבערגעפיהרט פון דער לוק-סאַנבור-טורמע און וועלכע מען האָט חושד געווען, אַז זיי זע-נען שפּיאָנען: די בירגער נאַוועט און בעליע — אויסער זיי זענען דאָרט געווען בלויז אָרענטליכע מענשען, וואָס האָבען איינער דעם צווייטען אַרויסגעוויזען צוטרוי. מיט כוסות אין די הענד פלעגט מען דאָרט פייערן די נצחונות פון דער רעפּובליק. ווי אין יע-דער געזעלשאַפט פון מענשען, וואָס טהוען גאָרנישט, האָבען זיך אויך דאָרט געפונען עטליכע פּאָעטען. דער פּעהיגסטער פון זיי פלעגט פערפאַסען גאַנצע אָדעס לכבוד די נצחונות פון דער רהיין-אַרמעע, און די דאָזיגע אָדעס פלעגען שטאַרק אַפּלאָדירט ווערען. בלויז אײַן בראָטאָ פלעגט נישט איבעריג שטאַרק לויבען סײַ די זיעגער, סײַ די פּאָעטען.

—פון האָמער׳ס צײַטען אָן—האָט ער אַמאָל געזאָגט—האָ-בען די פּאָעטען בעקומען עפּעס אַ מאָדנעם חשק צו בעזינגען דעם קריעגער. אין דער מלחמה שטעקט אָבער קיין שום קונסט נישט. דער רעזולטאַט פון אַ שלאַכט הענגט-אָב בלויז פון׳ם צו-פאַל. פון צוויי גענעראַלען, וועלכע שטעהען איינער געגען צוויי-טען, מעגען זיי ביידע זײַן אין אַ גלייכער מאָס נאַריש און טעמפּ, וועט איינער מוזען בלייבען זיעגער. איהר מעגט זיכער זײַן, אַז סוף-כל-סוף וועט איינער פון די דאָזיגע שווערדען-קלינגער, וועל-כע איהר פערגעטערט אַזוי, אייך אַלעמען אײַנשלינגען, ווי יע-נער שטאָרך פון דער פאַבעל, וואָס שלינגט אײַן די פרעש. דאַן וועט ער ערשט אויף אַנ׳אמת ווערען אַ גאָט! וואָרום געטער האָ-בען אַ ידיעה אין אַפּעטיט...

בראָטאָ פלעגט קיינמאָל נישט נתפּעל ווערען פון וואָפען-

העלדישקייט. מיט די נצחונות פון דער רעפּובליק האָט ער זיך אויך נישט אַזוי שטאַרק געפרעהט, וואָרום ער האָט זיי פאָר-אויסגעזעהן. ער האָט נישט ליעב געהאַט דעם נייעם רעזשים, וועלכער איז שטאַרקער געוואָרען דורך די נצחונות. ער איז געווען אונצופריעדען—מסתמא נישט אומזיסט.

איינמאָל אין אַ פריהמאָרגען האָט מען אָנגעזאָגט, אַז די קאָמיסאַרען פון די זיכערהייטס-קאָמיטעטען וועלען מאַכען רעווי-זיעס ביי די אַרעסטירטע—מען וועט זוכען אַסיגנאַציעס, גאָלדענע און זילבערנע זאַכען, מעסערס; מען האָט אויך געזאָגט, אַז אַזעל-כע רעוויזיעס זענען שוין געמאַכט געוואָרען אין דער לוקסאַנ-בור-טורמע און דאָרט האָט מען צוגענומען בריעף, פּאַפּיערען, ביכער.

יעדערער האָט זיך גענומען קליגען צו געפינען עפּעס אַ בעהעלטעניש, וואו אָוועקצולעגען די זאַכען, וועלכע זענען איהם אַממעהרסטען טייער. דער פּאָטער לאָנגמאַר האָט פּעקלעכווייז געלעגט זיין פּערטיידיגונגס-מאַטעריאַל ערגעץ אין אַ רינע. בראָ-טאָ האָט זיין לוקרעציוס איינגעגראָבען איב'ם אַש פון קאַמין.

ווען די קאָמיסאַרען מיט די בלוי-ווייס-רויטע בענדער זע-נען געקומען מאַכען די רעוויזיע, האָבען זיי געפונען בלויז דאָס, וואָס די אַרעסטירטע האָבען נישט געפונען פאַר נויטיג צו בע-האַלטען. באַלד ווי זיי זענען אַוועק, איז דער פּאָטער לאָנגמאַר געלאָפען אַרויסנעהמען פון דער רינע דאָס, וואָס דאָס וואַסער און דער ווינד האָבען איבערגעלאָזט פון זיין פּערטיידיגונגס-מאַ-טעריאַל. בראָטאָ האָט פון קאַמין אַרויסגענומען זיין לוקרעציוס, וועלכער איז געווען אינגאַנצען שוואַרץ, ווי סאַזשע.

„לאָמיר נאָך אַ ביסעל געניסען פון עולם הזה, — האָט ער זיך געטראַכט—וואָרום לויט געוויסע סמנים זעה איך, אַז אונזער צייט איז שוין איצט געוויס אָבגעמאָסטען".

איינמאָל אין אַ שעהנער נאַכט פון פרעריאַל *), ווען די לבנה

---

*) דער ניינטער מאָנאַט—פון 20-טען מאי ביז'ן 18-טען יוני.

האָט איבער דער טורמע געוויזען אויפ'ן אויסגעבלייכטען הימעל איהרע זילבערנע שטראַהלען, איז דער געוועזענער עושר געזועסען, לויט זיין געוועהנהייט, אויף אַ טרעפּעל פון די שטיינערנע שטיגען און געלעזען זיין לוקרעציוס. פּלוצלונג האָט ער דערהערט ווי עפּעס אַ שטימע רופט איהם, אַ שטימע פון אַ פרוי, אַ זיסע שטימע, וועלכע ער האָט נישט דערקענט. ער איז אַראָבגעגאַנגען אין הויף און הינטער די שטאַכעטען האָט ער דערזעהן אַ פיגור. די דאָזיגע פיגור האָט ער נישט דערקענט, אָבער מיט איהרע פרעכטיגע, נאָר מטושטוש'דיגע שטריכען האָט זי איהם דערמאָהנט אַלע פרויען, וועלכע ער האָט אַמאָל געליעבט. דער הימעל האָט זי בעגאָסען מיט אַ בלויליכען זילבער-שיין. בראָטאָ האָט באַלד דערקענט די שענע אַקטריסע פון פעידאָ-גאַס, ראָזאַ טעוונען.

איהר—דאָ! קינד מיינס! די פרייד אייך צו זעהן דאָ איז פאַר מיר זעהר אַ טרויעריגע. ווי לאַנג זענט איהר שוין דאָ און פאַרוואָס?

—פון נעכטען אָן בין איך דאָ.

און זי האָט צוגעגעבען זעהר שטיל:

—מען האָט מיך פער'מסר'ט אַלס ראָיאַליסטין און מען בעשולדיגט מיך, אז איך האָב מיך בעטייליגט אין אַ פערשווערונג צו בעפרייען די קעניגין. אַזוי ווי איך האָב געוואוסט, אַז איהר זענט דאָ, האָב איך באַלד גענומען זוכען מיטלען, זיך צו זעהן מיט אייך. הערט מיך אויס, מיין פריינד... איהר וועט דאָך ערלויבען, איך זאָל אייך רופען אַזוי... איך בין בעקאַנט מיט אָנגעזועהענע מענשען; איך האָב סימפּאַטיקער—איך ווייס עס—אפילו אינ'ם „קאָמיטעט פאַר עפענטליכער זיכערהייט”. איך וועל נעהמען אין דער אַרבייט מיינע גוטע פריינד: זיי וועלען מיך שוין בעפרייען, און דאַן וועל איך אייך אויך בעפרייען.

אָבער בראָטאָ האָט איהר געענטפערט מיט אַ ענערגישען טאָן:

—ביי אַלץ, וואָס אייך איז הייליג, בעט איך אייך, מיין קינד, איהר זאָלט גאָרנישט טהון. שרייבט נישט, זייט זיך נישט משתדל און בעט ביי קיינעם גאָרנישט. איך פערשווער אייך עס.

זאָל מען בעסער אָן אייך פערגעסען.

און אַזוי ווי זי האָט, קענטיג, נישט פערשטאַנען, פאַרוואָס ער זאָגט עס, האָט ער גענומען נאָך מעהר זי בעטען:

—שווייגט בעסער, ראָזאַ, זאָל מען אייך פערגעסען — אין דעם איז די רעטונג. אַלץ, וואָס אייערע פריינד וועלען טהון, וועט בלויז צו-איילען דאָס אונגליק. איהר דאַרפט נאָר זעהן צו געווינען צייט. איך גלויב, אַז וועניג, גאָר וועניג צייט דאַרף מען, אום אייך אַרויסצוראַטעווען... בעזונדערס זאָלט איהר נישט פּרובען אַרויסרופען רחמנות ביי די ריכטער, ביי די געשוואָרע-נע, ביי אַזאַ גאַמלען, למשל. זיי אַלע זענען נישט קיין מענ-שען, נאָר זאַכען, און מיט זאַכען איז נישטאָ וואָס צו רעדען. מאַכט אַזוי, אַז מען זאָל אָן אייך פערגעסען. אויב איהר וועט פאָלגען מיין עצה, וועל איך שטאַרבען אַ גליקליכער, וויסענדיג, אַז איך האָב אייך געראַטעוועט דאָס לעבען.

זי האָט געענטפערט:

—איך וועל אייך פאָלגען... רעדט נישט וועגען טויט.

ער האָט געדריקט מיט די אַקסלען.

—מיין לעבען איז געענדיגט, קינד מיינס, — האָט ער גע-זאָגט,—לעבט און זייט גליקליך.

זי האָט גענומען זיינע הענד און אַרויפגעלעגט אויף איהר ברוסט.

—הערט, מיין פריינד... איך האָב אייך געזעהן בלויז איין טאָג צייט און פונדעסטוועגען בין איך צו אייך נישט גלייכגיל-טיג, און אויב דאָס, וואָס איך וועל אייך זאָגען, איז בכח אייך צוצובינדען צום לעבען, טאָ גלויבט מיר: איך וועל זיין פאַר אייך... אַלץ, וואָס איהר וועט נאָר אַליין וועלען.

און דורך די שטאַכעטען האָבען זייערע ליפּען זיך בעהעפט,

XX.

בעת אַ לאַנגער זיצונג פון טריבונאַל איז עוואַריסט גאַמלען געזעסען אויף זיין באַנק, אין דער שטיקענדער לופט פון זאַל, און האָט געטראַכט:

„ווען די אויסוואורפען האָבען געצוואונגען מאַראַ'ן זיך צו בעהאַלטען אין די לעכער, האָבען זיי פון איהם געמאַכט אַ נאַכט-פויגעל, אַ מינערוו-פויגעל, וועלכער פלעגט אַריינדרינגען מיט זיינע בליקען אין אַלע בעהעלטניסען פון די פערשווערער. איצט אָבער בעהמט-דורך די פיינד פון דער מלוכה אַ בלויער, קאַלטער און רוהיגער קוק און ענטדעקט די פעררעטער מיט אַזאַ געשיקטקייט, וואָס איז אונבעקאַנט געוועזען אפילו דעם „פריינד פון פאָלק”, וועלכער שלאָפט זיין אייביגען שלאָף אין דעם קאָרדעליערען-גאָרטען. דער נייער רעטער, וועלכער איז פונקט אַזאַ פערביסענער, ווי דער ערשטער, זעהט אַזוינס, וואָס קיינער האָט פריהער נישט געזעהן, און בלויז מיט'ן אויפהויבען דעם פינגער פערשפרייט ער אַרום זיך מורא. ער ווייס צו האַפּען די דינסטע, קוים-זיכטבאַרסטע נואַנסען, וואָס שיידען-אונטער גוטס פון שלעכטס; אָהן איהם וואָלט מען די דאָזיגע נואַנסען צונויפגעפלאָנטערט, און דאָס פאָטערלאַנד מיט דער פרייהייט וואָלטען דערפון געהאַט פיעל שאָדען. ער צייכענט-אָן פאַר זיך אַ דינע, אָבער זיכערע ליניע, און אויסער דער דאָזיגער ליניע איז סיי אויף רעכטס, סיי אויף לינקס בלויז שקר, פערברעכען און נידערטרעכטיגקייט. ער, וועלכען מען קאָן נישט אונטערקויפען,

ווייזט אונז, ווי אַזוי מען אַרבייט לטובת דעם פיינד דורך גוזמאות און דורך שוואַכקייט, ווען מען רודפ'ט די רעליגיע אין נאָמען פון פערשטאַנד, אָדער ווען מען שטעלט זיך געגען די געזעצען פון דער רעפובליק אין נאָמען פון דער רעליגיע. די יעניגע, וועלכע פראַלען די נעמען פון מאַראַ און לע-פעלטיע מיט געטליכער עהרע, כדי דערמיט צו קאָמפּראָמעטירען זייער אָנדענקען, דיענען דעם פיינד נישט ווייניגער ווי יענע, וועלכע האָבען זיי ביידע דער'הרג'עט. יעדער, וואָס וואַרפט-אָב דעם געדאַנק פון אָרדנונג, בערעכענטקייט און געלאַסענהייט; וואָס בעליידיגט די זיטליכקייט און לייקענט אין גאָט—איז אַנ'אַגענט פון אויסלאַנד. די פאַנאַטישע גלחים פערדיענען דעם טויט; אָבער ס'איז פאַרהאַן אַמאָל אַ מאַניער צו בעקעמפפען דעם פאַנאַטיזם, וואָס איז אַליין קאָנטר-רעוואָלוציאָניש. ס'איז פאַרהאַן אַ מין כפירה, וועלכע איז אויך אַ פערברעכען. איז מען צו-פיעל געמעסיגט, ברענגט מען דערמיט אום די רעפובליק; איז מען צו-עקסטרעם—ברענגט מען זי ווידעראַמאָל אום.

„אָה, ווי שרעקליך עס זענען די אויפגאַבען פון אַ ריכטער, וועלכע ווערען דיקטירט דורך דעם קליגסטען פון אַלע מענשען! איצט דאַרף מען שוין בעקעמפפען נישט בלויז די אַריסטאָקראַטען, די פעדעראַליסטען, די געמיינע יונגען פון דער אָרלעאַנישער פאַרטיי, די דאָזיגע אַלע אויסגעשפראָכענע פיינד פונ'ם פאָטערלאַנד. דער פערשווערער, דער אַגענט פון אויסלאַנד איז אַ פראָטעאוס, וועלכער נעהמט-אָן אַלערליי געשטאַלטען. אָט פערשטעלט ער זיך פאַר אַ רעוואָלוציאָנער, פאַר אַ פיינד פון טראָנען; זיין האַרץ קלאַפּט כלומר'שט בלויז פאַר דער פרייהייט און זיין שטימע דונערט געגען די פיינד פון דער רעפובליק: אַזאַ איינער איז דאַנטאָן. זיין היציגקייט בעהאַלט שלעכט זיין מאוס'ע געמעסיגקייט, און זיין פערדאָרבענהייט זעהט מען גוט אַרויס. אַ פערשווערער, אַנ'אַגענט פון אויסלאַנד איז יענער שטאַמעלדיגער דרשן, וועלכער האָט דער ערשטער אָנגעטהון אויף זיין הוט די קאָקאַרדע פון די רעוואָלוציאָנערען; דאָס איז יענער פאַמפלעטען-שרייבער, וועלכער האָט מיט זיין איראָנישער און אַכזריות'-

דיגער „פאָליטישער כשרות״ זיך אַליין אַ נאָמען געגעבען—„דער פּראָקוראָר פון דער תליה״. דאָס איז קאָמיל דעמולען: ער האָט זיך אַליין בעגראָבען דערמיט, וואָס ער האָט פערטיידיגט די פעררעטערישע גענעראַלען און געבעטען פאַר זיי רחמנות, אַ פערברעכערישע רחמנות... דאָס איז פיליפּאָ, דאָס איז עראָל, דאָס איז דער געמיינער לאַקרוא. אַ פערשוועררער און אַנ׳אַגענט פון אויסלאַנד איז אַזאַ פאָטער דישען, וועלכער האָט מיט זיין נידעריגער דעמאַגאָגיע בלויז פער׳מאוס׳ט די פרייהייט און מיט זיינע שמוציגע רכילות גאַנץ אינטערעסאַנט געמאַכט אפילו מאַרי-אַנטואַנעט אַליין. אַזאַ איז אויך שאָמעט — דאַכט זיך, אַ נעבעכ׳ל, ביי אַלעמען בעליעבט, אַ געמעסיגטער, אַ גוטמוטיגער און עהרליכער אין דער אַרבייט פאַר דער שטאָדט-פערוואַלטונג, אָבער ער איז דאָך געווען אַנ׳אַטעאיסט! פערשוועררער און אַגענטען פון אויסלאַנד זענען אַלע יענע „אָהן-הויזען׳דיגע״, מיט זייערע רויטע היטעלעך, קאַרמאַניאָל-וועסטען און הילצערנע שלעפּ-שיך, וועלכע האָבען משוגע׳נערווייז געזוכט אַריבערצויאָגען די יאַקאָבינער אין פּאַטריאָטיזם. אַ פערשוועררער און אַנ׳אַגענט פון אויסלאַנד איז אַזאַ אַנאַשאַרסיס קלאָאָטס, כלומר׳שט אַ פערטיידיגער פון דער גאַנצער מענשהייט, וועלכען אַלע מאָנאַרכיעס פון דער גאַנצער וועלט האָבען פער׳משפּט צום טויט; מען מוז זיך אָבער היטען פאַר איהם: ער איז געווען אַ פּרייס...

„איצט אָבער זענען די דאָזיגע אַלע רשעים און פעררעטער—אַלץ-איינס, צי עקסטרעמע, צי געמעסיגטע—דאַנטאָן, דעמולען, העבער, שאָמעט—אַלע זענען שוין אומגעקומען אונטער׳ן מעסער. די רעפּובליק איז געראַטעוועט. אַ כאָר פון לויב-און דאַנק-שטימען הערט זיך פון אַלע קאָמיטעטען און פון אַלע פאָלקס-פערזאַמלונגען און די שטימען דערגרייכען ביז צו מאַקסימיליאַנ׳ען און שטייגען אַרויף אויפ׳ן „באַרג״*). די עהרליכע בירגער שרייען-

*) די יאַקאָבינער-פראַקציע אין קאָנווענט האָט מען גערופען „דער באַרג״, חייל צום אָנהויב האָט זי פערנומען בלויז די העכערע בענק פונ׳ם זאַל, ביי דער וואַנד.
דער איבערזעצער.

אויס: ווירדיגע פאָרשטעהער פון פרייען פאָלק! אומזיסט האָבען די קינדער פון די טיטאַנען אויפגעהויבען מיט גאוה זייערע קעפּ: גליק-ברענגענדער באַרג, שיצענדער סיני, פון דיין ברויזענדער ברוסט האָט אַרויסגעבראָכען דאָס הייליגע, רעטענדע פייער..."

און אין דעם דאָזיגען כאָר הערט זיך אַ דאַנק אויף פאַר'ן טריבונאַל. אָה, ווי זיס עס איז צו זיין עהרליך, ווי ליעב עס איז דעם עהרליכען ריכטער צו הערען די אַלגעמיינע דאַנק-באַרקייט!

„אָבער וויפיעל מוז עס פונדעסטוועגען קרענקען יעדעס פּאַטריאָטיש האַרץ! ס'טייטש! אום אומצוברענגען די רעפּובליק, זענען נאָך, הייסט עס, נישט גענוג געווען מיראַבאָ, לאַ-פאַיעט באַאי, פעסיאָן, בריסאָ? מען האָט נאָך געדאַרפט אויך יענע, וועלכע האָבען פריהער אַראָבגעריסען די מאַסקע פון די דאָזיגע, פעררעטער? אָט די אַלע מענשען, וועלכע האָבען געמאַכט די רעוואָלוציע, האָבען, הייסט עס, זי געמאַכט בלויז דערפאַר, כּדי זי אומצוברענגען! די אַלע גרויסע שעפער פון די גרויסע גע-שעהענישען האָבען צוזאַמען מיט פּיט'ן און קאָבור'ן צוגעגרייט די הערשאַפט פון די אָרלעאַנער אָדער די אפּוטרופּסות פון לוד-וויג דעם זיבצעהנטען! דאַנטאָן איז, הייסט עס, געווען דאָסזעל-בע, וואָס מאָנק! שאָמעט און די העבעראיסטען, וועלכע זענען נאָך נידערטרעכטיגער פאַר דיזעלבע פעדעראַליסטען, וואָס זיי האָבען געשטופּט אונטער'ן מעסער, האָבען, הייסט עס, פשוט געוואָלט אַ חורבן מאַכען פון דער מלוכה! אָבער ווער ווייס, צי ראָבעספּיער'ס בלויע אויגען וועלען מאָרגען נישט ענטדעקען צווישען די יעניגע, וועלכע פיהרען איצט צום טויט די אויס-וואורפען דאַנטאָן און שאָמעט—נאָך גרעסערע אויסוואורפען? ווען וועט זיך שוין אַמאָל ענדיגען דאָס איינשמידען אין קייטען די פעררעטענע פעררעטער? ווען וועט שוין אַמאָל דער אונערשי-טערליך-עהרליכער ראָבעספּיער קאָנען אויפהערען אַריינצודרינגען אומעטום מיט זיין בליק?..."

XXI.

זשולי גאַמלען פלעגט יעדען טאָג אָנטהון איהר גרינעם פעלערינע-מאַנטעל און געהן אין לוקסאַנבור-גאָרטען, וואו זי פלעגט ווארטען אויף אַ באַנק, ביים ברעג פון אַנ׳אַלעע, דעם מאָמענט, ווען איהר געליעבטער וועט זיך בעווייזען ביי איינעם פון די פענסטערלעך פון דער טורמע. זיי פלעגען זיך מאַכען צייכענס און אויסדריקען איינער דעם צווייטען זייערע געדאַנקען אין אַ צוגעטראַכטער שפּראַך. אַזוי אַרום האָט זי זיך דערוואוסט, אַז ער זיצט אין אַ גאַנץ גוטען צימער מיט אַנ׳אָנגענעהמער געזעלשאַפט, אַז ער האָט נויטיג אַ קאָלדרע און אַ ווארים-פלאַש און אַז ער ליעבט צערטליך זיין מעטרעסע.

זי איז נישט געווען די איינציגע, וואָס פלעגט אויסקוקען צו זעהן אַ ליעב פנים אין די פענסטערלעך פון דעם דאָזיגען פּאַלאַץ, וועלכער איז אין אַ טורמע פערוואַנדעלט געוואָרען. נעבען איהר פלעגט שטעהן אַ יונגע מוטער און מיט עקשנות האַלטען אָנגעשטעלט די בליקען אויף אַ פערמאַכט פענסטערל; באַלד ווי זי פלעגט דערזעהן, אַז דאָס פענסטערל עפענט זיך, פלעגט זי אויפהויבען איהר קליין קינד הויך איבער׳ן קאָפּ. אײנע אַנ׳אַל-טיטשקע, געשלייערט אין שוואַרצען, פלעגט אָבזיצען שעות-לאַנג אויף אַ צוזאַמענגעלעגטען שטוהל, האָפענדיג צו דערזעהן איהר זוהן; אָבער אומזיסט: אום זיך נישט ווייך צו מאַכען דאָס האַרץ, פלעגט דער זוהן אַ גאַנצען טאָג, ביז וואַנען מען פלעגט פערמאַכען דעם גאָרטען, פערברענגען אויפ׳ן הויף פון דער טורמע.

בעת די דאָזיגע לאַנגע שטעהענישען אונטער'ן בלויען אָדער גרויען הימעל, פלעגט אויף אַ צווייטער באַנק זיצען אַ בעיאָהרענטער מאַן, אַ דיקער און זעהר אַ רייגער. ער פלעגט נאָכאַנאַנד זיך שפּיעלען מיט זיין טאַבאַקערקע, מיט זיין זייגער-קייטעל, אָדער ער פלעגט האַלטען אין איין קנייטשען אַ צייטונג, וועלכע ער פלעגט קיינמאָל נישט לייענען. אָנגעטהון איז ער געווען לויט דער אַלטער בעל-הבית'ישער מאָדע—אַ דריישפּיציגער קאַפּעלוש מיט גאָלד-גאַלאָנען, אַ ראָק פון אַמאַראַנט-קאָליר און אַ בלויע וועסט, אויסגענייהט מיט זילבער. ער האָט אויסגעזעהן צו זיין אַנ'אָרענטליכער מענש, און לויט דעם פלייט, וואָס פלעגט אַרויסשטעקען פון זיין קעשענע, איז ער מסתמא געווען אַ מוזיקאַנט. ער האָט אויף איין מאָמענט די אויגען נישט אַראָבגענומען פון דעם פאַלשען יונגעל און האָט רק געשמייכעלט צו איהם. און ווען ער פלעגט זעהן, אַז יענער הויבט זיך אויף, פלעגט ער אויך אויפשטעהן פון אָרט און נעהמען איהם נאָכגעהן פון וויטען. אין איהר קלאָגעדיגער לאַגע און איינזאַמקייט פלעגט זשולי זיין גערירהט פון דער שטילער סימפּאַטיע, וואָס דער דאָזיגער הערר האָט איהר אַרויסגעוויזען.

איינמאָל, ווען זי האָט זיך געלאָזט אַרויסגעהן פון גאָרטען, האָט גענומען פאַלען אַ רעגען. דער הערר איז צוגעגאַנגען צו איהר און, עפּענענדיג זיין גרויסען שירם, האָט ער ביי איהר געבעטען ערלויבניש, זי צו שיצען פון רעגען. מיט איהר זיסער, קלאָרער שטימע האָט זי איהם געענטפערט, אַז זי איז מסכים, אָבער דערהערענדיג דעם קלאַנג פון דער שטימע—אָדער אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט דערשמעקט אַ ספּעציפישען פרויען-ריח,— האָט ער זיך באַלד שנעל אָבגעטראָגען, איבערלאָזענדיג די יונגע פרוי אונטער'ן גוס-רעגען. זי האָט באַלד פערשטאַנען, וואָס דאָס בעדייט, און חאָטש זי האָט זיך געשראָקען, האָט זי דאָך נישט געקאָנט זיך אָבהאַלטען פון אַ שמייכעל-טהון.

זשולי האָט געוואוינט אין אַ בוידעם-שטיבעל אין דער גאַס „שערש-מידי". זי האָט זיך דאָרט אָנגעגעבען פאַר אַ מאַנופאַקטור-אָנגעשטעלטען, וואָס זוכט אַ שטעלע. די בירגערין גאַטלען האָט

ענדליך זיך איבערצייגט, אַז אין ערגיץ איז איהר טאָכטער נישט אין אַזאַ סכנה, ווי ביי איהר, און דעריבער האָט זי זי דערווייטערט פונ׳ם טיאָנוויל-פּלאַץ און פון דעם קוואַרטאַל „פּאָננעף״ און זי אויסגעהאַלטען מיט עסען און מיט וועש אויף וויפיעל זי האָט נאָר געקאָנט. זשולי פלעגט אַ ביסעל זיך בעשעפטיגען מיט דער קיך, פלעגט יעדען טאָג געהן אין לוקסאַנבורגאָרטען זיך זעהן מיט איהר געליעבטען און דערנאָך צוריקקומען אַהיים. די איינאַרטיגקייט פון איהר לעבען און איהר יונגער געזונדטער אָרגאַניזם האָבען אַ ביסעל איינגעשלעפערט איהרע צרות, און ביינאַכט פלעגט זי שלאָפען מיט אַ טיעפען שלאָף. זענענדיג דרייסטיג פון דער נאַטור און געוואוינט צו אַלערליי אַוואַנטורעס—און אפשר אויך דערפאַר, ווייל איהרע מאַנסבילשע מלבושים האָבען זי גערייצט,—פלעגט זי פון צייט צו צייט אַריינגעהן ביינאַכט אין אַ שענק אויף דער „פּור״-גאַס אונטער׳ן נאָמען „דער רויטער קרייץ״, וואו עס פלעגען אַריינגעהן אַלערליי פאַרשוינען און אויך גאַסען-פרויען. זי פלעגט דאָרט לייענען צייטונגען און שפּיעלען אין ביינדלעך מיט וועמען עס איז—מיט אַ משרת פון אַ קראָם אָדער מיט אַ סאָלדאַט, וואָס פלעגט רויכערן זיין ליולקע האַרט ביי איהר נאָז. דאָרט פלעגט מען טרינקען, שפּיעלען, טרייבען ליעבע-געשיכטען, און געשלעגען פלעגען דאָרט זיין אַ גאַנץ אָפטע ערשיינונג. איינמאָל אין אָוענד האָט איינער אַ טרינקער, דערהערענדיג ווי עמיצער רייט אין גאַס, אויפגעהויבען דעם פאָרהאַנג און דערקענט דעם הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, דעם בירגער אַנריאָ, וועלכער האָט גאַלאָפּירט מיט זיין סוויטע. דער טרינקער האָט אַ מורמעל געטהון:

—אָט לויפט ראָבעספּיער׳ס קליאַטשע.

ביי דעם דאָזיגען וואָרט האָט זשולי שטאַרק זיך פונאַנדערגעלאַכט.

אָבער איינער אַ פּאַטריאָט מיט לאַנגע וואָנסען האָט עס נישט דורכגעלאָזט גלאַט.

—דער, וואָס רעדט אַזוי,—האָט ער זיך פונאַנדערגעשריען—

איז אַ געמיינער אַריסטאָקראַט, וועלכען איך וואָלט מיט פערגעני-געז געזעהן פערשפּאַרט אין אַנ׳אַרעסטאַנטען-וואָגען. זייט וויסען, אַז דער גענעראַל אַנריאָ איז אַ גוטער פּאַטריאָט, וואָס וועט קאָ-נען פערטיידיגען, ווען עס וועט נויטיג זיין, פּאַריז און דעם קאָנווענט. אָט דאָס טאַקי קאָנען די ראָיאַליסטען איהם נישט מוחל זיין.

און אַ קוק-טהוענדיג אויף זשולי׳ן, וועלכע האָט נישט אויפ-געהערט צו לאַכען, האָט דער פּאַטריאָט מיט די וואָנסען זיך אָנגערופען:

—און דו, קליינער וועוועריק, זעה נאָר, אַז איך זאָל נישט דאַרפען מיט אַ בריק אין הינטען דיך אויסלערנען צו האָבען דרך ארץ פאַר די פּאַטריאָטען.

דערוויל האָבען געגומען זיך הערען פערשיעדענע שטימען:

—אַנריאָ איז אַ שכור און אַ טפש!

—אַנריאָ איז אַ גוטער יאַקאָבינער! זאָל לעבען אַנריאָ!

עס האָבען זיך געבילדעט צוויי פּאַרטייען. מען האָט זיך אַ לאָז געטהון איינער געגען צווייטען, פויסטען האָבען געגומען קלאַפּען אויף איינגעקנייטשטע קאַפּעלושען, טישען האָבען זיך איבערגעקעהרט, גלעזער זענען זיך צעפלויגען אויף פיצלעך, די לאָמפּען זענען פערלאָשען געוואָרען, די פרויען האָבען געקווי-טשעט. זעגענדיג בעפאַלען דורך עטליכע פּאַטריאָטען, האָט זשו-לי זיך געוועהרט מיט אַ בענקעל, און ווען מען האָט זי אַנידער-געוואָרפען, האָט זי געגראַבעלט און געביסען איהרע אָנפאַלער. פון דעם פונאַנדערגעשפּילעטען מאַנטעל און צוריסענער בלוזע האָט זיך אַרויסגעזעהן איהר אָטעמענדע ברוסט. אויפ׳ן גערויש איז געקומען צו לויפען אַ פּאַטרול פון זשאַנדאַרמען, אָבער די יונגע „אַריסטאָקראַטין“ איז דערוויל נעלם געוואָרען פון אונטער זייערע פיס.

די קאַרעטעס פלעגען יעדען טאָג זיין איבערפולט מיט פעראורטיילטע.

—איך קאָן דאָך נישט לאָזען שטאַרבען מיין געליעבטען!— פלעגט זשולי טענה׳ן צו איהר מוטער.

זי האט בעשלאסען זיך משתדל צו זיין פאר איהם, בע-טען, געהן אין די קאמיטעטען, אין די ביורעס, ביי דעפוטאטען, ביי הויכע בעאמטע—אומעטום, וואו מען וועט נאר דארפען. זי האט אבער קיין קלייד נישט געהאט, האט די מאמע געליהען פאר איהר ביי דער בירגערין בלעז א קלייד אין פאסקעלען, א שאל און א היטעלע מיט האפט-שפיצען, און זשולי, אנגעטהון ווי א פרוי און ווי א פאטריאטין, איז אוועק צום ריכטער רענאדען, וועלכער האט געוואוינט אין א פייכטען, פינסטערען הויז אויף דער „מאזארין"-גאס.

ציטערנדיג מיט'ן גאנצען קערפער, איז זי ארויף מיט דעם הילצערנעם טרעפ. דער ריכטער האט זי אנגענומען אין זיין ארימען קאבינעט, וועלכער איז געווען מעבלירט מיט א פשוט'ן הילצערנעם טיש און צוויי שטוהלען פון שטרוי. די טאפעטען זענען שטיקערווייז געהאנגען פון די ווענד. רענאדען — א מאן מיט שווארצע האר, ווי צוגעקלעפטע, מיט א שטרענגען, אומעטי-גען בליק, מיט אנגעבלאזענע ליפען און א אויסשטארצענדער גאמ-בע—האט איהר געגעבען א צייכען צו רעדען און האט זי גע-הערט שווייגענדיג.

זי האט איהם געזאגט, אז זי איז א שוועסטער פון דעם בירגער שאסאין, וועלכער זיצט אין לוקסאנבור, און האט איהם זעהר געשיקט דערצעהלט, ביי וועלכע אומשטענדען ער איז ארע-סטירט געווארען. דערביי האט זי איהר געליעבטען פארגעשטעלט, ווי א אונשולדיגען און אונגליקליכען. זי איז בכלל געווען זעהר רעדעוודיג.

ער איז אבער געבליבען קאלט און הארט.

מיט א געוויין האט זי זיך געווארפען צו זיינע פיס און געוומען בעטען. און באלד ווי ער האט דערזעהן איהרע טרעה-רען, האט זיין פנים זיך איבערגעביטען: זיינע רויטליכע שווארצ-צאפלען האבען זיך אזוי ווי אנגעצונדען, זיינע גרויסע בלויליכע יאסלעס האבען גענומען זיך בעוועגען, פונקט ווי ער וואלט גע-וואלט אריינגעהמען אין זיין פערטריקענטען האלז דאס גאנצע שפייעכץ פון מויל.

— בירגערין, מען וועט טהון דאָס נויטיגע. זייט נישט אונרוהיג.

און אויפעפענענדיג אַ טהיר, האָט ער זי אַריינגעשטופּט אין אַ קליינעם ראָזען סאַלאָן מיט קינסטלעריש-געפּאַרבטע ווענד, וואו עס זענען געווען אייניגע פּאָרצעלייענע גרופּען, אַ זייגער, בעגולדטע לייכטער, פּאָטעלען און אַ טעפּיך-קאַנאַפּע, אויסגענייהט מיט בושע׳ס אַ פּאַסטיכער-אידעליע. זשולי איז געווען גרייט אויף אַלץ, אַבי נאָר צו ראַטעווען איהר געליעבטען.

רענאָדען איז געווען ברוטאַל און איילינ. ווען זי האָט זיך אויפגעהויבען, צורעכטמאַכענדיג דער בירגערין עלאָדי׳ס שען קלייד, האָט זי בעגעגענט דעם גרויזאַמען און שפּעטערישען בליק פון דעם דאָזיגען מאַן; זי האָט באַלד פערשטאַנען, אַז זי האָט געבראַכט אַ אומזיסטיגען קרבן.

—איהר האָט מיר צוגעזאָגט צו בעפרייען מיין ברודער,— האָט זי זיך אָנגערופען.

ער האָט אַ לאַך-געטהון.

— איך האָב דיר געזאָגט, בירגערין, אַז מען וועט טהון וואָס נויטיג איז, דאָס הייסט, אַז מען וועט אָבהיטען דאָס געזעץ, נישט מעהר און נישט ווענינער. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו האָסט נישט וואָס זיך צו בעאונרוהיגען, און פאַרוואָס זאָלסטו זיך טאַקי בעאונרוהיגען? דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל טהוט נישט קיין עולות.

לכתחלה האָט זיך איהר געוואָלט זיך אַ וואָרף-טהון אויף איהם, איהם בייסען, אויסרייסען די אויגען. אָבער זי האָט זיך באַלד דערמאָהנט, אַז דערמיט וועט זי אויף זיכער אומברענגען איהר געליעבטען, איז זי אַרויסגעגאַנגען און אַוועקגעלאָפען צו זיך אַהיים אויסטהון עלאָדי׳ס פערשמוציגט קלייד. און דאָרט, אין איהר בוידים-שטיבעל, האָט זי, אַ איינזאַמע, געברומט אַ גאַנצע נאַכט פון פערצווייפלונג און וועהטאָג.

אויף מאָרגען, ווען זי איז געקומען צום לוקסאַנבור, האָט זי געפונען דעם גאָרטען פערנומען דורך זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבען געטריבען די פרויען און די קינדער. אין די אַלעען זע-

נען געווען פונאַנדערגעשטעלט וואַכען, וועלכע האָבען נישט גע-
לאָזט די פאַרבייגעהער זיך אויפרעדען מיט די אַרעסטירטע. די
יונגע מוטער, וועלכע פלעגט יעדען טאָג קומען מיט איהר קינד
אויף די הענד, האָט דערצעהלט זשולי'ן, אַז מען שמועסט ווע-
גען אַ פערשווערונג אין די טורמעס און אַז מען בעשולדיגט די
פרויען, דאָס זיי קלויבען זיך אויף בכיון אין גאָרטען, כדי אַרויס-
צורופען ביי'ם עולם רחמנות-געפיהלען פאַר די אַריסטאָקראַטען
און פעררעטער, וועלכע זיצען אין טורמע.

XXII.

אַ באַרג האָט פלוצלונג זיך אויפגעשטעלט אינ׳ם „טולערי״-גאָרטען. דער הימעל איז אָהן וואָלקענס. מאַקסימיליאַן געהט פאָראויס פאַר זיינע קאָלעגען אין אַ בלויען ראָק און געלע הויזען; אין האַנד האַלט ער אַ בוקעט פון זאַנגען און קאָרן-בלימלעך. ער געהט אַרויף אויפן בערגעל און זאָגט אָן דער גערייניגטער וועלט וועגען דער ענטפלעקונג פון אַ נייעם גאָט: דער גאָט פון זשאַן-זשאַק רוסאָ. ריינקייט! מילדקייט! גלויביגקייט! אַלטערטימליכע איינפאַכקייט! טרעהרען פון רחמנות! פרוכטבאַרער טהוי! באַרמהערציגקייט! מענשליכע ברידערשאַפט!

אומזיסט ווייזט נאָך דער אַטעאיזם זיין מאוס׳ן פרצוף: מאַקסימיליאַן חאַפּט אַ פאַקעל; דער פלאַם פערברענט דאָס פערזעהעניש און עס בעווייזט זיך די חכמה: מיט איין האַנד ווייזט זי צום הימעל, אין דער צווייטער האַלט זי אַ קראַנץ פון שטערענס.

אויף דער עסטראַדע, וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרען אַנטקעגען דעם טולערי-פּאַלאַץ, איז געשטאַנען עוואַריסט צווי-

שען דעם גרויסען געריהרטען עולם און האָט געדאַנקט גאָט, גי־
סענדיג הייסע טרעהרען פון פרייד. ער האָט געזעהן, ווי אַ נייע
ערע פון גליק הויבט זיך אָן.

—ענדליך וועלען מיר זיין גליקליך, ריין, אונשולדיג, אויב
די אויסוואורפען וועלען עס ערלויבען...

ליידער! די אויסוואורפען האָבען עס נישט ערלויבט. מען
דאַרף נאָך אַלץ פערגיסען גאַנצע כוואַליעס פון אונריינעם בלוט.
דריי טעג נאָך דער פייערונג פון דעם נייעם בונד, פון דער
פעראייניגונג צווישען הימעל און ערד, פראָקלאַמירט דער קאָנ־
ווענט דאָס געזעץ פון פרעריאַל, וועלכעס איז מבטל מיט עפּעס
אַ שרעקליכער גוטמוטיגקייט אַלע טראַדיציאָנעלע פאָרמען פון רעכט,
אַלץ, וואָס מען האָט פון די רוימער אָן אויסגעקלערט, אום צו
שיצען די אונשולדיג-פערדעכטיגע. אויס אויספאָרשונגען, אויס עדות,
אויס פערטיידיגער: די ליעבע צום פאָטערלאַנד בעשטעהט געגען
אַלץ! דער בעשולדיגטער, וועלכער טראָגט אין זיין פערשלאָ־
סענעם האַרץ זיין פערברעכען אָדער זיין אונשולד, געהט פאַרביי
שטילערהייד פאַר דעם פאַטריאָטישען געשוואָרענעם ריכטער, און
אין דעם מאָמענט דאַרף עס פונאַנדערגעפּלאָנטערט ווערען זיין
גאַנצער ענין, וועלכער איז אָפטמאָל אַ גאַנץ שווערער און מעהר־
סטענטיילס אינגאַנצען אַ פערוויקעלטער און פערדונקעלטער. ווי־
זשע זאָל מען איצט משפט'ן? ווי דערקענט מען אין איין אוי־
גענבליק דעם אָרענטליכען מאַן און דעם אויסוואורף, דעם פּאַ־
טריאָט און דעם פיינד פון פאָטערלאַנד?...

נאָך אַ מאָמענט פון וואַקלעניש האָט גאַמלען פערשטאַנען
זיינע נייע אויפגאַבען און זיך צוגעפּאַסט צו זיינע נייע פונקציעס.
אין דער פערקירצונג פון דער געריכטס-פּראָצעדור האָט ער איינ־
געפונען יענע אמת'ע גערעכטיגקייט, וואָס איהרע טרעגער און
היטער זענען נישט קיין אָנגעדרעהטע מעכאַנישע פיגורען, וועל־
כע האַלטען אין איין וועגען דעם „יאָ" און „ניין" אויף זייערע
אַלטפרענקישע וואָגשאָלען, נאָר פשוט'ע בירגער, וואָס משפט'ן
מיט זייער פאַטריאָטישען חוש און דערגעהען אַלץ בליץ-שנעל.
מיט'ן זוכען גאַראַנטיעס און מיט פאָרזיכטיגקייט קאָן מען אַלץ

אומברענגען, אָבער אַ גערעכטע הארץ ראַטעוועט שטענדיג אַרויס. מען דאַרף פאָלגען וואָס די נאַטור הייסט. זי איז אַ גוטע מאַמע, וואָס האָט קיינמאָל קיין טעות נישט; מען דאַרף משפט'ן מיט'ן האַרץ... און ער פלעגט זיך ווענדען מיט אַ תפילה צו זשאַן-זשאַק רוסאָ'ס גייסט:

—עהרליכע נשמה, צוזאַמען מיט ליעבע צו מענשען ברענג מיר אַריין אין האַרצען אַ שטרעבונג זיי צו בענייען...

זיינע חברים האָבען צום גרעסטען טייל געפיהלט פונקט ווי ער. בעזונדערס איז עס אַזוי געווען מיט די פשוט'ערע, און ווען די געריכטס-פּראָצעדור איז פעראיינפאַכט געוואָרען, האָבען זיי זיך דערפיהלט עפּעס רוהיגער און בעקוועמער. די פערקירצטע געריכטס-פּראָצעדור האָט זיי בעפריעדיגט, און וויפיעל מען זאָל זי נישט האָבען פערקירצט, פלעגען זיי קיינמאָל נישט נתפעל ווערען. זיי פלעגען בלויז זעהן צו וויסען, וועלכע איבערצייגונגען דער בעשולדיגטער האָט, וואָרום זיי זענען זיכער געווען, אַז האָבען אַנדערע איבערצייגונגען, ווי זייערע, איז אַ ריינע רשעות. און אַזוי ווי זיי זענען ביי זיך בטוח געווען, אַז זיי אַליין האָבען דעם אמת, די חכמה, די העכסטע גוטסקייט—האָבען זיי ביי זייערע געגנער, פערשטעהט זיך, געזעהן בלויז שקר, בלויז שלעכטס. זיי האָבען זיך געפיהלט שטאַרק: זיי האָבען געזעהן גאָט.

יאָ, זיי האָבען געזעהן גאָט, די דאָזיגע געשוואָרענע פונ'ם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל. דאָס העכסטע וועזען, וואָס מאַקסימיליאַן האָט פאַר זיי ענטפּלעקט, האָט זיי בעגאָסען מיט זיין שיין. זיי האָבען געליעבט, זיי האָבען געגלויבט.

אָנטשטאָט דעם פאָטעל, אויף וועלכען דער בעשולדיגטער פלעגט זיצען, האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ עסטראַדע פאַר פופציג מענשען! מען האָט שוין אָפּעריירט אין גרויסען שניט. דער פּראָקוראָר פלעגט אָפטמאָל פעראייניגען אין איין פּראָצעס אַזעלכע מענשען, וועלכע האָבען זיך דאָ, אין טריבונאַל, צום ערשטען מאָל אין לעבען בעגעגענט. מיט אַ מורא'דיגער לייכטקייט האָט דער טריבונאַל גע'משפט די אַזוי-גערופענע טורמע-פערשווערונגען,

וואָס חאָטש זיי זענען פאָרגעקומען נאָכדעם ווי די דאַנטאָניסטען
צוזאַמען מיט דער קאָמונע זענען דערשטיקט געוואָרען, האָבען
זיי דאָך געהאַט אַ סך געמיינזאַמעס מיט זיי דורך עפּעס אַ קינ-
סטליך-אָבגעטאָקטען און סובטעלען געדאַנק. און כּדי מען זאָל אין
זיי טאַקי זעהן די צוויי הויפּט-שטריכען פון אַ פערשווערונג, וואָס
ווערט געמאַכט געגען דער רעפּובליק פאַר אויסלענדיש געלד,
דהיינו: געמעסיגקייט נישט אין דער צייט און איבערגעטריבענ-
קייט מיט אַ כּיון; כּדי מען זאָל אין זיי זעהן גלייכצייטיג די
פערברעכענס פון די דאַנטאָניסטען און פון די העבערטיסטען,
האָט מען אַריינגעצויגען אַהין צוויי געגענגעזעצטע קעפּ, צוויי
פרויען-קעפּ: די אַלמנה קאַמיל, די דאָזיגע ליעבע לוסיל, און די
אלמנה פון דעם העבערטיסט מאָמאָראָ, אַ געטין פון איין טאָג
און אַ לעבעדיג ווייבעל.ביידע זענען זיי, צוליעב סימעטריע,
אַריינגעזעצט געוואָרען אין דערזעלבער טורמע, וואו זיי האָבען
צוזאַמען געקלאָגט אויף דערזעלבער שטיינערנער באַנק; ביידע
צוזאַמען זענען זיי, אויך צוליעב סימעטריע, אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן
עשאַפאָט. דאָס איז געווען אַ זעהר קלוג צוגעטראַכטער סימבאָל, אַ
מייסטער-ווערק פון גלייכגעוויכט, וואָס איז געבאָרען געוואָרען מסתמא
אין קאָפּ פון עפּעס אַ פּראָקוראָר; אָבער געגאַנגען איז עס אויף
מאַקסימיליאַנ'ס נאָמען. אויפ'ן חשבון פון דעם דאָזיגען פאָלקס-
פאָרשטעהער האָט מען צוגעשריבען אַלע געשעהענישען, וואָס זע-
נען פאָרגעקומען אין דער רעפּובליק, גליקליכע אָדער אונגליקלי-
כע — געזעצען, מנהגים, וועטערען, גערעטענישען, קראַנקהייטען.
דאָס איז געווען אַ אונגערעכטיגקייט, אָבער אַ כּשר-פערדיענטע, וואָ-
רום אָט דאָס קליינע, ריינע, מאָגערע מענשעלע מיט'ן קעצישען
פּנים'ל איז געווען אַלמעכטיג איבער'ן פאָלק...

יענעם טאָג האָט דער טריבונאַל גע'משפט אַ טייל פון די
אָנטיילנעהמער אין דער טורמע-פערשווערונג, אַ מאַן דרייסיג פון
דער לוקסאַנבור-טורמע, זעהר שטילע און רוהיגע אַרעסטאַנטען,
דערפאַר אָבער אויסגעשפּראָכענע ראָיאַליסטען אָדער פעדעראַליס-
טען. די גאַנצע בעשולדיגונג האָט זיך געגרינדעט אויף די ער-
קלערונגען פון איין-איינציגען מסור. די געשוואָרענע ה[illegible]ישט

אָנגעהויבען צו וויסען דעם ענין; זיי האָבען אַפילו די נעמען פון די פערשווערער נישט געוואוסט. וואַרפענדיג אַ בליק אויף די בעשולדיגטע, האָט גאַמלען דערקענט צווישען זיי פּאָרטונע שאַסאַינ׳ען. חאָטש ער איז געווען אויסגעמאָגערט און בלייך פון דער לאַנגער געפאַנגענשאַפט, חאָטש זיינע געזיכטס-שטריכען זע-נען געווען פערשאַרפט דורך דער געדיכטער ליכטיגקייט, וועל-כע האָט אָנגעפילט דעם זאַל, איז אויף זשולי׳ס געליעבטען דאָך אויסגעגאָסען געווען אַ געוויסער חן און שטאָלץ. זיינע בליקען האָבען זיך בעגעגענט מיט גאַמלענ׳ס בליקען אוןביידע האָבען זיך איבערגעטוישט מיט פעראַכטונג.

אין גאַמלענ׳ען האָט באַלד אָנגעהויבען קאָכען דאָס בלוט פון כּעס, חאָטש אויסערליך איז ער געווען רוהיג. ער האָט זיך אויפגעהויבען, געבעטען דאָס וואָרט און, אָנשטעלענדיג זיי-נע בליקען אויף ברוטוס׳עס ביוסט, וועלכער האָט דאָמינירט דעם זאַל, האָט ער געזאָגט:

—בירגער פּאָרזיצענדער, חאָטש צווישען מיר און איינעם פון די בעשולדיגטע עקזיסטירט אַ געוויסע שייכות, וועלכע מען וואָלט געקאָנט רופען—ווען זי וואָלט געווען אָנערקענט דורכ׳ן געזעץ—מחותנות׳שאַפט, פונדעסטוועגען ערקלער איך, אַז איך זאָג מיך נישט אָב פון מיין ראָליע אַלס געשוואָרענער ריכטער. די צוויי ברוטוס׳ען האָבען זיך נישט אָבגעזאָגט, ווען זיי האָבען געדאַרפט, לטובת דער רעפּובליק אָדער דעם פאָטערלאַנד, פער-משפּט׳ן אַ זוהן אָדער טויט-שלאָגען אַ טאַטען...

און ער האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט.

—אַ עכטער אויסוואורף! — האָט שאַסאַין אַ מורמעל-געטהון צווישען די צייהן.

דער עולם איז געבליבען קאַלט—אפשר דערפאַר, ווייל ער איז שוין אַ היבש-ביסעל מיעד געווען פון די גרויסע, שטאַרקע חאַראַקטערען, און אפשר צוליעב דעם, ווייל גאַמלענ׳ען איז טאַקי לייכט געווען צו בעזיעגען נאַטירליכע געפיהלען.

—בירגער גאַמלען,—האָט געזאָגט דער פאָרזיצענדער—לויט׳ן געזעץ דאַרף אַנ׳אָבזאָג דערלאַנגט ווערען שריפטליך פיער-און-

צוואַנציג שעה פאַר'ן אָנהויב פון פּראָצעס. איבעריגענס, דו האָסט קיין גרונד נישט זיך אָבצוזאָגען: אַ פּאַטריאָטישער ריכטער שטעהט העכער פון יעדער ליידענשאַפט.

יעדער בעשולדיגטער איז אויסגעפרעגט געוואָרען אין אַ משך פון דריי אָדער פיער מינוט. דער פּראָקוראָר האָט געפאָדערט טויט-שטראָף פאַר אלעמען, און די געשוואָרענע האָבען געשטימט דערפאַר מיט איין וואָרט, מיט איין שאָקעל מיט'ן קאָפּ אָדער „פאַר אַקלאַמאַסיאָן." אַז ס'איז דערגאַנגען צו גאַמלען'ען, האָט ער געזאָגט:

— ס'איז דערוויזען געוואָרען, אַז אַלע בעשולדיגטע זענען שולדיג. דאָס געזעץ איז קלאָר.

בעת ער איז אַראָבגעגאַנגען מיט די טרעפּ פונ'ם געריכטס-פּאַלאַץ, האָט איהם פלוצלונג אָבגעשטעלט אַ בחור'ל פון אַ יאָהר זיעבצעהן—אַכטצעהן אין אַ גרינעם פּעלערינע-מאַנטעל. ער האָט געטראָגען אַ קיילעכדיגען הוט פערוואָרפען אויף הינטען, און די קאַנטען פון הוט האָבען אויסגעזעהן אויף זיין בלייכען פּנים ווי אַ שוואַרצער אָרעאָל. אַוועקשטעלענדיג זיך אַנטקעגען דעם געשוואָרענעם ריכטער, האָט ער צו איהם אַ געשריי-געטהון מיט צאָרן און פערצווייפלונג:

—אויסוואורף! ווילדע פערזעהעניש! מערדער! נאַ, שלאָג מיך, דו פּחדן איינער! איך בין אַ פרוי! הייס מיך אַרעסטירען, דעם קאָפּ אַראָבנעהמען, דו קין איינער! איך בין דיין שוועסטער.

און זשולי האָט איהם אַ שפּיי-געטהון אין פּנים. די רעוואָלוציאָנערע וואַכזאַמקייט פון המון האָט, קענטיג, שוין אָנגעהויבען שוואַכער ווערען; זיין פּאַטריאָטישע היץ איז שוין אַ ביסעל אָבגעקיהלט געוועזן: אַרום גאַמלען'ען און זיין אָנפאַלער האָט מען געקאָנט בעמערקען בלויז אונזיכערע, וואקעלדיגע זשעסטען און בעוועגונגען. זשולי האָט זיך דורכגעריסען דורך דעם עולם און איז פערשוואונדען געוואָרען אין דער בין-השמשות-דונקעלקייט.

XXIII

עוואַריסט גאַמלען איז געוואָרען זעהר אויסגעמאַטערט און האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט אויסרוהען. צוואַנציג מאָל אַ נאַכט פלעגט ער אויפשפּרינגען פון די שווערע קאָשמאַרען, וואָס פּלעגען איהם קומען אין שלאָף. בלויז דאָרט, אינ׳ם בלויען צימער, אין עלאָדי׳ס אָרעמס, פלעגט ער קאָנען שלאָפען עטליכע שעה. ער פלעגט רעדען און שרייען פון שלאָף; עלאָדי פלעגט זיך אויפחאַפּען, אָבער זיינע ווערטער פלעגט זי נישט קאָנען פערשטעהן.

א״ינמאָל אין אַ פריהמאָרגען, נאָך אַ שווערער נאַכט, ווען בייזע גייסטער זענען איהם געקומען צו חלום, האָט גאַמלען זיך אויפגעחאַפּט אַ צעבראָכענער פון שרעק און שוואַך, ווי אַ קינד. דער מאָרגען-שיין איז אַריינגעקומען אין צימער מיט בלייכע שטראַהלען דורך די פערהאַנגענע פענסטער. די האָר זענען ביי עוואַריסט׳ן געלעגען צושויבערט אויפ׳ן שטערען און האָבען איהם פערשטעלט די אויגען, ווי אַ שוואַרצער שלייער. עלאָדי איז געשטאַנען ביי איהם צוקאָפּענס און האָט לייכט בעזיייגט פון זיין

שטערן די פערפלאָנטערטע לאָקענס. דאָס מאָל האָט זי געקוקט אויף איהם מיט דער צערטליכקייט פון אַ שוועסטער און מיט איהר טיכעלע האָט זי אָבגעווישט פון זיין פנים דעם פערקיהלטען שווייס. דאַן האָט ער זיך דערמאָהנט די שענע סצענע פון ערי-פיד׳ס "אָרעסט", פון וועלכער ער האָט אָנגעהויבען צו מאַכען אַ בילד... ווען ער וואָלט געקאָנט ענדיגען דאָס בילד, וואָלט דאָך דאָס געווען זיין בעסטעס ווערק: די סצענע, ווי די אונגליקליכע עלעקטראַ ווישט-אָב דעם שוים פון איהר קראַנקען ברודער׳ס מויל. און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט, ווי עלאָדי זאָגט אויך: "הער מיך אויס, מיין ליעבער ברודער, בעת די בייזע גייסטער לאָזען דיך אָב און דו קומסט צו זיך..."

און ער האָט געטראַכט:

"אָבער איך בין דאָך פונדעסטוועגען נישט קיין פאָטער-מערדער. פערקעהרט, בלויז פון רחמנות און טיעפער ליעבע האָב איך דאָך פערגאָסען דאָס אונריינע בלוט פון מיין פאָטערלאַנד׳ס שונאים".

XXIV

מיט דער פערשוועדונג פון די טורמעס איז נאָך אַלץ צו קיין סוף נישט געקומען. ניין-און-פיערציג אָנגעקלאָגטע האָבען אָנגעפילט די בעשולדיגונגס-גאַלעריע. מאָריס בראָטאָ איז געזעסען אין דער רעכטער זייט, אויפ'ן העכסטען שטאַפּעל. דאָס איז געוועזען דער עהרען-פּלאַץ. ער איז געוועזען אָנגעטהון אין זיין שוואַרצען ראָק, וועלכען ער האָט מיט אַ טאָג פריהער זעהר גוט אויסגעבערשט און פעררייכט דעם אָרט נעבען דער קעשענע, וואו עס איז געוועזען אויסגעריבען פון דעם לוקרעציוס, וואָס ער האָט שטענדיג געטראָגען ביי זיך. נעבען איהם איז געזעסען די פרוי ראָשמאָר, געפּודערט און געפאַרבט, שיינענדיג און שרעקליך. דעם פּאָטער לאָנגמאַר האָט מען אַוועקגעזעצט צווישען איהר און דער גאַסען-מיידעל אַטענאַאיס, וועלכע האָט אין טורמע בעקומען איהר פריהערדיגע יוגענדליכקייט און פרישקייט.

די זשאַנדאַרמען האָבען אויף דער גאַלעריע אָנגעפּאַקט ענשען, וועלכע די פריהער דערמאָנטע בעשולדיגטע האָבען מחלוטין נישט געקענט און וועלכע האָבען זיך אפשר צווישען

איינאַנדער אויך נישט געקענט. און אַלע זענען פונדעסטוועגען אָנגעקלאָגט געוועו פאַר איינע און דיזעלבע זאַך: דעפּוטאַטען, טאָג-אַרבייטער, געוועזענע אַריסטאָקראַטען און סתם בירגער און בירגערינס. די בירגערין ראָשמאָר האָט דערזעהן גאַמלענ׳ען אויפ׳ן באַנק פון די געשוואָרענע. כאָטש ער האָט נישט געענטפערט אויף אַלע איהרע דרינגענדע בריעף און בקשות, האָט זי דאָך נאָך אַלץ געהאָפט אויף איהם. זי האָט געקוקט אויף איהם מיט בעטענדע בליקען און האָט זיך בעמיהט אויסצוזעהן אין זיינע אויגען שען און ריהרענד. אָבער דער קאַלטער בליק פון דעם יונגען ריכטער האָט ביי איהר אָבגענומען יעדע אילוזיע.

דער סעקרעטאַר האָט איבערגעלייענט דעם בעשולדיגונגס-אַקט, וועלכער איז פאַר יעדען אנגעקלאָגטען בעזונדער געווען גאַנץ קורץ. אָבער פאַר אַלע צוזאַמען אַרויסגעקומען זעהר לאַנג. אין אַלגעמיינע שטריכען האָט ער געשילדערט אַ בילד, ווי אַזוי מען האָט אין די טורמעס אָרגאַניזירט אַ פערשווערונג, אום צו דערטרינקען די רעפּובליק אינ׳ם בלוט פון די פאָלקס-פאָרשטעהער און פון דער פאַריזער בעפעלקערונג. דערצעהלענדיג וועגען דעם אָנטייל פון יעדען בעשולדיגטען בעזונדער, האָט ער געזאָגט:

—איינער פון די געפעהרליכסטע איניציאַטאָרען פון דער דאָזיגער געמיינער פערשווערונג איז בראָטאָ, דער געוועזענער אַריסטאָקראַט דעז-אילעט און אַמאָליגער שטייערן-אַרענדאַטאָר אין דעם טיראַנ׳ס צייטען. דער דאָזיגער פאַרשוין, וועלכער האָט זיך געלאָזט בעמערקען נאָך בעת דער טיראַנישער הערשאַפט דורך זיין אויסגעלאַסענער אויפפיהרונג, איז אַ קלאָרער בעווייז, אַז די הפקרות און די שלעכטע זיטען זענען די גרעסטע פיינד פון דער פרייהייט און פון דער פאָלקס-עהרע; נאָכדעם ווי ער האָט צעטאַכלעוועט קהל׳שע געלדער אויף צו לעבען אַ גוטען טאָג, האָט ער געמאַכט יד-אחת מיט דער פרוי ראָשמאָר, זיינע אַ געוועזענער מעטרעסע, צו קומען אין בעציהונגען מיט די עמיגראַנטען און אויף אַ פערברעכערישען אופן מודיע צו זיין די פיינד וועגען דער לאַגע פון אונזערע פינאַנסען, וועגען די בעוועגונגען פון אונזער מיליטער און וועגען די ענדערונגען אין דער געזעל-

שאַפטליכער מיינונג.

„בראַטאָ האָט צו יענער צייט פון זיין געמיינער עקזיס־טענץ געלעבט מיט אַ פראָסטיטוטקע, וועלכע ער האָט אויסגעפו־נען אין דער בלאַטע פון דער „פראַמאַנטאָ"־גאַס, אַ גאַסען מיי־דעל מיט'ן נאָמען אַטענאַאיס. דאָסדאָזיגע גאַסען־מיידעל האָט ער אַריינגעצויגען אין זיינע פלענער און האָט זי אויסגענוצט אויף צו פיהרען אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע דורך אונפער־שעמטע געשרייען אין די גאַסען און דורך געמיינע העצעס.

„עטליכע מיינונגען פון דעמדאָזיגען שעדליכען מענשען וועלען אייך וויזען קלאָר זיינע מאוס'ע געדאַנקען און זיינע פערברעכערישע ציעלען. רעדענדיג וועגען דעם פּאַטריאָטישען טריבונאַל, וואָס איז איצט גערופען געוואָרען איהם צו בעשטראָ־פען, האָט ער מיט חוצפּה געזאָגט: „דער רעוואָלוציאָנערער טרי־בונאַל איז עהנליך צו אַ פּיעסע פון וויליאַם שעקספּיר, וואו עס ווערען צונויפגעמישט די בלוטיגסטע סצענעס מיט די לעכערליכ־סטע סיטואַציעס". אָהן אויפהער האָט ער געפּרעדיגט דעם אַטע־איזם, וואָרום דאָס איז זיכערסטע מיטעל צו פערגרעבען און דעמאָראַליזירען דאָס פּאָלק. און אין דער קאָנסיערזשערי־טורמע, וואו ער איז געזעסען, פלעגט ער איבער די נצחונות פון אונ־זערע העלדישע אַרמעען קלאָגען, ווי איבער די גרעסטע אומגלי־קען, און ער פלעגט זיך בעמיהען צו וואַרפען חשדים אויף די פּאַטריאָטישסטע גענעראַלען, דערצעהלענדיג וועגען זייערע כלומר'־שטע טיראַנישע כּונות. „וואַרט, וואַרט—פלעגט ער זאָגען מיט אַ חוצפּה, וואָס לאָזט זיך אפילו נישט בעשרייבען—וואַרט, ביז וואַנען איינער פון די דאָזיגע שווערדען־קלינגער, וועלכע איהר פּראַלט און ליבט אַזוי און פון וועלכע איהר ערוואַרט אייער גליק—וואַרט, ביז אַזאַ איינער וועט אייך איינשלינגען, ווי דער שטאָרך פון דער פּאַבעל האָט איינגעשלונגען די פרעש"

און ווייטער איז אין דעם בעשולדיגונגס־אַקט געווען געזאָגט:

„די פרוי ראָשמאָר, בראַטאָ'ס מעטרעסע, אויך אַ געוועזע־נע אַריסטאָקראַטין, איז נישט וועניגער שולדיג, ווי ער. זי האָט נישט נאָר קאָרעספּאָנדירט מיט אויסלאַנד און בעקומען בעצאָהלט

פון פיט׳ן אַליין, נאָר צוזאַמען מיט נאָך פערדאָרבענע מענשען, ווי זשוליען (פון טולוז) און שאַבאָ, וועלכע האָבען געהאַט בעצי-הונגען מיט׳ן געוועזענעם באַראָן באַטץ, האָט זי געמאַכט אַלערליי מאַכינאַציעס, אום צו וואַרפען די אַקציעס פון דער אינדישער קאָמ-פּאַניע, אויפקויפענדיג זיי פאַר זעהר ביליגע פרייזען און דערנאָך הויבענדיג זיי מיט פערקעהרטע קאָמבינאַציעס. אַזוי אַרום האָבען זיי בעשווינדעלט סיי דאָס פּריוואַטע אייגענטום, סיי דאָס געזעל-שאַפטליכע. ווען מען האָט זי אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין טורמע, האָט זי דאָרט אויך נישט אויפגעהערט צו רייצען, העצען און טרייבען ספּעקולאַציעס. זי האָט אַפילו געפּרובט אונטער-קויפען ריכטער און געשוואָרענע.

„לואי לאַנגמאַר, אויך פונ׳ם אַדעל, אַ געוועזענער קאַפּוצי-נער, האָט זיך שוין פון לאַנג אַריינגעלאָזט אין אַלערליי נידער-טרעכטיגקייטען און פערברעכענס, נאָך איידער ער איז בעגאַנ-גען דעם פעררעט, פאַר וועלכען ער האָט דאָ צו ענטפערן. לעבענדיג אין אַשענדליכער פעראייניגונג מיט דער גאַסען-מיידעל מאַרטאַ גאָרקו—אָדער ווי זי רופט זיך: אַטענאַאיס—אונטער בראָ-טאָ׳ס דאַך, איז ער געווען דער מיטהעלפער פון דער פּראָסטי-טוטקע און פון דעם געוועזענעם אַריסטאָקראַט. די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געזעסען אין דער קאָנסיערזשערי-טורמע, האָט ער קיין איין טאָג נישט אויפגעהערט צו שרייבען זיינע ציניש פּאַסקווילען געגען דער פרייהייט און געגען דער עפענטליכער רוהיגקייט.

„וואָס אָנבעלאַנגט מאַרטאַ גאָרקו, אָדער אַטענאַאיס, דאַרף מען צוגעבען, אַז די פּראָסטיטוטקעס זענען בכלל די גרעסטע פּלאָג פאַר די געזעלשאַפטליכע זיטען, אַ חרפה און אַ שאַנדע פאַר דער עפענטליכקייט, אָבער צו וואָס זאָלען מיר מאריך זיין וועגען עקעלהאַפטע פערברעכענס, אין וועלכע די בעשולדיגטע איז זיך אַליין מודה?...“

דער בעשולדיגונגס-אַקט האָט דערנאָך געגעבען אַ איבער-בליק וועגען די פיער-און-פופציג איבריגע אָנגעקלאָגטע, וועלכע נישט בראָטאָ, נישט דער פּאָטער לאַנגמאַר און נישט די בירגע-

רין ראַשמאַר האָבען אָנגעהויבען צו קענען. העכסטענס האָבען זיי איינינע פון זיי געזעהן אין טורמע. און זיי אַלע זענען עס צוזאַמען איינגעפלאָכטען געוואָרען אין יענער מורא׳דיגער פערשווערונג, וועלכע האָט נישט קיין גלייכע צו זיך אין דער געשיכטע פון פעלקער.

דער בעשולדיגונגס-אַקט האָט זיך געענדיגט מיט דער פאָדערונג פון טויט-שטראָף פאַר אַלע אָנגעקלאָגטע.

בראָטאָ איז אויסגעפרעגט געוואָרען צום ערשטען.

—האָסטו זיך בעטייליגט אין דער פערשווערונג?

— ניין, איך האָב קיין שום פערשווערונג נישט געמאַכט. אין דעם בעשולדיגונגס-אַקט, וועלכען איך האָב אָקאָרשט געהערט, איז אַלץ, פון אָנהויב ביז׳ן סוף, ליגען.

—זעהסטו: אַפילו אין איצטיגען מאָמענט בעגעהסטו אויך אַ פערשווערונג—געגען טריבונאַל.

און באַלד דערויף איז דער פּאָרזיצענדער איבערגעגאַנגען צו דער פרוי ראַשמאַר, וועלכע האָט געענטפערט מיט פערצווייפעלטע פּראָטעסטען, מיט טרעהרען און מיט אַ געשליפענער שפּראַך.

דער פּאָטער לאַנגמאַר האָט זיך אינגאַנצען פערלאָזט אויפ׳ן אויבערשטענ׳ס ווילען. ער האָט אַפילו נישט מיטגעבראַכט מיט זיך זיין געשריבענעם פערטיידיגונגס-מאַטעריאַל.

אויף אַלע פראַגען, וועלכע זענען איהם געשטעלט געוואָרען, האָט ער געענטפערט מיט רעזיגנאַציע. אָבער ווען דער פּאָרזיצענדער האָט איהם גערופען „קאַפּוצינער", האָט זיך אין איהם באַלד דערוועקט דער פריהערדיגער גייסט.

— איך בין נישט קיין קאַפּוצינער—האָט ער געזאָגט—איך בין אַ פּריסטער און גייסטליכער פון דעם באַרנאַביטען-אָרדען.

—ס׳איז אַלץ איינס—האָט דער פּזרויצענדער גוטמוטיג געענטפערט.

דער פּאָטער לאַנגמאַר האָט אויף איהם אַ קוק-געטהון מיט אויפרעגונג.

—עס איז נישטאָ קיין גרעסערער טעות, ווי צענויפפלאָנ-

טערן מיט אַ קאַפּוציִנער אַ גייסטליכען פון יענעם באַרנאַביטען־אָרדען, וועלכער האָט זיין קאָנסטיטוציע אַזש פון דעם הייליגען אַפּאָסטאָל פויל אַליין.

אין זאַל האָט אויסגעבראָכען אַ געלעכטער, און דער פּאַטער לאָנגמאַר, אָננעהמענדיג דאָס דאָזיגע געלעכטער ווי אַ צייכען פון געגנערשאַפט, האָט ערקלערט, אַז ביז'ן טויט וועט ער בלייבען אַ מיטגליעד פון דעם באַרנאַביטען־אָרדען, און אויב אַפילו ער טראָגט נישט אויף זיך די געהעריגע קליידער, טראָגט ער זיי אָבער ביי זיך אין האַרצען.

—צי ביזטו זיך מודה,—האָט איהם געפרעגט דער פּאָרזיצענדער—אַז צוזאַמען מיט דער גאַסען־מיידעל גאָרקו, אָדער אַטענאַאיס, וועלכע האָט דיר געשאָנקען איהר שענדליכע ליעבע, האָסטו זיך בעטייליגט אין אַ פערשווערונג?

ביי דער דאָזיגער פראַגע האָט דער פּאָטער לאָנגמאַר אויפגעהויבען צום הימעל אַ פערטרויערטען בליק. ער האָט נישט געענטפערט, אָבער אין זיין שטילשווייגען האָט זיך געפיהלט די פערוואונדערונג פון אַ ריינער נשמה און די ערנסטקייט פון אַ גייסטליכען, וועלכער האָט מורא אַרויסצולאָזען פון מויל אומזיסטע ווערטער.

—און דו, גאָרקו,—האָט דער פּאָרזיצענדער זיך געווענדעט צו אַטענאַאיס'ן—ביזטו זיך מודה, אַז דו האָסט זיך בעטייליגט אין דער פערשווערונג צוזאַמען מיט בראָטאָ'ן?

—אויף וויפיעל איך ווייס,—האָט אַטענאַאיס שטיל געענטפערט—האָט בראָטאָ בלויז גוטס געטהון. מען וואָלט בעדאַרפט האָבען אַסך אַזעלכע מענשען, ווי ער; קיין בעסערע איז נישטאָ. די, וועלכע זאָגען אַנדערש, האָבען אַ טעות. דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב צו זאָגען.

דער פּאָרזיצענדער האָט איהר געפרעגט, אויב זי איז מודה, אַז זי האָט געלעבט מיט בראָטאָ'ן אין פרייער ליעבע. מען האָט איהר בעדאַרפט ערקלערען, וואָס דאָס בעדייט אַזוינס, ווארום זי האָט נישט געוואוסט, וואָס מען מיינט מיט דעם. אָבער באַלד ווי מען האָט איהר עס געגעבען צו פערשטעהן, האָט זי געענ-

טפערט, אַז דאָס האָט זיך געוועגדעט אָן איהם: ער האָט נאָר עס געדאַרפט בעטען, אָבער ער האָט נישט געבעטען.

צווישען פובליקום האָט מען גענומען לאַכען, און דער פּאָרזיצענדער האָט מתרה געווען אַטענאַאיס׳ן, אַז ער וועט זי אויסשליסען פון די דעבאַטען, אויב זי וועט ווייטער ענטפערן מיט אַזאַ ציניזם.

דאַן האָט זי איהם אָנגערופען חונף, צבוע׳יאַק, האָרן־קאָפּ און גענומען גיסען אויף איהם, אויף די ריכטער, אויף די גע-שוואָרענע אַ גאַנצען מבול פון זידלערייען, ביז וואַנען די זשאַנ-דאַרמען האָבען זי אַרויסגעצויגען פון צווישען די בענק און אַרויס-געפיהרט פון זאַל.

דערנאָך האָט דער פּאָרזיצענדער אויסגעפרעגט בקצור די איבריגע אָנגעקלאָגטע לויט׳ן סדר ווי זיי זענען געווען אויסגע-זעצט אויף די בענק. איינער מיט׳ן נאָמען נאַוועט האָט געענ-טפערט, אַז שוין דערפאַר אַליין האָט ער נישט געקאָנט זיך בע-טייליגען אין דער טורמע-פערשווערונג, ווייל ער איז געזעסען אין טורמע סך-הכל פיער טעג. דער פּאָרזיצענדער האָט אויפ-מערקזאַם געמאַכט, אַז דער דאָזיגער ענטפער דאַרף גענומען ווערען אין בעטראַכט און ער בעט די בירגער געשוואָרענע ריכ-טער, זיי זאָלען עס האָבען אין זינען. אַ געוויסער בעליע האָט געענטפערט דאָסזעלבע, און דער פּאָרזיצענדער האָט אויך וועגען איהם געמאַכט אַ עהנליכע בעמערקונג. די דאָזיגע גוטהער-ציגקייט פונ׳ם ריכטער האָט דער עולם אויסגעטייטשט פערשיע-דען: איינע האָבען דער׳ין געזעהן פשוט עהרליכקייט, אַנדערע, ווידער, האָבען געזאָגט, אַז דאָס איז מסתמא אַ בעלוינונג פאַר עפּעס אַ מסירה׳לע.

דער פּראָקוראָר האָט גענומען דאָס וואָרט. ער האָט בלויז אַ ביסעל צוגעפּוצט דעם בעשולדיגונגס-אַקט און דערנאָך פאָרמו-לירט די פראַגען:

צי איז דערוויזען געוואָרען, אַז מאָריס בראָטאָ, לואיז ראָשמאָר, לואי לאָנגמאַר, מאַרטאַ גאָרקו, אָדער אַטענאַאיס, זועב ראָשע, פיער גיטאָן-פאַבולע, מאַרסעלין דעקור א. אַז. וו. א. אַז.וו האָ-

בען געבילדעט אַ פערשווערונג, וואָס איהרע מיטלען זענען געווען: ערמאָרדען, אויסהונגערן, פאַבריצירען פאַלשע אַסיגנאַציעס און מטבעות, דעמאָראַליזירען די געזעלשאַפט, אויפבונטעווען די אַרעסטירטע אין די טורמעס; דאָס ציעל: אַרויסרופען אַ בירגער־קריעג, פונאַנדערטרייבען די פאָלקס־פאָרשטעהערשאַפט צוריק אויפשטעלען די מאָנאַרכיע?

די געשוואָרענע זענען אַריין אין בעראַטונגס־צימער. זיי האָבען אַלע זיך ארויסגעזאָגט אויף יאָ בנוגע די אַלע אָנגעקלאָגטע, אויסער וועגען נאַוועט און בעליע, וועלכע זענען דורכ׳ן פאָרזיצענדען און דערנאָך דורכ׳ן פראָקוראָר אויסגעטיילט געוואָרען פון אַלע בעשולדיגטע. גאַמלען האָט זיין ווערדיקט מאָטיווירט:

— די שולד פון די אָנגעקלאָגטע רייסט אויס די אויגען. דאָס גליק פון דער נאַציע פאָדערט, מען זאָל זיי בעשטראָפען. זיי אַליין דאַרפען פערלאַנגען דעם טויט, אַלס איינציגע כפרה פאַר זייערע פערברעכענס.

דער פאָרזיצענדער האָט געלייענט דעם אורטייל אין דער אָבוועזענהייט פון די בעשולדיגטע. אין אַזעלכע גרויסע פראָצעסען פלעגט מען—אין געגענזאַץ צו דער פאָדערונג פונ׳ם געזעץ—נישט רופען די פער׳משפט׳ע, אום פאַר זיי פאָרצולייענען דעם פסק־דין. מען האָט מסתמא געוואָלט פערשפאָרען צו זעהן די פערצווייפלונג פון אַזאַ גרויסער צאָהל מענשען. אָבער די מורא איז געווען אַ אומזיסטע, וואָרום צו־גרויס און אַלגעמיין איז דאַן געווען די רעזיגנאַציע פון די קרבנות. דער סעקרעטאַר איז אַראָבגעגאַנגען צו זיי איבערלייענען דעם ווערדיקט, און מען האָט איהם דאָרט אויסגעהערט מיט אַזאַ מין שטילקייט און רוהיגקייט, אַז מען וואָלט די דאָזיגע פרעריאַל־פעראורטיילטע געקאָנט פערגלייכען מיט בוימער, וועלכע זענען בעשטימט געוואָרען אויסגעהאַקט צו ווערען.

די בירגערין ראָשמאָר האָט ערקלערט, אַז זי שוואַנגערט. איינער אַ כירורג, וועלכער איז גלייכצייטיג געווען אַ געשוואָרענער ריכטער, איז בעשטימט געוואָרען צו געהן זי

בעטראַכטען. אַ פער'חלש'טע, האָט מען זי אַוועקגעטראָגען אין איהר קאַזעמאַט אַריין.

—אַה!—האָט געזאָגט מיט אַ זיפץ דער פאָטער לאָנגמאַר— די דאָזיגע ריכטער זענען ווערט בעדויערט צו ווערען. זייער גייס־טיגער צושטאַנד איז באמת אַ טרויעריגער. אַלץ פלאָנטערן זיי צענויף, אפילו אַ באַרנאַביט מיט אַ פראַנציסקאַנער.

די היגריכטונג האָט בעדאַרפט פאָרקומען דעמזעלבען טאָג נעבען דעם „באַריער פון אומגעוואָרפענעם טראָן.” די פער'משפט'ע, נאָכדעם ווי מען האָט פאַר זיי געמאַכט די נויטיגע הכנות,—אָב־געשאָרען די האָר, אויסגעשניטען די העמדער ביי'ם קאַרק,—זע־נען געשטאַנען איינגעפּרעסט אין אַ קליינעם צימער, וואָס איז אָבגעטיילט געווען פון דער קאַנצעלאַריע דורך אַ דין ווענטעל מיט שויבען, און האָבען געוואַרט אויפ'ן הענקער.

ווען דער הענקער מיט זיינע בעהעלפערס זענען אָנגעקו־מען, האָט בראָטאָ געהאַלטען אין לעזען זיין לוקרעציוס. ער האָט געמאַכט אַ צייכען אויף דעם עמוד, וואו ער האָט אָנגעהויבען לעזען, פערמאַכט דאָס בוך און עס אַריינגעלעגט אין קעשענע. דערנאָך האָט ער געזאָגט צום באַרנאביט:

—זעהר געעהרטער פאָטער, איין־איינציגע זאַך פערדריסט מיך שטאַרק—דאָס, וואָס איך וועל אייך נישט קאָנען איבערציי־גען. מיר געהען איצט ביידע שלאָפען אונזער אייביגען שלאָף. און איך וועל נישט קאָנען אייך אַ ציה־טהון פאַר'ן אַרבעל און זאָגען: „איהר זעהט: אָט האָט איהר שוין נישט קיין געפיהל, נישט קיין בעוואוסטזיין. איהר זענט אַ טויטע זאַך. דאָס, וואָס קומט נאָכ'ן לעבען, איז אַזוי ווי דאָס, וואָס איז געווען פאַר'ן לעבען”.

ער האָט געוואָלט אַ שמייכעל טהון, אָבער פלוצלונג האָט ער דערפיהלט אין האַרצען אַ גרויזאַמען וועהטאָג און ער איז שיער נישט אין חלשות געפאַלען.

ער האָט פונדעסטוועגען ווייטער געזאָגט:

—פאָטער, איך בעהאַלט נישט פון אייך מיין שוואַכקייט. איך האָב ליעב דאָס לעבען און געה נישט אַוועק פון דער וועלט

אָהן פערדוס.

—מיין הערר,—האָט דער גייסטליכער מילד געענטפערט — בעטראַכט נאָר: איהר זענט מוטיגער פאַר מיר, און פונדעסט-וועגען שרעקט אייך דער טויט מעהר, ווי מיך. בעדייט עס דען נישט, אַז איך זעה יענעם שיין, וועלכען איהר זעהט נאָך נישט?

—עס קאָן אָבער אויך זיין, אַז דאָס קומט דערפון, וואָס איך בענק מעהר נאָכ'ן לעבען, ווייל איך האָב פון איהם מעהר הנאה געהאַט. איהר האָט זיך דאָך בעמיהט צו מאַכען דאָס לעבען וואָס עהנליכער צום טויט.

—מיין הערר,—האָט דער פאָטער לאָנגמאַר געזאָגט, בלייך-ווערענדיג,—די מינוט איז אַ ערנסטע. גאָט זאָל מיך שטאַרקען! עס איז קלאָר, אַז מיר וועלען שטאַרבען אָהן געטליכע טרייסט-ווער-טער. מסתמא האָב איך אַמאָל צו-קאַלט און מיט אַ אונדאַנקבאַרען האַרץ געהייליגט גאָט'ס נאָמען, אויב ער שיקט מיר איצט נישט זיין טרייסט, ווען איך נויטיג מיך אַזוי אין איהר.

די פּוהרען האָבען שוין געוואַרט, מען האָט אין זיי אַריינ-געשפּאַרט די פער'משפּט'ע מיט געבונדענע הענד. די פרוי ראָש-מאָר, וועלכע איז דורך דעם כירורג נישט אָנערקענט געוואָרען אַלס שוואַנגערע, איז אויך אַריינגעשטופּט געוואָרען אין איינע פון די פּוהרען. זי האָט נאָך געפונען אין זיך אַ ביסעל ענערגיע אויף צו בעקוקען דעם גרויסען עולם, וואָס איז געשטאַנען אַרום. נישט-האָבענדיג דערויף קיין שום אויסזיכט, האָט זי דאָך געוואָרט, אַז עמיצער זאָל קומען זי ראַטעווען. איהרע אויגען זענען געווען פול מיט תחנונים. דער עולם איז געווען קלענער ווי אַמאָל; די שטימונג איז שוין אויך נישט געווען קיין שטורעמדיגע. בלויז עטליכע פרויען האָבען געשריען: „צום טויט!" אָדער זוזק גע-מאַכט פון די אַלע, וואָס זענען געגאַנגען שטאַרבען. די מאַנס-לייט האָבען געדריקט מיט די אַקסלען, אָבגעקעהרט די קעפּ און געשוויגען — אפשר צוליעב מורא, אפשר צוליב אַכטונג פאַר'ן געזעץ.

אַ ציטער איז דורכגעלאָפען דורכ'ן עולם, ווען אַטענאַאיס

איז אַרויסגעגאַנגען פון טויער. זי האָט אויסגעזעהן נאָך גאָר אַ קינד.

זי האָט זיך פערנויגט פאַר דעם גייסטליכען.

—הערר גייסטליכער! האָט זי זיך אָנגערופען—זאָגט מיט מיר ודוי.

דער פאָטער לאַנגמאַר האָט שטיל אָבגעזאָגט אַ תפלה און דערנאָך געזאָגט צו איהר:

—מיין טאָכטער, דו האָסט געזינדיגט און געלעבט אין אונ-אָרדנונג, אָבער איך וואָלט אַליין געוואָלט פונדעסטוועגען קומען צום אויבערשטען מיט אַזאַ ריין האַרץ, ווי דיינס.

זי איז פלינק אַרויפגעגאַנגען אויף דער פוהר און, אויס-גלייכענדיג איהר ביוסט, פערוואַרפענדיג שטאָלץ איהר קינדער-שען קאָפּ, האָט זי אַ געשריי-געטהון

—זאָל לעבען דער קעניג!

זי האָט געמאַכט אַ לייכטען צייכען צו בראָטאָ׳ן, אַז ס׳איז דאָ אַ פרייער אָרט נעבען איהר. בראָטאָ האָט געהאָלפען דעם גייסטליכען אַרויפגעהן אויף דער פוהר און האָט פערנומען אַנ׳-אָרט צווישען איהם און דער אונשולדיגער מיידעל.

— מיין הערר, — האָט דער פאָטער לאַנגמאַר געזאָגט צום אפּיקורסות׳דיגען פילאָזאָף — איך וועל אייך בעטען אַ טובה: זייט פאַר מיר מתפלל צו דעם דאָזיגען גאָט, אין וועלכען איהר גלויבט נישט. איך בין נישט זיכער, צי איהר שטעהט נישט נעהנטער צו איהם, ווי איך: איין אויגענבליק קאָן דאָ האָבען אַ ענטשיי-דענדע בעדייטונג. אום צו ווערען אַ פּריווילעגירט קינד ביי׳ם רבונו של עולם, איז אָפּטמאָל גענוג איין סעקונדע. מיין הערר, זייט פאַר מיר מתפלל.

און בעת די רעדער האָבען מיט אַ סקריפּעניש זיך געדרעהט איבער דעם ברוק פון דער לאַנגער פאָרשטאָדט-גאַס, האָט דער גייסטליכער מיט׳ן האַרץ און מיט די ליפּען געזאָגט די תפלה פון אַ גוסס.

בראָטאָ האָט זיך דערמאָהנט די פערזען פון דעם פּאָעט

פון דער נאַטור: סיק אובי נאָן ערימוס... חאָטש ער איז געווען געבונדען און איינגעקאָרטשעט אין דעם דאָזיגען שענדליכען וואָ-גען, האָט ער דאָך געהאַט אַ רוהיג אויסזעהן, פונקט ווי ער וואָלט זיך געקימערט בלויז וועגען זיין בעקוועמליכקייט. נעבען איהם איז געזעסען אַטענאַאיס, וועלכע האָט געוואָרפען אויפ'ן עולם גאוה'דיגע בליקען, זענענדיג שטאָלץ דערמיט, וואָס זי געהט שטאַרבען אַזוי, ווי די קעניגען פון פראַנקרייך. דער אַמאָליגער עושר האָט מיט די אויגען פון אַ מבין געקוקט אויף איהר ווייסען האַלז, און איהם האָט אַזוי באַנג געטהון צו פערלאָזען די ליב-ליכע וועלט...

XXV

בעת די פוהרען זענען געפאָהרען, אַרומגערינגעלט מיט זשאַנדאַרמען, צום „פּלאַץ פון אומגעוואָרפענעם טראָן", פיהרענ־דיג צום טויט בראָטאָ'ן מיט זיינע מיט-שולדיגע, איז עוואַריסט געזעסען פערטראַכטערהייד אויף אַ באַנק אין טולערי-גאָרטען. ער האָט געוואַרט אויף עלאָדי'ן. די אונטערגעהענדע זון האָט גע־וואָרפען איהרע פלאַמענדע פיילען דורך די געדיכטע בלעטער פון די קאַשטאַנען-בוימער. ביי די שטאַכעטען פון גאָרטען האָט דער רוהם, זיצענדיג אויף אַ געפליגעלטען פערד, געשאַלט מיט זיין אייביגען טרומייט. די צייטונגס-פערקויפער האָבען געשריען וועגען דעם זיעג ביי פלייררוס.

„יאָ,—האָט געטראַכט גאַמלען—דער זיעג איז אויף אונזער זייט. מיר האָבען איהם כשר פערדיענט".

ער האָט געזעהן, ווי די פערשאָלטענע שאָטענס פון די שלעכטע גענעראַלען שלעפען זיך אַרום אין דעם פערבלוטיגטען שטויב פונ'ם רעוואָלוציע-פּלאַץ, וואו זיי זענען אומגעקומען. און ער האָט מיט שטאָלץ אַ שמייכעל געטהון, טראַכטענדיג בעת מעשה,

אַז ווען נישט די אַלע שטרענגע מיטלען, אין וועלכע ער האָט אויך אַ טייל, וואָלטען שוין לאַנג די עסטרייכישע פערד געגריזעט די קאָרע פון אָט די בוימע!

און ער האָט צו זיך אַליין גערעדט:

„אָה, גליק-ברענגענדער טעראָר! מיט אַ יאָהר צוריק אין דערזעלבער צייט זענען אונזערע פערטיידיגער געווען העלדישע בעזיעגטע, וואָס זענען געגאַנגען אין שמאַטעס; דער באָדען פונ׳ם פאָטערלאַנד איז געווען פערפלייצט פון פיינד, צוויי דריטעל פון אַלע דעפּאַרטאַמענטען זענען געווען אין אויפשטאַנד. איצט זענען שוין אונזערע אַרמעען גוט בעזאָרגט, גוט אויסגעלערנט, זיי ווערען געפיהרט דורך פעהיגע גענעראַלען, זיי געהען-איבער צום אָנגריף און זענען גרייט פונאַנדערצוטראָגען די פרייהייט איבער דער גאַנצער וועלט. אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פון דער רעפובליק הערשט שלום... אָה, גליק-ברענגענדער טעראָר! הייליגער טעראָר! טייערע גיליאָטינע! מיט אַ יאָהר צוריק אין דערזעלבער צייט איז די רעפובליק צעריסען געווען אויף פערשיעדענע פאַרטייען: די בייזע שלאַנג פון פעדעראַליזם האָט געדראָהט זי אויפצופרעסען. איצט פערשפרייט די יאַקאָבינישע איינינקייט איבער׳ן גאַנצען לאַנד איהר קראַפט און איהר חכמה...”

און פונדעסטוועגען איז ער אומעטיג געווען. אַ טיעפער קנייטש האָט זיך אויסגעשפרייט אויף זיין שטערן און זיינע ליפען האָבען געהאַט אַ אויסדרוק פון פערביטערונג. ער האָט געטראַכט ביי זיך: „מיר האָבען געזאָגט: זיעגען אָדער שטאַרבען! מיר האָבען אָבער אַ טעות געהאַט, מיר האָבען בעדאַרפט זאָגען: זיעגען און שטאַרבען!”

ער האָט געקוקט אַרום זיך. די קינדער האָבען געמאַכט בערגלעך פון זאַמד. פרויען זענען געזעסען אויף הילצערנע שטוהלען נעבען די בוימער און האָבען געהאָפטען אָדער גענייהט. די פאַרבייגעהער, אין פראַקען און אין עפּעס משונה׳דיג-עלעגאַנטע הויזען, זענען געגאַנגען אַהיים, טראַכטענדיג וועגען זייערע געשעפטען אָדער וועגען זייערע פערגעניגענס. גאַמלען האָט זיך

געפיהלט איינזאַם צווישען זיי: עפּעס איז ער, דאַכט זיך, גאָר זייערער קיין לאַנדסמאַן נישט, עפּעס לעבט ער נישט מיט זיי אין איין צייט... וואָס איז אַזוינס פאָרגעקומען? ווי אַזוי איז עס געשעהן, אַז אָנשטאָט דער בעגייסטערונג פון די אַמאָליגע גוטע יאָהרען, איז איצט געקומען עפּעס אַ גלייכגילטיגקייט, אַ מיעדקייט און אפשר אויך אַ עקעל-געפיהל? מסתמא האָבען די דאָזיגע אַלע לייט שוין מעהר נישט געוואָלט הערען וועגען דעם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל און ווענדען זיך שוין אָב פון דער גיליאָטינע. זי, די גיליאָטינע, איז, קענטיג, געוואָרען אַ ביסעל געפעהרליך אויפ'ן רעוואָלוציע-פּלאַץ, האָט מען זי אַריבערגעטראָגען העט ביי'ם ברעג פון דער אַנטואַן-פאָרשטאָדט. און אַפילו דאָרט האָט מען געמורמעלט, ווען די פוהרען מיט די פער'משפּט'ע זענען פאַרבייגעפאָהרען. מען זאָגט, אַז עס האָבען זיך דערהערט עטליכע שטימען: „גענוג!"

גענוג, ווען עס זענען נאָך דאָ פעררעטער און פערשווערער! גענוג, ווען מען דאַרף נאָך בעגייען די קאָמיטעטען און אויסרייניגען דעם קאָנווענט! גענוג, ווען די אויסוואורפען בעדעקען מיט שאַנד די פאָלקס-פאָרשטעהערשאַפט! גענוג, ווען אַפילו אין די פיער ווענד פון רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל זוכט מען עצות, ווי אַזוי אומצובּרענגען ראָבעספּיער'ן! וואָרום ס'איז דאָך שרעקליך וועגען דעם אַ טראַכט-צו-טהון, און דאָך איז עס אַ ביטערער אמת! פוקיע אַליין האָט קאָמבּינירט פערשיעדענע פּלענער און טאַקי כדי אומצובּרענגען מאַקסימיליאַנ'ען, האָט ער געשיקט צו דער גיליאָטינע זיעבּען-און-פופציג קרבנות אין רויטע העמדער, ווי פאָטער-מערדערס. צי דען וועט פראַנקרייך זיך לאָזען אַריינשלעפּען אין אַזאַ פערברעכערישע רחמנות? מען מוז ראַטעווען פראַנקרייך געגען איהר ווילען, און ווען זי שרייט וועגען רחמנות, דאַרף מען זיך פערשטאָפּען די אויערען און ווייטער שלאָגען. ליידער! דאָס שיקזאַל האָט אַזוי געוואָלט: דאָס פאָטערלאַנד שילט זיינע ערלייזער. טאַ זאָל עס אונז שילטען, אָבער זאָל עס געראַטעוועט ווערען!

„ס'איז נאָך וועניג צו ברענגען אונבעקאַנטע קרבנות- צרי-

סטאָקראַטען, פינאַנסיסטען, פובליציסטען, פּאָעטען, אַלאַוואַזיע, אַרושע, אַאַנדריי שעניע. מען מוז קלאַפּען יענע אַלמעכטיגע אויסוואורפען, וועלכע ווילען מיט זייערע הענד, וואָס זענען פול מיט גאָלד און איינגעריכט אין בלוט, אומברענגען די יאָקאָבינער— די פּושעס, די טאַליענס, די ראָווערס, די קאַריערס, די בורדאָנס. מען מוז בעפרייען דאָס לאַנד פון די דאָזיגע פיינד. ווען העבערט וואָלט געזיעגט, וואָלט דער קאָנוועגט שוין לאַנג אומגעוואָרפען געווען און די רעפּובליק וואָלט געלאָפּען צום אָבגרונד; ווען עס וואָלטען געזיעגט דעמולען און דאַנטאָן, וואָלט דער קאָנוועגט אַוועקגעגעבען די רעפּובליק אין די הענד פון די אַריסטאָקראַטען, ספּעקולאַנטען און גענעראַלען. און אויב עס וועלען איצט זיעגען די פושעס און טאַליענס, דידאָזיגע ווילדע חיות, וואָס קאָנען זיך נישט אָנזעטיגען מיט בלוט און רויב, וועט די רעפּובליק דערטרונקען ווערען אין פערברעכענס און געמיינהייטען. די שלאָפסט, ראָבעספּיער, בעת די פערברעכער, וועלכע זענען פער־שכור׳ט דורך זייער מורא און פערביסענהייט, פּלאַנעווען דיין טויט אין די בעגרעבעניש פון דער פרייהייט. קוטאָן, סען-זשוסט, וואו זענט איהר? פאַרוואָס קומט איהר נישט אויפדעקען די פערשווערונגען?

„וואָס הייסט! דער פריהערדיגער רעזשים, די מאָנאַרכיסטישע פערזעהעניש, האָט אָבגעהיט זיין הערשאַפט דערמיט, וואָס ער פלעגט יעדעס יאָהר פיער הונדערט טויזענד מענשען אַריינזעצען אין די טורמעס, פופצעהן טויזענד אויפהענגען און דריי טויזענד פייניגען אין ראָד, און די רעפּובליק וועט זיך נאָך וואַקלען מקריב צו זיין עטליכע הונדערט קעפּ צוליעב איהר זיכערהייט און מאַכט! לאָמיר אין בלוט זיך טרינקען, אָבער דאָס פאָטערלאַנד לאָמיר ראַטעווען!...״

און ווי ער איז אַזוי געזעסען פערטיעפט אין זיינע מחשבות, איז עלאָדי צוגעלאָפען צו איהם, אַבלייכע און צעטומעלטע.

— עוואַריסט, וואָס האָסטו מיר צו זאָגען? פאַרוואָס ביזטו בעסער נישט געקומען צו אונז, אין בלויען צימער? פאַרוואָס האָסטו מיר געהייסען קומען אַהער?

—אום זיך צו געזעגענען מיט דיר אויף אייביג.

זי האָט אַ מורמעל-געטהון, אַז ער איז פון זינען אַראָב אַז זי הויבט נישט אָן צו פערשטעהן...

ער האָט זי אָבגעשטעלט מיט אַ לייכטער בעוועגונג פון דער האַנד.

— עלאָדי, איך קאָן שוין מעהר נישט אָננעהמען דיין ליעבע.

—שווייג, עוואַריסט, שווייג!

זי האָט איהם געבעטען, צו געהן מיט איהר אַ ביסעל ווייטער, ווארום דאָ האָט מען געקוקט אויף זיי און אונטערגעהערט וואָס זיי רעדען.

ער האָט געמאַכט אַ צוואַנציג טריט און דאַן האָט ווייטער גערעדט מיט אַ רוהיגען טאָן.

—איך האָב מקריב געווען פאַר מיין פאָטערלאַנד מיין לעבען און מיין עהרע. איך וועל שטאַרבען אין שאַנד און דיר, אונגליקליכע, וועל איך לאָזען בירושה בלויז אַ פערהאַסט אָנדענקען... ליעבען? ציי דען קאָן מען מיך נאָך ליעבען?... ציי דען קאָן איך נאָך ליעבען?

זי האָט איהם געענטפערט, אַז ער איז משוגע, אַז זי ליעבט איהם, אַז זי וועט איהם אייביג ליעבען. זי האָט גערעדט הייס און אויפריכטיג; אָבער זי האָט געפיהלט פונקט ווי ער, אָדער אפשר נאָך בעסער ווי ער, אַז ער איז גערעכט. און פונדעסטוועגען האָט זי נישט געוואָלט נאָכגעבען דער ווירקליכקייט.

ער האָט ווייטער גערעדט:

—איך האָב צו זיך קיין טענות נישט. וואָס איך האָב געטהון, וועל איך אויך ווייטער טהון. איך האָב מיך פאַר מיין פאָטערלאַנד מחרים געווען. איך בין פערשאָלטען. איך האָב מיך געשטעלט אויסער די גרעניצען פון דער מענשהייט; מעהר וועל איך שוין אין איהר קיינמאָל נישט אַריינגעהן. ניין! די גרויסע אויפגאַבע איז נאָך נישט געענדיגט: אַה! רחמנות!... מחילה!... אָבער די פעררעטער זענען מוחל? די פערשווערער האָבען רחמנות? פאָטערמערדערישע פערברעכער פערמעהרען זיך אָהן אויפ-

הער; זיי וואַקסען אַרויס פון אונטער דער ערד, זיי קומען צו לויפען פון אַלע אונזערע גרעניצען: יונגע לייט, וועלכע וואָלטען בעסער בעדאַרפט אומקומען אין די רייהען פון אונזערע אַרמעען, אַלטע, קינדער, פרויען — אַלע מיט מאַסקעס פון אונשולד, פון ריינקייט, פון חן. און ווי נאָר מען ווערט פון זיי פטור, געפי־נען זיך באַלד אַלץ נייע און נייע... דו זעהסט דאָך, אַז איך מוז מיך אָבזאָגען פון ליעבע, פון גליק, פון יעדער לעבענס פרייד, פון לעבען אַליין.

ער איז ענטשוויגען געוואָרען. זענענדיג געבאָרען פאַר שטילע, רוהיגע פערגניגענס, האָט עלאָדי שוין אַ געוויסע צייט געקוקט מיט שרעק אויף איהר טראַגישען געליעבטען; זיינע קו־שען האָבען ביי איהר אין געדאַנקען אַרויסגערופען צוזאַמען מיט ליידענשאַפטליכע איבערלעבונגען עפּעס בלוטיגע בילדער. זי האָט גאָרנישט געענטפערט. פאַר עוואַריסט'ען איז איהר שטילשווייגען געווען ווי אַ ביטער געטראַנק.

—דו זעהסט דאָך עלאָדי: מיר זענען געוואָרפען געוואָרען אין אַנ'אָבגרונד. אונזער אַרבייט פרעסט אונז אינגאַנצען אויף. אונזערע טעג און אונזערע שעות זענען גאַנצע יאָהרען. איך וועל שוין באַלד האָבען אָבגעלעבט אַ גאַנצען יאָהרהונדערט. גיב נאָר אַ קוק אויף מיין שטערען! איז דאָס אַ שטערען פון אַ געליעבטען? ליע־בען!...

—עוואַריסט, דו ביסט מיינער, איך האַלט דיך; איך גיב דיר נישט אָב דיין פרייהייט.

זי האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט זיך מקריב געווען. ער האָט עס געפיהלט; זי אַליין האָט עס אויך געפיהלט.

— עלאָדי, צי וואָלסטו געקאָנט אַמאָל עדות זאָגען אויף מיר, אַז איך האָב געלעבט אין טרייהייט צו מיינע פליכטען, אַז מיין האַרץ איז געווען עהרליך, מיין נשמה—ריין, אַז איך האָב קיינמאָל קיין אַנדער הייסען פערלאַנג נישט געהאַט, ווי טובת־הכלל, אַז איך בין געבאָרען געוואָרען אַ גוטער, אַ צאַרטער? צי וועסטו זאָגען: „ער האָט ערפילט זיין פליכט”? ניין! דו וועסט עס נישט זאָגען. און איך בעט דיך נישט, דו זאָלסט עס זאָגען.

פערשוואונדען זאָל ווערען מיין געדעכֿעניש! מיין רוהם איז אין מיין הארצען; שאַנד רינגעלט מיך אַרום. אויב דו האָסט מיך געליעבט, זאָלסטו אייביג שטילשווייגען וועגען מיין נאָמען.

אַ קינד פון אַכט-ניין יאָהר, וואָס האָט זיך געשפּיעלט מיט אַ רייף, איז אין יענעם מאָמענט אונטערגעלאָפען אונטער גאַמלען'ס פיס. גאַמלען האָט איהם אַ הויב-געטהון אויף די הענד.

— קינד! דו וועסט אויסוואַקסען אַ פרייער, אַ גליקליכער, און דאַנקען דערפאַר וועסטו דאַרפען דעם נידערטרעכטיגען גאַמלען. איך בין גרויזאַם, כדי דו זאָלסט זיין גוט; איך בין אונערבארעמליך, כדי דו זאָלסט זיין גליקליך; איך בין אכזריות'דיג, כדי אַז מאָרגען זאָלען אַלע פראַנצויזען זיך קושען, גיסענדיג טרעהרען פון פרייד.

ער האָט צוגעדריקט דאָס קינד צו זיין ברוסט.

—קינד מיינס, ווען דו וועסט ווערען אַ מאַן, וועסטו דאַרפען מיך דאַנקען פאַר דיין גליק, פאַר דיין אונשולד; און אויב דו וועסט אַמאָל דערהערען מיין נאָמען, וועסטו איהם פערשילטען.

ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קינד אויף דער ערד, און דאָס קינד איז מיט שרעק צוגעלאָפען צו זיין מוטער, וועלכע איז אָנגעקומען איהם אַרויסראַטעווען.

די יונגע מוטער, אַ שענע, אַריסטאָקראַטיש-בע'חנ'טע פרוי, אין אַ ווייסען קלייד, האָט אַוועקגעפיהרט איהר קינד מיט אַ גאוה'דיג-שטאָלצער מינע.

גאַמלען האָט געגעבען אויף עלאָדי'ן אַ ווילדען קוק.

—איך האָב דאָס קינד אַ קוש-געטהון—האָט ער געזאָגט—ווער ווייס, צי איך וועל אַמאָל נישט הייסען גיליאָטינירען זיין מאַמען.

און ביי די ווערטער איז ער אַוועקגעגאַנגען צווישען די בוימער-רייהען.

עלאָדי איז געשטאַנען אַ ווײלע אונבעוועגליך, קוקענדיג מיט אַ פערגליווערטען בליק אויף דער ערד. דערנאָך האָט זי פלוצלונג זיך אַ לאָז-געטהון געהן נאָך איהר געליעבטען. אַ ווילדע און צעשויבערטע, ווי אַ צעדולטע באַקכאַנטין, האָט זי איהם אָנ-

געהאפט, ווי זי וואָלט איהם געוואָלט צערייסען, און מיט אַ שטימע, וואס איז פערשטיקט געווען מיט בלוט און טרעהרען, האָט זי אַ געשריי-געטהון:

— טאָ שיק מיך אויך, מיין ליעבער, צו דער גילאָטינע; הייס מיך אויך אַראָבשניידען דעם קאָפּ!

און פון דעם געדאַנק אליין וועגען דעם מעסער אויף איהר קאָרק איז איהר גאַנצער קערפּער שיער נישט צעשמאָל-צען געוואָרען פון שרעק און תאוה צוזאַמען.

XXVI

בעת די טערמידאָר *)-זון איז אונטערגעגאַנגען ווי אין אַ בלוטיגען פורפור, האָט עוואַריסט אַרומגעבלאָנדזשעט, אַ פערטרויער-טער און פער'דאגה'טער אין דעם מאַרבעף-גאָרטען, וועלכער איז געוואָרען אַ נאַציאָנאַל אייגענטום און פלעגט פול זיין מיט שפּאַ-צירענדע פּאַריזער. מען פלעגט דאָרט טרינקען לימאָנאַד, עסען געפרוירענעס; עס זענען געווען דאָרט אויך הילצערנע פערד און ציעל-ברעטלעך אויף צום שיסען פאַר די יונגע פּאַטריאָטען. אונטער אַ בוים איז געשטאַנען אַ אָבגעריסען סאַוואָי'יער יונגעל און געלאָזט טאַנצען אַ קליינע מאַלפּע אונטער די זויערע טענער פון זיין קאַטערינקע. איינער אַ יונגער מאַן, אַ גראַציעזער, מיט געפּודערטע האָר, וועלכער איז געגאַנגען מיט אַ הונד, האָט זיך

*) טערמידאָר—דער 11-טער מאָנאַט פון'ם רעפּובליקאַנישען יאָהר: פון 20-טען יולי ביז'ן 18 אויגוסט'

אָבגעשטעלט הערען די דאָזיגע שלים-מזל'דיגע מוזיק. עוואַריסט האָט דערקענט ראַבעספיער'ן. ער האָט איינגעפונען, אַז ער איז בלייכער און מאָגערער געוואָרען, דאָס פּנים פערוואָלקענט און בעדעקט מיט קנייטשען פון זאָרג. און עוואַריסט האָט געטראַכט: „וויפיעל מיה, וויפיעל דאגות האָבען איבערגעלאָזט זייערע שפּו-רען אויף זיין שטערן? ווי שווער עס איז צו אַרבייטען פאַר'ן גליק פון די מענשען! וועגען וואָס טראַכט ער אין איצטיגען מאָמענט? צי דען פערטרייבען איהם זיינע דאגות די טענער, פון דער קאַטערינקע? צי וויס ער, אַז ער האָט געשלאָסען אַ בונד מיט'ן טויט און אַז אָט באַלד וועט ער שוין אפשר דאַרפען מקיים זיין דעם אָבמאַך? צי טראַכט ער אפשר ווידער אַריינצוטרעטען אין דעם דאָזיגען „קאָמיטעט פאַר'ן אלגעמיינעם גליק", פון וועל-כע ער איז אַרויסגעטרעטען, נישט קאָנענדיג אויסהאַלטען צו ווערען נאָכאַנאַנד בעזיעגט, צוזאַמען מיט קוטאָנ'ען און סען-זשוסט'ן, דורך אַ פערקויפטער מעהרהייט? וועלכע האָפנונגען און וועלכע שרעקען ברויזען דאָ, הינטער דעם דאָזיגען נישט-דורכדרינגבאַ-רען בליק?"

מאַקסימיליאַן האָט אַ שמייכעל-געטהון צום יונגעל, איהם געפרעגט ליעבליך וועגען זיינע עלטערן, וועלכע ער האָט פער-לאָזען, וועגען דעם טאָל און דעם הייזעל, וואו זיי וואוינען. ער האָט איהם צוגעוואָרפען אַ קליינע זילבערנע מטבע און איז זיך ווייטער אַוועק שפּאַצירען. אָבגעהענדיג עטליכע טריט, האָט ער זיך אומגעקעהרט צו זיין הונד, וועלכער איז געשטאַנען און גע-שליפען די צייהן געגען דער קאַטערינקע, מיינענדיג, קענטיג, אַז דאָרט געפינען זיך מייז.

—ברונט! ברונט!

דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט געהן אין די פינסטערע אַלעען.

אויס דרך-ארץ איז גאַמלען נישט צוגעגאַנגען צו דעם איינזאַמען שפּאַצירער. אָבער, קוקענדיג פון ווייטען אויף דער קליי-נער פיגור, וועלכע איז ביסלעכווייז פערשוואונדען געוואָרען אין דער נאַכט, האָט ער במחשבה געזאָגט צו איהם:

„איך האָב געזעהן דיין טרויער, מאַקסימיליאַן. איך האָב געזעהן דיינע געדאַנקען. דיין מעלאַנכאָליע, דיין מיעדקייט און די שרעק, וואָס ליעגט אין דיינע בליקען—אַלץ זאָגט: „זאָל זיך שוין אַמאָל ענדיגען דער טעראָר און זאָל זיך שוין אַמאָל אָנהויבען די ברידערליכקייט! פראַנצויזען, זייט אייניג, זייט עהרליך, זייט גוט, ליעבט איינער דעם צווייטען", גוט! איך וועל דיענען דיינע פלענער; כדי דו זאָלסט קאָנען מיט דיין חכמה און גוטסקייט מאַכען אַ סוף צו די בירגערליכע רייסערייען, פערלעשען דעם האַס צווישען ברידער, פערוואַנדלען דעם הענקער אין אַ גערטנירער, וועלכער זאָל שניידען בלויז קעפּ פון קרויט—כדי דו זאָלסט דאָס קאָנען דערגרייכען, וועל איך מיט מיינע חברים פון טריבונאַל צוגרייטען די וועגען פון רחמנות, אויסראָטענדיג די פערשווערער און פעררעטער. מיר וועלען ווערען דאָפּעלט וואַכזאַמער און שטרענגער. קיין שום שולדיגער וועט זיך נישט אַרויסראַטעווען פון אונזערע הענד. און ווען דער קאָפּ פון דעם לעצטען פיינד פון דער רעפּובליק וועט שוין זיין אַראָבגעפאַלען אונטער'ן מעסער, וועסטו קאָנען זיך פיהרען מיט רחמנות, נישט בעגעהענדיג דערביי קיין פערברעכען דערמיט. ערשט דאַן וועסטו מאַכען הערשען איבער פראַנקרייך די אונשולד און די אונשולד און די עהרליכקייט—אָה, פאָטער פון אונזער לאַנד!"

ראָבעספּיער איז שוין געווען ווייט. צוויי מענער אין קיילעכדיגע היט און געלע הויזען זענען איהם געקומען אַנטקעגען אויפ'ן ראָג פון דער אַלעע. איינער פון זיי מיט אַ בייזען פּנים, אַ הויכער, אַ מאָגערער, האָט געהאַט אַ בעלם אויף אַן אויג און אויסגעזעהן ווי טאַליען. זיי האָבען געוואָרפען אויף איהם אַ קרומען קוק און, מאַכענדיג זיך, ווי זיי דערקענען איהם נישט, זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען ווייטער. ווען זיי זענען שוין פון איהם געווען גענוג ווייט, האָבען זיי גענומען מורמלען צווישען זיך שטיל:

— אָט איז ער דאָך, דער קעניג, דער פּויבסט, דער

גאָט. וואָרום ער איז דאָך אַ גאָט, און קאַטערין טעאָ איז זיין נביאה׳טע.

— דיקטאַטאָר, פעררעטער, טיראַן! עס זענען נאָך פאַרהאַן אויף דער וועלט ברוטוס׳עס.

— ציטער, אויסוואורף! טאַרפעיאַ׳ס שטיין איז שוין נישט ווייט פונ׳ם קאַפּיטאָל.

ראָבעספּיער׳ס הונד איז צו זיי צוגעגאַנגען, זיי זענען גע-בליבען שטיל און אַוועקגעגאַנגען שנעלער.

XXVII

דו שלאָפסט ראָבעספיער! די טייערע צייט געהט אַוועק,
זי שטעהט נישט...

ענדליך, דעם 8-טען טערמידאָר, שטעלט זיך אויף ראָבעס-
פיער אין קאָנווענט. ער וועט רעדען. זון פון 31-טען דעצעמ-
בער, צי דען געהסטו אַ צווייט מאָל אויף? גאַמלען וואַרט און
האָפט. אָט וועט ראָבעספיער אַראָבוואַרפען זיי פון זייערע ערטער,
וועלכע זיי מאַכען בלויז אָן חרפה, די דאָזיגע געזעצגעבער. זיי
זענען דאָך נאָך ערגער פון די פעדעראַליסטען. געפעהרליכער
פון דאַנטאָנ׳ען... ניין! נאָך נישט. „איך קאָן מיך נישט בע-
שליסען—האָט ער געזאָגט—איינגאַנצען אַראָבצורייסען דעם שליי-
ער, וועלכער בעדעקט דאָס דאָזיגע טיעפע געהיימניס פון געמיי-
נער אונגערעכטיגקייט”. און דער דונער האָט אַ שלאָג-געטהון,
נישט טרעפענדיג קיינעם, אָבער אָנוואַרפענדיג אַנ׳אימה אויף אַלע-
מען. זעכציג זענען זיי געוועזען, וואָס האָבען שוין צוויי וואָכען
צייט נישט געוואַגט זיך צו לעגען שלאָפען ביי זיך אין די בע-

טען. מאַראַ פלעגט אָנרופען די פערדעטער מיט די נעמען, ער פלעגט אויף זיי אָנווייזען מיט׳ן פינגער; ראָבעספיער אָבער וואַקעלט זיך, און וויבאַלד אַזוי, איז ער דער שולדיגער...

אין אָוועגד האָט מען אין יאַקאָבינער-קלוב זיך געשטופט און געדריקט אינ׳ם זאַל, אין די קלואַרען, אין הויף.

אַלע זענען זיי דאָ, די טומלענדע פריינד און די שטילשווייגענדע פיינד. ראָבעספיער לייענט פאַר זיי דיזעלבע רעדע, וועלכע דער קאָנווענט האָט אויסגעהערט מיט אַ טויט-שטילקייט. די יאַקאָבינער בעדעקען זי מיט בעגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטען.

—דאָס איז מיין צוואה פאַר׳ן טויט—האָט ער געזאָגט—איך וועל גאַנץ רוהיג אויסטרינקען דעם גיפטיגען בעכער.

—איך וועל איהם טרינקען צוזאַמען מיט דיר!—האָט זיך אָבגערופען דאַוויד.

—אַלע, אַלע!—האָבען געשריען די יאַקאָבינער און זיי זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אָהן אַ שום בעשלוס.

בעת עס איז צוגעגרייט געוואָרען ראָבעספיער׳ס טויט, האָט גאַמלען גאַנץ רוהיג געשלאָפען. אויף מאָרגען איז ער אַוועק אין טריבונאַל, וואו צוויי סעקציעס האָבען אָבגעהאַלטען זיצונגען. די סעקציע, צו וועלכע ער האָט געהערט, האָט גע׳משפט איין-און-צוואַנציג בעטייליגטע אין דער לאַזאַר-פערשווערונג. און דערווייל זענען אָנגעקומען בייעס: דער קאָנווענט האָט נאָך אַ זיצונג פון זעקס שעה אַרויסגעגעבען אַ בעשולדיגונגס-דעקרעט געגען מאַקסימיליאַן ראָבעספיער, קוטאָן, סען-זשוסט צוזאַמען מיט אָגוסטען ראָבעספיער און לעבאַ. די לעצטע צוויי האָבען געבעטען, מען זאָל זיי בעשולדיגען צוזאַמען מיט די איבריגע דריי, פון וועלכע זיי ווילען נישט אָבשטעהן. די פינף בעשולדיגטע זענען באַלד געשטעלט געוואָרען פאַר׳ן געריכט.

מען דערוויסט זיך, אַז דער פאָרזיצענדער פון דער סעקציע, וועלכע פונקציאָנירט אינ׳ם דערבייאיגען זאַל, דער בירגער דומאַ, איז אַרעסטירט געוואָרען פון זיין שטול, אָבער די זיצונג געהט ווייטער. מען הערט פון ווייטען אַנ׳אַלאַרם-קלאַפּעריי פון

פויקען און אַ קלינגעריי פון גלאָקען.

עוואַריסט האָט בעקומען צוגעשיקט אויף זיין אָרט אַ בעפעהל פון דער געמיינדע-פערוואַלטונג, ער זאָל קומען אין ראָט-הויז אויף אַ זיצונג פון גענעראַל-ראָט. אונטער אַ קלאַפעריי פון פויקען און אַ קלינגעריי פון גלאָקען האָט ער מיט זיינע קאָלעגען אַרויסגעטראָגען דעם פסק-דין און איז אַוועקגעלאָפען אַהיים אַ קוש-טוהן די מוטער און נעהמען זיין שאַרף, דעם צייכען פון זיין אַמט. דער טיאָנוויל-פּלאַץ איז געווען לעדיג. דער גאַנצער קוואַרטאַל האָט שוין נישט געוואַגט זיך אַרויסצוזאָגען נישט פאַר, נישט געגען דעם קאָנווענט. מענשען זענען שטיל און איילִיג געגאַנגען ביי די ווענד, זיך אַריינגעחאַפט אין די זייטיגע געסלען און געלאָפען אַהיים. אויפ'ן אַלאַרם פון די פויקען און גלאָקען האָט אָבגעענטפערט אַ געוויש פון לאָדענס, וועלכע מען האָט געשווינד צוגעמאַכט, און פון שלעסער, וועלכע מען האָט פערשלאָסען. דער בירגער דיפּאָן דער עלטערער האָט זיך בעהאַלטען אין זיין קרעמעל; דער טהיר-וועכטער רעמאַקל האָט זיך פערמאַכט אין זיין שטיבעל. די קליינע זשאָזעפין האָט מיט שרעק געהאַלטען דעם הונד מוטאָן אין איהרע אָרעמס. די אלמנה גאַמלען האָט זיך געקלאָגט איבער'ן יקרות, וועלכער איז דער מקור פון אַלע צרות. אונטען, ביי'ם אָנהויב פון טרעפּ, האָט עוואַריסט אָנגעטראָפען עלאָדי'ן; זי איז געווען פערסאָפּעט, און איהרע שוואַרצע לאָקען זענען געלעגען אָנגעקלעפּט אויף איהר פערשוויצטען קאַרק.

—איך האָב דיך געזוכט אין טריבונאַל, נאָר דו ביזט אָקאָרשט געווען אַוועקגעגאַנגען. וואוהין געהסטו?

—אין ראָט-הויז.

— געה נישט אַהין: דו ברענגסט זיך אום! אַנריאָ איז אַרעסטירט... די סעקציעס וועלען זיך נישט ריהרען. די סעקציע פון פיק, ראָבעספיער'ס סעקציע, האַלט זיך פון ווייטען. איך וויים עס; מיין פאָטער איז דאָך פון דאָרטען... אויב דו געהסט אין ראָט-הויז, ברענגסטו דיך אום אומזיסט און אומנישט.

—דו ווילסט, הייסט עס, איך זאָל זיין אַ פחדן?

—עס איז, פערקעהרט, העלדישער צו בלייבען געטריי דעם קאָנוועגט און פאָלגען דעם געזעץ.

— ווען די אויסוואורפען טריאומפירען, איז דאָס געזעץ געשטאָרבען.

— עוואַריסט, פאָלג דיין עלאָדי'ן, פאָלג דיין שוועסטער; קום זעץ דיך נעבען איהר, און זי וועט בערוהיגען דיין אויפגערעגטע נשמה.

ער האָט אויף איהר אַ קוק-געטהון: קיינמאָל האָט זי איהם נאָך נישט אויסגעוויזען אַזוי רייצענד; קיינמאָל האָט נאָך איהר שטימע נישט געקלונגען אין זיינע אויערען אַזוי ליידענשאַפטליך און אַזוי איבערצייגענד.

—צוויי טריט, נאָר צוויי טריט, מיין טייערער!

זי האָט איהם צוגעפיהרט צו אַ קליינעם פּלאַץ, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אַ פיעדעסטאַל פון אַ אומגעוואָרפענער סטאַטוע. דער פלאַץ איז אַרומגערינגעלט געווען מיט בענק, אויף וועלכע עס זענען געזעסען שפּאַצירער און שפּאַצירערינס. אַ העגדלערין פון גאַלאַנטעריי-קלייניגקייטען האָט פאָרגעלעגט האַפּט; אַ פערקויפער פון סאָדע-וואַסער' האָט, טראָגענדיג זיין באַלאָן אויפ'ן רוקען, געקלונגען מיט אַ גלעקעל. קליינע מיידעלעך האָבען זיך געשפּיעלט אין אַ קאַראַהאָד. אויפ'ן ברעג פון טייך זענען אונבעוועגליך געזעסען פיש-פאַנגער מיט די ווענדעס אין די הענד. דאָס וועטער איז געווען ווי פאַר אַ שטורם, דער הימעל איז געווען פערוואָלקענט. גאַמלען איז געשטאַנען אַריבערגעבויגען איבער דער פאָרענטשע און האָט געקוקט אויפ'ן שפּיציגען ברעג פון אינזעל, וועלכער האָט אויסגעזעהן, ווי אַ פאָרענט פון אַ שיף. ער האָט זיך צוגעהערט, ווי דער ווינד קרעכצעט איבער די שפּיצען פון די בוימער און האָט געפיהלט, ווי עס געהט-אַריין אין זיין נשמה אַ אונענדליכער פערלאַנג פון רוהיגקייט און איינזאַמקייט.

און ווי אַ זיסער אָבקלאַנג פון זיינע געדאַנקען, האָט איהם עלאָדי'ס שטימע געזוּד'עט:

—דו געדענקסט, ווען דו האָסט דערזעהן די פעלדער, האָט זיך דיר געוואָלט זיין אַ פריעדענס-ריכטער אין אַ קליין שטעדטע-לע?... דאָס וואָלט דאָך געווען אַ גליק!

אָבער דורך דעם געריוש פון די בוימער און דורך דער שטימע פון דער פרוי, האָט ער געהערט דעם גלאָק, די פויקען, די ווייטע טראָמפּעניירריי פון פערד און אַרמאַטען אויפ'ן ברוק.

צוויי טריט פון איהם איז געשטאַנען אַ יונגער מאַן און האָט גערעדט מיט אַ עלעגאַנטער בירגערין.

—איהר האָט שוין געהערט די נייעס?—האָט ער געזאָגט—די אָפּערא איז אַריבערגעטראָגען געוואָרען אויף דער „לוא"-גאַס.

דער עולם האָט שוין וועגען אַלץ געוואוסט: ראָבעספיער'ס נאָמען האָט מען זיך שוין געשושקעט איינער דעם צווייטען אין די אויערען, אָבער מיט אַ ציטער, וואָרום מען האָט נאָך פאַר איהם מורא געהאַט, און די פרויען האָבען בעהאַלטען זייער שמייכעל, הערענדיג מורמלען וועגען ראָבעספיער'ס מפלה.

עוואַריסט גאַמלען האָט אַ חאַפּ-געטהון עלאָדי'ס האַנד, אָבער באַלד צוריק זי אָבגעלאָזט.

—אַדיע! איך האָב דיך פעראייניגט מיט מיין טרויעריגען שיקזאַל, אויף אייביג האָב איך צעבראָכען דיין לעבען. אַדיע, פערגעס מיך בעסער!

—נעכטיג היינט נישט אין דער היים,—האָט זי זיך אָבגערופען—קום בעסער צו אונז. אָבער זאָלסט נישט קלינגען. וואַרף אַ שטיינדעל אין לאָדען, וועל איך אַליין אַרויסגעהן דיר עפענען. איך וועל דיך בעהאַלטען אויפ'ן בוידעם.

—דו ועסט מיך אָדער אַלס זיעגער זעהן, אָדער גאָר נישט זעהן, אַדיע!

געהענדיג צום ראָט-הויז, האָט ער געהערט, ווי צום פער-וואָלקענטען הימעל הויבט זיך אויף אַ מאַסען-געריוש, ווי אין די טעג פון גרויסע געשעהענישען. אויפ'ן „גרעוו"-פּלאַץ האָט עס שעמערירט מיט געוועהר; שאַרפּען און מונדירען האָבען גע-בלישטשעט און אַנריאָ'ס אַרמאַטען זענען אויסגעשטעלט געווען אין אַ באַטעריע. גאַמלען איז אַרויפגעגאַנגען מיט די פּאַראַד-

טרעף, און פאַר׳ן אַריינגעהן אין זאַל פון ראַט האָט ער אונטערגעשריבען זיין נאָמען אויף דער ליסטע פון די אָנוועזענדע. דער גענעראַל-ראַט פון דער געמיינדע האָט מיט אַלע פיער הונדערט איין און נײַנציג שטימען פון די אָנוועזענדע מיטגליעדער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר די בעשולדיגטע מיטגליעדער פון קאָנווענט.

דער בירגער-מייסטער האָט געהייסען זיך ברענגען די דעקלאַראַציע פון מענשען־רעכט און האָט איבערגעלייענט דעם אַרטיקעל, וואו עס ווערט געזאָגט: „ווען די רעגירונג פערגוואַלדיגט דעם פאָלק׳ס רעכט, איז דער אויפשטאַנד דער הייליגסטער און נויטווענדיגסטער חוב פון פאָלק״. און דאָ האָט דער ערשטער בעאַמטער פון פּאַריז ערקלערט, אַז אויף די מלוכה-איבערקעהרעניש פון דעם קאָנווענט וועט די געמיינדע אָבענטפערן מיט אַ אויפשטאַנד פון פאָלק.

די מיטגליעדער פון גענעראַל-ראַט האָבען אָבגעגעבען אַ שבועה צו שטאַרבען אויף זייער פּאָסטען. צוויי מוניציפּאַלע אָפּיצירען זענען געשיקט געוואָרען אויפ׳ן „גרעוו״-פּלאַץ, אויפצופאָדערן דעם המון, ער זאָל זיך פעראייניגען מיט זיינע פאָרשטעהער, אום צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד און די פרייהייט.

מען זוכט איינער דעם צווייטען, מען דערצעהלט זיך נייעס, מען איז זיך מישב. צווישען זיי אַלעמען געפינען זיך וועניג בעלי-מלאָכות. די געמיינדע, אַזוי ווי זי איז דאָ פאָרגעשטעלט, איז טאַקי אַזאַ, ווי די יאַקאָבינער האָבען זי געמאַכט מיט זייער אויסלייטערונג-אַרבייט: ריכטער און געשוואָרענע פונ׳ם רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל, קינסטלער, ווי באָוואַלע און גאַמלען, ראַנטיערען, לעהרער, פערמעגליכע בירגער, גרויסע סוחרים, אָנגעפּודערטע קעפּ, בייכער בעהאָנגען מיט ברעלאָקען; הילצערנע שיך, איינפאַכע הויזען און רויטע היטלעך האָט מען דאָרט געזעהן וועניג. און די דאָזיגע בירגער זענען דאָ געוועזען גרויס אין צאָהל און ענטשלאָסען. אָבער סוף כל סוף זענען זיי געוועזען אַלץ, וואָס פּאַריז האָט פערמאָגט אין זאמת׳ע רעפּובליקאַנער. און שטעהענדיג דאָ, אין ראָט-הויז, ווי אויף אַ פרייהייטס-פעלד, זענען זיי אָבער אַזוי ווי אַרומגערינגעלט געוועזען מיט אַ גרויסען ים פון

גלייכגילטיגקייט.

דערווייל קומען אָן גוטע נייעס: אַלע טורמעס, אין וועלכע מען האָט די בעשולדיגטע אַריינגעזעצט, האָבען געעפענט די טהירען און זיי צוריק בעפרייט. צום ערשטען קומט אין ראָט-הויז פון דער טורמע „לאַ פאָרס",וואו מען האָט איהם פער־שפאַרט, אָגוסטען ראָבעספיער. מען האָט איהם מקבל פנים געווען מיט אַ אָוואַציע. אַלס אַ זייגער דערוויסט מען זיך, אַז מאַקסימיליאַן אַליין געהט אויף צום ראָט-הויז, נאָכדעם ווי מען האָט עס ביי איהם אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט פועל'ן. מען וואַרט אויף איהם: ער געהט שוין, ער איז שוין דאָ. אַ מורא'דיג-רוישיגע אָוואַציע האָט שיער נ'שט צעטרייסעלט די ווענד פון דעם אַלטען מוניציפאַלען פּאַלאַץ. נישט אַריינגעגאַנגען איז ער אין זאַל, נאָר אַריינגעטראָגען געוואָרען אויף צוואַנציג הענד. אָט דאָס קליין, זויבער מענשעלע, אין בלויען פראַק און געלע הויזען—דאָס איז ער. ער פערנעהמט אַנ'אָרט, ער רעדט.

באַלד נאָך זיין אָנקומען בעפעהלט דער ראָט, מען זאָל אילומינירען דעם פאַסאַד פון ראָט-הויז. די רעפּובליק אַליין זיצט דאָך איצט אין איהם! ראָבעספיער רעדט. ער רעדט מיט אַ דינער שטימע, ער רעדט עלעגאַנט, ריין, פליסיג און לאַנג. אָבער יענע דאָרטען, וועלכע האָבען זייער לעבען אין קאָן געשטעלט צוליעב זיין קאָפּ, דערזעהען פאַר זיך מיט שרעק עפּעס אַ מענשען, וואָס קאָן בלויז שען רעדען, אַ מענשען פון קאָמיטעטען און טריבונעס, וואָס איז נישט פעהיג אויף אַ שנעלען בעשלוס, אויף אַ רעוואָלוציאָנערען אַקט.

מען האָט איהם אַריינגעפיהרט אין בעראַטונג-זאַל. איצט זענען זיי דאָ אַלע בעשולדיגטע: לעבאַ, סען-זשוסט, קוטאָן; ראָבעספיער רעדט. עס איז שוין האַלב איינס אַ זייגער ביי-נאַכט: ער רעדט נאָך אַלץ. גאַמלען שטעהט בעת מעשה אין בעראַטונגזאַל, דעם שטערן אָנגעשפּאַרט אָן אַ פענסטער און קוקט מיט פער'דאגה'טע בליקען; ער זעהט, ווי די לאַמטערנעס רויכערן דאָרט אין דער פינסטערער נאַכט. אַנריאָ'ס אַרמאַטען שטעהען אויסגעשטעלט פאַר'ן ראָט-הויז. אויפ'ן פּלאַץ, וועלכער איז אינ

באנצען שווארץ, בעוועגט זיך א אונזיכטבערער. אונרוהיגער המון. האלב איינס א זייגער בעווייזען זיך אויפ'ן ראג פון דער „וואגע-ריי"-גאס פאקלען. זיי רינגלען ארום איינעם א מיטגליעד פון קאנ-ווענט, וועלכער טראגט די צייכענס פון זיין אמט. ער וויקעלט פונאנדער א פאפיער און לייענט, ביי'ם רויטען שיין פון די פא-קלען, דעם דעקרעט פון קאנווענט. אלע מיטגליעדער פון דער אויפגעבונטעוועטער געמיינדע - פערוואלטונג ווערען ערקלערט אויסער'ן געזעץ, דאסגלייכען די מיטגליעדער פונ'ם גענעראל-ראט, וועלכע וועלען געהן מיט איהר, און אלע בירגער, וועל-כע וועלען זיך אברופען אויף איהר אויפפאדערונג.

געשטעלט ווערען אויסער'ן געזעץ, געטויט ווערען אהן יע-דען משפט!... דער געדאנק אליין וועגען דעם רופט-ארויס א ציטער אפילו ביי די סאמע ענטשלאסענע. גאמלען פיהלט א קאל-טען שוייס אויף זיין שטערען, ער זעהט, ווי דער המון פערלאזט געשווינד דעם „גרעוו"-פלאץ.

און ווען ער קעהרט אום דעם קאפ, דערזעהען זיינע אוי-גען, אז דער זאל, וואו די ראטמענער האבען אקראשט אזוי זיך געשטיקט פון ענגשאפט, איז כמעט לעדיג.

אבער אומזיסט זענען זיי ענטלאפען: זיי האבען זיך דאך אונטערגעשריבען.

עס איז שוין צוויי א זייגער. ראבעספיער האלט אב א בעראטונג אין א דערבייאיגען צימער מיט דער געמיינדע-פער-וואלטונג און מיט די בעשולדיגטע קאנווענט-מיטגליעדער.

גאמלען קוקט מיט פערצווייפעלטע בליקען אויף דעם שווארצען פלאץ. ער זעהט ביי'ם שיין פון די לאמטערנעס, ווי די הילצערנע ליכט, וועלכע הענגען איבער דער באקאליי-קראם אלס שילד, קלאפען זיך איינס אן דאס צווייטע. די לאמטערנעס שאקלען זיך און זייערע פייערלעך טיקען זיך: עס איז געווא-רען א גרויסער ווינד. אין א ווײלע ארום הויבט-אן געהן א גוס-רעגען: דער פלאץ ווערט אינגאנצען לעדיג; יענע, וועלכע דער שרעקליכער דעקרעט איז נישט בכח געווען צו פערטרייבען, ווערען פונאנדערגעיאגט דורך עטליכע טראפענס וואסער... אנ-

ריאָ'ס אַרמאַטען שטעהען פּערלאָזען. און ווען עס דערזעהען זיך ביי'ם שיין פון די בליצען דעם קאָנוועגט'ס מיליטער-אַבטיילונגען, וועלכע קומען-אָן גלייכצייטיג פון דער „אַנטואַן"-גאַס און פון טייך-ברעג, ווערט דער פלאַץ פאַר'ן ראָט-הויז איינגאַנצען פוסט.

ענדליך האָט מאַקסימיליאַן זיך בעשלאָסען, זיך צו ווענדען וועגען דעם קאָנוועגט'ס דעקרעט מיט אַ אויפרוף צו דער סעקציע פון פּיק.

דער גענעראַל-ראָט הייסט זיך ברענגען שווערדען, פּיסטאָלעטען, ביקסען... אָבער פּלוצלונג דערהערט זיך אין גאַנצען הויז אַ גערויש פון געוועהר, פון טריט, פון צעבראָכענע שויבען. דאָס מיליטער פון קאָנוועגט קומט אַריין ווי אַ שטורם דורך דעם בעראָטונגס-זאַל און רייסט זיך אַריין אין זאַל פון גענעראַל-ראָט. עס דערהערט זיך אַ שאָס: גאַמלען זעהט, ווי ראָבעספּיער פאַלט אַנידער מיט אַ צעשאָסענעם מויל. ער אַליין, גאַמלען, טהוט זיך אַ חאַפּ צו זיין מעסער, דאָסזעלבע מעסערל פאַר זעקס סו, מיט וועלכען ער האָט אַמאָל געשניטען ברויט פאַר זיין הונגעריגער מאַמען און וועלכעס עלאָדי האָט אַמאָל, אויף דער פערמע אָראַנזשי, געהאַלטען אין איהר שויס, ווען זיי האָבען געשפּיעלט אין פאַנטען. ער עפענט-אויף דאָס מעסער און וויל זיך עס אַריינשטעקען אין האַרצען. אָבער דער קלינג טרעפט אויף אַ ריפּ און בויגט זיך אַראָב אויפ'ן הענדטעל. ער האָט זיך בלויז געמאַכט אַ וואונד אויף צוויי פינגער די טיעף. גאַמלען פאַלט אַנידער אַ פערבלוטיגטער. ער ליעגט אָהן בעוועגונג, אָבער עס איז איהם שרעקליך קאַלט און אין דעם טומעל פון דעם שרעקליכען קאַמפף, ווערענדיג געטרעטען מיט די פיס, הערט ער קלאָר די שטימע פון דעם יונגען דראַגונער אַנרי, וועלכער שרייט:

— דער טיראַן איז שוין נישטאָ. זיינע נאָכשלעפּער זענען שוין אויך געבראָכען. איצט וועט די רעוואָלוציע ווידער בעקומען איהר מאַיעסטעטישען, גראַנדיעזען גאַנג.

גאַמלען איז געבליבען ליעגען אַ פערחלש'טער.

זיעבען אַ זייגער אינדערפריה איז געקומען אַ כירורג, וועלכען דער קאָנוועגט האָט געשיקט, און האָט גאַמלען'ען באַנדאַ-

זשירט זיין וואונד. דער קאָנוועָנט האָט זיך זעהר געקימערט און געמיהט פאַר ראָבעספיער׳ס חברים: ער האָט געוואָלט, אַז קיין איינער פון זיי זאָל זיך נישט אַרויסראַטעווען פון דער גיליאָטינע. דער מאַלער-קינסטלער, דער געוועזענער געשוואָרענער ריכטער, מיטגליעד פונ׳ם גענעראַל-ראַט פון דער געמיינדע, איז אַוועקגעטראָגען געוואָרען אויף אַ טראָג-בעטעל אין קאָנסיערזשערי-טורמע.

XXVIII

דעם 10-טען טערמידאָר, ווען עוואַריסט האָט מיט אַ ציטער זיך אויפגעהאַפּט פון אַ פיבער-שלאָף אויף דער נאַרע פון קאַזעמאַט, האָט פּאַריז מיט גלאַנץ און פּראַכט געשמייכעלט צו דער זון; אין די הערצער פון די אַרעסטירטע האָט זיך ערוועקט האָפנונג; די קרעמער האָבען היימליך אויפגעעפענט זייערע געשעפטען, די בירגער האָבען זיך געפיהלט עפּעס רייכער, די יונגע לייט—גליקליכער, די פרויען—שענער, און אַלץ צוליעב ראָבעספּיער׳ס מפּלה. בלויז אַ הייפעל יאַקאָבינער, עטליכע גלחים, געשוואָרענע צו דער קאָנסטיטוציע, און עטליכע אַלטע ווייבער האָבען געציטערט, זעהענדיג ווי די מאַכט געהט אַריבער צו די רשעים און פּערדאָרבענע. אַ דעלעגאַציע פון רעוואָלוציאָנערען טריבונאַל, וועלכע איז בעשטאַנען פון פּראָקוראָר און צוויי ריכטער, איז אַוועק צום קאָנווענט, איהם אָבצוגעבען מזל טוב דערמיט, וואָס ער האָט אָבגעשטעלט די פּערשווערונגען. דער קאָנווענט האָט בעשלאָסען, אַז די גיליאָטינע זאָל ווידער אַוועקגעשטעלט ווערען אויפ׳ן רעוואָלוציע-פּלאַץ. מען האָט געוואָלט, אַז

די רייכע לייט, די פראַנטען, די שענע פרויען זאָלען קאָנען זעהן אָהן טרחה ראָבעספיער׳ס טויט, וועלכער וועט פאָרקומען טאַקי דעמזעלבען טאָג. דער דיקטאַטאָר און זיינע מיטהעלפער זענען ערקלערט געוואָרען אויסער׳ן געזעץ. עס איז גענוג גע-ווען, אַז צוויי מוניציפּאַלע אָפּיציערען זאָלען עדות זאָגען, אַז דאָס זענען זיי, אום דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל זאָל זיי הייסען באַלד פיהרען צום עשאַפאָט. אָבער עס איז ענטשטאַנען אַ שוועריגקייט: די דאָזיגע בעשטעטיגונג האָט נישט געקאָנט גע-מאַכט ווערען אין די געהעריגע פאָרמען, ווייל די גאַנצע מוני-ציפּאַליטעט איז ערקלערט געווען אויסער׳ן געזעץ. דער קאָנווענט האָט דעריבער בעפולמעכטיגט דעם טריבונאַל, צו לאָזען מאַכען די בעשטעטיגונג דורך צוויי געוועהנליכע עדות.

די הויפט-העלדען צוזאַמען מיט זייערע וויכטיגסטע מיט-העלפער זענען געשלעפּט געוואָרען צום טויט צווישען געשרייען פון שמחה און פערביסענהייט צוזאַמען, צווישען זידלערייען, קללות, געלעכטערס און טענץ.

עוואַריסט׳ן, וועלכער איז שוין אַ ביסעל געקומען צו די כחות און שוין געקאָנט ווי עס איז זיך האַלטען אויף די פיס, האָט מען אויף מאָרגען אַרויסגעפיהרט פון זיין קאַזעמאַט, געבּ-ראַכט אין טריבונאַל און אַוועקגעשטעלט אויף דערזעלבער עס-טראַדע, וועלכע ער אַליין האָט אַזוי פיעל מאָל געזעהן בעלאָדען מיט אָנגעקלאָגטע און אויף וועלכער עס האָבען זיך געזעצט איי-נער באַכ׳ן אַנדערן אַזוי פיעל בעריהמטע אָדער גאָר אונבעקאַנ-טע קרבנות. די עסטראַדע האָט איצט זיך געבויגען אונטער דער משא פון זיעבעציג מענשען, צום גרעסטען טייל מיטגליעדער פון דער געמיינדע-פערוואַלטונג, אויך עטליכע געשוואָרענע ריכטער, ווי גאַמלען, וועלכע זענען אַלע, ווי ער, געווען ערקלערט אוי-סער׳ן געזעץ. ער האָט דערזעהן די באַנק, וואו ער פלעגט זי-צען, דאָס ווענדטעל, אויף וועלכעס ער פלעגט ליעב האָבען זיך אָנצושפּאַרען, אָט יענעם אָרט, פון וואַנען ער האָט אַזוי פיעל אונגליקליכע טעראָריזירט, דעם אָרט, וואו ער האָט בעדאַרפט אויסשטעהן די בליקען פון זשאַן מאָבעל, פון פאָרטונע שאַסאַין,

פון מאָריס בראָטאָ, די רחמנות-בעטענדע אויגען פון דער ביר-גערין ראָשמאָר, וועלכער ער האָט צו פערדאַנקען, וואָס ער איז אַ געשוואָרענער ריכטער געוואָרען און וועלכער ער האָט אָבגע-דאַנקט מיט אַ טויט-אורטייל. איבער דער עסטראַדע, וואו אויף דריי פּאָטעלען פון אַמעריקאַנער האָלץ, בעשלאָגענע מיט רויטען סאַמעט, זענען געזעסען די ריכטער, האָט גאַמלען ווידער דער-זעהן די ביוסטען פון שאַליע, מאַראַ און ברוטוס, פּאַר וועלכע ער האָט אַמאָל אויסגעגאָסען זיין האַרץ. קיינזאַך האָט זיך נישט געביטען: דיזעלבע העקלעך און קרענצלעך אויף די ווענד, די-זעלבע זידלערייען פון די ווייבער צו יענע, וועלכע געהען שטאַר-בען; אפילו פוקיע-טינוויל איז אויך דערזעלבער: אָט בלעטערט ער מיט אַ רוהיגער עקשנות זיינע מערדערישע פּאַפּיערען און שיקט זיינע נעכטיגע פריינד צום עשאַפאָט—אַ מוסטערהאַפטער בע-אַמטער!

די בירגער: רעמאַקל, הויזוועכטער און שניידער, און די-פּאַן דער עלטערער, טישלער פון „טיאָנוויל"-פּלאַץ, מיטגליעד פון אויפזיכטס-קאָמיטעט פון דער סעקציע „פּאָן-נעף", האָבען בע-שטעטיגט די פערזענליכקייט פון עוואַריסט גאַמלען, מאַלער-קינסטלער, געוועזענער געשוואָרענער ריכטער פון רעוואָלוציאָנע-רען טריבונאַל, געוועזענער מיטגליעד פונ'ם גענעראַל-ראַט פון דער געמיינדע. זיי האָבען עדות געזאָגט פאַר אַ אַסיגנאַציע פון פינף פראַנק אויף די קאָסטען פון דער סעקציע! נאָר אַזוי ווי זיי האָבען געלעבט אין שכנות'דיגע בעציהונגען און אין פריינד-שאַפט מיט גאַמלען'ען, האָבען זיי זיך געפיהלט שלעכט, בעגע-גענענדיג זיין בליק. איבעריגענס, עס איז געווען הייס: זיי האָבען זיך געאיילט צו געהן טרינקען אַ גלאָז ווייַן.

גאַמלען האָט געמאַכט אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג אום אַרויפ-צוגעהן אויף דער פוהר; ער האָט פערלאָרען אַ סך בלוט און פיעל יסורים געליטען פון זיין וואונד. דער פוהרמאַן האָט אַ שמיץ-געטהון זיין שקאַפּע און די פּראָצעסיע האָט זיך געלאָזט לאַנג-זאם געהן צווישען געשרייען און זידלערייען פון אַרום.

ווייבער, וועלכע האָבען גאַמלען'ען דערקענט, האָבען צו

איהם געשריען:

—אָט איז ער, דער בלוט-זויגער! דער מערדער פאַר אַכטצעהן פראַנק אַ טאָג! ער לאַכט שויז נישט: זעהט, ווי בלייך ער איז, דער שרעקליגג!

דאָס זענען געווען דיזעלבע ווייבער, וועלכע האָבען פריהער געזידעלט און געשאָלטען די פערשווערער און אַריסטאָקראַטען, די עקסטרעמע אָדער די געמעסיגטע רעפּובליקאַנער, וועלכע גאַמלען און זיינע חברים האָבען געשיקט צו דער גיליאָטינע.

די פוהר האָט זיך פערקירעוועט צום „מאָרפאָנדו"-ברעג און איז אַרויף אויף דער „נייער בריק", דערנאָך איז זי אַריין אין דער „מאָנגע"-גאַס: מען איז געפאָהרען צום רעוואָלוציע-פלאַץ, צו ראָבעספּיער'ס עשאַפאָט. דאָס פערד האָט געהונקען, און דער פוהרמאַן האָט יעדע ווײלע איהם אַ שמיץ-געטהון איבער די אויערען. דער המון צוקוקער איז געווען לעבעדיג און לוסטיג און האָט געשטערט דער וואַך צו געהן שנעלער. דער עולם האָט גראַטולירט די זשאַנדאַרמען, און יענע האָבען איינגעהאַלטען זייערע פערד. אויפ'ן ראָג פון „אָנאָרע"-גאַס זענען די זידלערייען דאָפּעלט שטאַרקער געוואָרען. יונגע לייט, וועלכע זענען געזעסען אין די שענע, מאָדערנע רעסטאָראַנען, האָבען זיך געשטעלט ביי די פענסטער מיט די סערוועטען אין די הענד און האָבען געשריען:

—מענשען-פרעסער, בלוט-זויגער, וואַמפּירען!

ווען די פוהר איז אַרויף אויף איינע פון די בערגלעך מיסט, וועלכע זענען שוין צוויי טעג געלעגען אין גאַס נישט אַראָבגענומענע, האָט די גאָלדענע יוגענד אויסגעבראָכען מיט אַ שמחה:

אַ בעמיסטיגטע פוהר!.. אין בלאָטע אַריין די יאַקאָבינער!

גאַמלען האָט געטראַכט און עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער פערשטעהט אַלץ.

„איך שטאַרב מיט רעכט—האָט ער געטראַכט.—מיר האָבען כשר פערדיענט די דאָזיגע בעליידיגונגען, וועלכע מען וואַרפט

אויף דער רעפובליק. מיר האָבען בעדאַרפט זי אָבהיטען דערפון. מיר זענען צו-שוואַך געווען, מיך האָבען געזינדיגט מיט אונזער וויכקייט. מיר האָבען פעררעטען די רעפובליק, און דעריבער האָבען מיר אונזער שיקזאַל כשר פערדיענט. ראָבעספיער אַליין, דער ריינער, דער הייליגער ראָבעספיער, האָט אויך געזינדיגט מיט זיין וויכקייט און גוטהערציגקייט. איצט בעצאָהלט ער פאַר זיינע פעהלערן מיט זיינע ענויים. און איך האָב אויך, ווי ער פעררעטען די רעפובליק; זי קומט איצט אום, און עס איז אַ גערעכטע זאַך, אַז איך זאָל שטאַרבען צוזאַמען מיט איהר. איך האָב געשוינט בלוט: זאָל דערום איצט מיין בלוט רינען! אומקומען זאָל איך! איך האָב עס פערדיענט..."

בעת ער האָט געטראַכט אַזוי, האָט ער דערזעהן די שילד פון בלעז'ס געשעפט „די מאַלער-ליעבע". אַ שטראָם פון ביטער־ניש און זיסקייט צוזאַמען האָט פערפלייצט זיין האַרץ.

דאָס געשעפט איז געווען פערמאַכט, די שטאָרען פון די דריי פענסטער זענען אינגאַנצען געווען אַראָבגעלאָזט. ווען די פוהר איז פאַרבייגעפאָהרען פאַר'ן פענסטער פון לינקס, דאָס פענסטער פונ'ם בלויען צימער, האָט אַ פרויען-האַנד, מיט אַ זילבערנעם רינג אויפ'ן שוואַכען פינגער, אויפגעהויבען אַ ביסעל די שטאָר און אַ וואָרף־געטהון צו גאַמלענ'ען אַ רויט בלימעל. מיט זיינע געבונדענע הענד האָט ער דאָס בלימעל נישט געקאָנט חאַפען, אָבער ער האָט עס פערגעטערט פון וויטען אַלס סימבאָל און בילד פון יענע רויטע און שמעקעדיגע ליפען, מיט וועלכע ער פלעגט דערפרישען זיין מויל. זיינע אויגען זענען רויט געוואָרען פון טרעהרען, און אין דעם מאָמענט, ווען ער איז אינגאַנצען דורכגענומען געווען מיט'ן צויבער פון דעם דאָזיגען לעצטען „אַדיע", האָט ער דערזעהן פון וויטען, ווי אַיבער'ן רעוואָלוציע-פלאַץ פינקעלט דאָס בלוטיגע מעסער.

XXIX

אין מאָנאַט ניוואָז*) האָט די סענע זיך בעדעקט מיט אייז. די סאַזשעלקעס אין טיולערי, די רינשטאָקען, די פאָנטאַנען — אַלץ איז געווען פערפרוירען. אַ שאַרפער צפון-ווינד האָט געטריבען איבער די גאַסען גאַנצע כוואַליעס פון פראָסט-טהוי. פון די מיילער פון די פערד איז געגאַנגען אַ געדיכטע ווייסע פאַרע; נעבען דער טהיר פון אַ אָפּטיק-געשעפט האָבען די פאָרביי-געהער געקוקט אויפ׳ן טערמאָמעטער. אינ׳ם געשעפט אונטער׳ן נאָמען „די מאַלער-ליעבע" האָט אַ משרת אויסגעווישט די פערשוויצטע שויבען, און די נייגיעריגע האָבען, פאַרבייגעהענדיג, געחאַפּט אַ קוק אויף די אַקטועלע גראַווירען: ראָבעספיער קוועטשט-אויס אין אַ בעכער אַ האַרץ, ווי מען קוועטשט אַ ציטרין, אום דערנאָך צו טרינקען דאָס בלוט; עטליכע אַלעגאָרישע בילדער, ווי למשל, „ראַבעספיער׳ס טיגער-הערשאַפט": דער טי-

---

*) פיערטער מאָנאַט פון רעפּובליקאַנישען יאָהר — פון 21-טען דעצעמבער ביז׳ן 19-טען יאַנואַר

ראַן שיקט-אָן אויף פראַנקרייך עקדישען, שלאַנגען און אַלערליי ווילדע חיות. ווייטער האָט מען דאָרט געזעהן: „ראָבעספיער׳ס שרעקליכע פערשווערונג", „ראָבעספיער׳ס טויט".

יענעם טאָג נאָך מיטאָג איז דעמאַאי אַריינגעקומען אין „מאַלער-ליעבע" מיט אַ קאַרטאָן אונטער׳ן אָרעם. ער האָט געבראַכט דעם בירגער זשאַן בלעז אַ נייע גראַווירע, וועלכע ער האָט אָקראָשט געמאַכט: „ראָבעספיער׳ס זעלבסטמאָרד". דער גראַווירער האָט דאָרט פאָרגעשטעלט ראָבעספיער׳ן ווי מעגליך מאוש׳ער. דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז נאָך נישט איבערזעטיגט געווען מיט אַלע יענע בילדלעך אין צייכנונגען, וואו דער דאָזיגער מאַן, אויף וועלכען מען האָט אַרויפגעוואָרפען אַלע פערברעכענס פון דער רעוואָלוציע, איז געמאַכט געוואָרען צו אַש און צו בלאָטע, צו שאַנד און שפּאָט. און פונדעסטוועגען האָט בלעז, וועלכער האָט גוט געקענט דעם עולם, געזאָגט דעמאַאי׳ן, אַז פון היינט-אָן וועט ער איהם געבען צו גראַווירען בלויז מיליטערישע טעמעס.

— מיר וועלען איצט דאַרפען האָבען נצחונות, עראָבערונגען, שווערדען, פאַנצערס, געגעראַלען. דער עולם האָט זיך איצט געלאָזט לויפען נאָך מיליטערישען רוהם. איך פיהל עס לויט זיך אַליין; יעדעס מאָל, ווען איך הער דערצעהלען וועגען די גבורות פון אונזערע העלדישע אַרמעען, נעהמט מיר קלאַפּען דאָס האַרץ. און אַז איך פיהל עפּעס, איז זעהר זעלטען, אַז אַלע אַנדערע זאָלען דאָסזעלבע נישט פיהלען גלייכצייטיג. דאָס איינציגע, וואָס דער עולם דאַרף איצט, איז—קריעגער און פרויען, מאַרס און ווענוס.

—בירגער בלעז, איך האָב נאָך ביי מיר צוויי אָדער דריי גאַמלען׳ס צייכנונגען, וועלכע איהר האָט מיר געגעבען צו גראַווירען. דאַרף איך זיי מאַכען שנעלער?

—ניין, לחלוטין נישט.

—יאָ, אַז ס׳איז געקומען צו-רייד וועגען גאַמלען׳ען: געהענדיג נעכטען אויפ׳ן „טאַמפּל"-בולוואַר, האָב איך געזעהן ביי אַנ׳אַנטיקוואַריער, אַנטקעגען באָמאַרשע׳ס הויז, אַלע בילדער פון דעם דאָזיגען אומגליקליכען. דאָרט איז געווען זיין „אָרעסט און

עלעקטראַ״. אָרעסט׳ס קאָפּ, וועלכער איז עהנליך צו גאַמלענ׳ס, איז באמת אַ שענער, איך פערזיכער אייך... דער קאָפּ און די האַנד זענען פּרעכטיג... דער אַנטיקוואַריער האָט מיר געזאָגט, אַז עס וואָלט איהם נישט געאַהרט צו פערקויפען די דאָזיגע בילדער עמיצען אַ מאַלער, וועלכער וואָלט זיי דערנאָך געקאָנט אָבפרישען... אָרימער גאַמלען! ער וואָלט אפשר געהאַט אַ ערשטקלאַסיגען טאַלענט, ווען ער וואָלט זיך נישט בעשעפטיגט מיט פּאָליטיק.

—ער האָט געהאַט אַ נשמה פון אַ פערברעכער — האָט זיך אָבגערופען דער בירגער בלעז.—איך האָב עס דערזעהן טאַקי דאָ, אויף דעמזעלבען אָרט, נאָך דאַן, ווען זיינע בלוט-דורשטיגע אינסטינקטען זענען נאָך געווען איינגעהאַלטען. און דאָס האָט ער מיר קיינמאָל נישט געקאָנט מוחל זיין... אָה, דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַ געמיינע בריאה.

—אַ רחמנות פונדעסטוועגען! ער איז דאָך געווען אויפריכטיג. אומגעבראַכט האָבען איהם די פּאַנאַטיקער.

—איהר וועט, האָף איך, נישט נעהמען איהם פערטיידיגען. דעמאַאי!... איהם קאָן מען נישט פערטיידיגען.

—יאָ, אמת, בירגער בלעז, איהם קאָן מען נישט פערטיידיגען.

און דער בירגער בלעז, האָט קלאַפּענדיג דעמאַאי׳ן אויפ׳ן אַקסעל, געזאָגט:

—יאָ, צייטען בייטען זיך. איצט, ווען דער קאָנווענט רופט צוריק די אַרויסגעטריבענע, מעג מען אייך שוין רופען „באַרבאַרו״... יאָ, גוט וואָס איך האָב מיך דערמאָהנט: דעמאַאי, מאַכט מיר דעם פּאָרטרעט פון שאַרלאָט קאָרדעי.

אין געשעפט איז אַריינגעגאַנגען אַ הויכע, שענע פרוי, איינגעוויקעלט אין פוטער, און האָט בעגריסט בלעז׳ן מיט אַ לייכטען, אינטימען און צוטרויליכען בויג מיט׳ן קאָפּ. דאָס איז געווען זשולי גאַמלען; אָבער זי האָט שוין נישט געטראָגען דעם דאָזיגען געשענדעטען נאָמען: זי האָט זיך אַ נאָמען געגעבען: „די בירגערין אלמנה שאַסאַין״. אונטער׳ן מאַנטעל האָט זי געטראָגען

אַ רויטען ראָק לכבוד די רויטע העמדלעך פוג׳ם טעראָר

זשולי האָט פון אָנהויב געפיהלט אַ געוויסע אַנטיפּאַטיע צו עוואַריסט׳ס געליעבטער: אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ ווערכע עס איז שייכות צו איהר ברודער, איז איהר געווען עקעלהאַפט. אָבער די בירגערין בלעז האָט נאָך עוואַריסט׳ס טויט אַריינגענומען זיין אונגליקליכע מוטער צו זיך און געגעבען איהר אַנ׳אָרט אין אַ בוידעם-שטיבעל איבער דעם געשעפט. זשולי האָט לכתחלה אויך זיך אַריינגעקליבען אַהין; דערנאָך האָט זי בעקומען אַ שטעלע אין אַ מאָדען-מאַגאַזין אויף דער לאָמבאַרד-גאַס. איהרע קורצע האָר „אַ לאַ וויקטים״, איהר אַריסטאָקראַטיש אויסזעהן, איהר טרויער-קליידונג—דאָס אַלץ האָט צוגעצויגען צו איהר די סימפּאַטיע פון דער גאָלדענער יוגענד. זשאַן בלעז, וועלכען ראָזאַ טעוונען האָט שוין כמעט פערלאָזען, האָט געמאַכט זשולי׳ן געוויסע פאָרשלאַגען, וועלכע זי האָט אָנגענומען. און פונדעסטוועגען האָט זשולי נאָך אַלץ ליעב געהאַט צו טראָגען, ווי אין די אַמאָליגע טראַגישע טעג, מענער-קליידער: זי האָט זיך געלאָזט מאַכען אַ שענעם מענער-אַנצוג און פלעגט אָפט געהן, מיט אַ גרויסען שטעקען אין האַנד, עסען אָוועגד-ברויט ערגעץ אין אַ קאַבאַרעט פון סעוור אָדער מוידאָן צוזאַמען מיט נאָך אַ מאָדיסטין. נישט קאָנענדיג זיך טרייסטען אין איהר טרויער אויפ׳ן טויט פון דעם יונגען אַריסטאָקראַט, וועמענ׳ס נאָמען זי האָט געטראָגען, האָט די ענערגישע זשולי געזוכט צו דערטרינקען איהר אומעט אין איהר פערביסענהייט, און יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט בעגעגענען יאַקאָבינער, פלעגט זי רייצען אויף זיי פאַרבייגעהער און פלעגט זיי בעשיטען מיט טויטע קללות. פאַר איהר מוטער איז איהר געבליבען ווענינ צייט. זי, די אַלטע מאַמע, פלעגט גאַנצע טעג זיצען אַליין און שעפּטשען תּפלות. איהר זוהנ׳ס טראַגישער סוף האָט זי אַזוי ווייט דערשלאָגען, אַז זי איז אפילו נישט בכח געווען צו בעגרייפען איהר גאַנצען עלענד. ראָזאַ טעוונען איז איצט געוואָרען עלאָדי׳ס נאָהנטסטע חבר׳טע, וואָרום ווי עס ווייזט אויס, האָט עלאָדי גאַנץ גוט געקאָנט זיך איינלעבען מיט איהרע שטיף-מאַמעס...

—וואו איז עלאָדי?—האָט געפרעגט די בירגערין שאַטאַין.

זשאַן בלעז האָט געמאַכט אַ צייכען, אַז ער ווייס נישט. ער פלעגט קיינמאָל זיך נישט אינטערעסירען צו וויסען, וואו זיין טאָכטער איז: דאָס איז געווען ביי איהם אַ פּרינציפּ.

זשולי איז געקומען, כדי צו נעהמען עלאָדי׳ן און געהן צוזאַמען זיך זעהן מיט ראָזאַ טעווענען אין מאָנסאָ, וואו די אַקטריסע האָט געוואוינט אין אַ קליין הייזעל מיט אַ ענגלישען גאָרטען דערביי.

אין דער קאָנסיערזשערי-טורמע האָט ראָזאַ טעווענען זיך בעקענט מיט איינעם אַ גרויסען ליפעראַנט פאַר דער אַרמעע, בירגער מאָנפּאָר. נאָכדעם ווי מען האָט זי, לויט זשאַן בלעז׳ס השתדלות, בעפרייט, האָט זי אויסגע׳פּועל׳ט, מען זאָל בעפרייען אויך דעם בירגער מאָנפּאָר, וועלכער האָט באַלד נאָך זיין בעפרייאונג גענומען צושטעלען פּראָדוקטען פאַר׳ן מיליטער און טרייבען ספּעקולאַציע מיט די פּלעצער פון׳ם „פּעפּיניער“-קוואַרטאַל. די אַרכיטעקטאָרען לעדו, אָליוויע און וואַאי האָבען דאָרט אויסגעבויט שענע הייזער, און אין אַ משך פון דריי חדשים זענען די פּלעצער דרייפאַך געשטיגען. זינט ער איז אַרויס פון דער לוקסאַנבור-טורמע, איז מאָנפּאָר געווען ראָזאַ טעווענען׳ס געליעבטער: ער האָט איהר געשאָנקען אַ קליינע ווילאַ נעבען טיוואָלי, ביי דער „ראָשע“-גאַס. די ווילאַ איז ווערט געווען זעהר פיעל געלד, אָבער איהם האָט זי גאָרנישט געקאָסט, וואָרום דער ריוח, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון די דערבייאיגע הייזער, האָט בעטראָפען דריי מאָל מעהר, ווי די ווילאַ. זשאַן בלעז איז געווען אַ דזשענטלמען; ער האָט געהאַלטען, אַז דאָס, וואָס מען איז נישט בכח איבערצומאַכען, מוז מען דולדען: ער האָט אָבגעלאָזט די טעווענען מאָנפּאָר׳ן און האָט זיך אפילו מיט איהם נישט איבערגעווערטעלט.

אין אַ קורצע ווײלע אַרום נאָכדעם ווי זשולי איז געקומען אין „מאַלער-ליעבע“, איז אין געשעפט אַרייגעגאַנגען עלאָדי, איינגאַנצען אַ אויסגעפּוצטע. אונטער איהר מאַנטעל האָט זי געטראָגען, נישט קוקענדיג אויפ׳ן קאַלטען וועטער, בלויז אַ ווייס

קלייד; איהר פּנים איז בלייכער געוואָרען, די טאַליע—דינער, די בליקען—לאַנגזאַמער, און פון איהר גאַנצער פּערזאָן האָט גע-אָטעמט עפּעס אַ מיעדע תּאוה...

ביידע פרויען זענען אַוועק צו ראָזאַ טעוונען, וועלכע האָט אויף זיי געוואַרט. דעמאַאי האָט זיי בעגלייט. די אַקטריסע האָט זיך מיט איהם מישב געווען, ווי אַזוי צו דעקאָרירען איהר ווילאַ. דעמאַאי האָט עלאָדי׳ן ליעב געהאַט; זי, ווידער, פון איהר זייט איז געווען איצט בעשלאָסען, נישט צו לאָזען איהם לענ-גער ליידען.

ווען די צוויי פרויען זענען פאַרבייגעגאַנגען נעבען מאָנסאָ, וואו עס זענען געלעגען בעגראָבען אין קאַלך די גיליאָטינע-קרבנות פון רעוואָלוציע-פּלאַץ, האָט זשולי זיך אָנגערופען:

—דאָס איז נאָך גוט בעת די פרעסט, אָבער אין פריה-לינג וועט די פּאַרע פון דער דאָזיגער ערד פערגיפטען אַ האַל-בע שטאָדט.

ראָזאַ טעוונען האָט אויפגענומען איהרע חבר׳טעס אין אַ סאַלאָן פון אַלטען סטיל מיט קאַנאַפּעס און פאָטעלען, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרען לויט דאַוויד׳ס צייכנונגען. אויף די וואַנד זענען געהאַנגען קאָפּיעס פון רוימישע באַרעליעפען און איבער זיי זענען געשטאַנען סטאַטועס, ביוסטען און קאַנדעלאַ-ברען, געפאַרבטע אויף בראָנז-קאָליר. די אַקטריסע האָט געטראָ-גען אַ געקרייזעלטען שטרוי-בלאָנדען פּאַרוק. די פאַרוקען זענען אין יענער צייט שטאַרק געווען אין דער מאָדע: פאַר אַ חתונה-אויסשטייער פלעגט מען זיי מאַכען זעקס, צוועלף אָדער אַכט-צעהן שטיק. אַ קלייד „אַ לאַ סיפּריען" האָט אַרומגענומען דער אַקטריסעס קערפּער, ווי אַ שייד.

זי האָט אַרויפגעוואָרפען אַ לייכטען פּאַלטאָ אויף די אַק-סלען און געפיהרט איהרע חבר׳טעס מיט׳ן גראַווירער אין גאָר-טען, וועלכער איז פאַר איהר געפלאַנצט געוואָרען לויט לעדו׳ס פּלאַן. דער גאָרטען האָט נאָך אָבער פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מיש-מאַש פון נאַקעטע בוימער און חורבות פון ווענד. זי האָט זיי אָבער פונדעסטוועגען געוויזען דאָרט פינגאַל׳ס הייל, אַ קאַפּ-

ליצע אין גאָטישען סטיל מיט אַ גלאָק, אַ טעמפּעל, אַ געוועזענעם פאָנטאַן.

— אָט דאָ — האָט זי געזאָגט, אָנווייזענדיג אויף אַ גרופּע קליינע בוימלעך — וואָלט איך וועלען אַוועקשטעלען אַ דענקמאָל דעם אָרימען בראָטאָ דעז-אילעט. ער איז נישט געווען צו מיר גלייכגילטיג. אַ ליעבער מענש געווען. ווען די ווילדע אויסוואורפען האָבען איהם אַוועקגע׳הרג׳עט, האָב איך איהם פון טיעפען האַרצען בעוויינט. בירגער דעמאַאי, צייכענט מיר אָן אַ אורנע אויף אַ זייל.

און כמעט באַלד דערויף האָט זי צוגעגעבען:

—ס׳אַר׳אַ פּערדרוס!... כ׳האָב געוואָלט היינטיגע וואָך מאַכען אַ באַל, זענען אָבער אַלע פידעל-שפּילער בעשטעלט שוין אויף גאַנצע דריי וואָכען פאָראויס. ביי דער בירגערין טאַליען טאַנצט מען יעדען אָוענד.

נאָכ׳ן אָוענד-ברויט זענען אַלע דריי חבר׳טעס צוזאַמען מיט דעמאַאי׳ן אַוועקגעפאָהרען אין „פעידאָ״-טעאַטער. די גאַנצע פּאַריזער עלעגאַנטע געזעלשאַפט איז דאָרט געווען פערזאַמעלט. די פרויען זענען געווען פריזירט „אַ ל׳אַנטיק״ אָדער „אַ לאַ וויקטים״ און האָבען געטראָגען זעהר טיעף דעקאָלטירטע קליידער, רויטע אָדער ווייסע, מיט גאָלד-בעפוצונגען. די מענער האָבען געטראָגען זעהר הויכע שוואַרצע קאָלנערס מיט גרויסע ווייסע קראַוואַטען.

די אַפּישע האָט אויף יענעם אָוענד אַנאָנסירט „פעדר״ און „דעם גערטנירער׳ס הונד״. דער גאַנצער זאַל האָט געפאָדערט דעם הימן, וועלכער איז אַזוי ליעב געווען די פראַנטען און דער גאָלדענער יוגענד—„די אויפוואַכונג פון פאָלק״.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען און אַ קליין מענשעלע,קורץ און גראָב, האָט זיך בעוויזען אויף דער סצענע: דאָס איז געווען דער בעריהמטער לעאיס. ער האָט געזונגען מיט זיין שענער טענאָר-שטימע:

פראַנצויזיש פאָלק, פאָלק פון ברידער :...

עס האָבען אויסגעבראָכען אַזעלכע הילכיגע אַפּלאָדיסמענ-

טען, אַז די קריסטאַל-גלעזלעך פון די לייכטערס האָבן גענומען זיך שאָקלען און קלינגען. דערנאָך האָט זיך דערהערט עפּעס אַ מורמלעריי, און איינער אַ בירגער אין אַ קיילעכדיגען הוט האָט פון פּאַרטער אָבגעענטפערט מיט דער מאַרסעליעזע:

קומט, קינדער פון פאָטערלאַנד!

די דאָזיגע שטימע איז פערשריען געוואָרען מיט אַ פייפע-ריי און קולות:

—נידער מיט די טעראָריסטען! אַ טויט די יאַקאָבינער!

און לעאיס, וועלכען מען האָט אַ צווייט מאָל אַרויסגערופען, זינגט ווידער דעם הימן פון די טערמידאָריסטען:

פראַנצויזיש פאָלק, פאָלק פון ברידער!

אין אַלע זאַלען, וואו עס זענען געגעבען געוואָרען פאָרשטעלונגען, איז געשטאַנען מאַראַ'ס ביוסט אויף אַ קאָלאָנע אָדער אויף אַ גרויסען פיערקאַנטיגען פיעדעסטאַל; אין דעם „פעידאָ"-טעאַטער איז דער דאָזיגער ביוסט געשטאַנען אויף אַ קליין פּיעדעסטאַל'כעל נעבען דער שטייגערנער ראַהם, וואָס האָט אַרומגערינגעלט די סצענע.

בעת דער אָרקעסטער האָט געשפּיעלט די אובערטורע פון „פעדר און איפּאָליט", האָט אַ יונגער פראַנט, אָנווייזענדיג מיט זיין שטעקען אויף מאַראַ'ס ביוסט, אַ געשריי-געטהון:

—נידער מיט מאַראַ!

דער גאַנצער זאַל האָט נאָכגעשריען:

—נידער מיט מאַראַ! נידער מיט מאַראַ!

און דורך דעם טומעל האָבן זיך דערהערט געשרייען:

— עס איז אַ חרפּה, אַז דער דאָזיגער ביוסט שטעהט נאָך דאָ!

— דער געמיינער מאַראַ הערשט אומעטום, צו אונזער חרפּה! די צאָהל פון זיינע ביוסטען קאָן מען פערגלייכען מיט דער צאָהל קעפּ, וועלכע ער האָט געוואָלט אַראָבשניידען.

—מאוס'ער שרץ!

—טיגער!

—שוואַרצע שלאַנג!

פלוצלונג איז איינער פון די עלעגאַנטע אָנוועזענדע אַרויף אויפ׳ן ווענדטעל פון זיין לאָזשע און האָט אַ שטויס-געטהון דעם ביוסט. דער ביוסט האָט זיך איבערגעקעהרט און זיין גיפּסענער קאָפּ איז אויף שטיקער צעפאַלען געוואָרען אויף די מוזיקאַנטען. דער גאַנצער זאַל האָט אַפּלאָדירט און אַלע האָבען, שטעהענדיג, גענומען זינגען „די אויפוואַכונג פון פאָלק״:

פראַנצויזיש פאָלק, פאָלק פון ברידער !...

צווישען די יעניגע, וועלכע האָבען געזונגען אַממעהרסטען בעגייסטערט, האָט עלאָדי דערקענט דעם שענעם דראַגונער, דעם געוועזענעם פּראָקוראָר-שרייבער׳ל אַנרי, איהר ערשטען געליעבטען.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָט דער שענער דעמאַאי צוג. ערו-פען אַ דראָשקע און אָבגעפיהרט די בירגערין בלעז אַהיים ע

זיצענדיג אין דראָשקע, האָט דער קינסטלער אָנגענומען עלאָדי׳ן ביי דער האַנד.

—צי גלויבט איהר, עלאָדי, אַז איך ליעב אייך?

—איך גלויב עס, וואָרום איהר ליעבט דאָך אַלע פרויען.

—איך ליעב זיי אין אייער פּערזאָן.

זי האָט אַ שמייכעל געטהון.

—אַ צו-שווערע אויפגאַבע וואָלט איך גענומען אויף זיך, ביי די אַלערליי פאַרוקען—שוואַרצע, בלאָנדע און געלע, וועלכע זענען איצט אין דער מאָדע,—ווען איך וואָלט איינגעשטימט צו זיין פאַר אייך אַלע סאָרטען פרויען.

—עלאָדי, איך שווער אייך ...

—וואָס! איהר שווערט, בירגער דעמאַאי? אָדער איהר זענט זעהר נאַאיוו, אָדער איהר האַלט מיך פאַר צו-נאַאיוו.

דעמאַאי האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן און עלאָדי האָט עס בעטראַכט אַלס אַ זיעג פון איהר זייט, וואָס זי האָט ביי איהם אָבגענומען זיין שאַרפזיניגקייט.

אויפ׳ן ראָג פון דער „לואַ״-גאַס האָבען זיי דערהערט זינגען און שרייען און האָבען אויך געזעהן, ווי שאָטענס דרעהען זיך אַרום אַ פייער. דאָס איז געווען אַ קאָמפּאַניע פראַנטען, וועלכע האָבען נאָכ׳ן אַרויסגעהן פון „טעאַטער פראַנסע״, פערברענט אַ מאַנעקען,

וועלכער האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם „פריינד פון פאָלק", מאַראַ'ן.

אויף דער „אָנאָרע"-גאַס האָט דער פוהרמאַן אַ קלאַפּ געטהון מיט זיין קאַפּעלוש מאַראַ'ס אַ קאַריקאַטור, וועלכע איז געהאַנגען אויף אַ לאַמטערנע. דעם פוהרמאַן האָט די דאָזיגע בעגעגעניש, קענטיג, שטאַרק הנאה-געטהון. ער האָט זיך אומגעקעהרט צו די בירגער און זיי דערצעהלט, ווי אַזוי מיט אַ טאָג פריהער האָט אַ קצב פון דער „מאָנטאָרגעי"-גאַס אויסגעשמירט מיט בלוט מאַראַ'ס קאָפּ און געזאָגט דערביי: „ער האָט עס ליעב געהאַט"; ווי אַזוי קליינע יונגלעך פון צעהן יאָהר האָבען דעם ביוסט אַריינגעוואָרפען אין רינשטאָק, און די בירגער, וועלכע זענען געשטאַנען אַרום, האָבען בעת-מעשה געשריען: „אָט דאָס איז זיין פאַנטעאָן".

אין אַלע רעסטאָראַנען און שענקען האָט זיך געטראָגען אַ געזאַנג:

פראַנצויזיש פאָלק, פאָלק פון ברידער!...

—אַדיע!—האָט געזאָגט עלאָדי, ווען זיי זיינען צוגעפאָהרען צו איהר שטוב. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דראָזשקע:

אָבער דעמאָאי האָט זי געבעטען מיט אַזוי פיעל תחנונים, ער האָט געפאָדערט אַזוי זיס, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין האַרץ איהם צו לאָזען הינטער דער טהיר.

—עס איז שפּעט, — האָט זי געזאָגט — איהר וועט בלייבען נישט לאַנג.

אינ'ם בלויען צימער האָט זי אַראָפּגענומען פון זיך איהר מאַנטעל און איז געבליבען שטעהן אין איהר ווייסען קלייד „אַ ל'אַנטיק", וואָס איז פול און וואַרים געוועזן פון איהר קערפּער.

—אפשר איז אייך קאַלט?—האָט זי געזאָגט—וועל איך אָנצינדען דעם קאַמין. ער איז צוגעגרייט.

זי האָט אַ קנאַפּ-געטהון דעם פייער-שטאָהל און געמאַכט פייער אין קאַמין.

פילים האָט זי גענומען אין זיינע אָרעמס מיט אַ דעליקאַטקייט, אונטער וועלכער עס פיהלט זיך בעהאַלטענע קראַפט. זי

האָט דערפיהלט דערפון עפּעס אַ מאָדנע זיסקייט. און ווען זי האָט זיך שוין געקאָרטשעט אונטער זיינע קושען, האָט זי זיך פלוצלונג אַרויסגעריסען פון זיינע הענד

—לאָזט מיך אָב.

לאַנגזאַם האָט זי צורעכטגעמאַכט איהר פריזור פאַר'ן שפּי־געל, וואָס איז געשטאַנען איבער'ן קאַמין. דערנאָך האָט זי אַ קוק־געטהון אויפ'ן רינג, וואס זי האָט געטראָגען אויפ'ן שוואַכען פינגער פון דער לינקער האַנד, אַ קליין זילבערן רינגעל, וואו עס האָט זיך נאָך קוים־קוים געלאָזט מערקען מאַראַ'ס אָבגעריבען בילדעל. זי האָט געקוקט אויפ'ן רינג אַזוי לאַנג, ביז איהרע אויגען זענען פול געוואָרען מיט טרעהרען. דאַן האָט זי איהם לאַנגזאַם אַראָבגענומען פון פינגער און אַריינגעוואָרפען אין פייער.

און שמייכלענדיג דורך די טרעהרען, שען פון צערטליכ־קייט און ליעבע, האָט זי זיך אַ וואָרף־געטהון אין פיליפּ'ס אָרעמס.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען די ביר־גערין בלעז האָט פּאַר איהר געליעבטען אויפגעעפענט די טהיר פון איהר צימער און איהם שטיל געזאָגט אין דער פינסטערניש.

—אַדיע, מיין ליעבער... אין דער דאָזיגער צייט קומט שטענדיג מיין פאָטער: אויב דו וועסט דערהערען אַ גערויש אויף די טרעפּ, זאָלסטו באַלד צוריק אַרויפגעהן אויפ'ן העכערען שטאָק און אַראָבגעהן זאָלסטו ערשט דאַן, ווען עס וועט שוין נישט זיין קיין געפאַהר, מען זאָל דיך זעהן. אום צו עפענען די טהיר אין גאַס אַרויס, זאָלסטו דריי מאָל אָנקלאַפּען אין דעם וועכטער'ס פענסטער. אַדיע, מיין לעבען! אַדיע, מיין נשמה!

די לעצטע פאַגעלעך האָבען געענדיגט זיך אויסברענען אין קאַמין. עלאָדי האָט געלאָזט פאַלען אויפ'ן קישען איהר מיע־דען, גליקליכען קאָפּ